STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06461

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם מאָרגן אַנטקעגן

עסייען פון א. גאָלאָמב



אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט פאַר די געקליבענע
שריפטן פון א. גאָלאָמב

א. גאָלאָמב

געקליבענע שריפטן

באַנד 6

DEM MORGN ANTKEGN

(Hacia un Mundo Mejor)

Copyright by A. Golomb

Printed in México, D. F.

א. גאָלאָמב

דעם מאָרגן אַנטקעגן

געקליבענע שריפטן
זעקסטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט פאַר די געקליבענע
שריפטן פון א. גאָלאָמב

מעקסיקע 1948 תש״ט

עין־חרוד אין אמעריקע

ווען איך וועל דאָ ריידן וועגן „ארץ ישראל” און „גלות” האָב איך אין זינען נישט די אַלטע אָנגענומענע פאַרטיילונג אויף ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, אויף העברעיסטן און יידישיסטן. אַט די אָפּי־ציעלע איינטיילונג שטימט ביי היינטיקן טאָג לגמרי נישט מיט דער פאַקטישער פאַרטיילונג פון סימפּאַטיעס, פון נוציקער און שעדלעכער טעטיקייט. יעטווידער פון אַט די שטאַרק אָפּגענוצטע באַגריפן נעמט אַרום אַזוי פיל סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע פאַרשיידנ־קייטן, אַז די עצם באַגריפן פאַרלירן זייער בראשיתדיקן זינען און מער נישט וואָס זיי צעפּלאָנטערן שטאַרק די כוחות־פאַרהעלטעניש און די ווירקונג אין פאָלק.

איך מיין נישט דאָ פאַרצולייגן א מער צוגעפּאסטע איינטיילונג. איך וויל אָבער בעטן, ביים לייענען דעם אַרטיקל, צו פאַרגעסן די אָפּיציעלע איינטיילונג.

און איצט צום ענין: עס איז געקומען די העכסטע צייט צו זאָרגן וועגן דעם געזונטן קיום פון יידן אין אמעריקע. פאַראַן לענדער, ווו מען דאַרף פּשוט ראַטעווען די יידן ריין פיזיש. דאָס זעען אַלע און פולע טייכן מיט רחמנות פליסן צו זיי פון אומעטום. די גאַנצע וועלט איז פאַרפלייצט מיט „יושר”, — נו, וועט שוין גוט זיין, און זיי וועלן געוויס געראַטעוועט ווערן... וואָס דען? אז דאָס געוויסן פון

דער וועלט האָט דאָך אויפגעוואַכט... אָבער פאַראַן לענדער גליקלעכע, וואָס טרייבן נישט קיין יידן, וואָס יאָגן נישט און פּלאָגן זיי נישט, לענדער, ווו יידן פילן זיך גליקלעך. אָבער דווקא אָט די יידישע קיבוצים נייטיקן זיך איצט אין סאָציאַל-קולטורעלער איינאָרדנונג און פאַרפעסטיקונג, וואָרום עס קאָן אַמאָל זיין צו שפּעט.

און אין דער ערשטער ריי דאַרף מען שטעלן דעם גרעסטן, דעם שטאַרקסטן און דעם וויכטיקסטן יידישן קיבוץ — אין אַמעריקע. וואָרום די פעסטקייט, שטאַרקייט און וואָגיקייט פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום איז דאָך סוף כּל סוף נישט קיין אַבסאָלוטע, נישט קיין מוז-זאַך. עס איז נישט דער כּוח פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער אָדער סאָציאַל-קולטורעלער מאַסיווער גאַנצקייט, וואָס צווינגט צו באַציען זיך צו זיך מיט אַכטונג. עס איז אָפּהענגיק אַ סך מער פון דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער טראַדיציע אין לאַנד. אויך דער קיבוץ איז אָפּהענגיק פון „גוטן ווילן", פון חסד פון „חסידי אומות העולם". און אָט די יסודות זיינען ווייט נישט אַזוינע פעסטע און זיכערע, אַז אַ פאָלק זאָל אויף זיי זיך קענען פאַרלאָזן און בויען אויף זיי זיין קיום. דער כּוח פון די יידישע יוניאָנס איז שוין אין אַ גרויסער מאָס בלויז געשיכטע. יוניאָנס, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן דורך יידן, ווערן אַלץ מער און מער יידן-ריין. אַלץ מער און מער ווערט די יידישע באַפעלקערונג צעשטויבט סאָציאַל און עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון קאָנסומענט. אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, בעלנים אויף „שטעלעס", לופט-מענטשן — זייער צאָל ווערט גרעסער פון מאָל צו מאָל. דווקא די „גרינע" האָבן אין אַמעריקע געשאַפן אַ קאָמפּאַקטן און שטאַרקן יידישן אַרבעטס-מאַסיוו. צוזאַמען מיט דער „אויסגרינונג" וואַקסט אויך די עקאָנאָמישע צעשטויבונג, די סאָציאַלע צעשפּליטערטקייט און במילא אויך די קולטורעלע אויסגעוואָרצלטקייט. אַלץ מער און מער ווערן יידן אין אַמעריקע אַ מין „לופט". וואָלט געווען אַ האָפענונג אויף אַ גרויסער אימיגראַציע, וואָלט די סכּנה געווען אַ סך קלענער. אָבער אויף דעם וואַרט דאָך קיינער נישט. סימפּאַטיעס — וויפל איר ווילט, פּראָטעסטן — ביטע זייער, כּל זמן עס איז אַ שטיקל

סגולה צו פּובליסיטי. אָבער אימיגראַציע, — דאָס נישט. און „שטעטלעם ווערן אַלץ זעלטענער, קריגן אַ „דזשאָב" ווערט אַלץ שווערער פאַר אַ יידן. עס איז נישט קיין אַנטיסעמיטיזם. בשעת עס זיינען דאָ אַ סך קאָנקורענטן, וויל יעטווידער אויסקלייבן וואָס אים איז נעענטער. און דער ייד איז עס געוויס נישט. אויך יידן נעמען גערנער נישט־יידישע אַרבעטער, ווייל, כידוע, מיינט אַזאַ ייד, אין דעם זכות פון זיינע נישט־יידישע אַרבעטער אַליין אַרויסצוגיין פון דעם „צעטל" יידן. די טענות און מאָטיוון דערצו זיינען באַקאַנט פון ניו יאָרק ביז לאָדזש, ביז פּתח־תקוה. זיי זיינען קיין נייעס נישט. דער תוך אָבער איז, אַז אַ ייד שטרעבט צו פאַרבייטן זיינע אַרבעטער, זיינע פריינט און באַקאַנטע, זיין געזעלשאַפט בכלל אויף נישט יידישע. אָך, ווען מען לאָזט אים נאָר!... ברייטער זיך אָפּשטעלן דאָ אויף דעם „דראַנג פון יידן" קענען מיר נישט. וויכטיק איז דאָ בלויז אונטערצושטרייכן, אַז אויך אין אַמעריקע ווערט אַלץ ענגער און ענגער פאַר יידן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קיין מאַסן־אימיגראַציע איז נישטאָ. פּונקט פאַרקערט. אַ גרויסע אַרבעטנדיקע אימיגראַציע וואָלט ערשט געשאַפן אַרבעטס־פּלעצער פאַר אַ סך אינטעלעקטועלע אַרבעטער. איצט אָבער ווערט דער „געיעג" נאָך שטעלעס אַלץ שטאַרקער. די יידישע יוניאָנס ווערן אַלץ ווייניקער יידיש און אַלץ מער יידן גיסן זיך אַריין אין קלאַס שטעלעס זוכער. ווי אַ סגולה צו דעם, מיינט מען, דאַרף דיגען די „אַמעריקאַנישקייט". ווערט די יידישע דערציונג רעדוצירט ביז גאָרנישט אָדער ביז כמעט גאָרנישט. אגב, שפּילט דאָ אַ ראָלע אויך דער אויבן־דערמאָנטער דראַנג, „אויסצוויידישן" זיך. אָבער מינוס־יידישקייט איז נאָך ווייט נישט קיין פּלוס־אַמעריקאַנישקייט. וואַקסן דורות נישט אַהער נישט אַהין. נישט אַסימילירט און נישט אומאַסימילירט, פאַרדאַרטע יידן און נישט דערבאַקענע אַמעריקאַנער. אויבערפלעכיקייט, כלומרשטע „קולטור" פון פּרימיטיוון רייץ (קיצל די פּיאַטע קולטור), פּראַזע אַנשטאַט געפיל, פּאָזע אַנשטאַט איבערלעבונג, דרויסנדיקע צופּאַסונג אַנשטאַט איניווייניקסטן אַריינלעבן זיך, — דאָס זיינען די סימנים פון דעם טיפּ. אָבער וואָס מער אָט דער

טיף שטאַרקט זיך, אַלץ וויניקער מאָראַלישן כוח פאַרמאָגט דאָס פֿאָלק, אַלץ וויניקער ווידערשטאַנד, אַלץ וויניקער פֿעיִקייט בייצוּ־שטיין, אויסצושטיין קאַמף און אָנגריף.

און דער אַנטיסעמיטיזם מוז זיך שטאַרקן (ער איז איצט נישט שוואַך). יעטווידער, וואָס טוט מיר א טובה, האָט שוין במילא פאַר מיר וויניקער דרך־ארץ. יעטווידער וואָס גיט מיר א נדבה, פאַרלירט אַביסל פֿון זיין אַכטונג צו מיר. רחמנות און אַכטונג זיינען קעגנזאַצן, וואָס זיינען פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל. וואָס מער מיר פרייען זיך, וואָס מער מיר באַרימען זיך מיט דער „גוטסקייט" פֿון די גוטסגעבער, וואָס מער מיר פאַרלאָזן זיך אויף אָט דער גוטסקייט, אַלץ שוואַכער ווערן מיר, אַלץ מער ווערן מיר אָנגעוויזן אויף רחמנות. און דער וועג גייט גראַד פֿון רחמנות צו אומאַכטונג, צו איבערדריסיקייט, דערעסנקייט, צו פיינטשאַפט, צו שינאה, צו אַנטיסעמיטיזם.

בפרט אַז אַנטיסעמיטיזם איז א געוווינהייט פֿון יאָרטויזנטער און נאָר אין צושטאַנדן פֿון סאָציאַל־פּאָליטישער דערהייבנקייט האָבן פעלקער געגעבן מוט צו מאַכן די אָנשטרענגונג צו דערדריקן אָדער פאַרשרייען דעם בראשיתדיקן, כמעט אינסטינקטיוון אַנטיסעמיטיזם.

אָט זיינען די סכנות, וואָס לויערן אויף דעם אַמעריקאַנער יידנטום פּונקט ווי אויף אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער גאָרער וועלט, וואָס גייען אין אָט די סאָציאַל־קולטורעלע דרכים. איך שטעל דאָ נישט אמעריקאַנער יידנטום אַנטקעגן דעם אייראָפּעישן. דווקא פאַרקערט: דאָס אַמעריקאַנער יידנטום גייט, צום באַדויערן, אין די זעלביקע וועגן, וואָס די אייראָפּעישע יידישע קבוצים האָבן דורכגעמאַכט, ווען זיי זיינען יונג געווען. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אַנגליזירט זיך, אָבער עס אַסימילירט זיך וויניקער ווי די אייראָפּעישע יידן. אָן יידישן וויסן, אָן יידישער קולטור פאַרמאָגט די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט א געוויסן יידישן שטאָלץ. דאָס דאָזיקע געפיל קומט פֿון יידישן מאַסן־לעבן. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט א נייער פאָרם פֿון המונישער „יידישקייט", מיט א בראשיתדיקן סאָלידאַריקייט־געפיל פֿון א נייעם יונגן שבט, וואָס איז נאָך נישט דערוואַקסן

צו אַ קולטור. — עס איז אין אמעריקע פאַראַן אַ סך יידישע „קול־טורן" — אָבער די אַלע קולטורן זיינען אימפּאָרטירטע, זיי שטאַמען פון אַן אַנדער לעבן, פון אַנדערשוואו. פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן איז נאָך קיין קולטור נישט אויסגעוואַקסן. אַמעריקאַנער יידן לעבן גייסטיק, מאָראַליש מיט „יענעם", מיט „געבן". זיי גיבן אויף אַלע „יידישקייט", און דאָס געבן איז זייער יידישקייט. און ווי תמיד האָט צדקה צוויי זייטן. קיין שום ספק נישט: אָן דער גיביקייט פון אַמעריקאַנער יידן וואָלט שוין מסתמא נישט געווען אין ערגעץ קיין יידיש לעבן. אָבער אין דער זעלביקער צייט דעמאָראַליזירט צדקה דעם גע־בער: ער איז יוצא מיטן געבן און דאַרף שוין מער נישט זאָרגן פאַר זיך, פאַר זיין אייגענער יידישקייט, פאַר דעם קיום פון דעם אייגענעם קיבוץ.— אפילו אין דער פרעסע געפינט איר נישט קיין אַרטיקלען וועגן פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער יידנטום. אויב עס איז פאַראַן וועגן וואָס צו זאָרגן, איז דאָס תמיד וועגן יידן אַנדערשוואו. פון דאַנען אַ געוויסע איבערגעטריבענע זיכערקייט אין זיך. אַן אומווילן זיך צו פאַרטיפן: דאָס ברענגט צו פּאַרעקשנטער אויבערפלאַכיקייט. אַלץ אין דעם איבערלעבן זיך דאַרף זיין לייכט, אַמוזירנדיק, עס דאַרף נישט אָנשטרענגען. ווערט דאָס גאַנצע קולטור־לעבן אַזוי אָפּגעפלאַכט, וויכטיקער די וגנט פון פּראָבלעמען. דאָס אַלץ קען ווייניק העלפן דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, ער זאָל קענען בויען און שאַפן אַזאַ לעבן אין אַמעריקע, וואָס זאָל זיין אַזוי זעלבסטשטענדיק, עס זאָל נישט האָבן קיין מורא פאַר אַנטיסעמיטישע כוואַליעס. פאַרקערט, שטאַרקט זיך די עקאָנאָמישע און די קולטורעלע אומזעלבסטשטענדי־קייט פון דור צו דור און במילא ווערט דער ווידערשטאַנד־כוח אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

ווי קומט דאָס אָבער וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס פאַר־מאָגט אַזאַ גרויסע און רייכע אינטעליגענץ פון אַלע ריכטונגען, זאָל דאָס נישט באַגרייפן? ווי קומט דאָס וואָס די אינטעליגענץ גופא זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף די סיטואַציעס און אויף די טענדענצן,

וואָס טראָגן אין פּאָטענץ שווערע צרות פאַר דעם אַמעריקאַנער יידנ־טום גופא?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע דאַרף מען מאַכן אַ טיפערן אַנאַליז. אין אַמעריקאַנער יידנטום טיילן זיך אויס קודם כל די יאַהודים. זייער בולטסטער כאַראַקטער־שטריך איז דאָס שטרעבן צו דערווייטערן זיך פון היימישע יידן, פון יידישע מאַסן, פון יידישן שטייגער, פון אַלץ, וואָס שמעקט מיט לעבעדיקן יידן און לעבעדיקער יידישקייט. אָט דער דראַנג צו אַנטלויפן פון יידן טראָגט אָפט פאַר־שיידענע שיינע נעמען. אַמאָל רופט מען דאָס „אַנטלויפן פון געטאָ", אַמאָל רעדט מען זיך איין, אַז מען „באַפרייט זיך פון גלות", ווידער אַמאָל קען דאָס הייסן, אַז מען באַקעמפט דעם „יידישן קלעריקאַליזם". דער תוך בלייבט אָבער: אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט לעבעדיקע יידן און מיט יידישן לעבן דאַרף באַזייטיקט ווערן. אָט די פאַרלאַנג ברענגט זיי צו אַ קורצזיכטיקן גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו לעבן אַ פרעמדן קולטור־לעבן פלוס אַביסל קאָנסערווירטע יידישקייט פון פאַרגוישטע יום־טובים און וויסנשאַפט, וואָס איז ביי זיי אין די הענט און ביי אונדז אין די אויגן מער ענלעך צו אַ מין פאַלמעך אַ קולטור וואָס איז שוין טויט. אָט די דאָזיקע יאַהודים קענען נישט און ווילן נישט איינזען די סכנות, וואָס לויערן אין זייער וועג. פונקט ווי אַ קויל שניי קען נישט באַגרייפן אַז אין זיין קייקלען זיך אויף אונטן וועט ער זיך צעקלאַפּן און צעפאַלן. פונקט ווי פלאַטערלעך ציט עס צום פייער, באָטש זיי ווערן דאָרט פאַרברענט. פונקט אַזוי וועלן באַשנמטע סאָציאַלע און קולטורעלע שיכטן פון יידן תמיד לויפן „פון יידן" קיין זאַך און קיינע שרעקלעכע לעקציעס וועלן זיי נישט אָפּהאַלטן. עצייליטע, איינציקע יחידים קענען קומען צוריק צו יידישקייט ווי בעלי־תשובה (אויב עס וועט נאָך זיין צו וועמען צו קומען...) די מאַסן אָבער גייען אַוועק. זיי, די יאַהודים, זיינען אין אַמעריקע פיל בעסער איידער אין מערב־איראָפּעישע לענדער. דאָ אין אַמעריקע באַהאַלטן זיי נישט זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. דאָס איז נישט זייער פאַרדינסט, דאָס נעמט זיך פון דער אַלגעמיינער, אַמעריקאַנער פילפעלקערשקייט

און עס לאָזט זיך זיין אמעריקאַניש און דערצו נאָך באַלעבאַטעוועץ איבער יידן. אי אַנטלויפֿן פֿון יידן, אי אָנפּירן מיט יידן — ביידע יצר הרעס מיט איינמאָל באַפֿרידיקן קענען זיי דאָ. זיי זאָלן קומען און באַגרייפֿן, אַז יידן דאַרפֿן אין אַלע לענדער פֿון זייער פֿאַרשפּרייטונג בויען אַן אייגן לעבן — דאָס איז אויסגעשלאָסן. אַ בלינדער קען נישט זען, אַ זינדיקער קען נישט האָבן קיין גלוי אליהו און די יאַהודים וועלן נישט דערשפּירן קיין דראַנג צו גאַנצער יידישקייט.

די מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע אימיגראַציע דאַרף קודם כּל איינגעטיילט ווערן לויט דעם מוסטער ווי מען טיילט איין די עליות קיין ארץ־ישראל. אגב פֿאַלט דאָך צונויף דער ערשטער אימיגראַציעשטראָם קיין אַמעריקע מיט דער ערשטער עליה קיין ארץ־ישראל. ביידע זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך די זעלביקע דערשיינונגען. ביידע זיינען זיי געווען איבערגעלאָדן מיט נעגאַציע, מיט כּעס, מיט אַנטוישונג, אָבער ביידע האָבן זיי פֿון דער היים אַרויס נישט אַרויסגעטראָגן קיין קלאָרן פּאָזיטיוון אויפֿבוי אידעאַל, קיין פּראָגראַם. און מערקווירדיק: ביידע, ווי די ביל"ו אַזוי אויך דער „עם עולם", האָבן אין אַ קורצער צייט אויכגעהויכט זייער אידעאַליסטישן גייסט. אַז די נעגאַציע איז מקוים געוואָרן, איז געבליבן אַ ליידיק אָרט. אין ארץ ישראל איז די ערשטע עליה געבליבן אָרעם מאָראַליש און מאַטעריעל, אָבער דאָך האָט זי שטאַרק באַקעמפֿט די צווייטע עליה, וואָס איז געקומען נישט בלויז מיט נעגאַציע, נאָר אויך מיט אַ גרויסן פּאָזיטיוון אידעאַל. דער קאַמף צווישן ביידע עליות איז געווען אַ פֿאַרביסענער, אַ בייזער און איז נאָך ווייט נישט פֿאַרענדיקט. אָבער קיין כּוח צו דערשטיקן די צווייטע עליה איז נישט געווען ביי דער קליינער און פֿאַראָרעמטער טראַדיציע פֿון דער ערשטער עליה.

גאָר אַנדערש איז דאָס פֿאָרגעקומען אין אַמעריקע. דער ערשטער אימיגראַציע שטראָם איז מיט איין מאָל עולה לגדולה געוואָרן. מען איז געוואָרן זאַט און רייך און „ווער עס איז אפשר רייך, איז זיכער קלוג". מען האָט זיך געמאַכט באַקוועם, מען האָט אָפּגעאָטעמט פֿריי און „געמאַכט אַ לעבן", מען האָט זיך צוגעוווינט צום ביליקן אַמע־

ריקאַנער לעבן, צו דער זאַטער אויבערפלאַכיקייט. עס איז אויפגעקומען דער טיפּ פון „אַלרייטניק“. און ער איז געוואָרן אַ האַפּערדיקער בעל־דעה, ער האָט זיך אָרגאַניזירט, געשאַפן אַ גאַנצע פילאָזאָפיע“ — עפּעס אַ געמיש פון נאַיוון קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס מען האָט געבראַכט נאָך פון רוסלאַנד פון יענער תקופה, אַנטציקונג מיט כּלומרשטער קולטור פון אַ ניו־יאָרקער גאַס. ווי זאָגט „אונדזער“ חבר פּיני ביי שלום־עליכמען: „קאָלומבוס — וואַשינגטאָן, ציוויליזאַציע, באָקל“... האָט דער אַלרייטניק זיך פאַרבלינעט מיט דער נייער „קולטור“ און מיט זיין זאַטקייט, איז ער געוואָרן שטאָלץ און תקיף און, אַז עס איז געקומען קיין אַמעריקע דער צווייטער אימיגראַציע שטראָם, האָט ער געפונען אַ פעסטן כּוח. אָט דער צווייטער שטראָם האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף די אידעען פון אַ רוסישער קולטור, פון אַ יידישן לעבן. ער איז געווען אַ לייבלעכער ברודער פון דער צווייטער עליה קיין ארץ ישראל. אָבער דאָ האָט דעם נייעם אימיגראַנט באַגעגנט דער האַרטער און וואולגאַרער אַלרייטניק. ער האָט זיך גענומען לערנען מיט דעם „גרינעם“ אַ קאַפּיטל „אַמעריקע“. נישט די אַמעריקע פון נישט־יידן האָט געצוואונגען אָט די אַלע אידעאַליסטן פון דעם צווייטן אימיגראַציע־שטראָם צו דערשטיקן די אייגענע נשמה. ניין, דאָס האָט געטאָן די אַמעריקע פון דעם יידישן אַלרייטניק, פון דעם ערשטן אימיגראַציע־שטראָם. דאָס האָט ער, דער טעאָרעטיקער פון כּלומרשטן „אַמעריקאַנער שמעליץ־טאָפּ“, געוואָלט נישט אַנדערש צעשמעלצן דעם צווייטן שטראָם אין זיך. און דאָס איז אים געלונגען פונקט פאַרקערט ווי אין ארץ־ישראל. ווער עס איז ביסלעכווייז אַריבער מיט דער מחנה פון די אַלרייטניקעס, ווער עס האָט זיך אונטערגעגעבן מיט גוטן, ווער עס איז צעבראָכן געוואָרן אין קאַמף און ווער עס טראָגט נאָך איצט זיך אַרום מיט אַ ביטער האַרץ פול מיט בענקעניש, פול מיט פאַרלאַנגען און פול מיט יאוש: „אָט אַזוי איז אַמעריקע“.. בעת אין דער אמתן, איז דאָס לגמרי נישט אַמעריקע. עס איז יידן אין אַמעריקע. דאָס יידישע ארץ־ישראל איז אויפגעבויט דורך דער צווייטער עליה,

וואָס האָט גובר געווען די טענדענצן פון דער ערשטער. די יידישע אַמעריקע איז אויפגעבויט דורך דעם ערשטן אימיגראַציע־שטראָם וואָס האָט דערשטיקט דעם צווייטן. אמת, נישט אַלע פאַקטאָרן האָב איך דאָ אַנגעוויזן, דער עיקר אָבער איז דאָס, וואָס אין אַמעריקאַנער יידנטום הערשט אַ פלאַכע זאַטקייט און רויקייט. וואָס טויג זיך די טיפקייט, אַז די פלאַכקייט איז גוט? היינט ווער רעדט נאָך, אַז אַלע קומען צו „אונדז", אַלע בעטן ביי „אונדז", אַלעמען זאָגן מיר אַ דעה, ווייל מיר גיבן די מאה, — איז דאָך שוין געווים זיכער, אַז מיר זיינען די חכמים און מיר האָבן זיך נישט וואָס צו לערנען ביי די גרינהאָרנס. איז אַזוי געוואַקסן אַ יידישקייט פון קורצזיכטיקער באַקוועמקייט, פון דרויסנדיק צופּאַסן זיך, פון נאָכמאַכעריי, פון איבערגעטריבענער זיכערקייט, פון זיכערקייט אין דער אייגענער חכמה, אין דער פעסטקייט פון לעבן, אַ יידישקייט פון געבן נדבות און יוצא זיין מיט נדבות. זיינען אין אַמעריקע דאָ אַלערליי יידן:

1) יאַהודים; 2) אַלרייטניקעס מיט אַ גאַנצן שטאַט גוט אָדער בעסער באַצאָלטע כהנים, גבאים, שרייבער, רבנים, טעאָרעטיקער, פּריידיקער, קולטור־שעפער, וואָס זייער איינציקער ציל אין לעבן איז צופרידנצושטעלן די געשמאַקן פון אונדזערע „ברויטגעבער". און זיי דאַוונען אַלע טאָג: עס זאָל אונדזער קולטור געשמאַק זיין פאַר דעם גומען פון „אַמעריקע" (אַ פּסעוודאָנים אַזאַ פאַר דעם אַלרייטניק), און זי זאָל געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן... זי זאָל חלילה אים נישט בייסן, אים נישט שטערן, אים נישט וויי טאָן, ווייל נאָך זיין אָוונט ברויט דאַרף „אַמעריקע" אַ לייכטן ציגאַר מיט אַ וויציקן אַרטיקל איבער די ענינים פון וועלט־יושר און אַן אומעטיקלעכן אַרטיקל וועגן יידישע צרות — עס איז סגולה צום פאַרדרייען, איבערהויפּט ווען דאָס אַרטיקל באַווייזט ווי „מיר אַמעריקע" „טרייען דאָס בעסט" פאַר אַלע יידן פון דער וועלט. און אויסער דעם איז פאַראַן אַ מחנה „נישט היגע", עפּעס גייסטיקע נע־ונדניקעס, וואָס לעבן אין אַמעריקע, פאַרקויפן זיך, און די נשמה קלאָגט און וויינט, אָבער זיי, די עולם־הזהניקעס, זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן, קלאָגן אין דער

שטיל און זיינען נישט דאָס, וואָס זיי זיינען, טוען נישט דאָס, וואָס זיי ווילן, פּרווון פון צייט צו צייט עפּעס טאָן, עפּעס אָנווארעמען דעם קאַלטן הימל, און עס איז גאָרנישט. א קול אין מדבר ווייל דער ייד הערט דאָ נישט דעם מענטשן, נאָר זיין טייסטער...

און די סכנות פון אזא שטייגער לעבן האָבן מיר שוין דערמאָנט. ווען אפילו עס זאָלן נישט זיין קיין קאטאסטראָפישע איבערקערענישן (קיינער איז אויך פון דעם נישט באוואָרנט) מוז דער אנטיסעמיטיזם זיך שטארקן און „אומשלעפן וועט איר זיך מידע ווילד־פרעמדע אויף א פרעמדער וועלט בעטלען אויף א רייכער סעודה" (ביאליק).

שוין איצט לעבט דער גרויסער יידישער קיבוץ אין אמעריקע און קוקט אוים אויף א גוטן ארטיקל, אויף א גוט וואָרט פון א גוי, און ער דערשרעקט זיך, רעגט זיך פון א שלעכטן ארטיקל. שוין איצט שטייט פאר די אויגן דער געשפּענסט פון אנטיסעמיטיזם, פון עקאָנאָמישער איזאָלירונג. מען וויל זיך בלויז איינריידן, אז דאָס איז גאָרנישט. און עס איז נישטאָ קיין כוח, וואָ עס זאָל עפענען די אויגן פון פאָלק און אים מאכן זען, ווער עס זאָל ווענדן די גרויסע ענערגיע, וואָס איז פאראן אין דעם גרויסן קיבוץ און אויסבויען א פעסטן סאָציאל־קולטורעלן בנין. נישטאָ אזא כוח, ווייל דער אמעריקאנער ייד הערט זיך צו צו דעם, פאר וועמען ער האָט דרך ארץ. און דרך ארץ האָט ער פאר דעם, וואָס האָט געוווּסט זיך זעלבסט איינצואָרדענען נישט זאָרגנדיק פאר אנדערע. דער, ווידער, קוקט אויף דעם „אַלרייטניק". דער אַלרייטניק הערט זיך צו צום יאהודי, דער לעצטער, ווידער, וואַרט און קוקט בלויז אויף דעם נישט־ייד. פון דאנען, פארשטייט זיך, איז נישטאָ וואָס צו וואַרטן אויף קאָנסטרוקטיווע פּלענער.

און אז עס זאָל חלילה קומען דער בייזער טאָג, קען דער גאנצער יידישער קיבוץ בלייבן ווי אין דער לופטן, אָן ווארצלען עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע. נישט בעסער פון אנדערע יידישע קיבוצים. זאָל די שעה נישט זיין, אָבער ווייַ צו יענעם, וואָס זיצט און וואַרט אז דער שטורם וועט פאַרבייגיין...

בלויז איין כוח איז פאַראַן ביי יידן, וואָס וואָלט געקענט, גע־קענט און גענידאַרפט קומען צו הילף דעם אַמעריקאַנער יידנטום און אים ווייזן אַ וועג פון אַ קאָנסטרוקטיוון בויען אַ לעבן. דאָס איז דווקא דער קליינער קיבוץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. דאָס איז די איינציקע גרופּע, וואָס האָט זיך קלאָר און דייטלעך געשטעלט אַזאַ פּראָגראַם און זי האָט איבערצייגט, זי האָט געשאַפן אַ מוסטער פון אַ סאָציאַל־קולטורעלן קאָנצענטרירטן קיבוץ־לעבן, וואָס קען זיין אין זיך אַליין פעסט און נישט זיין אָפּהענגיק כסדר און תמיד פון גוטע דרויסנדיקע ווינטן. אָט מיט דעם מוסטער וואָלט דאָס אַרבעטנדי־קע ארץ־ישראל געדאַרפט דינען דעם אַמעריקאַנער יידנטום. דער־מיט וואָלט „עין חרוד" (לאָמיר דאָ זאָגן סימבאָליש) געדאַרפט אָפּ־צאָלן ניו־יאָרק. הילף פאַר הילף. אָט דאָס „עין־חרוד" האָט געצווונ־גען אַלעמען, אַלע שיכטן פון אַמעריקאַנער יידן צוצוהערן זיך צו זיך, צו קוקן אויף זיך מיט דרך ארץ. „עין חרוד" איז חשוב ביי גויים, במילא אויך ביי יידן. צו עין חרוד וואָלט זיך צוגעהערט אויך ניו־יאָרק, צוגעהערט און אין אַ געוויסער מאָס אויך געפאָלגט. און אַזוי אַרום וואָלט געקאָנט אַוועקגעלייגט ווערן דער ערשטער ווינקלשטיין צו אַן איבערגעבויטן אויף פעסטערע יסודות יידישן לעבן. אָט דער באַזיס וואָלט שוין שפּעטער געקענט אַליין צוציען און ווערן אַ מוס־טער. שווער זיינען תמיד ביי יידן די ערשטע טריט.

וועט מען פרעגן, ערשטנס, — צי דאַרף דאָס עין חרוד טאָן, קאָנען צרות און פּיין האָט זי אייגענע? און צווייטנס, צי איז דאָס אין די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל צו העלפן שאַפן אַנדערש־וווּ כמו־קאָנקורענטן, אויף ביידע פראַגעס איז פאַראַן איין ענטפער. אמת, עס איז געווען, און אפשר איז נאָך ערגעץ פאַרבליבן אין ארץ־ישראל אַ ביטול־באַציונג צום „גלות": סיי ווי וועט עס אַלץ אונ־טערניין, אומקומען, „מיר וועלן בלייבן דער איינציקער יידישער קיבוץ אויף דער וועלט". „דאָס איינציקע, וואָס די אַמעריקאַנער יידן קענען אויפטאָן, — איז שאַפן די נייטיקע מיליאָנען פאַר ארץ־ישראל איידער אַנדערע וועלן עס ביי זיי צונעמען". „נישטאָ אין גלות

קיין תקומה פאַר יידן, און עס איז אַ שאָד, יעטווידער פּאָזיטיווע אַר־בעט דאָרטן". יעטווידער אויפמערקזאמקייט דעם גלות קען שאַדן דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. בבלל דאַרפן מיר זיך דערווייטערן, אָפּ־זונדערן פון דעם גלות, ווייל ער איז גלותדיק אאז"וו". אָט אַזוינע שטימונגען האָבן געהערשט אין ארץ־ישראל. אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער בייט זיך די שטימונג. אנשטאט איר קומט ביסלעכווייז די איבערצייגונג, אַז אייגנטלעך קען אָן אַ שטאַרקן גלות אויך שווער זיין אָנצוהאַלטן ארץ־ישראל, אַפילו ווען עס וועט זיין אויפגעבויט. (און וואָס הייסט „אויפגעבויט", ווו איז דער גבול?) עס איז אַגומלט אין דער העברעישער פּרעסע געווען אַן אַרטיקל וועגן דער נייטווענ־דיקייט פון לאַנדווירטשאַפט פאַר דעם אַמעריקאַנער יידנטום. האָט זיך, אמת, שפּעטער אין זעלביקן זשורנאַל באַוויזן אַ נאָטיץ, אַז „וואָס גייען זיי אונדז אָן יענע יידן? מיר זיינען אַ באַזונדער שבט, אאז"וו." אָבער שוין דער רעדאַקטאָר אַליין האָט אויפן אָרט זיך אָפּגעגרעניצט פון אָט דעם צו־פיל היציקן יונגערמאַן. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אויך ראַדיקאַל געביטן די באַציונג פון „גלות" צו ארץ־ישראל. עס דרינגט אַלץ מער און מער אַריין דער געפיל, אַז אָן דעם גלות קען נישט זיין קיין ארץ ישראל און אָן דעם ארץ־יש־ראַלדיקן אַרבעטס־פּרינציפּ קען דער גלות קיין קיום נישט האָבן. אַזוי אַרום דערנענטערן מיר זיך צו אַ מאָמענט, ווען דער לאַנגדויערנ־דיקער אַנטאַגאָניזם צווישן „ארץ־ישראל" און „גלות" קען און דאַרף איבערגיין אין אַ קאָאָפּעראַציע. נישט קיין קעגנער זיינען דאָס, נאָר צוויי פּאָלוסן פון איין קרייז, וואָס איז גאַנץ בלויז דעמאָלט, ווען ביידע פּאָלוסן האַלטן אים.

אמת, די נייע אויפגאַבע איז נאָר נישט פון די גרינגע. אָבער, ווי מען זאָגט, דוכט זיך מיר, אַז אויסער דעם אַרבעטנדן ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין גרופּע אין יידישן פאָלק, וואָס זאָל אַזוי דייטלעך באַ־גרייפן אָט די נויטווענדיקייט פון דעם יסוד אין לעבן. קיין גרופּע האָט דעם אַרבעטס־יסוד נישט דורכגעווייטיקט אַזוי טיף, נישט דורכ־געשוויצט און נישט דורכגעבלוטיקט. פון דער צווייטער זייט האָט קיין

גרופּע נישט אַזויפיל קרעדיט, צו קיינעם וועט מען זיך נישט צו־הערן אַזוי. אמת, אָפּטמאָל בין איך חושד, אַז דאָס אַרבעטנדיקע ארץ ישראל איז חשוב ביים אַמעריקאַנער יידן איבערהויפּט דערפֿאַר, ווייל מען קען אים זאָגן: „נאַ דיר אַ דאָלאַר, און גיי דאָרטן, ווייט... עס איז זייער שיין, אָבער נישט דאָ פאַר מיר״... איך מיין אָבער, אַז עס וועלן זיך אויך געפינען אַ סך, אַ סך טויזנטער יידן וואָס וועלן באַגרייפן און מיטגיין.

דאָס יידיש פאָלק ווי אַ גאַנצעס — מיט ארץ ישראל מיטן גלות וועלן בלויז געווינען פון דעם. נאָך מערער, בלויז דעמאָלט וועט עס קענען נאָרמאַל זיך אַנטוויקלען און אויסמיידן קאַטאַסטראָפעס.

און די צייט איז איצט, נישט ווען, די שעה זאָל נישט זיין, עס וועט שוין זיין צו שפּעט.

1938

(יידישער קעמפער)

אָן עם ישׂראל קען נישט זײַן קיין ארץ־ישׂראל

די אַלטע מעשׂה, די פּראָבלעם צי די חוץ אָדער דאָס איי — וואָס איז וויכטיקער? יסודות און געביידעס — וואָס פריער? — אין איי זיינען פאַראַן אַלע פּאָטענצן פון דער הון, די „גענען". זיי טראָגן אין זיך אַלע מעגלעכקייטן פון דער הון. נישטאָ און עס קען נישט זיין אין הון עפּעס אַן אייגנשאַפט, וואָס איז פון פריער נישט ארײַנ־געגעבן אין די גענען פון דעם איי. דאָס איי, דאָס איז די גאַנצע פּאָ־טענץ פון דער הון. די הון, דאָס איז די פאַרווירקלעכונג פון די פּאָ־טענצן וואָס אין איי. דאָך איז אַלעמען באַקאַנט: ווייל מען האָבן גו־טע אייער, מוז מען האָדעווען די הינער, האָדעווען דירעקט די איי־ער — דאָס קען מען נישט. דאָס איז דער משל און דער נמשל — ארץ ישראל און עם ישׂראל. קלאָר: ארץ ישׂראל טראָגט אין זיך פון אייביק אַלע פּאָטענצן פון יידישן פאָלק. אָן ארץ־ישׂראל רייסט זיך אָפּ די קייט, אָן ארץ ישׂראל איז יידישקייט אַן עקרה, אָן א לעתיד לבוא. אָבער — ארץ ישׂראל איז אויף אַזוי פיל ווערט וויפל זי טראָגט אין פּאָטענצן די גאַנצע נשמה פון פאָלק. אָן יידישקייט ביי יידן אויף דער וועלט איז ארץ ישׂראל — אַ סטערילע איי. וואָס איז ווערט ארץ ישׂראל ווען

מען נעמט עס מעסטן מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, פיזיקאַלישע, קלימאַטישע און אַנדערע ענלעכע רעאַלע מאָסן? — וויפל אַזוינע שטיקלעך לאַנד וואַלגערן זיך אויף די הינטער־הויפן פון לענדער און פעלקער? די וויכטיקייט פון ארץ ישראל קען געשאצט ווערן נאָר מיט דעם אַזוי צו זאָגן, גייסטיק־פּסיכישן פּאָטענציאַל פון יידישקייט ביי יידן אויף דער וועלט וואָס שטאַרקער עס איז די צוגעבונדנקייט פון יידן צו יידישקייט, וואָס טיפער עס איז זייער גלויבן אין יידישקייט, אַלץ וואָגיקער ווערט דער יידישער כוח פון ארץ־ישראל, אַלץ מעכטיקער איז דער שעפערישער כוח־פּאָטענציאַל פון ארץ ישראל. ארץ ישראל קען געבויט ווערן, קען זיך האַלטן בלויז מיט דעם כוח פון „ירושלים של מעלה״, וואָס איז אין יידישע הערצער. וואָלטן יידן, חלילה, פאַרלאָרן די רעאַלע ארץ ישראל און עס בלייבט אַ גלייביקע שטרעבנדיקע יידישקייט אין נשמה פון יידן — איז גאָרנישט פאַרלאָרן. האָבן דאָך יידן געלעבט אין ארץ־ישראל אַן ערך איין טויזנט יאָר. אָבער געלעבט מ י ט ארץ ישראל האָבן זיי פיר טויזנט יאָר. וואָלט מען אָבער פאַרלאָרן, צען מאָל חלילה — די פּאָטענציעלע ארץ ישראל, אָט די וואָס אין די הערצער פון יידן, — דעמאָלט, זאָל די שעה נישט זיין, וועט קיין שום רעאַלע ארץ ישראל מיט די בעסטע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס נישט העלפן. כדי קלאָר צו מאַכן אָט דעם געדאַנק מיינעם, וועל איך ברענגען אַ ביישפּיל:

—צוויי שבטים יידישע: יידן און שומרונים זיינען געווען אַמאָל. ביידע האָבן געהאַט הייליקע בערג. האָבן די שומרונים זיך צוגעקלעפּט צום גוף פון זייער שטיינערנעם באַרג גריזים. און זיי זיינען פאַרשטיינערט, האַרט און טויט געוואָרן ווי זייער באַרג. האָבן די יידן זייער שטיינערנעם באַרג סיני נישט געהיט, קיין טעמפּלען אויף אים נישט געבויט, נישט הייליק געהאַלטן די פעלזן זיינע, נייערט זיי האָבן דעם גייסט פון דעם באַרג, די אידעע זיינע גענומען מיט זיך און קיינמאָל איז די אַקטיווע לעבעדיקע אַקטועלקייט פון דעם באַרג סיני נישט איבערגעריסן. אין איטלעכן פון אונדז רעדט דער גייסט פון הר סיני. לעבט דאָס פאָלק און מיט אים די נשמה פון באַרג סיני.

הר גריזים און הר סיני, שומרונים — עטלעכע צענדליק לעבעדיקע מו־מיעס, און סיני מיט יידן. אָט דאָ אין דעם פאַרשיידענעם צוגאַנג צו הייליקייט ליגט דער נס פון יידישן קיום. דער גרעסטער בעקן מיטן שטייאיקן וואַסער מוז אויסטריקענען. א שטראָם אָבער — נישט. דער „ירדן", „בארג סיני" „מוריה", „ירושלים" און „ארץ־ישראל" בכלל פאַרמאָגן בלויז אַזויפיל פּאָטענציאַלע כוחות, וויפל עס פאַרמאָגט דאָס פאָלק אין זיין גלויבן, ווילן און געפילן. און נע־מען מיר די היינטיקע ארץ־ישראל, — ווער האָט זי אויסגעבויט? האָט דען ארץ־ישראל אויסגעבויט ארץ־ישראל? האָט דען א גלויבן אין דעם שטיקל לאַנד מיט זיינע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע וכדומה מעגלעכקייטן דאָס אויסגעבויט די הייליקע ארץ־ישראל — אָדער א גרויסער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גלויבן־פּאַטאָס, א אידעאַל און מסירת נפש פון באַברויסקער, באַרדיטשעווער, קאַסרילעווקער, אייניק־לעך פון מנחם־מענדלען און בנימין דעם דריטן? יאָ. דער כוח פון בענקען האָט געבאָרן ארץ־ישראל. דער טרוים האָט געבאָרן די וויר־קלעכקייט. איך געדענק גוט דעם יפוער יידישן שפּיטאָל, ווו איך בין געלעגן אין 1913 מיט די פולע צימערן מאַלאַריע־קראַנקע, מיט די בסדרדיקע קרעכצן „אוי, מיין מילץ" מיט דעם אַלטן דאָקטאָר כיסין, דעם ביל"ו ייד, וואָס ציט זיך אוים אויף דער ערד כדי אויסצוהערן א קראַנקן נישט דרייענדיק אים און איך פאַרגלייך דאָס מיט דעם ביי־לינסאָן־שפּיטאָל פון דער „קופת חולים", ווו איך בין געלעגן אין 1938, מיט דעם „אסותא־שפּיטאָל וואָס אויף דער גאַס פון „קבוץ גלויות" — און איך זאָג: דאָס האָט דער מנחם־מענדלישער עקשנות־דיקער דראַנג פון יענעם ערשטן שפּיטאָל אויסגעהאָדעוועט די נייע.

און ווייטער: האָט דען דער פון דורות פאַרשאָלטענער, פאַר־ווילדעוועטער און מיט שאַקאַלן, שלאַנגען, עקדישן און מאַלאַריע אָנ־געפילטער יזרעאל־טאָל געשאַפן דעם היינטיקן „עמק־עמק עבודה"? אפשר וועלן אונדזערע עקאָנאָמיסטן, רעאַליסטן, מודה זיין, אַז דאָס אַלץ איז א רעזולטאַט פון גאָר אַנדערע גייסטיקע, יידישע נאַציאָ־נאַלע און סאָציאַלע כוחות וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן ערגעץ

אַנדערשווו און אויף אַנדערע וועגן? ווי לאַנג וועלן מיר רעכענען, וועגן און מעסטן טויטע, אָביעקטיווע „רעאַלקייטן" און מיר וועלן פאַרגעסן די לעבעדיקע, סוביעקטיווע איראַציאָנעלע כוחות פון מענטשלעכע נשמות? אַזאַ איינער וואָס האָט זייענדיק אין עמק באַזוכט נישט נאָר די שטאַלן און אינקובאַטאָרן נאָר אויך די... בית־עולמס, דער, גלייב איך, וועט אַזאַ טעות נישט קענען מאַכן. מיר דוכט זיך אָפּט, אַז אַ געהיימע האַנט גיט צו צו די לאַקאָנישע אויפשריפטן אויף די שטיינער נאָך איין וואָרט „הקדוש"... די לעבעדיק געבליבענע חברים האָבן דאָס פאַרגעסן... איך ווייס אויך פאַרוואָס, נאָר ס'זיינען פאַראַן געפילן, וואָס נישט אַלע מאָל מעג מען זיי אָנרופן ביים נאָמען. ניין. נישט עמק־יזרעאל האָט געשאַפן דעם „עמק". ניין. נאָר דורות גלויבן, דורות מסירת נפש, מצוות און עברות וואָס מען איז מקיים אומעטום, דורות התלהבות, דורות עקשנות פון יידן און נאָך איינער אַן אידעאַל פון פעלקער וואָס איז אומעטום, אויף דער גאָרער וועלט פאַרשוועכט געוואָרן, אומעטום — אויסער דעם עמק. און פאַרוואָס? — ווייל אומעטום האָט מען פון סאָציאַליזם געמאַכט: א) אַ טעאָרעטיש אויסגעפּשטלטע פאָרמול, כמו אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע; ב) אַ צערעמאָניאַלן נוסח, כמו אַ גאָטעסדינסט אויף באַשטימטע צייטן און ועל כולם ג) אַ לאָזונג פון נקמה, פון שלאָגן זיך פאַר אַ ... פאַר אַ פעטערע בולקע מיט פוטער פאַר אונדז צוגענומען פון אייך. אַזוי האָט דיקטירט די טראַדיציע פון יענע פעלקער... אין עמק אָבער האָבן כמעט פאַרגעסענע אינסטינקטן פון גלותדיקן פאָלק ישראל (געדענקט — נישט פון געאָגראַפישן עמק יזרעאל), אַ טראַדיציע פון דורות, געמאַכט פון סאָציאַליזם אַ גלויבן, וואָס מען לעבט מיט אים, נישט מען גלויבט אין אים, אין אַ סכום מצוות און עברות וואָס מען איז מקיים בדחילו ורחימא, מיט שווערע גייסטיקע אָנשטרענגונגען... דאָ איז דער סאָציאַליזם געוואָרן אַ גלגול פון בני נביאים, בני רכב, פרושים, אסיים, פון חסידים און אנשי מעשה: פאַרנדיק און וואַנדערנדיק איבער ארץ־ישראל, פלעג איך תמיד אין האַרצן זיין צופרידן מיט דעם, וואָס יידן האָבן אי־

בערגעלאָזט פאַר אנדערע צו בויען הייליקע קלויסטערס און קברים. דאָס זיינען טויטע הייליקייטן. בשעת אונדזערע דורות האָבן דאָך אונדז געלערנט: נישט קיין פסלים, נישט קיין במות. א לעבעדיקער גאָט איז בלויז דער וואָס אין הארצן. דער הייליקסטער מאָטעריע־גאָט „אָט איז דיין גאָט, ישראל" — איז א געץ.

צום אומגליק אָבער האָט איטלעכע קדושה איר טומאה. אלץ וואָס עס איז געשאַפן מיטן שם המפורש, שאַפט דער אַשמדאי א כמו זה מיט זיין סטרא אחרא כדי צו פארניכטן די קדושה. איטלעכע הייליקע יצירה קען חלילה אויך אויסגענוצט ווערן דורך די כוחות פון הריסה און חורבן... און וואָס גרעסער די קדושה, אלץ שטאַרקער די סכנה, אלץ גרעסער דער שטן מקטרג. און ארץ־ישראל האָט אויך א צווייטע א מסוכנע כמו ארץ ישראל, להבדיל. יענע ארץ־ישראל זאָגט ווי א פאַלשער נביא אזוי: 1) יידישקייט איז מעגלעך אין ארץ־ישראל. 2) מיר זיינען אין חוץ־לארץ, בכן 3) זיינען מיר פטור פון יידישקייט. בכן מעגן מיר דאָ לעבן ווי גויים, א הפקר יידישקייט און שפרינגען קדוש ארץ־ישראל, קדוש ארץ־ישראל, קדוש, קדוש. אָט די פאַלשע ארץ־ישראל גיט א פאַלשע באַרעכטיקונג אלע פושעי ישראל און אלע שונאי ישראל צו זאָגן: מיר זיינען פטור פון אלע יידישקייטן, ווייל מיר זיינען נישט קיין יידן נאָר העברעער, נאָר ציוניסטן, מיר שפייען אויף יידן און יידישקייט און מיר קויפן פאַר א דאָלאַר א יחוס־צעטל פון ארץ־ישראל און דערמיט זיינען מיר יוצא. אָט די סטרא אחראדיקע ארץ־ישראל שטאַמט לגמרי נישט פון א בענקען צו יידישקייט, נאָר פאַרקערט פון א פארלאַנג פטור צו ווערן פון יידישקייט. דער באַהאַלטענער געדאנק איז: לעולם האָט אונדז דערעסן צו זיין יידן. כל־זמן מיר האָבן געגלויבט פטור צו ווערן פון יידישקייט דורך עמאַנסיפאַציע, האָבן מיר געגלויבט. איצט ווילן מיר דורך ארץ ישראל זיך באַפרייען פון יידישקייט. דאָרטן קענען מיר זיין אָפענע און פרייע פאַשיסטן אפילו. דאָרטן קענען מיר זיך איינגאַנצן אָפּזונדערן און דערווייטערן פון די פאַרהאַכטע יידן, דאָרטן וועלן מיר קענען טאָן און נאָכ־

טאָן די וואָס מיר האַלטן פאַר אַ אידעאַל און וואָס אונדזער גאַנצער פאַרלאַנג איז צו זיין כאָטש ענלעך צו זיי. אָט די סטרא אחראדיקע ארץ ישראל העלפט אַלע וואָס ווילן זיך פאַרשטעלן פאַר גויים מיט אַ תירוץ: סיי ווי קען אין גלות נישט זיין קיין אמתע יידישקייט. זיי־נען מיר פּטור פון אַלץ וואָס יידיש איז. געקומען דער אשמדאי, גע־נומען ארץ־ישראל, געמאַכט פון איר אַ קאַבאַרע־מיידל, וואָס מענטשן מיט ליידיקע הערצער קומען זיך פאַרווילן מיט איר, ווייל עס פעלט געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט און עס איז אָנגענעם צו פאַר־ברענגען אַ שעה און זיין אַ „ספּאָרט" און באַצאָלן פאַר „גוד טאַים" אַ פיינעם דאָלער... פאַראַן — פרוי־הייליקייט: מוטער, שוועסטער, כלה און פאַראַן — פרוי־טומאה: הפקרות, זנות, אַ שטיקל סחורה פאַר אַ „גוד טאַים". צוויי ארץ־ישראלס: איינע איז כולו יידיש־קייט און אין יידישן לעבן פון אַלע יידן אומעטום דאַרפן אריינגע־בראַכט ווערן די יסודות פון ארץ־ישראל. און אַ צווייטע, להבדיל, אויך מיר ארץ־ישראל וואָס קומט אָפּצומעקן יידישקייט.

פאַראַן גוטע און גוט־האַרציקע יידן, וואָס זיינען מלמד זכות: וואָס זיינען נעבעך שולדיק די יידן וואָס טראָגן אַ פאַרשטעלט־גויישן לעבן? — די בייזע אומברחמנותדיקע עקאָנאָמיק צווינגט זיי צו דעם. נישט זיי זיינען שולדיק, נאָר די מעכטיקע דיקטאַטור פון עקאָנאָמיק און גיי מאַך. ווער עס וויל אַ יידיש לעבן, דער מוז אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל און... און מיר דאָ וועלן שוין מוזן נעבעך אַזוי פאַרגויישט ווערן מחמת די גזרות פון דער עקאָנאָמיק, זאָל גאָט היטן:

איך בין אַן אפּיקורס אין הילכות עקאָנאָמיק: איך גלייב נישט, אַז עקאָנאָמישע „אַלמעכטיקייט" פאַקטאָרן האָבן דאָס געהאָלפן בויען דאָס ארץ ישראל, וואָס איז אונדז טייער. דאָס איז אַ באַ־ליידיקנדיקער בלבול אויף ארץ־ישראל. בלויז אַ אידעע, אַ באַגער, אַ שטרעבונג קעגן אַלע עקאָנאָמישע און אַנדערע חשבונות האָבן אויסגעבויט אין פּאַלעסטינע דאָס וואָס עס איז „ארץ־ישראל". איך גלייב אויך נישט, אַז דאָס האָבן עקאָנאָמישע פאַקטאָרן ביי אונדז

געטריבן יידן זיי זאָלן זיך נישט אנדערש אסימילירן. איך בין אין עקאָנאָמיק אָן עם־הארץ, אָבער איך קען נישט באגרייפן פארוואָס דורות ישובניקעס צעזייטע איינציקווייז צווישן נישט־יידן האָבן געהאַט מער עקאָנאָמישע, מאַטעריעלע און סאָציאַלע מעגלעכקייטן צו בלייבן יידן און צענדליקער טויזנטער קאָמפּאַקט לעבעדיקע יידן צווישן יידן, מיט יידן און פון יידן זיינען דאָס עקאָנאָמיש געצוווּנגען זיך צו אסימילירן? איך ווייס נישט וואָסערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבן אָפּגעהאַלטן יידן פון שמד אין יאָרהונדערטער פון אינקוויזיציעס, געטאָס, רדיפות, קרייצצוגן וכדומה, ווען די גאַנצע וועלט האָט מיט אָפענע אָרעמס באַגעגנט יעדן יידן, וואָס האָט זיך געלאָזט אָפּשפּריצן מיט עטלעכע טראָפּנס וואַסער. איך ווייס נישט וואָס האָט זיך מיט איינמאָל געענדערט אין דער עקאָנאָמיק פון יידישן תחום נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, וואָס עס האָט געטריבן יונגע מענטשן יידן צו מאַסן־שמד. סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן זיינען דאָ געוועזן. די עקאָנאָמישע האָבן זיך נישט געענדערט לגבי די פריערדיקע. אפשר וואָלטן אונדזערע עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן גענומען אין אַכט אָט אַזאַ פאַקט: אין משך פון פאַבריקן יאָרהונדערט האָבן זיך נישט אסימילירט און געבליבן אַקטיוו־שעפעריש בלויז די יידישע קיבוצים, וואָס האָבן אין מזרח אייראָפּע געלעבט צווישן אונטערגעדריקטע פעלקער: די ארומיקע סביבה האָט געהאַט איין קולטור און הערשן האָט געהערשט אַ צווייטע. פּוילן, ליטע, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, גאַליציע (און מזרח־גאַליציע מיט אירע דריי קולטורן איז מער יידיש איידער מערב־גאַליציע מיט אירע צוויי קולטורן). און פאַרקערט אין אַלע מאָנאָקולטורישע לענדער, אין די עקאָנאָמיש־אַנטוויקלטע לענדער און אויך אין די אָפּגעשטאַנענע אַלט־רומעניִשע, טערקיי — דאָ אסימילירן זיך יידן, ווייל דאָ ווירקן אַנדערע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן — לאָמיר נישט צופיל בויען אויף אונדזערע טראַדיציאָנעלע עקאָנאָמישע פאָרמולעס.

איך גלייב:

דער קיום פון ייִדן, פון ייִדישן פאָלק איז אַלעמאָל און תמיד געווען א רעזולטאט פון אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער, וואלונטאַריסטישער דיסציפּלין, וואָס ייִדן פלעגן וויליק און באַוווסטזיניק אויף זיך טראָגן עס אַ גאַנץ לעבן טאָג און נאַכט. דער קיום פון ייִדנטום איז אַ פּראָדוקט פון וויליקע אָנשטרענגונגען צו זיין ייִדן. און דאָס — קעגן אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געצויגן פון ייִדישקייט. און אן אָנשטרענגונג פון דורות איז געוואָרן טיילווייז אן אָביעקטיווער פאַקטאָר. און אַט די וויליקע באַוווסטזיניקע דיסציפּלין איז באַשטאַנען פון מצוות און עבֿרות, וואָס זייער אַלגעמיינער ציל איז געווען לגמרי אַנדערש ווי די רעליגיעס ביי אַלע אַנדערע פעלקער. דריי הויפּט־באַשטאַנד טיילן זיינען דאָ געווען: דערציונג, שטייגער־לעבן און סאָציאַלע קעגנזייטיקייט (תורה ועבודה וגמילות הסדים) און דער פּרינציפּ: לעבן ווי ייִדן און נישט נאָכטאָן וואָס נישט־ייִדן טוען (עשה און לא תעשה).

אויב ארץ־ישראל איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז איצט פאַר יעדער שפּירעוודיקן ייִדן, איז דאָס גאָר נישט צוליב די אמאָליקע הייליקע ערטער, נאָר צוליב אַט דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין פון נייע מצוות און עבֿרות, וואָס מענטשן האָבן אויף זיך גענומען מיט אָנגעשטרענגטן גלויבן און מסירת נפש. נישט ארץ־ישראל דאָס לאַנד האָט געשאַפן אַט די נייע קדושה, נאָר די נייע אויפלאַגע פון ייִדישן גלויבן און פון גלויבן־דיסציפּלין האָט עס פון אן אַרכעאָלאָגיש הייליקן ארץ־ישראל געשאַפן א ווידערגעבאָרענע לעבעדיקע הייליקייט, וואָס ליגט אין יעדן איינגעבויטן שטיין און אין איטלעכן אויסגעהאָדעוועטן בוים.

עס איז דער פאַטאַלער טעות פון דער פאַלש־פאַרשטאַנענער וועלטלעכקייט צו מיינען, אַז עס קען געמאָלט זיין א ייִדישקייט, אַ ייִדיש פאָלק, אַ ייִדיש לעבן אָן א פעסטער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין און שטייגער לעבן. און גענומען האָבן זיך אַלע שטרעבונגען פּטור צו ווערן פון ייִדישער דיסציפּלין נישט פון עקאָנאָמישע סיבות. זיי זיינען אַלע אויפגעקומען פון דעם בורזשואַז־אינדיווידואַליסטישן

ליבעראַליזם פון פאַריקן י"ה און זיי האָבן ביי יידן, א דאַנק געוויסע שטריכן פון אונדזער נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער געהאַט אַפילו א פראָלעטאַרישע אויפלאַגע און דערגאַנגען ביז נאַציאָנאַלער הפקרות. אין דער אמתן איז איצט שוין די אינדיווידואַליסטיש־ליבעראַלע תקופה אַריבער און קיינמאָל האָבן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אַזוי נישט געצוווּנגען יידן צו נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירטקייט (און במילא אויך צו דיסציפּלין) ווי איצט אין די צייטן פון גראַנדיעזע קאָנצענטרירטע ווירטשאַפטן, פון נאַציאָנאַלער וועלט־פאַרטיילונג און דיסקרימינאַציעס און שנאת ישראל וואָס איינצלנע, נישט אָרגאַניזירטע יידן וועלן קיינמאָל נישט קענען גובר זיין אפילו ווען זיי וועלן זיך אַסימילירן ביז גאָר און זיך שמדן אין אַלע הינזיכטן. די אַסימילאַציע איז פאַרענדיקט נישט געקוקט אויף דעם געוואַלדיקן פאַרלאַנג פון יידן זיך צו אַסימילירן: קיינער וויל אונדז נישט און וועט אונדז נישט אַסימילירן מער. טאָמער זיינען נאָך פאַראַן אַ פּאָר לענדער אויף דער וועלט, ווו מען לאָזט כלומרשט נאָך זיך אַסימילירן, איז דאָס אויך מער נישט ווי צייטווייליק.

מער ווי ווען עס איז פריער איז דאָס לעבן פון יידן, דאָס פּשוטע עקאָנאָמישע און אַפילו פיזישע לעבן אָפּהענגיק פון זייער אָרגאַניזירטקייט און נאַציאָנאַלער דיסציפּלינירטקייט. און זאָל קיינער נישט מיינען, אַז ארץ ישראל קען באַפרייען עמיצן פון באַוווּסטזיניקן, וויליקן יאָך פון יידישקייט. לויט דער פאַלשער פאָרמול „אָדער ארץ ישראל אָדער אונטערגאַנג". פאַרקערט איז ארץ־ישראל בלויז דעמאָלט ארץ ישראל, ווען זי איז פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלע מצוות און מעשים, מיט אַ שטענדיקן „הריני מוכן ומזומן". אין דעם מאָמענט, ווען ארץ־ישראל זאָל חלילה פאַרלירן די באַגלייטונג פון אַ שטרענגער וויליקער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, דעמאָלט ווערט ארץ־ישראל פון אַ הילף גאָר אַ סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. און באמת: אַלע משיח־באַוועגונגען אין משך פון אַ טויזנט יאָר וואָס האָבן געוואָלט מיט ארץ־ישראל פאַרבייטן די טראַדיציאָנעלע דיסציפּלין פון יידישקייט, אַלע זיי האָבן פאַרפירט צו אומקום און צו שמד. אָן

יידישקייט איז ארץ־ישראל א סכנה פארן יידנטום. ארץ־ישראל אָן יידישקייט, יידישקייט אָן ארץ־ישראל איז ווי א ליכט אָן א קנויט, ווי א קנויט אָן א ליכט. און יידישקייט איז א לעבנס־דיסציפּלין. א נאָרמירט לעבן אויף דריי יסודות: א) א גאַנצע, מאָניסטישע יידי־שע דערציונג ביז א באשטימטן עלטער, ב) א רעגלאַמענטירטער נאַ־ציאָנאַלער שטייגער לעבן אין שטוב און אין געזעלשאפט און ג) סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאניזירטקייט. א״יידיקייט מיינט ארייַנצופּי־רן אין לעבן פון יידן ווו זיי זיינען די דיסציפּלין, די אחריות, די מצוות און עברות וואָס ארץ־ישראל האָט געשאפן. ארץ־ישראל ווי א יסוד פון יידישן לעבן אומעטום. אָבער נישט ארץ־ישראל דאָס כשר פּיסל, וואָס דארף פארשטעלן דעם טריפענעם גוף, ווען ער באָדט זיך אין זינדיקער בלאָטע... קיין הכשר פון עקאָנאָמישע שולחן ערוכס: דאָס כשרע פּיסל איז א טייל פון טריפן גופעלע.

ווי מאכט מען אָבער, אז יידן זאָל ווערן זיין יידן? פרעגט מען מיך. יאָ דאָס איז די שווערסטע פּראָבלעם: וואָלטן יידן געוואָלט, וואָלטן יידן געשטרעבט צו זעלבסטשטענדיק־אָרגאניזירטן לעבן, וואָל־טן זיי עס שוין לאַנג געהאט.

און דאָך גלייב איך, אז די פראַגע ווי מאכט מען די יידן זאָלן ווערן איז פאַלש און טעותדיק געשטעלט. און אָט פאַרוואָס: די גאַנצע יידישקייט איז ביי אונדז געוואָרן א מין סחורה צום פאַר קויפן. מיר פארקויפן לעקציעס, רעפעראַטן, רעדעס, ארטיקלען, בי־כער, אביסל פאַרוויילונג, וואָס מען רופט עס „גייסטיקער פארגענ־גן״, אביסעלע כבוד און גענוג. די פּראָדוצירער, די „סיילסלייט״, די אַגענטן, די קאָלעקטאָרס פון די „קולטור־ביזנעס״ — די אלע קיי־נען אליין מיט זייער שטייגער לעבן, מיט זייער פירן זיך ביי זיך אין די היימען נישט ארויסרופן קיין שטארקן גלויבן ביי די „קאָסטאָ־מערס״. זיי קענען אָפּט זייער פיין „אדוועקטייזן״ זייער קולטור־סחו־רה, זיי זיינען אָפּט זייער גוטע פאַרקויפער... אָבער קיינער קען נישט זען ביי זיי, אז זיי אליין, אין זייער גאַנצן לעבן גלייבן זיי מיט לייב און מיט לעבן אין דעם וואָס זיי אליין פּראָפּאַגאַנדירן. אנומלט

איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ רעפעראַט וועגן טראַדיציע און שטייגער, און דער רעפערענט האָט זיך אויסגעדריקט: „איך פרעגט צי איך אַליין טו דאָס וואָס איך זאָג, — אָבער קיינער האָט דאָך נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן אין מיין פּריוואַטן לעבן”... אָט אַזאַ דואַליזם: אין שטוב אַזוי און אין „קולטור־טרייד” — אַנדערש — ער גראָבט אונטער יעדן צוטרוי צו אונדז, צו אונדזערע רייד. מיר פרעגן זיך כסדר נאָך אויף „קונים„, מיר זוכן געבדוויכער. נו, און אויב אַזוינע זיינען נישטאָ, טאָ ווו זיינען מיר אַליין? ווי לעבן די זוכער אַליין?

איך בין זיכער, אַז ווען עס זאָלן זיך גרינדן פאַרבאַנדן פון יידישע היימען מיט די דריי געבאָט פון יידישקייט: דערציונג, שטייגער, סאָציאַלע קאָנגזייטיקייט, — גלייב איך מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אין משך פון אַ צען יאָר, וואָלטן צוגעצויגן געוואָרן צו די פאַרבאַנדן נישט אין פאַרגלייך מערער אָנהענגער ווי עס זיינען צוגעקומען אָנהענגער צו דער וועלטלעכער קולטור אין משך פון אַ דרייסיק־פערציק יאָר. ווען מיר אַליין, די שרייבער און טראַכטער פון יידישקייט, ווען מיר אַליין וואָלטן אויפגעהערט צו זוכן קונים „קויפט, קונים קויפט, אַ טראָפּן יידישקייט”... ווען מיר נעמען זיך צו זיך אַליין, מיר רייניקן אויס אונדזערע היימען פון פרעמדע לשונות, פון פרעמדע נישט־יידישע מנהגים און יום־טובים, ווען מיר שטעלן איין פאַר זיך אַ שטייגער, וואָס איז אינגאַנצן איינשטימיק מיט אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלן גלויבן, ווען מיר הייבן אָן צו האָדעווען אונדזערע קינדער אין דער שפּראַך און אין דער קולטור, וואָס מיר זאָגן אַז זי איז אונדזערע, ווען מיר ראַטעווען זיי פון דעם גייסטיקן כף־הקלע, וואָס ליגט אין דער דואַליסטישער דערציונג, וואָס איז ליגנעריש און שעדלעך, דען עס קענען נישט זיין קיין צוויי נשמות, קיין צוויי „איכן” אין איין מענטשן; ווען מיר באַשטימען פאַר זיך, פאַר אונדזערע אייגענע קינדער, אַז פריער מוזן מיר זיי אויסהאָדעווען זייער יידישן „איך” אַ גאַנצן, אַ מאָניסטישן און שפּעטער וועט אָט דער „איך” קענען פאַרדייען אויך פרעמדע קולטור, ווען מיר באַשטימען

פאַר זיך אַליין, אַז מיר זיינען מחויב נישט נאָר צו אדווערטייזן און פּראָפּאַגאַנדירן יידישקייט, נאָר מיר מוזן אַליין אויך מקיים זיין... מיט איין וואָרט — ווען מיר טוען היינט מיט אונדזער יידישקייט ווי עס האָבן די שעפער פון דער יידישער טראַדיציע געטאָן מיט זייער יידישקייט פון אַמאָל, פון די אנשי כנסת הגדולה אָן, — אויב מיר וועלן טאָן אַזוי — איז דער קיום פון יידישקייט געזיכערט, און מיט יידישקייט וועט לעבן דאָס יידנטום, לעבן און גלייבן אין ארץ־ישראל וואָס וועט באַפרייען פון דאַרפן זיך אָנשטרענגען צו זיין א ייד.

ארץ ישראל דאַרף מיגלעך מאַכן די פולע אַנטוויקלונג פון דער יידישקייט וואָס דער גלות האָט געשאַפן. נימצא: אָן דעם גלויבן אין פולער, פרייער יידישקייט אין ארץ־ישראל האָט דער גלות נישט קיין קיום.

אָן דער גאָרער יידישקייט פון גלות איז ארץ ישראל נישט קיין ארץ ישראל.

די ציוניסטן איבן גגלות און אין ארץ ישראל וואָס היטן נישט און זענען מבטל די יידישקייט פון גלות, — זיי גראָבן אונטער די יסו־דות פון ארץ ישראל.

1943

יידישקייט

א גרויסע צרה אין אונדזער לעבן איז דאָס, וואָס מיר קענען זיך נישט צונויפריידן וועגן די יסודותדיקסטע באַגריפן. עס איז ביי אונדז די קללה פון דור הפלגה אפילו ווען מיר ריידן אויף איין שפּראַך. מיר נוצן די זעלביקע ווערטער און אויסדרוקן און יעדער פאַרשטייט זיי גאָר אנדערש.

מיר באַנוצן אַלע זייער אָפט דעם באַגריף „יידישקייט". ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינהאַלט, וואָס מען לייגט אַריין אין דעם באַגריף איז אַ פאַרשיידענער: לויט מיין מיינונג זיינען אין דער פאַרשטעלונג פון די אַמעריקאַנער יידן פאַראַן צוויי „יידישקייטן", פון צוויי פאַרשיידענע טיפּן, און איינער איז לחלוטין אנדערש פון דעם צווייטן. דעריבער איז נייטיק ביים ריידן און שרייבן פון לכתחילה קלאָר צו מאַכן, וואָס פאַר אַ יידישקייט מיר מיינען.

די ערשטע „יידשקייט", די פאַרשפּרייטסטע, האָט בערך אָט אַזאַ לאָגיק: לעולם זיינען מיר איינגלטלעך אַמעריקאַנער, און אַמעריקע איז נישט בלויז אַ לאַנד, וואָס גיט אירע בירגער פרייע מעגלעכקייט צו לעבן און זיך אויסצולעבן לויט זייער שטייגער. ניין, „אַמעריקע" מיינט אויך נאַציע, איין פאָלק, אַ געזעלשאַפט מיט איין באַשטימטן שטייגער פון איין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, וואָס איז אַ חוב פאַר אַלע בירגער. „אַמעריקע" איז אַן אוניפיקאַציע, און אַלע בירגער מוזן לעבן, דענקען און זיך פירן ענלעך. אין גאַנצן לעבן דאַרף נישט און טאָר נישט און קען נישט זיין קיין אונטערשייד צווישן

יידן און אמעריקאנער. איין לאנד, איין נאציע. נאָר היות מיר שטאַ־מען דאָך פון יידן און עס איז נישט אַנשטענדיק צו פארגעסן דעם אַפשטאַם, דעריבער דארפן מיר צו אונדזער אמעריקאנישן לעבן צו־געבן אביסל יידישקייט. דאָס איז צוגאָב־יידישקייט צוליב דער פאר־גאנגענהייט. „די יידישע שול האָט מיך פארבונדן מיט דער וועלט פון מיין באָבען" — האָב איך אמאָל געהערט א רעדע פון א יונגן בחור, וואָס איז אַלעמען שטארק געפעלן געוואָרן. אָט די יידישקייט ווי א הוספה צו אמעריקאַנישקייט קען זיין פון פיר פאָרמען:

א). א רעליגיעזע — זי באשטייט פון טעמפל, סינאַגאָגע, רע־פאָרמירט אָדער נישט. די יידן באַמיען זיך צו זיין פולשטענדיקע אמעריקאנער, וואָס פראווען א גאָטעסדינסט נישט לויטן קאַטוילישן אָדער פראָטעסטאנטישן נוסח, נאָר לויט א כלומרשט יידישן נוסח.

ב). ציוניסטישע הוספה־יידישקייט — „...מיר זיינען דורכויסי־קע אמעריקאנער, אונדזער לעבן־נוסח און שטייגער טאָר זיך נישט אונטערשיידן מיט גאָרנישט פון דעם אמעריקאנישן. און חוץ אונ־דזער פולער אמעריקאנישקייט פראווען מיר זייאָניזם אין קלוב, אויף פארזאמלונגען און מיר טוען זייער גוטע ארבעט.

ג). סאָציאַלע הוספה־יידישקייט — „...אויסער אונדזער אמע־ריקאנישקייט, וואָס מוז זיין גאנץ און פול, שאפן מיר סאָציאַלע און פאָליטישע הילף פאר אונדזערע ברידער „אָווערסים", וואָס זיי לאָזט מען נישט ווערן איינגעגלידערט אין זייער הויפט־נאציע (נישט לאנד, נאָר נאציע), ווי מען לאָזט אונדז ווערן אמעריקאניש.

און צום סוף:

ד). וועלטלעכע הוספה־יידישקייט — „...צו אונדזער אמע־ריקאנישקייט גיבן מיר צו א יידישע צייטונג, בוך, פארזאמלונג וכדומה.

די אַלע יידישקייטן פירן דערציונג־סיסטעמעס פאר קינדער, וואָס זיינען איינשטימיק מיט דער אידעע זייערער. און דער הצד השווה צווישן זיי איז, וואָס ביי זיי אַלעמען איז יידישקייט מערער א קלוב־ענין, מערער א זאַך אויסצולעבן זיך איידער צום לעבן, וואָס איז

און וואָס דאַרף בלייבן אַמעריקאַניש. דאָס שטימט אינגאַנצן מיט דער אַלטער משכּילישער פאָרמולע „יהודי בביתך ואדם בצאתך".
„יידישקייט" איז אַ פּריוואַטע זאַך אָפּגעטיילט פון לעבן, ווי למשל, עס איז די קירך אָפּגעטיילט פון דער מלוכה. דאָס שטימט אינגאַנצן מיט דער אַלטער טעאָריע פון „שמעלץ־טאָפּ." אַט דאָס זיינען די פיר הויפּט פאָרמען פון דער הוספה־יידישקייט — יידישקייט ווי אַ צו־גאָב צו אַמעריקאַנישקייט.

פאַראַן אָבער אַ צווייטער באַגריף פון יידישקייט. פאַר דעם טיפּ יידן איז אַמעריקע אַ פרייע היים פאַר פעלקער און צווישן זיי אויך פאַר דער יידישער נאַציע, וואָס איז נישט ווייניקער נאַציע ווי די ענגלענדער זיינען עס, ווי די דייטשן, איטאַליענער וכדומה. און יידיש־קייט, ווי דייטשישקייט, ענגלישקייט וכדומה איז קודם כל:

א). אַ ספּעציפישע פאָרמע פון גאַנצן לעבן, נישט בלויז פון אויסלעבן זיך. מען קען נישט לעבן ווי ענגלענדער, פראַנצויזן וכדומה און זיין יידן.

ב). אַזאַ יידישקייט מוז זיין פאַרבונדן מיט אַ אידעאַל פאַר דער צוקונפט, מיט אַ גלויבן־פאַרלאַנג, מיט אַ גלויבן־ווילן און שטרעבן צו אַ פולקאָמער גאַנצקייט פון אונדזער ספּעציפישקייט. יידישקייט איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט משיח־שטרעבונגען.

ג). יידישקייט איז אַ באַשטימטע דיסציפּלין אין לעבן, אין דער־ציונג, אין דענקען, אין וועלט־באַנעם. איטלעך פאָלק האָט זיין אָנפי־רונג פון לאַנד וואָס היט די פאָלקס־טראַדיציע. ביי יידן איז נישט־אָ קיין דיסציפּלינירנדיקע מאַכט, ווי ביי די מערהייטס־פעלקער. עס פעלט אויך אַ גלויבן־אַכטונג צום איינענעם קאָלעקטיוו און צום ספּעציפישן קאָלעקטיוון „איך", וואָס זאָל קענען איינהאַלטן די באַזונ־דערע יחידים פון מיטגיין מיט דעם נישט־יידישן הויפּט־שטראָם אין לעבן.

מהאי טעמא קען יידישקייט זיין בלויז אַ וועליקע זעלבסטדיס־ציפּלין. איך, דער און דער, נעם אויף זיך צו פירן זיך אין מיין לעבן

אויף דעם וועג און נישט אנדערש, דאָס און דאָס צו טאָן און נישט צו טאָן אנדערש.

און א לעבנס־דיסציפּלין קען זיין:

א). א רעליגיעזע — פון מצוות און עברות, ווייל אזוי האָט גאָט געבאָטן און ווייל ער באַלוינט און שטראָפט אאז"וו.

ב). א וועלטלעך נאציאָנאלע, וואָס באשטייט ווידער אמאָל פון מצוות און עברות, וואָס מען מוז און מען טאָר נישט, אָבער נישט פאַר גאָט, נאָר פאַר דעם אייגענעם נאציאָנאלן שטרעבן, אומאָפּהענגיק פון וואָסערע עס זאָלן נישט זיין באלוינונגען און שטראָפן אויף דער אָדער יענער וועלט.

ווען מען רעדט, שרייבט, ווען מען דיסקוטירט וועגן יידישקייט, מוז מען קודם כל קלאָר מאכן, וואָס פאַר א יידישקייט מען מיינט, וואָסער טיפּ און פאָרם. אנישט באקומט מען בלויז א פּלאָנטער און א כאאָס. איך רייד תמיד וועגן נאציאָנאַל־וועלטלעכער יידישקייט, וואָס באזירט זיך אויף דריי יסודות:

א). אויף המשכדיקייט און כסדרדיקן אָנוווקס פון יידישער גייסטיקער טראַדיציע און פּאָלקסטימלעכער שטייגערישקייט.

ב). אויף סאָציאַלער קאָאָרדינאציע און סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאָלעקטיווער איינאָרדענונג און

ג). אויף א גלויבן־שטרעבונג אין א וועלטלעכן אידעאַל (נישט יידן צוליב גאָט, נאָר דער יידישער אידעאַל איז אונדזער גאָט) פון נאציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט אין סאָציאַלן און איבערהויפּט אין גייסטיק־פּסיכישן און קולטורעלן זינען. דאָס איז מיין יידישקייט. אלע וואָס פאַרשטייען אנדערש די יידישקייט פאַרשפּאָרן צו פּאָלעמיזירן מיט מיר אָדער דעפינירן מיינע געדאנקען ווי א צוריקקער צו רעליגיעזקייט (מ. יפה אין „הדואר" וכדומה). דאָס איז וועגן „יידישקייט".

איצט לאָמיר נעמען א צווייטן באגריף: „טראַדיציע". דער חשוב־סטער בר סמכא און פוסק אחרון אין אונדזער ליטעראַטור ש. ניגער באשולדיקט מיך („דער טאָג" פון 11־טן מאַי 1941), אז איך באַנוץ ווערטער, וואָס די טראַדיציע האָט פאַר זיי א פאַרהייליקטן

אינהאַלט און איך גיב אין זיי אַריין גאָר אַ צווייטן אינהאַלט. דער חשובֿער ש. ניגער מיינט, אַז „ווערטער זיינען ווערטן" מיט דעם אַלטן אינהאַלט און זיי זיינען ווי „קאַפּירייט" און מען טאָר אין זייער אינהאַלט גאָר נישט פאַרענדערן, נישט צוגעבן, נישט אַראָפּ־נעמען. דעריבער טיילט ש. ניגער אָפּ: „מיר וועלטלעכע יידן" ווי אַ קעגנזאַץ צו „גלייביקע יידן", וואָס די טראַדיציע געהערט צו זיי גאָר.

איז אָט אויך די טענה נעמט זיך גאָר פּשוט פון דעם, וואָס דער אינהאַלט פון די באַגריפן איז פאַר אונדז אַ פאַרשיידענער.

פאַראַן טראַדיציע און טראַדיציע. פאַר אייניקע איז דער אינ־האַלט פון טראַדיציע קאָנסערווירט, פיקסירט און טאָר זיך נישט ענדערן. און פאַראַן אַזוינע, וואָס טראַדיציע מיינט פאַר זיי אַ כסדר־דיק אָנוואקסן פון נייע און נייע אינהאַלטן, ווי עס איז אייביק און „טראַדיציאָנעל" אַ טייך, כאָטש זיינע וואַסערן זיינען תמיד פרישע (ברייטער וועגן דעם אין דריטן באַנד „שריפטן", „וואָס איז אַזוינס יידישע טראַדיציע"). ניגער האָט אין זינען אַ קאָנסערוואַטי־ווע טראַדיציע, איך — אַ פּראָגרעסיווע. איך האַלט, אַז די גאַנצע יידישע קולטור־געשיכטע איז אַ קאַמף צווישן די צוויי באַגריפן פון טראַדיציע: „אַן אויג פאַר אַן אויג" איז „קאַפּירייט" ווי עס שטייט. אָדער — „מיר צעשטערן אַ תורה און זיינען זי מקיים דערמיט" און מיר טייטשן גאָר אויס „געלט פאַר אַן אויג". וואָלט אין דער יידישער געשיכטע געזיגט ניגערס צוגאַנג צו טראַדיציע, וואָלט שוין לאַנג אויף דער וועלט קיין יידישע טראַדיציע נישט געווען און אויך נישט קיין — יידישקייט און ייִדיש פאָלק. ניגערס פאַרשטעלונג וועגן טראַ־דיציע איז אַ פרעמדע, נישט קיין יידישע און איז אין יסוד קעגן דער יידישער־טראַדיציע. ניגערס צוגאַנג איז דער צוגאַנג פון די אַמאָ־ליקע צדוקים.

אויך וועגן וועלטלעכקייט. פאַר ניגערן איז „וועלטלעכקייט" אַ קעגנזאַץ פון גלויבן און פון טראַדיציע, פאַר מיר איז וועלטלעכ־קייט בשום אופן נישט קיין קעגנזאַץ נישט צו גלויבן, נישט צו טראַ־דיציע. „וועלטלעכע יידישקייט" באַטייט גלויבן אין יידישע אינהאַל־

טן, ספּעציפישקייטן, אידעאַלן פון „לעתיד לבוא", און מקיים זיין „מצוות" פאַר דעם אידעאַל; שטעלן העכער די אינטערעסן פון כלל פאַר די אינטערעסן פון פּרט און דאָס אַלץ אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון פערזענלעכע שטראָפן און לוינען אין גיהנום אָדער גן־עדן. וועלט־לעכע יידן גלייבן אין נאַציאָנאַלן ווערט פון יידישער טראַדיציע און זיי באַמיען זיך צו בויען פאַר איר המשך זיכערע און רויקע לעבנס־מעגלעכקייטן.

וועלטלעכע יידן גלייבן און האַלטן טייער (אפילו הייליק) יידישע קולטור־ווערטן, כאָטש זיי זיינען נישט געגעבן געוואָרן פון הימל, און זיי שעצן זיי און גלייבן אין די שעפערישע כוחות פון פאָלק, וואָס האָט די אַלע ווערטן געשאַפן.

רעליגיעזע יידן גלייבן אין א גאָט איבער דעם פאָלק און אויסער דעם פאָלק, און דער לעצטער איז בלויז מחויב צו פאָלגן. וועלטלעכע יידן גלייבן אין פאָלק, אין זיין לעבן, אין זיין שאַפן און אין זיין גייסט, וואָס ער איז די „שכינה" פון פאָלק. „גלויבן" און „רעליגיע" זיינען באַזונדערע זאַכן. רעליגיע איז תמיד פאַרבונדן מיט גאָט, מיט אַ פילאָסאָפישער סיסטעם וועגן עפּעס, וואָס איז אויסער דעם מענטשן. גלויבנס קענען זיין ווי רעליגיעזע אַזוי אויך וועלטלעכע: — האָבן און געטריי דינען צו אידעאַלן, שטרעבונגען אָן א וואָסער עס איז שייכות צו אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט, וואָס „הייסט" מיר צו גוטן טאָן.

„וועלטלעכע" יידן, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן, וואָס ווילן נישט האָבן קיין שייכות צו טראַדיציע, זיינען נישט קיין וועלטלעכע, נאָר הפקרדיקע יידן. און בכן — עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן די רייד פון פריינד ניגער און מיין ווינציקייט. עס איז בלויז א מים־פאַרשטיין: מיר נוצן די זעלביקע ווערטער אָבער גאָר אַנדערע אינ־האַלטן אין די באַגריפן.

דאָס זעלביקע איז אויך שייך צו „אהבת ישראל". פאַראַן ליבע און פאַראַן „דערקלערטע" ליבע. בלעם האָט זיך דערקלערט יידן אין ליבע. משה רבינו און כמעט אַלע נביאים האָבן פאַרקערט געמוסרט,

געשטראָפט, געגאָסן תוכחות אויף יידן. וויפל אַזוינע ליבע־דערקלע־רונגען אָלאָ בלעמס האָבן יידן שוין נישט צעפּויקט?

טאָ ווו איז דער אָביעקטיווער סימן פון אמתער ליבע און שינ־אה? — נאָך אין תלמוד איז אָנגעגעבן דער סימן: מען דאַרף זען און משפטן לויט די רעזולטאַטן דורך דורות: בלעמס תלמידים *) און להבדיל אברהם אָבינוס תלמידים. עס גייט מיר נישט צי ביאָגראפיש האָט דער ייד ר׳ שלום ראַביאָנאָוויטש ליב געהאַט, צי נישט ליב געהאַט יידן. עס גייט מיר אין דעם, וואָס יידישע יוגנט צי אין פּוילן, צי אין רוסלאַנד, צי אין ארץ־ישראל, צי אין אמעריקע, וואָס לעבן זיך אריין אין שלום עליכמס ווערק, קריגן ליב זיינע טיפּן, קריגן ליב די קליינע „מענטשעלעך מיט די קליינע השגות". דאָס קען איך נישט זאָגן וועגן סיינע משכילים. מענדעלסאָן האָט פּערזענלעך פיינד געהאַט משומ־דים. אָביעקטיוו־געשיכטלעך אָבער האָט ער געהאָדעוועט שינאת יש־ראל און געפירט צו שמד ביי זיינע קינדער און תלמידים. סוביעק־טיוו, מיטן באוווסטזיין זיינען מענדעלסאָן און אַלע משכילים געווען אוהבי ישראל. אָביעקטיוו האָבן זיי געפלאַנצט און געהאָדעוועט שינ־את ישראל. עס איז געווען א מאָדערנער „בלעמיזם", ס׳זיינען ברכות וואָס ווערן קללות.

און דאָ וועל איך אויסזאָגן א ביטערן סוד: ווי א לערער, א דער־ציער פון יוגנט זוך איך אין דער רייכער יידישער ליטעראַטור ווערק, וואָס זאָלן איינפלאַנצן אין דער יוגנט אהבת ישראל, וואָס זאָלן אין דער יוגנט פאַרזייען זאָמען פון יידישע געדאַנקען, געפילן און גלייי־בונגען, יידישע האָפענונגען און מאָטיקייטן, — איך זוך און איך גע־פין נישט געגוג, נישט גענוג פאַר א גוטער יידישער דערציונג. יחי־דישע, אינדיווידועלע פּאָעזיע, וואָס מען זאָל זי לערנען אפילו צוואַנ־ציק יאָר, וועט זי די תלמידים נישט נעענטער מאַכן צו דער נשמה פון פאָלק — צוליב וואָס זאָל מען אַזאַ ליטעראַטור לערנען? — זאָל

*) מיט דעם נאָמען בלעם האָט מען אין גמרא גערופן דעם שעפער פון קריסטלעכן גלויבן.

זיך די יוגנט פּאַרווײַלן אויף יידיש? — פון אַזאַ יידישקייט, פון אַזאַ יידישער ליטעראַטור האַלט איך נישט. די אַלטע רוימער פלעגן עס זאָגן: נישט קיין סך, נאָר דאָס פולע. אין דעם אוצר פון דעם פאָלקס קולטור, וואָס אויף איר דאַרפן דורות וואַקסן, דאַרף אַרײַנקומען בלויז דאָס, וואָס עס איז אַ רינג אין דער „גאָלדענער קייט".

זוך איך אין דער וועלטלעכער יידישער קולטור, וואָס מען זאָל קענען אָנרופן גלויבן, און איך געפין נישט. איך געפין דאָרטן חכמה, פּקחות, פיינעם יידישן סטיל און וויסן, איך געפין מבינות אויף אַלץ, וואָס טוט זיך ביי יידן. שופטים זיצן און משפּטן, שאַצן אָפּ, קריטיקירן מיט פאַרשטאַנד און געניטקייט אַלץ אין יידישן לעבן, וואָס מען „הייסט גוט" און וואָס נישט. דאָס אַלץ געפין איך באמת אין די שרייבערייען פון אונדזערע שרייבער און איך שעפּ פון דעם „פולע הויפנס", איך לערן זיך אַ סך פון דעם, אָבער קיין גלויבן געפין איך נישט דאָ. און אַז „רבי האָט נישט געלערנט, טאָ ווו זאָל איס חיא געמען?" און וואונדער איבער וואונדער. ווי אָפט עס ווערט גוט גע־הייסן אַלץ, וואָס עס טוען נישט־יידישע יידן און ווי ווייניק גוטס אונדזערע יידישע שרייבער געפינען אין די טואונגען, מעשים און גע־דאַנקען פון די יידישע יידן. אויף יענע יידן קוקט אונדזער שרייבער־טום מיט דרך־ארץ און עס שאָקלט זיך דער קאָפּ אויף „יאָ". אויף יידישע יידן קוקט עס זיך גאָר אַנדערש און דער קאָפּ גייט שוין ווי פון זיך אויף לינקס און רעכטס „ניין, ניין, נישט אַזוי". אָבער זאָל אָט דער וואונדער בלייבן נישט פאַרענטפערט — נישט אין אים גייט עס איצט. און זאָל מען מיך נישט אויסטייטשן פאַלש, אַז איך פאַר־לאַנג פון יידישע שרייבער, זיי זאָלן נאָר טאָן און פּראָפּאַגאַנדירן יידישקייט (ש. ניגער אין „טאָג" פון זונטאָג, דעם 27־טן יולי 1941). נישט דרויסנדיקע פּראָפּאַגאַנדע און „אַדווערטייזינג" פעלט דער יידי־שער ליטעראַטור, נאָר אַן אינעווייניקסטע צענטראַלע אידעע, אַ צענ־טראַלער לייט־מאָטיוו, עס פעלט אַ גלויבן, די נשמה פון גוף פעלט. עס פעלט אַן אַלגעמיינער, שטענדיקער, אַ צענטראַלער „לשם־יחוד", אַ ציל, אַ ריכטונג, וווהין פירט זי? צו וואָס שטרעבט זי? וואָס

א. גאָלאָמב

פאַר אַ יידישן אידעאַל באַמיט זי זיך דורכצופירן אין יידישן לעבן? וואָס פאַר אַ געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע שטרעבונג פאַרבינדט אַלע די, וואָס שרייבן אין יידיש צו יידן? וואו איז אָט דער אַלגעמיינער גלויבן, וואָס דאַרף פון די אַלע שרייבער מאַכן אַ שרייבערטום, און פון שריפטן מאַכן איין ליטעראַטור?

ווער נאָך ווי אַן אויטאָריטעטער ליטעראַטור־קריטיקער דאַרף וויסן אונטערצושיידן צווישן דעם באַגריף "לייט־מאָטיוו" פון אַ ווערק און „טענדענץ", אגיטאַציע וכד׳.

אויב יידן זיינען איין גאַנץ פאָלק, אויב אַלע שרייבונגען, וואָס יידן־שרייבער שאַפן, דאַרפן צוזאַמענשטעלן איין געמיינזאַמע ליטע־ראַטור פון דעם יידישן פאָלק אין דער געגעבענער תקופה, אויב דאָס איז אַזוי — דאַרף דורך אַלע ווערק פון אָט דער ליטעראַטור דורכגיין איין געמיינזאַמע אידעע, געפיל, איין געמיינזאַמער לייט־מאָטיוו, וואָס אין אים הילכט אָפּ אַ בת־קול פון פאָלקס נשמה.

הער איך אָט אַזאַ אָטעם פון פאָלק אין דער גאַנצער רוסישער לי־טעראַטור. אָט אַזוי רעדט אַ פאָלק דורך זיין ליטעראַטור, דער גייסט פון פאָלק, דאָס פאָלק „של מעלה" רעדט אַרויס זיין נשמה צו דער וועלט, צו דורות דורך דער ליטעראַטור, און בלויז דאָ ליגט דער זכות הקיום פון איטלעכער ליטעראַטור. זוך איך אָט דעם בת־קול פון אונדזער פאָלק אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, זוך איך די שטומע, פיל פילנדיקע נשמה פון שטומען פאָלק אויסגעהאַמערט אין ווערטער פון דעם פאָלקס קינסטלער, און געפין נישט. זוך דאָס בענ־קען און וואַרטן, דעם גלויבן פון כלל יידן, און איך געפין — באַ־זונדערע, באַזונדערע יחידישע נשמות, פאַרלאַנגען, אָבער נישט קיין פאָלקס־פאַרלאַנג און גלויבן.

איז די פראַגע: זיינען מיר באַזונדערע יחידים פון איין אָפּשטאַם, און מער ווי דאָס פאַרבינדט אונדז נישט, אָדער מיר זיינען איין פאָלק מיט שטאַרקער „אחדות היידישקייט" אין אונדזער גייסט, אין אונדזע־רע באַגריפן און פאָרשטעלונגען. אָט דער „אחדות היידישקייט" איז עס דער „אחד" וואָס נאָר מיט זיין כוח האַלט זיך די אייביקייט פון אונ־דזער קיום.

1941

נאָר נישט צעטומלט

לייענט מען אלץ, וואָס מען שרייבט ביי אונדז לעצטנס, קומט מיר אויס, אז צען מאָס צעטומלטקייט זיינען אראָפּ אויף דער וועלט האָבן מיר פון דעם גענומען גאנצע ניין מאָס. גאָר לעצטנס האָבן א סך וועלטלעכע שרייבער אָנגעהויבן שרייבן מיט א טערמינאָלאָגיע פון אגודת ישראל, ווי די פּראָבלעם פון יידישקייט וואָלט געווען א רעליגיעז־טעאָלאָגישע. איינער קומט און ווענדט זיך צו גאָט מעשה גוטער ברודער: ביז איצט זיינען מיר געווען צעקריגט, לאָמיר איצט ווערן חבר־לאַווער. א צווייטער פארגלאָצט די אויגן און מיט א פּעדער, וואָס איז נאָך נישט אויסגעטריקנט פון דעם קעמפערישן אנטי־רעליגיעזן טינט, שלאָגט ער זיך על חטא פאר ג׳, וואָס ער האָט שוין מורא אָנצושרייבן דעם גאנצן וואָרט גאָט. א דריטער קומט מיט א פּראָיעקט פון א רעליגיעזער רעפאָרם, וואָס דערמאָנט שטארק דעם אַלטן אפּיקורסישן ראָמאַן „הדת והחיים”, א פערטער שטעלט יידישקייט איינגאנצן אויף עטיק און ער כאַפּט זיך נישט, אז — אמת, אין יידישקייט איז פאראַן זייער פיל עטיק, אָבער לגמרי נישט אלץ, וואָס איז עטיש, איז שוין במילא אויך יידיש. מיט איין וואָרט — מיר זיינען צעטומלט, מיר דרייען זיך אין א גרויסן צעפּלאָנטערטן קנויל. און אז מיר זיינען שוין מיד געוואָרן, איז ביי אונדז א שטימונג: „לאָמיר אָנהייבן פון אָנהייב”. פון אזא צוגאנג קען קיין גוטס נישט ארויסקומען און דער פּלאָנטער בלייבט פּלאָנטער ווי געווען.

פאַרוואָס אַזאַ צעטומלטקייט? פון וואַנען אָט די אומפעיִקייט אַרויס־צופּלאָנטערן זיך פון דעם פּלאָנטער?

דאָס קומט נישט פון אַן אָביעקטיוו שווערער סיטואַציע. עס איז דערפאַר, וואָס מיר זיינען נישט געוווינט צו דענקען אַליין פאַר זיך. אונדזער דענקען באַשטייט נישט אין דעם, וואָס מיר אָריענטירן זיך אין אונדזערע איבערלעבונגען און געפינען די נייטיקע פאָרמולירונ־גען זיי אויסצודריקן. ניין, מיר זוכן פאַרטיקע פאָרמולעס, וואָס יאָלן ווי עס איז פּאַסן צו אונדזערע סיטואַציעס. אַזאַ דענקען איז געגליכן צו אַ בגד, וואָס מען בייט אָפּט לויט דעם סעזאָן און עס איז נישט קיין אָרגאַניש וואַקסן פון די אינעוווייניקסטע סטימולן, פון אונדז גופא. און אַזוי ווי אין די גרויסע „דעפּאַרטאַמענט־סטאָרן" פון גע־דאַנקען זיינען לגמרי נישט צו געפינען קיין גרייטע, פאַרטיקע געדאַנ־קען צוגעפּאַסטע צו אונדזערע איבערלעבונגען, מאַטערן מיר זיך מיט די געבאָרגטע געדאַנקען און מיר קענען זיך נישט צופרידן שטעלן.

לאָמיר אָבער פּראָבירן זיך אַליין אויפקלערן, וואָס עס מאַטערט אונדז? קלאָר, אַז עס גייט אונדז נישט וועגן רעליגיעז־טעאָלאָגישע פּראָבלעמעס וועגן עקסיסטענץ פון גאָט. ערשטנס, גלייבן נישט די, וואָס ריידן איצט וועגן גאָט אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער רע־ליגיע, זיי גלייבן נישט אין השגחה פרטית, אין געטלעכן אָפּשטאַם פון די מצוות און עברות, אין השארת הנפש, אין שכר ועונש, אין גן־עדן און גיהנום אאַ"וו. אַזוי אַרום פעלט דאָ די גאַנצע סיסטעם פון דער רעליגיע. און נישט דאָס, וואָס די מענטשן זיינען ליגנער. חס ושלום, זיי האָבן אַ בענקעניש צו גאָט, דאַכט זיך זיי, אַז זיי האָבן אַ גאָט, ווילן זיי זיך איינריידן אַ גאָט אין האַרצן. האָט מען זיך אָנ־געכאַפּט אָן דער גאָט־פאָרמולע, ווייל קיין בעסערס האָט מען נישט געפונען. צווייטנס, דאַרפן מיר בכלל לאָזן די גאָט־פּראָבלעם און זיך אָפּגעבן מיט דער יידן־פּראָבלעם, ווייל זי שטייט ביי אונדז אויפן סדר־היום. און די פראַגע באַשטייט אין דעם: ווי קענען מיר אַ וועלט מיט יידן לעבן צווישן פעלקער היינט און ווייטער, ווי קענען מיר בויען

אונדזער קיום אויף דער וועלט. איז דאָס אַ פּראָבלעם אַ וועלטלעכע וועגן יידן, נישט וועגן גאָט.

כדי צו לעבן, דאַרף מען האָבן כוחות. כוחות זיינען פיזישע אָדער גייסטיקע. פיזישע כוחות באַשטייען פון רייכטימער, מיליטער, לענדערייען, מאַשינעס, געווער וכדומה. מאָראַלישע כוחות זיינען אין די מענטשן גופא. דאָס זיינען פאַרעקשנטער ווילן, אויסגעהאַלטנקייט, אויסדויער, קעגנזייטיקער צוטרוי און גלויבן, קאָנקרעט שטרעבן צו אַ געמיינזאַמען און באַשטימטן אידעאַל, מוט, וואָס דערשרעקט זיך נישט, ווען דער אידעאַל רוקט זיך אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער, אַ זיכערקייט, אַז אַלע אָנשטרענגונגען זיינען כדאי און דער, וואָס מאַכט די אָנשטרענגונגען, איז שוין דערמיט אַליין באַלוינט און באַפרידיקט, דערהויבן און שטאַרק. אָט דער סכום איבערלעבונגען — זיי זיינען די אינעווייניקסטע כוחות און זיי טראָגן דעם נאָמען גלויבן. ווען זיי געהערן צו אַ סך מענטשן געמיינזאַם, ווערן זיי אַ קאָלעקטיווער גלויבן פון אַ ציבור. ביי אַ פאָלק — אַ נאַציאָנאַלער גלויבן.

אונדז אַלעמען האָט איצט איבערגעשראָקן דער פולער באַנקראָט פון דעם געטרוימטן אינפילטראַציע־לעבן. הונדערט פופציק יאָר האָבן יידן געגלויבט און געוואָלט גלויבן, אַז סוף כל סוף וועלן יידן זיך קענען איינאָרדענען ווי יחידים צווישן די בירגער פון אַלע לענדער פון דער וועלט. יידישקייט איז אַ זאַך פון אָפּשטאַם, אָבער נישט קיין ענין פאַר דער צוקונפט. יידן — מהיכא תיתי, אָבער נאָר נישט קיין יידנטום, קיין אָרגאַניזירטע פאַרזיכיקע סאָציאַל־פּאָליטישע איינס, אַ פּאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער צוגלייך. דאָס נישט. האָבן יידן די גאַנצע צייט געוואָלט גלייבן אין דער איינהייטלעכקייט פון לענדער: — ווי פיל פּאָליטישע לענדער־איינסן עס זיינען פאַראַן, אַזוי פיל נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן דאַרפן זיין. און אומעטום, אין אַלע לענדער, האָבן יידן די ערשטע געטראָגן צום מזבח פון מלוכה־נאַציע־גלויבן זייער יידישקייט צום פאַרברענען. און איצט האָבן מיר אַלע דערזען, דערשפּירט, דערפילט מיט אַלע חושים, אַז אָט דער גלויבן איז לגמרי באַנקראָט. אינסטינקטיוו האָבן מיר אַלע שוין דעם גע־

פיל, אז די וועלט גייט אַלץ מער און מער אריבער צו א פּאַרטיילונג אויף נאַציאָנאַלע איינסן, צו מאָנאָנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, און אַז מיר יידן וועלן מוזן זיך איינאָרדענען אויף דער וועלט, ווי אַזאַ נאַציאָנאַלע איינס, קיינער וויל נישט מער און קיינער וועט נישט מער פאַרטראָגן אונדזער אינפילטראַציע. מיר זיינען געגליכן צו א זאַלץ, וואָס האָט זיך נידיק צעלאָזט אין אַלערליי פליסיקייטן און איצט איז געקומען די צייט, ווען די פליסיקייטן זעצן אָפּ, שיידן ארויס די זאַלץ צוריק. האָט עס אונדז צעטומלט און דערשראָקן.

זיינען פאַראַן צוויי וועגן, צוויי ריכטונגען ארויסצוגיין פון אַט דעם פּלאָנטער: איינער איז אַן אַלטער — לאָמיר זוכן מיט אַלע מיטלען אָנצוהאַלטן די אָפּגעשוואַכטע אינפילטראַציע. דער צווייטער איז אַ פּאַרקערטער: לאָמיר זיך אָפּזאָגן פון דער אינפליטראַציע־טראַדיציע און בויען פאַר זיך אַן אייגענע פּאַרזיכיקע קערפּערשאַפט. „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" האָט עס מיט במעט זעכציק יאָר צוריק אָנגערופן פּינסקער.

צוליב איניקע סיבות, וואָס האָבן א שייכות צו דעם יידישן כאַראַקטער, ווילן יידן בשום אופן זיך נישט געזעגענען מיט דער אינפילטראַציע־שטרעבונג; עס ציט זיי צו איר ווי פלאַטערלעך צום פייער, באַטש עס פאַרברענט זיי; באַטש מ'דאַרף לגמרי נישט זיין קיין נביא, כדי צו זען, אַז אפילו אין די „גליקלעכע לענדער", ווו דער אינפילטראַציע אידעאַל קען נאָך מקוים ווערן, איז עס אויך נאָר א פראַגע פון צייט: ווי לאַנג וועלן יידן קענען אָנהאַלטן אַט דעם „גן־עדן". ווי שאַרף בלוטיק דאָס איז נישט באַרן געפיל, דאָך ווילן עס די יידן פאַרטרייבן פון באַוווסטזיין. במילא ווערט דער פּלאָנטער נאָך שטאַרקער. על פי רוב נעמט דער אינפילטראַציע דראַנג אָן די טערמינאָלאָגיע פון אַנדערע ריכטונגען, כדי צו פאַרדעקן די שאַנדע און פאַרטויבן דעם אינעווייניקסטן פּלאָנטער. דאַרף מען אָפּט פאַרמאָגן א חוש הריח פון פרצעם יוחנן וואַסערטרעגער, כדי צו דערשפּירן דעם אונטערשייד צווישן די ריכטונגען. באַר אַט דער ערשטער ריכטונג

עקזיסטירן בלויז יידן, מיליאָנען יידן, וואָס מען לאָזט זיי נישט פאַר־געסן, אַז זיי זיינען יידן; זיי ווילן אָבער נישט וויסן בשום אופן פון אַ יידנטום.

די צווייטע ריכטונג איז נישט אין פאַרגלייך שוואַכער. אַ קליינע מינדערהייט פילט דעם פולן טעם פון אַ גאַנצן אייגענעם לעבן פאַר זיך, בלויז אַ מינדערהייט בענקט באמת פון גאַנצן האַרצן זיך צו באַפריי־ען פון אַלע פרעמדע נאָרמעס און פאָרמעס פון לעבן, זייער ווייניק יידן האָבן דעם פולן נאָרמאַלן באַגער צו אייגנס אין זיך און אין זייער לעבן. דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט דעם גרויסן גייסטיקן פּלאָנטער, וואָס מיר לעבן איצט איבער.

לאָמיר פּראָבירן זיך אַרויספּלאָנטערן. די ערשטע ריכטונג וועלן מיר אינגאַנצן לאָזן. אין אַלע אירע געשטאַלטן און פאַרמאַסקירונגען פירט זי נישט צום לעבן. דאָס איז דער באַגער פון מענטשן־בעטלער, וואָס ווילן לעבן מיטן כוח פון פרעמדע נדבות. זייער גורל האָט נאָך ביאַליק פאָרויסגעזען מיט אַ סך יאָרן צוריק אין זיין תוכחה, אין „דאָס לעצטע וואָרט".

די ריכטיקע פאָרמולע פון דער צווייטער ריכטונג וועט זיין בערך אַזאַ:

א) די פּראָבלעם פון יידן קען געלייזט ווערן נאָר מיט דער ליי־זונג פון דער יידנטום־פּראָבלעם. בלויז אין אַ יידנטום, אָרגאַניזירט פאַר זיך ווי אַ באַזונדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע קער־פּערשאַפט קענען געפינען יידן אַן אָרט צו לעבן אויף דער וועלט פון מאָרגן. אויב היינט איז עס נאָך נישט קלאָר פאַר אַלעמען, וועט עס ווערן נאָך דער מלחמה ווייטאָגדיק קלאָר און בולט פאַר אַלע, וואָס ווילן נאָך איצט דעם אמת נישט זען. שוין איצט זיינען יידן אפילו אין אַמעריקע אין גאָר אַן אַנדער סיטואַציע איידער אַנדערע פעלקער. קיינער זאָרגט נישט אַזוי וועגן אַ גוטן ווילן צו זיך ווי יידן, קיינער ציטערט נישט אַזוי, גיט נישט אויס אַזוי פיל געלט און ענערגיע אונטערצוהאַלטן גוט־פריינדשאַפט, קיין שום אַנדער פאָלק באַמיט זיך נישט אַרויסצווייזן זיין געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט און פּאַטריאָ־

טיזם, ווי דאָס טוען יידן, אונטערשטרייכנדיק מיט דעם נישט ווילנ־דיק, אַז יידן דאַרפן באַזונדער פאָדערונגען זיך זייער רעכט צו לעבן מיט אַלעמען גלייך. מיט איטלעכן טאָג ווערט עס קלאָרער און בולטער, אַז יידן וועלן קענען לעבן בלויז אין ראַמען פון אַן אָרגאַניזירטן יידנטום.

ב) יידנטום איז נישט קיין פראַגע פון סתם צאָלן: אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן שאַפן אַ יידנטום. ניין! די גרעסטע מאַסן טרוקענע זעמ־דעלעך בילדן נישט קיין מאַסיוו און אַפילו צענדליקער מיליאָנען יידן קענען קיין יידנטום נישט אויסבילדן כּל זמן עס איז צווישן די באַזונדערע יחידים נישטאָ קיין קעגנזייטיקע באַהעפטונג און צוזאַ־מענהאַלטונג.

ג) אָט די כּוחות, וואָס בלויז זיי בינדן צונויף באַזונדערע יחידים יידן אין איין נאַציאָנאַלן גוף, רופן זיך אָן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען יידישקייט. יידישקייט באַשטייט פון פאַרשיידענע פליכטן, וואָס איטלעכער יידישער יחיד דאַרף אויספירן אין די אינטערעסן פון דעם כּלל, פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט פאַר דער גרינגער און פולקומער דורכפירונג פון אָט די פליכטן און פאַר דער מער בולטער אָפּטיילונג פון יידן פון צווישן זייערע שכנים. אַזוי אויך איז יידישקייט אַ גאַנצער סכום נאָרמעס און געוווינהייטן אין שטייגער פון לעבן. אָט די חובות פון יידישן יחיד לגבי דעם כּלל — זיי זיינען דאָס די מצוות און עבירות פון פאָלק. זיי זיינען די פאַק־טאָרן, וואָס טיילן אויס די יידן צו אַ באַזונדערן פאָלק און זיי מאַכן דאָס, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל שטראָמען מיט זיין אייגענעם וועג און גאַנג. זיי זיינען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון יידישקייט. זיי דערציען, האָדעווען אויס יידן, זיי דיסציפּלינירן, און אין דער נאַציאָ־נאַלער דיסציפּלין ליגט דער ערשטער מקור פון כּוח בייצושטיין אַלע שוועריקייטן אין לעבן. די מצוות זיינען ביי יידן פון לכתחילה געווען די פליכטן פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. שפּעטער ערשט האָבן זיי באַקומען די סאַנקציע פון רעליגיע. אַזוי אַרום איז די יידישע רעלי־גיע אין תּוך אַריין אַנדערש פון אַלע אַנדערע רעליגיעס. זי איז דעם

פאָלקס טראַדיציע און שטייגער, וואָס זיינען פאַרהייליקט געוואָרן. צוזאַמען מיט די לעבנס־פאָרמען האָבן זיך אויך געביטן די מצוות, אָבער אַלע מאָל האָבן זיי ווי אויך די סיגים און גדרים געהאַט איין אויפגאַבע — אָפּצושיידן יידן פון נישט־יידן. דער עיקר און דער אַל־געמיינער זינען פון אַלע מצוות איז תמיד געווען: „איר זאָלט זיך אָפּשיידן" און „איר זאָלט נישט גיין אין די וועגן פון אַנדערע פעל־קער". ביי קיין שום אַנדער אייראָפּעיש פאָלק האָט נישט די רעליגיע אַזאַ נאַציאָנאַלן גענעזים און אַזאַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. בכן קען מען לגמרי נישט ריידן וועגן דער יידישער רעליגיע אין די געוויינטלע־כע קאַטעגאָריעס פאַר רעליגיעס בכלל. אמת, אַלע פעלקער האָבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן שטייגער און דיסציפּלין. זיי באַשטייען ביי אַלע־מען פון שפּראַך, זיטן, מנהגים, יום־טובים, דערציונג און פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. אָבער ביי קיין פאָלק איז דאָס אַלץ נישט פאַרבונדן מיט רעליגיע. די לעצטע איז פאַר אַלע אַנדערע פעלקער אַ פרעמדער צוגאָב צום לעבן, צו זייער נאַציאָנאַלן אינהאַלט. בלויז ביי יידן איז די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין געוואָרן די רעליגיע.

בלויז די יידן, וואָס טראָגן אַזאַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין (לויט דער אַלטער טערמינאָלאָגיע — אַ „עול פון תורה און מצוות"), וועלן קענען בילדן אַ סאָציאַל־קולטורעלע קערפּערשאַפט, אַ פאָלק פאַר זיך און אויך ווערן אַ סוביעקט פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און רע־גולאַציעס. אָן אַזאַ דיסציפּלין קען נישט זיין קיין יידישקייט, קען נישט זיין קיין יידנטום. און אָן אַזאַ אָרגאַניזירטן יידנטום בלייבן יידן, וויפל מיליאָנען זיי זאָלן נישט זיין, בלויז אַן אָביעקט פון סאָ־ציאַל־פּאָליטישן לעבן. קיינמאָל נישט — קיין סוביעקט. מיט אַנדערע ווערטער: נישט קיין גלייכער גליד אין דער פעלקער־משפּחה, וואָס וועט זיך מוזן ווען עס איז אויסקריסטאַליזירן אויף דער וועלט, נאָר יידן וועלן בלויז בלייבן אַ פוטבאָל־פּילקע געשליידערט צו ווערן פון פרעמדע פיס לויט דעם גאַנג פון שפּיל. און נאָך אַמאָל, און זאָל עס ריכטיק אויפגענומען ווערן: די ראָלע פון דער נאַציאָנאַלער דיסצי־פּלין איז מערער און זי דאַרף זיין מערער אַ פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישע:

זי האָדעוועט אוים געטרייע קינדער פון פאָלק, ד"ה אזוינע מענטשן, וואָס סובאָרדינירן זייערע פּריוואטע אינטערעסן צו די אינטערעסן פון כלל, פון פאָלק. אָן אזא סובאָרדינירונג קען נישט זיין קיין שום קאָלעקטיווי לעבן, קיין קאָלעקטיווער טרעגער פון אינטערנאציאָנאלע רעכט און חובות.

אָט אזא איז די שייכות צווישן ייד, יידישקייט און יידנטום.

ד) ווי פּאסט זיך אָבער דאָ אריין וועלטלעכקייט אין אונדזער פאָרמולע אריין? — פאראן צוויי וועלטלעכקייטן: איינע באשטייט אין דעם, וואָס זי אָנערקענט דעם ריין נאציאָנאלן ווערט און זינען פון דער גאנצער יידישער טראדיציע און שטייגער. זי זעט אין דעם אלעם נישט קיין רעליגיעז־טעאָלאָגישן מקור, זי אָנערקענט אין דער גאנצער רעליגיעז־סאנקציאָנירטער טראדיציע און לעבנס־פיר נישט קיין האנדל מיט גן־עדן אָדער גהינום, קיין פריוואטן שכר ועונש אאז"וו, נאָר זי נעמט עס אלץ אָן ווי א פּראָדוקט און פאקטאָר פון פאָלקס־לעבן. און ווי אזוינע פירט זי ווייטער אין לעבן. אָט די וועלטלעכקייט זאָגט זיך נישט אָפּ פון גאָרנישט, וואָס עס איז געווען און געבליבן אין יידישן לעבן. זי נעמט עס אָן פאר דעם פאָלקס קול־טור־אוצר, וואָס פון אים שמעלצט זי איבער נייע און נייע ווערטן אין איר געשטאלט און פורעם. מיר נוצן עס ווייטער און ווייטער, נישט כדי צו פארדינען גן־עדן, נאָר ווייל מיר ווילן איינהיטן די קאָ־לעקטיווע געוויינהייטן פון אונדזער איך. מיר זעען אין דעם אלעם יידישע אייגנטימלעכקייט און מיר זאָגן זיך פון דעם נישט אָפּ, אויב אפילו דאָס פאָלק האָט אין דעם געזען רעליגיע. בעסער דעם פאָלקס נארישקייטן איידער די חכמות פון אן אָפּגעריסענעם. אָט די פאָלקס־טימלעך־וועלטלעכע ריכטונג האלט פון שבת און יום־טוב ווי פון נאַ־ציאָנאלן שטייגער און ווי פון א נאציאָנאלער זעלבסט־דיסציפּלין. קלאָר, דאָ גייט נישט וועגן אָפּהיטן אלע מצוות פון שולחן־ערוך. אזוי־נע פאָלקסטימלעך־וועלטלעכע יידן קענען אויסנוצן אפילו דעם גאנצן בית־מדרש, תפילות וכדומה, איבערבויענדיק פון דעם ווערטן פאר זייער וועלטלעך־נאציאָנאלן גלויבן.

אויף וויפל אַט די פֿאָלקס־מינהגים קענען זיין וויכטיק ריין וועלטלעך, נאַציאָנאַל קען זיין קלאָר שוין פון דעם אליין, וואָס אין א סביבה, ווו יידן היטן שבת איז נישט אין אן ערך גרינגער אויסצו־האָדעווען וועלטלעכע פּעסטע און אויסגעהאַלטענע קעמפער פאר יידישע רעכט און יידישע אינטערעסן איידער אין א סביבה, ווו מען היט נישט אָפּ קיין שבת. די טראַדיציאָנעלע דיסציפּלין איז דאָס בעסטע מיטל אויסצוהאָדעווען דיסציפּלינירטע יידן. — נאַציאָנאַל וועלטלעכע יידן האָבן א גלויבן אין א יידישער פאַרזיכיקער צוקונפט, אן אידעאַל. איטלעכער אידעאַל־גלויבן מוז זיך אָפּשפּיגלען אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון יחיד דורך דער דיסציפּלין פון חובות און מעשים, וואָס איטלעכער גלייביקער מוז טאָן, כדי מקיים צו זיין זיין אידעאַל אין זיין אייגענעם לעבן. אזוי ארום דאַרף די נאַציאָנאַלע וועלטלעכע יידישקייט איבערנעמען די גאַנצע קולטור־ירושה, זי אריבערפירן אויף ריין וועלטלעכע רעלסן און זי פאַרבינדן מיט א נאַציאָנאַל־וועלטלעכן אידעאַל. אָט דאָ איז דער זינען פון די צוויי העברעישע ווערטער פאַר טראַדיציע „קבלה” און „מסורה”: איבערנעמען און אי־בערגעבן ווייטער.

דער באַגריף „גאָט” איז פאַר דער ריכטונג בלויז אן אויסדריק פון דעם סכום געפילן און איבערלעבונגען פון הייליקייט און גע־טרייקייט צום אידעאַל. עס איז אן אינהאַלט א סוביעקטיווער, אין דעם מענטש גופא; גאָט — דאָס הייליקסטע אין מיר, וואָס הערשט איבער מיר און דיסציפּלינירט מיינע עגאָיסטישע אינסטינקטן. ווען קיינע אָביעקטיווע געטער אויסער וואָס אין די איבערלעבונגען אין מענטשן גופא דאַרף מען גאָר נישט ריידן. זיינען די אידעאַלן־שטרע־בונגען מאַטעריעלע, זיינען די געטער געצן; אויב אידעען, איז עס א גאָט.

עס איז אָבער צום באַדויערן פאַראַן נאָך א צווייטע וועלטלעכקייט: מיר זאָגן זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס עס איז רעליגיעז. אזוי ווי די גאַנ־

צע יידישע קולטור־טראַדיציע איז דאָך רעליגיעז, דעריבער זאָגן מיר זיך אָפּ פון דער גאַנצער טראַדיציע און א סוף. זיינען מיר יידן? גע־ווים! אָבער כּדי צו זיין יידן, איז געגוג, מען זאָל יוצא זיין מיט עפּעס. דער נישט־דערזאָגטער אויספיר פון אָט דער עפּעס־יידישקייט איז: מיר קענען לעבן ווי גויים און האלטן פון איין באשטימטן עלעמענט און מיר וועלן יוצא זיין לכל הדעות: מיר באַפרידיקן אונדזער דראַנג צו גויישקייט און מיר באַרויקן אויך אונדזער געוויסן לגבי יידישקייט. אָט די וועלטלעכקייט איז אייגנטלעך נאָר א — „ירבעמיזם”, א חוטא ומחטיא־באַוועגונג: זייט ווי גויים און נאָט אייך עפּעס א קליין יידיש קעלבל אין גאָלד און „אלה אלוהיך ישראל”. פון אָט דער וועלטלעכ־קייט קען ארויסקומען נישט מער ווי פון ירבעמס יידישקייט — אומ־קום, אסימילאַציע. און אָט פאַרוואָס: לגמרי אָן א שטייגער קען מען נישט לעבן; לעבן איז דאָך האנדלונגען אין א געוויסן סדר. זאָגט מען זיך אָפּ פון איין סדר, לעבט מען זיך אריין אפילו ווילנדיק אין דעם נישט יידישן שטייגער און — מען ווערט אסימילירט. אָט די וועלטלעכקייט איז אן אסימילאַטאָרישע. די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע דאַרפן זיך פון איר דערווייטערן מיט אַלע סיגים און גדרים. א כּלל: די יידישע טראַדיציע קען זיך ענדערן, צופּאַסן זיך צו די ענדערונגען אין לעבן; די יידישע טראַדיציע איז תמיד געווען פּראָגרעסיוו. אָפּ־זאָגן זיך אָבער פון טראַדיציע איז תמיד אסימילאַציע. א וועלטלעכע יידישקייט קען זיין בלויז, ווען עס איז פאַראַן א יידישע נאַציאָנאַל־וועלטלעכער אידעאַל־גלויבן. און בכן:

אָן אן אידעאַל־גלויבן קען נישט זיין קיין יידישקייט; אָן יידיש־קייט קען נישט זיין קיין יידנטום; אָן א יידנטום איז דאָס לעבן פון יידן — א צופאַל.

ה) טאָ לאָמיר פּרובירן פאָרמולירן דעם וועלטלעכן יידישן גלויבן ווי ער וואַקסט אָן אין יידישע הערצער.

1) מיר שטרעבן צו א לעבן פון יידישע קיבוצים פאַר זיך, אומ־אָפּהענגיק אין שפּראַך, קולטור, שטייגער, זיטן און מינהגים.

2) די שטרעבונג באַמיען מיר זיך צו פאַרווירקלעכן אומעטום און אַלע מאָל.

3) פאָלקום קען עס דערגרייכט ווערן, ווען איטלעכער יידישער יחיד וועט אין זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און רעכטלעכן לעבן זיין אָפּהענגיק נישט פון דער ארומיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג, נאָר פון דעם יידישן קאָלעקטיוו.

4) פון דאַנען שטאַמט אַ נייטווענדיקייט פון גרעסערע יידישע עקאָנאָמישע איינסן.

5) ביי אַזאַ אָרגאַניזירונג וועלן יידן קענען זיין אַ וואָגיקער קאָמ־פּאָנענט אין דער געזעלשאַפט פון פעלקער אויך אין צווישנפעלקערי־שע באַציונגען, אַן אַקטיווער מיטגליד און נישט קיין פּאַסיווער באַל אויף דער גורל פון איטלעכן יידישן יחיד וועט דעמאָלט זיין זיכערער און פעסטער. עס וועט זיך אויך בייטן די פּסיכאָלאָגיע פון יידן: זי וועט אויפהערן צו זיין אַ פּסיכאָלאָגיע פון סובאָרדינירטע, פון אָפּ־הענגיקע.

6) אַט די קאַרדינאַלע ענדערונג אין יידישן לעבן קען געשאַפן ווערן נישט דורך דרויסנדיקע כוחות, נאָר איבערהויפּט דורך אינע־ווייניקסטע אָנשטרענגונגען פון קאָלעקטיוון ווילן אין פאָלק גופא. דאָ קומט די וויכטיקייט פון איניציאַטיוו־רייכע מינערהייטן, אויב אפילו קליינע. דאָ ווערט וויכטיק די דערציערישע השפעה פון קליינע מעשים. קיינע פּאָליטישע אַקטן וועלן נישט ברענגען קיין גאולה פאַר יידן און קיינע פּאָליטישע אַקטן וועלן נישט אומברענגען די גאולה, אויב זי לעבט אין ווילן פון פאָלק.

7) דער אידעאַל דאַרף גאָרנישט פאַרבונדן ווערן מיט איין באַ־שטימטן געאָגראַפישן פּונקט אויף דער וועלט, מעג ער זיין ווי הייליק און טייער; נאָר אומעטום און אַלע מאָל זיינען יידן מחויב צו שטרע־בן און מקיים צו זיין אַט די שטרעבונגען.

לאָמיר דאָס געזאָגטע אילוסטרירן מיט אַ ביישפּיל: ניו־יאָרק — דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין אַלע צייטן און ערטער. יידן האָבן

געוויס אויף א דריטל אויפגעבויט דעם כרך ניו־יאָרק. און די וואָגיקייט און שטאַרקייט פון אָט דעם יידישן גיגאַנט איז הייט קלענער ווי פון א פיגמעען־מלוכהלע ליטע וכדומה. און פאַרוואָס? — ווייל אַן אינפילטרירטע מאַסע קען נישט משפיע זיין און ווירקן ווי א גאַנצער און אָרגאַניזירטער מאַסיוו. אַזאַ אינפילטרירטע מאַסע קען נישט האָבן קיין קאָלעקטיוו־אָרגאַניזירטע מיינונג, קיין קאָלעקטיוון ווילן און במילא אויך נישט קיין אָרגאַניזירטן כוח אין פּאָליטישן און סאַציאַלן לעבן פון לאַנד און לענדער. אַזאַ מאַסע אָן א ווילן, אָן א ווירקונג מוז אומעטום און אַלע מאָל ביסלעכווייז ווערן דער קאַנאַל, וואָס דורך אים גיסט זיך תמיד אויס די אומצופרידנקייט פון אומצופרידענע און די צערייצטע בייזקייט פון אַלע בייזע. איבעריקנס איז עס שוין בנוגע יידן געוואָרן א טראַדיציע, א געווירשנטער קאָמפּלעקס, כמעט אַן אָרגאַנישער עלעמענט. די גורל־שעה פון די יידן אין ניו־יאָרק וועט קומען, מוז קומען פריער צי שפּעטער. אומצופרידענע און בייזע, און צערייצטע, און אַן אינסטינקטיווע שינאה, און א טראַדיציע פון אומענדלעכע דורות וועלן קיינמאָל נישט אויספעלן. עס איז בלויז א פראַגע, ווען און ביי וואָסערע אומשטענדן די אָפּהאַלט־קלאַפּע, וואָס האַלט איין די אינסטינקטן, וועט אויפהערן צו ווירקן און... עס וועט זיין, וואָס עס איז געווען אומעטום און אַלע מאָל. אַלע האָפענונגען, אַז דער אייביקער גורל וועט אויסמיידן איין לאַנד אָדער אַן אנדער לאַנד זיינען באַגרינדעט בלויז אויף א פאַרלאַנג פון די יידן גופא און מער נישט. במילא מוזן זיי צערונען ווערן אין אָביעקטיוון גאַנג פון געשיכטע. און דער פיזישער און מאָראַלישער, דער סאָציאַלער און פּאָליטישער כוח זיך קעגנצושטעלן איז שוין איצט גאָר א שוואַכער און זיין טענדענץ איז צו ווערן אַלץ שוואַכער.

גאָר אַנדערש וואָלט אָבער געווען, ווען די זעלביקע יידן, וואָס האָבן אויסגעבויט ניו־יאָרק, וואָלטן אויסגעבויט זייער נאָדל־אינדוסטריע אין א נייעם פּלאַץ און דאָרטן וואָלטן זיך קאָנצענטרירט יידישע אַרבעטער, פאַרקויפער, צושטעלער, פאַרמער וכדומה. און ווען אָט אין דעם נייעם פּלאַץ וואָלט מען געלאָזט מאַכן הערשן א באַוווּסט־

זיניקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלין, וואָלטן דעמאָלט ייִדן געווען באַלעבאַטים אין אַ שטיקעלע פֿון אַמעריקע, וואָלטן ייִדן געווען שותּפים אין אַמעריקע, וואָלט זייער צוקונפֿט געווען אַ סך מער זיכער און פֿעסטער. קומט אויס: אין דעם ביטערן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק דורך זיין געשיכטע דאַרפֿן מיר באַשולדיקן איבערהויפּט אונ־דזער אייגענעם אומווילן צו קאָנצענטרירטקייט און דראַנג צו אײַנ־פּילטראַציע און אימיטאַציע.

צוויי וועגן: איין וועג — פֿאַרזיכערן דאָס לעבן פֿון ייִדן דורך דעם, וואָס זיי זאָלן זיך באַפֿרייען פֿון ייִדישקייט, פֿון ייִדנטום און זיי זאָלן מיט אַלע כּוחות אימיטירן דאָס הויפּט־פֿאָלק פֿון לאַנד. דאָס האָבן מיר ליב און דאָס פּראַקטיצירן מיר פֿון תּמיד, — און דורך דער לענג פֿון אונדזער גאַנצער געשיכטע האָט זיך עס תּמיד געענ־דיקט מיט אַ בלוטיקער אַנטוישונג. און דער צווייטער וועג: פֿאַרזי־כערן דאָס לעבן פֿון ייִדן דורך אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון ייִדנטום מיט דער הילף פֿון אַ פֿעסטער ייִדישקייט־דיסציפּלין. צוויי וועגן זיינען זיי און קיין מיטן איז דאָ נישטאָ.

וועט מען זאָגן: דער צווייטער וועג איז דאָך ארץ־ישראל! — יאָ, זיכער. אומעטום ווו ייִדן ווילן אויסבויען אַ פֿעסטע ייִדישקייט און דורך דעם אַ שטאַרק ייִדנטום, — דאָרטן איז און דאָרטן וועט זיין אַן ארץ־ישראל. אָט דאָס איז די גאַנצע פּראָבלעם פֿון אונדזער לעבן. לאָמיר זיך נישט פּלאָנטערן צו פֿיל.

ארץ־ישראל און עם ישראל

דער ענטפער פון ה׳ לעשצינסקי, אין „יידישן קעמפער" פון 8־טן אויגוסט, „יידישקייט און ארץ־ישו־אלדיקייט" האָט מיר פארשאפט אַ גרויסן ווייטאָק. און נישט דערפאר וואָס ער איז מיט מיר נישט מסכים. חס וחלילה. נאָר צוליב אַן אנדער סיבה: אז מען קריטי־קירט ביי אונדז, קריטיקירט מען נישט אייער געדאנק, נאָר דעם קרי־טיקערס פאָרשטעלונג וועגן אייך. איי טאָמער האָט איר גאָר קיינמאָל נישט געזאָגט דאָס וואָס דער קריטיקער שרייבט אייך צו און שמייסט אייך דערפאר — טאָ גייט לייקנט אָפּ אַ בלבול. ווער נאָך ווי יידן ווייסן ווי שווער עס איז אָפּצולייקענען בילבולים.

אנומלט האָב איך געשריבן, אַז דער יידישער ליטעראַטור פעלט אַ גלויבן, אַ יידישער גלויבן. איז געקומען דער אַנערקענטסטער בר־סמכאָ אין ליטעראַטור־קריטיק ביי אונדז, פר׳ ש. ניגער, און שמייסט מיך אָפּ פאַרוואָס איך וויל אַ „פראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור". ווער נאָך ווי אזאַ ליטעראַטור־קריטיקער ווי ניגער דאַרף, דאַכט זיך, ווייסן דעם מהלך פון גלויבן ביז פראָפּאַגאַנדע, נאָר גיי שריי חי וקים, גיי באַ־ווייז אַז דו האָסט נישט געגנבעט קיין זילבערנע לעפל.

נאָך ערגער האָב איך זיך דערפילט, ווען ה׳ לעשצינסקי האָט מיך געמאַכט פאר אַ פרינציפּיעלן גלותיסט. רבוש"ע! שוין יאָרן, דאַכט זיך, ווי איך האָב אָנגעוואָרן יעדן גלויבן, יעדן צוטרוי און יעדן ווילן צום גלות. דאַכט זיך, אַז איטלעכע שורה מיינע איז פול

מיט דעם אומגלויבן, אומצוטרוי און אומווילן צום גלות. מיט רעכט האַלט מען מיך פאַר א פעסימיסט אויף דעם געביט. און דאָ קומט אַזאַ אידעיש־נאַנטער מענטש און קלעפּט מיר צו אַ צעטל „גלותיסט" און גיי טראָג זיך מיט דעם טיטול.

האָב איך באַשלאָסן נאָך אַמאָל צו פּרובירן זאָגן וואָס איך מיין. איך וויל זיך באַמיען פאַרט קלאָר צו מאַכן:

א) קיין צוטרוי נישט צום גלות — ווייל עס איז נישט געווען קיין לאַנד, קיין פאָלק אויף דער וועלט, פון דעם אַלטן מצרים אָן, ווו יידן זאָלן נישט האָבן געבויט מיט צוטרוי און פון וואַנען מען זאָל זיי שפּעטער נישט יאָגן, טרייבן, מאַטערן, און זיי זאָלן זיך דערנאָך ניט פרייען מיט דעם ביסל בעביכעס וואָס עס געלינגט זיי אַרויסצוגנבע־נען. איך זע נישט בשום אופן קיין שום סיבה פאַרוואָס צו היינ־טיקע לענדער און פעלקער קענען מיר האָבן מער צוטרוי.

ב) קיין שום גלויבן נישט אין גלות. — דען אויב אין ניינצנטן יאָרהונדערט האָט מען נאָך אפשר ביי א שטאַרקן ווילן געקענט גלוי־בן, אַז אַסימילירטע יידן וועלן קענען לעבן אינפילטרירט צווישן ניט־יידן, איז עס דאָך געווען א יאָרהונדערט פון אידיווידואַליסטישן לי־בעראַליזם. אין דעם יאָרהונדערט פון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע איז דאָס לחלוטין אוממעגלעך.

איך גלייב אַז אויך אַמעריקע האָט שוין לאַנג פאַרענדיקט מיט דער לעגענדע פון שמעלץ־טאָפּ, וואָס בלויז אַסימילאַציע־גיריקע יידן האַלטן נאָך פון איר. איך גלייב אַז אַמעריקע גייט אויפן וועג צו ווערן אַ נאַציע פון נאַציעס (לואיס אדאמיק) מיט אַ פּלוראַליסטישער קולטור (דער אויסדרוק שטאַמט נאָך, דאַכט זיך, פון גרויסן אַמערי־קאַנער וויליאם דזשעימס), אָדער, אויב נישט אהער, איז פּשוט צו אַן אַמעריקאַנער אויפלאַגע פון נאַציזם. אַלע האָבן פאַראיבל אויף מיר פאַר דעם אַנטיסעמיטישן טעם פון זיינע צוויי אַרטיקלען אין „אַטלאַנטיק מאַנטלי", אָבער אין זיי ליגט מער חוש צו דער ווירק־לעכקייט, איידער אין אַלע ענטפערס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען.

ג) קיין שום ברעקל ווילן נישט צום גלות — דען... איך גליינ, איך האָלט, ס'איז מיר טייער יידישקייט, און כ'גליינ נישט, אַז זי זאָל קענען זיך אַנטוויקלען ווייטער ביי גלותדיקע יידן וואָס האָבן א קראַנקהאַפטן אינסטינקט צו לויפן פון יידישקייט.

און אַנשטאָט דעם איז פאַראַן א שינאה צום גלות. א שינאה, ווייל אויסער דעם דרויסנדיקן גלות פון פּאָגראָמען און רדיפות איז נאָך פאַראַן א צווייטער — א אינעווייניקסטער, גייסטיק־מאָראַלי־שער גלות, ווען א פאָלק נעמט און וואַרפט זיין אייגענעם „איך" אוועק ווי אַן אומווערטיקע שמאַטע און אַנשטאָט דעם באַמיט עס זיך ביז די זיבעטע שווייסן זיך צו פאַרגרימירן, פאַרשטעלן זיך און לעבן מיט אַן אָפּגלאַנץ און אָפּהילך פון ווענען עס זאָל נאָר זיין, אבי פרעמדס; מען דערשטיקט די אייגענע נשמה, מען פאַרלירט דעם גלויבן אין זיך, ווערט מען א דיבוק פון א צווייטן פאָלק. און אַלץ פאַר א טאָפּ לינדזן, וואָס אָט איז מען זאַט, און שוין דאַרף מען אים אויסברעכן מיט גאַל און אייגענעם לונג און לעבער. און אָט דער אינעווייניקסטער גלות הנשמה איז ערגער און שרעקלעכער פון אַלע מאַטעריעלע און פיזישע גלותן. דען א קנעכט מיטן גוף קען זיך באַפרייען, ער קען אַפילו אין קנעכטשאַפט גופא זיין א פרייער גייסט. מיט א פאַרשקלאַפטער נשמה, וואָס גלייבט נאָר אין גוטע באַלעבאַ־טים, קען מען קיינמאָל פריי נישט ווערן. פרייהייט און קנעכטשאַפט זיינען קודם כל באַגריפן נישט סאָציאַל־פּאָליטישע, נאָר פּסיכיש־מאָ־ראַלישע. און ווי קען מען נישט פיינט האָבן די קנעכטישקייט פון „פרייע" קנעכט?

אָט די געדאַנקען האָב איך זיך באַמיט אַרויסצוברענגען נאָך מיט א יאָר צען־צוועלף צוריק, ווען ה' לעשצינסקי האָט אונדז גע־לערנט זיינע גלות־אָפּטימיסטישע טעאָריעס פון לאָבאָריזאַציע און אורבאַניזאַציע. נאָך פעסטער איז מיין אומגלויבן אין גלות געוואָרן אין אַמעריקע. דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס איך האָב געשריבן אין דעם לאַנד (אויך אין „יידישן קעמפער") איז איין געשריי: „גלייבט נישט אין אייער גליקלעכן גלות און אין די גלותדיקע גליקן!". פאַרשרייבן

מיך פאַר א גלותיסט, — דאָס דאַרף מען שוין האָבן א האַרץ.

איין חסרון איז אָבער דאָך פאַראַן ביי מיר און א גרויסער: איך גלייב אין יידישקייט, איך גלייב אין איר, איך האָב זי ליב און איך קען זיך פון איר נישט אָפּזאָגן, אפילו ווען זי האָט זיך צעוואַקסן אין גלות. איך גלייב אַז קיין שום גאולה פאַר יידן קען נישט געמאָלט ווערן אָן דער גאולה פאַר יידישקייט.

וואָס איז זי, אָט די יידישקייט, וואָס איך גלייב אין איר? קיין גאַנצע און לעצטגילטיקע פאָרמולע פון איר קען נישט געגעבן ווערן. פונקט ווי עס איז אוממעגלעך צו פאָרמולירן דעם מהות פון נשמה, גייסט, גאָט, וכדומה. גענויער אַרומצורעדן די טעמע פּרוביר איך אין ברייטערע אַרבעטן. דאָ קען איך בלויז אונטערשטרייכן: א) אַזאַ ספּעציפישער גייסט, וואָס מאַכט אַנדערש דעם יידן און זיין גאַנצן אויפפיר צווישן אַנדערע פעלקער אַלעמאָל און אויך היינט, כאָטש יידן באַמיען זיך אַזוי שטאַרק אָט די אַנדערשקייט אָפּצווישן, אָפּצומעקן. יידן קענען בשום אופן נישט אַסימילירן אין זיך קיין נישט־יידישן גייסט. וויפל זיי זאָלן זיך נישט באַמיען און מאַטערן, וועט עס אַלץ בלייבן גרים, פאַרשטעלטקייט, א מין טעאַטער־שפּיל אין לעבן, אָבער נישט קיין אָרגאַנישער „איך". גלייב איך אין דעם ספּע־ציפישן יידישן גייסט און ער איז מיר ליב און טייער, און איך וויל אים נישט אומבייטן אויף קיינע אַנדערע.

ב) פון דעם ספּעציפישן גייסט שטאַמט אָפּ א ספּעציפישער כאַ־ראַקטער פון דער גאַנצער יידישער קולטור — פון בית לחם ביז קאַסרילעווקע. און פונקט ווי אייראָפּעישע פעלקער האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרדייען דאָס יידישלעכע קריסטנטום און פון דעם גע־מאַכט א געצנדינערישע צערעמאָניאַלע שפּיל מיט ליאַלקעס (זאָלן מיר מוחל זיין אַלע אונדזערע אין קריסטנטום פאַרליבטע שיינגייס־טער); פונקט אַזוי קענען יידן נישט אַסימילירן אין זיך **שעפעריש** קיין פרעמדע קולטורן.

איז אָט די ספּעציפיש־יידישע קולטור, שטייגער, זיטן, פירונגען און שאַפונגען זיינען מיר ליב, טייער, הייליק. איך וויל נישט און קען נישט פון זיי זיך אָפּזאָגן אפילו אין ארץ־ישראל.

איך גלייב אין די וויטאַלע כוחות פון אָט דעם יידישן גייסט און קולטור צו וואקסן, צו אנטוויקלען זיך — ביז אפילו צו ווערן אַ „אור לגויים". איך גלייב אין דעם כל זמן יידן דערשטיקן נישט אין זיך זייער יידישקייט, כדי זי צו פארבייטן מיט א פּיקציע פון גוייִשקייט, מיט אַ דיבוק פון עמיצן.

נאָך מער, איך גלייב, אז אַן דער יידישקייט קען חלילה אויך ארץ ישראל נישט זיין די גאולה פון עם ישראל. אַ פאָלק וואָס קוקט אויף זיך מיט פרעמדע אויגן, וואָס לעבט א פרעמדן לעבן, וואָס דענקט פרעמדע געדאנקען, וואָס ציטערט פאר פאַרזיכיקייט ווי א קינד פאר איינזאמקייט, — אזא פאָלק קען נישט אויסגעלייזט ווערן אפילו ווען מען זאָל אים אונטערטראָגן אַלע גאולות אויף גאָלדענע טאַצן. אויב דאָס ערגסטע אין גלות איז דער גלות הנשמה (אפשר האָבן די פאר־צייטיקע דאָס זעלביקע אָנגערופן מיטן נאָמען „גלות השכינה"), איז די אתחלתא דגאולה, דער שליסל צו אַלע גאולות — די באַפרייאונג פון יידישע נשמות פון זייער קנעכטישקייט, די באַפרייאונג פון יידי־שן גייסט פון צו זיין וויליק אונטערטאָכט צו אַלע פרעמדע גייסטער. איך גלייב אין דעם באמונה שלמה.

אויב ארץ־ישראל דאַרף, חלילה, זיין אַן אָרט ווו יידן מיט אַ גלותדיקער פּסיכיק זאָלן פּרוּוון א פרייען נאָכמאַך־לעבן מיט שינאה און פאראַכטונג צו אַלץ וואָס עס איז אָרגאניש־ירושהדיק־יידיש, איז ייתי ולא אחמניה — זאָל ער קומען, אָבער לאָמיר בעסער אים ניט אָנזען, וואָלט עמיצער געלייענט אויפמערקזאם די ערנסטע ארץ־ישראלדיקע פּובליציסטיק, וואָלט ער אָט די זאָרג פאר דעם אָרגאניש־יידישן־דיקע פּובליציסטיק, וואָלט ער אָט די זאָרג פאר דעם אָרגאניש־יידישן גייסט פון ארץ־ישראל געפונען נישט בלויז ביי דעם „גלותיסט", נאָר ביי אַ סך כשרע „ארץ ישראליסטן", וואָס פילן דעם אונטערשייד צווי־שן ליטעראַטור מיט אַ גלויבן און ליטעראטור מיט פּראָפּאַגאַנדע.

טיילט נישט איין יידן אויף גלותיסטן און ציוניסטן, אויף יידי־שיסטן און העברעיסטן. מען דאַרף די טיילונג פירן אויף יידן וואָס גלייבן אין יידישקייט און אין איר שעפערישקייט (פּעסימיסטן לגבי דעם גלות און אָפּטימיסטן לגבי יידישקייט) און אויף אַזוינע וואָס גלייבן נישט אין יידישקייט. זיי זיינען די מערהייט, אמת; און אַ טייל פון זיי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר ארץ־ישראל כדי דאָרטן צו אַנטלויפן פון יידן און פּטור ווערן פון יידישקייט. אָבער זייער „ארץ־ישראל" איז שוין גאָר קיין ישראל נישט. קורץ, וואָס איז גלות? — גלות הגוף זיינען פּאָגראָמען, רדיפות, גזרות, געטאָס. גלות הנשמה (גלות השכינה) איז דאָס גייסטיק נאָכלויפן אַלע פעלקער מיט דער פאַרליבטקייט פון אַ שפחה חרופה.

און וואָס איז די גאולה? די גאולת השכינה איז דאָס קענען מקיים זיין אומעטום מיטן גאַנצן הארצן דעם

וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
ווו מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.

און כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף מען דאָס האָבן ארץ־ישראל. פון דער צווייטער זייט אָבער — מען קען דאָך אָט דעם ערגסטן פון אַלע גלותן פאַרטראָגן חלילה אויך קיין ארץ־ישראל. אויסגעלייזטע נשמות קענען זייער ארץ־ישראל טראָגן מיט זיך אומעטום (דאָס מיינט דער תלמודישער אויסדרוק „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות"). גלותדיקע נשמות אָבער ווערן נישט אויסגעלייזט אפילו ווען זיי האַלטן פון ארץ ישראל.

און היות ווי עס זיינען פאַראַן צופיל וואָס ווילן זייער גלות באַ־פרייען פון יידישקייט און לעבן פריי אַ גלותדיקן לעבן; און היות ווי אַ סך פון זיי האָבן דערפונדן אַ קלוגן וועג צו פאַרדעקן זייער שינאת ישראל מיט אַ הילכיקער אהבת ארץ־ישראל, — וואָלטן בכן אַזוינע

מוטיקע יידישקייט־טרוימער און קעמפער ווי ה׳ לעשצינסקי נעדארפט זייער שארפן געווער נוצן אויף אָט דעם פראָנט.

און נאָך א חסרון האָב איך: איך גלויב. איך גלויב אין כוח פון גלויבן. אָט אזא בטלן בין איך. איך גלויב אז טיף אין די נשמות פון פשוטע יידן לעבט נאָך אין א שלאָפנדיקן צושטאנד אָט דער יידישער גלויבן אין יידישקייט. דאָס איז די פּאָטענץ. און מען דארף זי בלויז אויפוועקן, מאכן קינעטיש, אקטיוו, לעבעדיק. בכן טאָר מען גאָרנישט אוועקמאכן מיט דער האנט דעם כוח און דעם ווערט פון א מנין אינטעליגענטן, וואָס פארעקשנען זיך מיט א שטארקן ווילן צו א הונדערט פּראָצענטיקן יידישן לעבן. לאָכט נישט פון דעם. נעמט דעם ערשטן בעסטן ביכל פון כעמיע אָדער ביאָלאָגיע און לייענט איבער וועגן קאטאליזאטאָרן און פערמענטן, און פילט און פארשטייט, אז אָט אין דעם קאטאליזאטאָרישן פּראָצעס ליגט דער חוב פון דער יידישער אינטעליגענץ, אויב אפילו זי זאָל זיין עטלעכע מנינים. זייענדיק דאָך די גלויבער אין ארץ־ישראל אויך געווען געציילטע, האָט זיך דאָך אויך דער גלויבן אָנגעהויבן פון געציילטע מנינים. מען טאָר נישט אָפּלאכן פון קליינע גרופּעס, וואָס אַפּעלירן צו פּאָטענציעלע געפילן אין פאָלק.

פריינד לעשצינסקי שלאָגט מיך מיט דעם ארטיקל פון מיין הארציקער תלמידה מילקע שיינים. געווים האָט זי אָנגערירט א גרויסע זינד פון דער יידישער שול — די האלבירטקייט אירע, דאָס וועלן פון לכתחילה אויסהאָדעווען נישט קיין גאנצע יידן אין אמעריקע, נאָר האלבע (ריכטיקער, גאנצע „אמעריקאנער" מיט א ביסל יידישקייט). די טיפערע און מער פילבארע פון דער יידישער יוגנט פילן דעם ווייטאָג פון דער האלבירטקייט.

איז אין דעם שולדיק בלויז די יידישע שול? און ווו איז די גאנצקייט, דער יידישער גאנצער גלויבן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער וויסנשאפט, געזעלשאפטלעכקייט? ווי האָט דער שול־צווייג בעקעגט איבערשטייגן דעם גאנצן בוים? צי האָט די

יידישע שול צוזאמען מיט דער גאנצער קולטור און פּובליציסטיק און פּאָליטיק נישט געהאלטן אין איין ארײנהאקן אין קאָפּ פון דער יוגנט אַז דערהויבנס־אידעאַלן, גלויבן איז פאראַן ערגעץ ווייט, ערגעץ אַנ־דערישווו. און וואָס איז יידישקייט? פּאָגראָמען, נדבות, „צדקה תציל״? צי האָט מען געזאָרגט אַז די שול צוזאמען מיט דער גאנצער קולטור־אַרבעט זאָלן האָבן אַ אידעאַל, אַ גלויבן, זיי זאָלן שטרעבן אים צו דערגרייכן? צי האָבן די לערער פון פאָלק, די אָנפירער געזאָרגט, אַז די אָרטיקע טוער זאָלן באגרייפן, אַז דער ציל פון שול איז נישט אויסלערנען אָנשרייבן „אַ בריוועלע דער באָבען״ און זינגען אַ לידל „יידיש, יידיש, יידיש״? ווער האָט געזאָרגט דערפאַר אַז טאַטעס און קינדער, טוער זאָלן אויפנעמען יידישע קולטור און דערציונג ווי אַ פּראָבלעם פון נאציאָנאַלן קיום און נישט ווי עפּעס אַ נדבה וואָס די „אַמעריקאַנער״ קינדער דארפן געבן דעם יידישן פאָלק? און צי האָט מען געזאָרגט אז די „געבער״ זאָלן נישט קוקן אויף די גאנצע קול־טור־טועריי ווי אויף שנאָרעריי? וויער האָט געזאָרגט פאר קוואַליפי־צירטע לערער? ווער האָט געזאָרגט אויסצוהאָדעווען יידישע אינטע־ליגענטן און נישט קינדער מיט אַ ביסעלע יידישע ווערטער? ווער האָט געטראַכט אז אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן און אין יידי־שער סאָציאַלער אַרבעט זאָלן זיין אָנגעשטעלט נישט מענטשן וואָס זיינען יידישע אנאַלפאַבעטן און זייער גאנצער יחוס איז וואָס זיי זיינען „אַזוי געבילדעט אז זיי קענען אפילו נישט לייענען קיין יידיש״? ווער האָט געזאָרגט, אַז יידישע קולטור, בילדונג און וויסן זאָלן אָר־גאַניש זיין באַהעפט מיט נאַציאָנאַלע און פּריוואַטע אויסזיכטן אין לעבן? וויער האָט געזאָרגט, אַז די יוגנט זאָל האָבן צוליב וואָס צו לערנען? וויער האָט געטראַכט צו בויען אַ יידיש לעבן מיט דער גע־לערנטער יידישקייט? ווער פון די יידישע וואָרטזאָגער האָט געלערנט די פּשוטע אָרטיקע טוער אַז... פאַר אַ רבין בויט מען אַ ישיבה, אַ קאָלעדזש, ער זאָל פלאַנצן זיין תורה ווייטער פאר דורות און נישט מען עסט אים אויף אויף באַנקעטן און יובילייען?... ווער האָט גע־וואָרנט די פירער אַז אַנשטאַט צו וויצלען זיך איבער די נאַיווע פראָ־

ווינצער „טשערמאַנס" דאַרף מען זיי לערנען צו האָבן א גלויבן, א גאָט? ווער האָט נעלערנט דעם יידישן לייענער, אַז — א געבאָרענעם פּראָפעסאָר פון יידישער פילאָסאָפיע צעמאָלט מען נישט אויף שטויב פון קליינע צייטונגס־אַרטיקלען — א פּלעשל קאָקא־קאָלא און און אַן אַרטיקעלע פון קאַראַלניק? ווער פון די יידישע קולטור־פירער האָט געלערנט דעם אין תוך גוטוויליקן עולם אַז דער זין און ציל פון קולטור איז נישט א שטיקעלע „גייסטיקער פאַרגעניגן" אָט אויף א ווײַלע? ווער האָט זיך באַמיט אויסצולערנען די אַרטיקע שול־טוער אַז א שול איז נישט כדי אויסצולעבן זיך, נאָר כדי אויפצובויען קר־מענדיקע דורות? ווער פון די וואָס האָבן באמת געהאַט דאָס וואָרט צום פאָלק האָט טאַקע געלערנט צו בויען די אמתע דערציונג צו לעבן ווי יידן? ווער האָט זיך באַמיט אַז די יידישע שול, יידישע קולטור־אונטערנעמונגען זאָלן זיין נישט קיין צעשאָטענע ציגל פון נישט קיין אויפגעבויטער געביידע וואָס איטלעכער שול־טוער האַלט זיך מיט זיין שול ווי א יינגל מיט זיין צאַצקע נאָר פאַר אים זיך צו שפּילן? ווער האָט געלערנט דעם עולם אַז אַלע פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטו־ציעס האָבן איין געמיינזאַמען ציל און שטרעבונג, איין אידעאַל און איין גאָט, און זיי זיינען נישט קיין באַזונדערע אַדרעסן?

צי ווייסט איר אַז אַלע די וואָס וואָלטן געדאַרפט קוקן אויף זיך ווי אויף לערער, דערציער, וועגווייזער פאַרן פאָלק, פירער, רביים, וואָס טראָגן די גאַנצע אחריות פאַרן פאָלק און פאַר אַלע פעלערן אין פאָלקס־לעבן, — צי ווייסט איר אַז אָט די אַלע קוקן נאָר אויף זיך ווי אויף פּעדלער וואָס פאַרקויפן דעם קאָסטאָמער א ביסל אַלטמאָ־דישע, פאַרלעגענע סחורה? צי האָט איר אפשר געהערט די קלוגע עצה: „וואָס דרייט איר זיך דעם קאָפּ? פאַר אונדזער לעבן וועט קלעקן, און נאָך אונדז וועט סיי ווי גאָרנישט בלייבן"? איך האָב די גאָלדע־נע ווערטער פון דעם „אַרמילוס דעם נביא פון אייביקן היינט" שוין זוכה געווען צו הערן... צי האָט מען אייך געגעבן אַמאָל אַן עצה: — „איר דאַרפט זיין פאַרזיכטיקער מיט אייער מוסר: די צו וועמען איר ווענדט זיך זיינען שוין נישט קיין גרינע, — זיי קענען שוין ענגליש

און זיי וועלן נאָך גאָר אַריבערגיין צו די יאהודים״? צי האָט איר באַמערקט ווי ווייניק מען וואגט ביי אונדז צו קריטיקירן די יאהודים מיט זייער יידישקייט? דערטראַכט זיך צו די סאָציאַל־פּסיכישע מקור־רים פון דעם אַלעם — און אָט אין אַזאַ אַטמאָספער מאַטערט זיך א שול אָט פאר א ביסעלע, כדי יוצא צו זיין. לערער און שול־טוער צע־טומלט; די אַלטע וועגן פאַרלאָזן, די נייע — נישט געבויט, נישט קלאָר, נישט זיכער... „איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער שול איז צוצוגעוויינען די קינדער צו זאמלען געלט: קיין אמתע יידן ווי מיר מיינען וועט איר דאָך סיי ווי נישט אויסהאָדעווען, טאָ זאָלן זיי כאָטש זאמלען געלט פאר אמתע יידן״. און נאָך דעם אַלעם קומען יידן און מען שטעכט די אויגן: זעט, די שולן האָבן נישט דער־גרייכט וואָס זיי האָבן געדארפט דערגרייכן! וועמען באַשולדיקט איר? — זיך באַשולדיקט איר! און זאָל מען דאָס וויסן: די געביידע פון דער יידישער שול צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור בכלל מוז מען איצט בויען. אין באָדן — אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל פון א זעלבסטשטענדיקן פאָלקס־לעבן. ווענט — פון א טיפן גלויבן אין די כוחות פון פאָלק צו לעבן פאר זיך, פון גלויבן אין דער פולווערטי־קייט פון דעם אייגענעם קולטור־אינהאַלט. אויסשטאַטונג — מיט אַלע הילפס־מיטלען פון דער גאַנצער יידישער קולטור פון בית־לחם ביז קאַסרילעווקע, מיט קוואַליפיצירטע לערער. א דאַך — פון אַריינ־פלעכטן יידישע בילדונג אין לעבן און פערזענלעכע קאַריערעס פון מענטשן, אין א גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל פון א „ישראל של מע־לה״, וואָס ארץ ישראל און עם ישראל ביידע זיינען דער וועג צו אים.

דעמאָלט ערשט וועט די יידישע שול קענען און דאַרפן און מוזן געבן די געהעריקע רעזולטאַטן.

ביי דעם צושטאַנד, איז דאָס וואָס די שול גיט — ממש נסים.

גייען מיר זיך אין עפּעס פאַנאַנדער מיט ח׳ לעשצינסקי? — אין ענדציל — נישט; אין די מעטאָדן — יאָ. ער גלייבט, אַז א גלויבן אין

א. גאָלאָמב

ארץ ישראל איז געגוג אויפצוהאַלטן דעם עם ישראל. איך אָבער האַלט אַז אָן א גלויבן אויך אין עם ישראל קענען, חלילה, יידן אויפעסן אויך ארץ־ישראל, ווי זיי האָבן שוין נישט איינמאָל „אויפגעגעסן זייער משיח". דאָס אַלץ. צי לוינט נאָך ווייטער אָנצופירן דעם ויכוח? אפשר צוזאמען אויף אנדערע פראָנטן. ס'זיינען פאַראַן גענוג.

קדושת הארץ און קדושת העם

געווים, איך האָב אָנגעוואָרן מיין גלויבן אין גלות. אין יענעם גלות ווו מען פלעגט מאכן פּאָגראָמען אויף אונדז און אַ טייל יידן האָט געקעמפט און געהאָדעוועט יידישע קינדער וואָס פארמאָגן פאַרביסענע עקשנות צו קעמפן, דאָרטן האָב איך געגלויבט אין דער שעפערישקייט פון גלות. אין דער עצם עקזיסטענץ פון יידישן פּאָלק איז געלעגן אַ געוואַלדיקער שעפערישער כוח.

איך האָב אָבער דערזען דעם „גוטן" גלות אָן פּאָגראָמען און אָן אָפיציעלער שנאת ישראל. און איך האָב אויך דערזען א פאָלק, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצע ענערגיע צו לעבן און צו קעמפערישער שעפערישקייט אין לעבן. דערזען און זיך דערשראָקן: א פאָלק קייקלט זיך באַרג אראָפּ צו א שרעקלעכן צושטאַנד פון מאָראַלישן פאַראַליז, צו ווערן א פאַסיווער פוטבאָל וואָס איטלעכער קען שליידערן און וואָס איז נישט בכוח נישט צו לאָזן געשליידערט צו ווערן.

ניין, נישט אַסימילאַציע שרעקט מיך — אומזיסטע שרעק: קיינער אַסימילירט אונדז נישט. עס גייט אויף אונדז אין די פרייע לענדער אַ דעגענעראַציע, צוערשט אַ מאָראַלישע, וואָס מוז אָבער דערפירן סוף־כל־סוף צו אַ פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכער און במילא אויך צו אַ פיזישער. איך וויל נישט די גליקן פון גלות — דאָס לינדזן־געקעכטס, וואָס דאָס פאָלק צאָלט פאַר דעם נישט נאָר מיט זיין בכורה נאָר מיט זיין גאַנצן „איך".

א. גאָלאָמב

וואָס איז גלות? — ווען אַ פֿאָלק לעבט לויט די נאָרמעס וואָס אַ צוריט פֿאָלק האָט איינגעשטעלט און דערציט זיינע קינדער אין יענעמס שולן, איז עס אין גלות. ווען אַ פֿאָלק בויט זיין לעבן לויט זיינע אייגענע נאָרמעס, זיינע אידעאַלן און פֿאַרלאַנגען — איז עס פֿריי. דאָס מוז מיינען אויך דער תלמוד ווען ער זאָגט, אַז צווישן גלות און גאולה איז דער אונטערשייד נאָר אין „שעבוד מלכיות" אַליין. איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר דער מאָראַלישער אויסראַטונג וואָס אַ פֿאָלק אין פֿרייהייט ברענגט אום זיך אַליין. „עם כי יחרב", האָט אין האַרצן קריעה געריסן נאָך מיט 50 יאָר צוריק אחד העם — „מי יבנהו?"

איך האָב דערזען דעם קליינעם קיבוץ אין ארץ ישראל וואָס שטרעבט זיך אָן צו בויען זיין לעבן לויט זיינע אייגענע פּרינציפּן און אידעאַלן גאָר אין אַן אַנדער שיין. די עצם שטרעבונג צו פֿאַרזיכיקייט איז שוין גאולה; די עצם אָנשטרענגונג זיך צו באַפֿרייען פֿון אַלע פֿרעמדע נאָרמעס אין לעבן איז גאולה. אויב אָט די שטרעבונג איז ציוניזם, בין איך מער ציוניסט ווי אַלע אַמעריקאַנער זייאָניסטן צוזאַמען.

און ווי אַזאַ דערלויב איך זיך צו שטעלן אַ פֿראַגע: צי וואָלט אוגאַנדע געהאָלפֿן ארץ ישראל אָדער זי וואָלט געשטערט? בשעתו האָבן יידן אָפּגעוואָרפֿן דעם אוגאַנדע־פֿאָרשלאָג, ווייל ער איז אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ קעגנזאַץ צו ארץ ישראל — אָדער ארץ ישראל אָדער אוגאַנדע. איצט קען מען שטעלן די פֿראַגע אַזוי ווי איך האָב זי פֿריער פֿאָרמולירט: צי וואָלט נישט געווען בעסער פֿאַר דעם גאַנצן קאָמפּלעקס גאולה, פֿאַר דער יידישער ארץ ישראל ווען מיר וואָלטן פֿאַרמאָגט אַן אייגענע טעריטאָריע, מיט אַן אייגענער פֿאַרוואַלטונג?

איך ווייס — קיין לאַנד אין דער וועלט קען נישט און וועט נישט קאָנקורירן מיט ארץ ישראל, ווייל דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט קדושת הארץ. און אָט די קדושה איז אַ גאַנץ רעאַלער כוח, וואָס ווירקט אין די הערצער און אין די מוחות פֿון יידן, און וואָס האָט געמאַכט, אַז ארץ ישראל האָט אויפֿגעטאָן אַזוי פֿיל וואָס קיין אַנדער לאַנד וואָלט נישט

געקענט אזוינס דערגרייכן. עס איז זיכער אמת, אָבער עס איז פאַראַן נאָך א קדושה — קדושת העם. און אָט די צווייטע קדושה מוז ווערן א כוח, און מיט דעם כוח וואָלט מען געקענט אויפטאָן אויך א סך, אויב נישט אזוי פיל, אין אַן אַנדער לאַנד אויך. אויב נאָר עס וואָלט איינגעשפּאַנט געוואָרן די קדושת העם ווי אַן אידעאַל, ווי א זינגען פון דער טעריטאָריע, פון אוגאַנדע, לאָמיר זאָגן.

ווי גרינגער וואָלטן געווען אונדזערע לײדן און באַליידיקונגען ווען ערגעץ אויף דער מאַפּע פון דער וועלט איז דאָ א דעמאָקראַטיש פּינטעלע ווו יידן וואָלטן געקענט אריינלאָזן פּליטים, אויפנעמען זיי! זוי אַנדערש וואָלט געקענט זיין אונדזער מערכה אין דער דעמאָקראַטישער וועלט, די באַציונג צו אונדז מצד דער דעמאָקראַטיע ווען מיר האָבן כאָטש א קליין ווינקל מיט א יידישער מערהייט און יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין שיין פון אונדזער הײנטיקער לאַגע דאַרף דאָס זיין קלאָר פאַר יעדערן. נישט וועגן דער פּאָליטישער, מיליטערישער גבורה פון אַזאַ יידישן ווינקל רייד איך. עס איז פאַר מיר וויכטיק דער מאָראַלישער ווערט פון אַזאַ צענטער.

עס איז נאָך וויכטיקער א צווייטער פאַקטאָר, א ריין פּסיכאָלאָגישער: די גרעסטע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק ליגט נישט אין דער רשעות פון דער וועלט, נייערט אין אונדזער שוואַכקייט. נישט די מויז איז דער גנב, — די לאָך איז שולדיק. וואָלטן מיר נישט געווען אזוי שוואַך, וואָלטן א סך הינט נישט געבולן, און די שטאַרקע הינט וואָלטן אין א סך פאַלן ניט דערלעבט שטאַרק צו ווערן. מיט אונדזער שוואַכקייט האַלטן זיך די רשעים פון דער וועלט. אונדזער שוואַכקייט איז נישט קיין סאָציאַלע ווייל מיר זיינען א קליין פאָלק. מיר זיינען גאָר נישט אזוי קליין; אונדזער צאָל פאַר דער מלחמה איז געווען גרעסער פון א סך אַנדערע פאַרזיכיקע פעלקער, וואָס מיט זיי רעכנט מען זיך א סך מער ווי מיט אונדז. אויך נישט אונדזער צעשפּרייטקייט איז אונדזער שוואַכקייט: מיר האָבן אין איין ניו־יאָרק קיין עין הרע מער יידן איידער עס זיינען געווען ליטווינער אין גאַנץ ליטע. מיר האָבן פאַר דער מלחמה געהאַט כמעט אזוי פיל יידן אויף דער וועלט וויפל

עס זיינען געווען פאַליאַקן אין פוילן. ניין, נישט אונדזער קליינקייט איז אונדזער שוואַכקייט, נאָר אונדזער אומאָרגאַניזירטקייט, אונדזער צעשטויבטקייט. פון גאַנצע שטיינער קען מען אויסבויען א געביידע, ווען אָבער די שטיינער זיינען צעמאָלן אויף שטויב, — וואָס קען מען פון זיי בויען? מיר זיינען א צעשטויבט פאָלק! און נישט די געאָגראַפישע צעשטויבטקייט איז דער אומגליק — פאַרקערט וואָלט די פאַרשפּרייטקייט און איינגעוואָרצלטקייט אין פאַרשיידענע פּאָליטישע אָרגאַניזמען געקענט זיין נישט קיין קללה נאָר אפילו א ברכה ווען די יידן וואָלטן געקענט אומעטום אויף דער וועלט אָרגאַניזירן די יחידים פון פאָלק אין נאַציאָנאַלע קאָלעקטיוון. וואָלטן מיר געהאַט אַזוינע קאָלעקטיוון אין פאַרשיידענע לענדער — פעסטע, צילוויסיקע, אויסגעהאַלטענע, דיסציפּלינירטע, מיט אַן אייגענעם קולטורעלן און סאָציאַלן „איך", וואָלטן מיר געקענט האָבן אין אַמעריקע, למשל, אייגענע שטאַטן מיט אַן אייגענער געזעצגעבונג און מיט אַ גרויסער וואָגיקייט אין לאַנד בכלל. מיר וואָלטן אויך אין אַנדרע לענדער געקענט האָבן נאָר אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער מערכה.

פאַרוואָס זיינען מיר אַזוי מאָראַליש צעשטויבט און צעפּיצלט? — ווייל אין אונדז פעלט אָט די קדושת העם. אַלע ריידן מיר „פאָלק, פאָלק", אָבער פאָלק איז ביי אונדז אַלעמען אַן אָביעקט פון רחמנות, אַ שלעכטער תלמיד, וואָס ווייל נישט פאָלגן און וואָס גייט נישט אין די וועגן וואָס איטלעכער פון אונדז האַלט פאַר ריכטיק. קיין געטריישקייט צו דעם אַלעם וואָס עס איז דער באַגריף פאָלק, — דאָס פאַרמאָגן מיר נישט. איטלעכן יידן ציט גאָר פון זיין יידישן קאָלעקטיוו צו אַנדערע. ווי אַזוי האָט זיך געקענט אויסבילדן ערגעץ ווי אַן אָרגאַניזירטער, דיסציפּלינירטער יידישער קאָלעקטיוו, אַז יעדער ייד לויפט פון אַזאַ קאָלעקטיוו כל זמן ער האָט וווהין צו לויפן, כל זמן אים דוכט זיך, אַז ער האָט אַן אָרט אין אַ צווייטן קאָלעקטיוו, און יענער, דער פרעמדער, איז דאָך תמיד שענער און בעסער און וויכטיקער... ווייל דאָך איטלעכע דינסט־מיידל זיין אין אַ געזעלשאַפט פון אירע האַרן און... לאָמיר בעסער דעם פאַרגלייך ווייטער נישט פירן.

נאָרמאַלע מענטשן פון אַנדערע פעלקער האָבן אַזאַ געפיל פון זיי־ער „קדושת העם". מיר האָבן אים פאַרלאָרן זינט דער עמאַנסיפּאַציע, און די משכּילים — אַ ליכטיקן גן־עדן זיי — האָבן נאָך דעם קבר פון אַט דעם געפיל פאַרשטיינט ווי די גרעסטע עבירה פון „אתה בחר־תנו", זאָל די הענט נישט געוואַשן מוחל זיין. דעם זעלביקן אתה בחר־תנו פון אַלע אַנדערע פעלקער האָבן מיר אָנגענומען ווי כשרע, פּאָזי־טיווע פאַקטאָרן, נאָר נישט דעם אייגענעם. די אַכטונג צו די איינג־טימלעכקייטן פון אונדזער אייגענעם פאָלק — דאָס האָבן מיר נישט פאַרטראָגן. דעריבער האָבן אַנדערע פעלקער געקענט איינהאַלטן און איינהיטן זייערע קאָלעקטיוון און נאָך שאַפן נייע בעת מיר האָבן קיי־נע פון די פּילצאָליקע מעגלעכקייטן נישט אויסגענוצט: ווי קענען מיר שאַפן אַזאַ קאָלעקטיוו, אַז איטלעכער ייד האַלט כּסדר אין איין לויפן פון יידן און פון יידישקייט?

און לאָמיר זאָגן קלאָר און דייטלעך: עס וועט קיינמאָל נישט קו־מען קיין גאולה פאַר דעם יידישן פאָלק, כּל זמן עס וועט נישט איינגע־פלאַנצט ווערן אין די יחידים פון פאָלק דאָס געפיל פון קדושת העם. האָבן רוסישע אינטעליגענטן געקענט זיך קליידן און ריידן ווי דאָס פאָלק. אָן קיינע פילאָסאָפיעס, נאָר פּשוט — מען וויל גיין אין פאָלק. פילאָסאָפירן מיר, יידישע אינטעליגענטן, וועגן יידישקייט און פאָל־קישקייט און מיר האָבן קיין כּוח נישט צו גיין „אין פאָלק" און לעבן מיטן פאָלק.

און פאַרוואָס איז ביי אונדז אַזוי שוואַך אַט די קדושת העם? — עס איז צו ווייט צו זוכן די נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע מקורים פון דעם פענאָמען, אָבער איינס דאַרף דאָ קלאָר זיין: דאָס לעבן צווישן אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען האָט דאָ אַ פאַטאַלע ווירקונג. דער קיום פון יידישן פאָלק האָט זיך געגייטיקט אין ספּעציעלע דרויסנדיקע פאַק־טאָרן, וואָס האָבן געשטערט דער צעשטויבונג פון יידן, און בעיקר האָט דאָ געווירקט די וווּנדערבאַרע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע סיסטעם פון פאַרוואַנדלען דאָס פאָלקסטימלעכע אין געטלעכע. מען האָט געדאַרפט

די קדושת העם איינוויקלען אין „קדושת השם" און ערשט דורך דעם האָבן יידן געקענט אָפּהיטן דעם אינהאַלט פון באַגריף יידיש פאָלק ביז קידוש השם. דאָס יידיש פאָלק האָט זיך געהאַלטן בלויז ווען אַל דאָס יידישעס האָט געגאָלטן ווי געטלעכס. און די פאָרמול איז געגאַנ־גען אַזוי: פון קדושת העם צו קדושת השם און פון דאַנען צו קידוש השם, וואָס האָט אין תוך געמיינט מסירת־נפש פאַר אָפּהיטן יידיש־קייט (פאָלקישקייט אין נאָרמען פון לעבן־טראַדיציע).

אָבער אויך די מערקווירדיקע, באמת אויסטערלישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע קאָנסטרוקציע האָט געווירקט בלויז דאָרטן ווו יידן האָבן געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, און זיי זיינען געווען ריין געאָגראַפיש (ריכטיקער עטנאָגראַפיש) אָפּגעזונדערט פון דעם הערשנ־דיקן פאָלק. דאָרטן ווו יידן זיינען געווען דירעקטע שכנים מיט דעם הערשנדיקן פאָלק האָט אפילו די רעליגיע נישט אָפּגעהאַלטן די א־טראָפּיע פון יידישקייט, וואָס „אסימילאַציע" איז פאַר דעם א ווולגאַר און נישט קיין פינקטלעך וואָרט. אפילו רעכטלאָזיקייט האָט נישט גע־קענט אָפּהאַלטן די אטראָפּיע (אַלט רומעניע, פוילן אין 19־טן י"ה; רוסלאַנד אויסערן תחום). דאָס שפּעטערישע יידנטום איז געווען קאָנ־צענטרירט אין גאַליציע ווו געלעבט האָבן אוקראַינער און פּאָליאַקן אָבער געהערשט האָבן עסטרייכער, דייטשן; און אין תחום אין רוס־לאַנד ווו עס האָבן געלעבט פאַרשיידענע סובאָרדינירטע פעלקער און געהערשט האָבן רוסן מיט זייער קולטור. טיילווייז האָבן מיר איצט די זעלביקע סיטואַציע אין א ניו־יאָרק למשל.

אַזוי אַרום געפינען מיר זיך אין א שווערער סיטואַציע: מיר קענען נישט האָבן קיין תקומה אין דער וועלט אָן א שטאַרקן געפיל פון קדו־שת העם, און אָט דאָס געפיל קען אָבער זיך נישט אַנטוויקלען ווען מיר לעבן נישט ווי א ריין יידישער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער קיבוץ און איטלעכער יחיד וואַקסט פון זיין קינדהייט אָן אין אַן אַטמאָספער פון קאָנצענטרירטער און אויסשליסלעכער אָנגעהעריקייט צו דעם איי־גענעם נאַציאָנאַלן קיבוץ.

אָט דאָ וואַקסט אויס די גרויסע וויכטיקייט פון א נאַציאָנאַל

קאָנצענטרירטער יידישער טעריטאָריע וואָס ווערט געבויט פון לכת־חילה אָן לשם ולשמה פאר דער אידעע פון קדושת העם. דער גרויסער עקספערימענט פון ארגענטינע איז נישט געלונגען בלויז דערפאר, ווייל מען האָט אים געבויט מיט דער פארקערטער, פארברעכערישער כוונה צו צעשטויבן און צעפיצלען און דערשטיקן יעדן שמץ פון קדושת העם. וואָלטן מיר איצט פארמאָגט א קאָנצענטרירטן, קאָמפּאַקטן ישוב מיט אן אייגענער סאָציאַל־קולטורעלער קאָנסטרוקציע אין ארגענטינע, אָדער לאָמיר זאָגן, אין אוגאנדע, וואָלט אונדזער גאנצער גורל אין דער וועלט גאָר אנדערש אויסגעזען: עס וואָלט געווען צו אונדז גאָר אן אנדער באַציִונג מצד דער וועלט. און נאָך וויכטיקער — מיר אַליין וואָלטן צו זיך גאָר אַנדערש זיך באַצויגן. יידישע קיבוצים אין דער וועלט וואָלטן געהאט פאר זיך א מוסטער און דער מוסטער וואָלט געווירקט! קדושת הארץ קען ווירקן נאָר אין ארץ, קדושת העם אָבער וואָלט געווירקט אומעטום ווו פאָלק איז פאראנען. האָבן אמאָל די פרושים זייער פיל געהאָרעוועט כדי צו טראנספאָרמירן די נאציאָנאַלע ענערגיע פון קדושת הארץ אין ענערגיע פון קדושת העם אונטערן פסעוודאָנים פון רעליגיע. אזא מין יידישער קיבוץ מיט א קלאָרן און שטארקן קדושת העם געפיל וואָלט אונדז איצט שטארק געקענט העלפן אין און ארום ארץ ישראל.

ארץ־ישראל איז געווים דער גרעסטער עקספערימענט פון דעם יידישן פאָלק. אוצרות פארבאָרגענע ענערגיע זיינען דאָ קינעטיזירט געוואָרן. ארץ ישראל איז געוואָרן א פאָקוס, וואָס קאָנצענטרירט די אויפמערקזאמקייט פון גאנצן פאָלק. אָבער א סך סכנות שטייען אונדז פאָר אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל. צוערשט קומען די דרויסנדיקע סכנות מצד אונדזערע „גוטע פריינד" וואָס שפּילן מיט אונדז די שפּיל פון „דעם אָרעמאנס שעפעלע" (שמואל ב' י"ב). אָט די דרויסנדיקע סכנות זיינען שטארקער דערפאר ווייל מען האָט דערקענט אונדזער אינעווייניקסטע שוואכקייט, אז מיר פארמאָגן נישט קיין אינעווייניקסטע נאציאָנאַלע דיסציפּלין און מאָראַלישע גאנצקייט, און מען דארף זיך מיט אונדז נישט רעכענען. אין סך הכל, ה"ד, איז אויך אָט די סכנה

אָן אינעווייניקסטע. אויסער דעם זיינען נאָך פאַראַן אין ארץ ישראל דירעקטע אינעווייניקסטע סכנות. עס איז נישט קלוג און נישט געזונט זיי צו באַהאַלטן: ארץ־ישראל פלאַנצט נישט איין קיין אהבת ישראל, קיין קדושת העם, און מיט קדושת הארץ קען מען קיין פאָלק נישט אויפלעבן, קען מען נישט גובר זיין די כסדרדיקע אטראָפּיע פון פאָלק. אַלץ וואָס איז אין ארץ ישראל „ארץ ישראלדיק" איז געשאַפן געוואָרן פון די וואָס זיינען געקומען פון יידישער שטייגערישער טראַדיציע, פון א סביבה מיט קאָנצענטרירטער קדושת העם (אונטערן פּסעוודאָנים פון קדושת השם). ווען אָבער אין דער דאָזיקער א״י ישראלדיקער ארץ־ישראל וואַקסט א יוגנט מיט קדושת הארץ אָן קדושת העם, ווען עס קומען עליות אָן קדושת העם, — איז די גאַנצע זאַך פון קיום האומה אין ספק. קען חלילה אויסוואַקסן א שבט אין „ארץ" אָן דעם „עם". ארץ איז פאַרבונדן מיט מצוות התלויות בארץ. יידישקייט איז אָבער און מוז זיין א סך ברייטער ווי דער סכום מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם בנין הארץ. סוף כל סוף, וואָס איז יידישקייט? — דאָס איז אן אַקטיווע געטרייקייט אין לעבן צו א סכום טראַדיציעס אין שטייגער און אין פיר מיט דעם לשם יחוד אָפּצוזונדערן זיך אין אייגענעם לעבן פון אַנדערע שטייגערס און זיך אָנקניפּן צו דעם שטייגער וואָס בלויז ער טיילט אויס מיין פאָלק פון אַלע אַנדערע. דאָס איז יידישקייט און דאָס איז קדושת העם. פעלט עס אין א גרויסער מאָס אין ארץ ישראל און דאָס ברענגט גרויסע סכנות אין ארץ ישראל גופא און פאַר דער יידישקייט וואָס מ'דאַרף שטאַרקן אין די יידן פון אַלע לענדער, אין גלות.

וואָלט געווען אַ צווייט לאַנד מיט א קאָנצענטרירטער יידישער באַפעלקערונג און מיט קאָנצענטרירטער יידישקייט, וואָלט עס אפשר געהאָלפן איינפלאַנצן קדושת העם ביי יידן אין אַלע לענדער, איינפלאַנצן א פאָלקס־דיסציפּלין וואָס איז דיקטירט פון די אינטערעסן פון פאָלק גופא. אזא מין יידיש לאַנד וואָלט אונדז איצט א סך געהאָלפן איבערקומען די פּילצאָליקע סכנות אויפן וועג צו ארץ ישראל.

קיין איין לאַנד אין דער וועלט קען נישט און וועט נישט קאָנקו־

רירן מיט ארץ־ישראל אין איר אייגענער הייליקייט און איינגעבאַקנ־
קייט אין יידישע הערצער אין אַלע דורות. קיין לאַנד אין דער וועלט
האָט נישט פאַר אונדז קיין קדושת הארץ. אָבער אָן קדושת העם וועט
קיינמאָל נישט קומען קיין גאולה פאַרן פאָלק און במילא אויך נישט
פאַרן לאַנד! און עס קען זיין, אז דווקא ארץ ישראל נייטיקט זיך אין
א צווייטן לאַנד, וואָס זאָל געבויט ווערן אינגאַנצן אָן קדושת הארץ
און נאָר אויף קדושת העם אליין. — „אפשר וועל איך דורך איר גע־
האָלפן ווערן" ווי אַמאָל האָט אונדזער באָבע שרה געזאָגט בנוגע צו
איר דינסט הגר. קען זיין, אז מיט אוגאַנדע וואָלטן מיר געווען א סך
נענטער און א סך זיכערער מיט ארץ ישראל. קען זיין!

1940

פרייל־אַנד און פרייפאָלק

(צו דער באַגייאונג פון פרייל־אַנד - באַוועגונג)

יעטווידער געבורט קומט דורך בלוט און ווייען. אין פיין און ווייטאָק ווערט געבאָרן דאָס ניי לעבן. מיר האלטן איצט ביים גע־בורט פון טעריטאָריאליזם, פון „פרייל־אנד”. אָבער געבאָרן קען ווערן א געזונט, נאָרמאל קינד און עס קען אויך געבאָרן ווערן, חלילה, א קריפּל, א טויט פארזעעניש. עס קען געבאָרן ווערן א משיח און, להב־דיל, א פאלשער משיח, א מסית ומדיח. און דאָס ווענדט זיך שוין אָן דער נשמה פון דעם קינד, וואָס דאַרף געבאָרן ווערן.

איז געבאָרן געוואָרן, נישט היינט געדאכט א גרויסע און א ריי־כע יק"א אמאָל. טויט געבאָרן געוואָרן, אָן א נשמה, אָן אָן אידעע, אָן אָן אידעאל.

זיינען געווען נאָך א פּאָר קלענערע „געבורטן” און אויך מיט גאָר־נישט. געשוואנגערט מיט מי, און געבוירן א — ווינט.

און די נשמה פון א נייעם געבאָרענעם — זי קומט שוין פון ירו־שה און פון סביבה און פון דערציונג. און אָט דאָס ליגט שוין אין די הענט פון די וואָס שטייען ביים ברוך־שטול, ביים געבורט און ביים ווינעלע פון דער נייער באוועגונג. עס זיינען פאראן אלע סכנות, אז שדים און נישט־גוטע זאָלן באפאלן דאָס ניי־געבאָרן עופהלע און עס אָן עין־הרע געבן...

מען דאַרף זאָרגן פאר א נשמה פון דער באוועגונג נאָך איידער זי מאכט די ערשטע טריט אירע.

קיינער וועט איצט נישט וואגן צו זאָגן, אז קיין יידן־פראַגע אין
דער אַלוועלטלעכער גריים איז נישטאָ, אז עס איז בלויז א פּראָבלעם
אין יעטווידן לאַנד באַזונדער, אָרטיקע, אַזוי צו זאָגן, פראַגעס זיינען
דאָס. קיינעם קען זיך, דאַכט זיך, דאָס מויל נישט עפענען איצט אַזוינס
צו זאָגן. עס וועט איצט אויך, דאַכט זיך, קיינער נישט האָבן די
דרייסטקייט צו זאָגן, אז „יידן־פראַגע" איז א פראַגע פון רעכט, און
אין דעם מאָמענט ווי די יידן פון א וואָסער עס איז לאַנד באַקומען
רעכט, — איז שוין מער פאַר זיי קיין פראַגע נישטאָ. דעמאָלט קען
מען שוין בלייבן „נייטראַל" — זיי אַ ייד, זיי נישט קיין ייד, אַסימי־
ליר זיך, זיי נאַציאָנאַל... בלוט און פּיין, „ללעג ולחרפה היינו" (צו
שפּאָט און צו שאַנד זיינען מיר געוואָרן) האָבן די פּראָבלעם אַריינגע־
קלאַפּט אין די מוחות פון יידן, מיט געוואַלט. אָבער אויף אָט די „גרי
אריות", אויף אָט די, וואָס זיינען נעבעך געצוווּנגען געוואָרן דורך
צרות און פחד צו פאַרטראַכטן זיך וועגן יידן, — אויף די קען מען
זיך נאָך נישט פאַרלאָזן. פון אַ „נייטראַלער" נשמה, אָן לײַדנשאַפטן,
אָן ליבע קען נישט געבוירן ווערן קיין לעבעדיק וועזן... אַ גרויסער
טייל פון די „ערב־רב", וואָס שטייען ביים געבורט פון „פרייַלאַנד",
זיינען אָט אַזוינע קאַלטע, דורך קלעפּ געבראַכטע. און עס איז אַ סכ־
נה. ווען הערצל וואָלט נישט געפונען, וואָלט נישט געלאָזן קיין שטאַר־
קע לײַדנשאַפטן, קיין איראַציאָנעלע חסידים, — וואָלט פון הערצלס
אידעען געבליבן נאָך ווייניקער, איידער פון באַראָן הירשס מיליאָ־
נען. עס איז די אויפגאַבע פון די „פרייַלאַנדיסטן" צו היטן די נשמה.
דעם גוף, דעם חומר, די מאַטעריע וועלן זיי דאָך אַליין געוויס נישט
שאַפן.

ווייל איך זיך דערלויבן דאָ אַרויסצוזאָגן מיינע געדאַנקען אויך.
איך ווייס נישט, צי בין איך אַ „פרייַלאַנדיסט", — קיין פאַרטיי־צעטל
האָב איך געוויס נישט, אָבער אַ ייד בין איך. ביי מיר אין די אויגן
איז פרייַלאַנד־אידעע ברייטער ווי אַ געאָגראַפישע טעריטאָריע. „פריי־
לאַנד" איז אויך אַ סך מער פון אַ פריי לאַנד פאַר יידן. „פרייַלאַנד"
דאַרף זיין דער וועג צו דערגרייכן אַ פריי לעבן פאַר דעם גאַנצן פאָלק
אין דעם לאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. „פרייַלאַנד" איז אַ

טייל פון א פּראָגראַם. לאַנד — פאַרן פאָלק. ביי יידן, היינט־קעפּ, קען אמאָל זיין רעכט אויך פאַרקערט... ביי יידן איז מעגלעך געווען, אז פון גרויס שלילה צו יידישע צרות זאָל אויסוואַקסן א שלילה צו די יידן גופא. עס איז מעגלעך געווען, אז אַנשטאָט פיינט צו האָבן די שלעג מיט די שלעגער זאָל מען ביי אונדז פיינט האָבן די געשלאָגע־נע. „פריילאַנד" מוז זיך פון פאַרויס פאַרזיכערן קעגן אָט דער שרעק־לעכער שנאה צו זיך אליין, וואָס קען, חלילה, די גרעסטע אידעאַלן חרוב מאכן. „פריילאַנד" מוז זיין אָנגעפילט מיט גרויסער ליבע, מיט „אהבת ישראל". אָט די „אהבת ישראל" אין פשוטן זינען — אהבה צום „האַלצהעקער, צום וואַסערפירער" איז געווען דער וויכטיקסטער סימן פאַר אַלע ריכטיקע און אמתע משיחים. משה רבינו איז גע־פּרוּווט געוואָרן דורך אָט דער ליבע צו דעם קליינעם שעפעלע. „אהבת ישראל" הייסט קענען אין דער אייגענער נשמה אריינשמעלצן די „שכי־נה" פון פאָלק, „אהבת ישראל" הייסט קענען זיך צונויפגיסן מיט די יל"ו פון פאָלק. „אהבת ישראל" איז נישט דעמאַגאָגישע רייד וועגן „ברייטע מאַסן", וואָס מען וויכט פון זיי אין פּריוואַטן לעבן, „אה־בת ישראל" הייסט „גיין אין פאָלק" אין פיזישן און נאָך מער אין גייסטיקן זינען. אָן אהבת ישראל קען די גרעסטע אידעע ווערן צו גאָרנישט, קען די גרעסטע ענערגיע — זיך אויסוואַפּן, אָן אהבת ישראל ווערט פון א משיח א משיח דישקר. ווער עס נעמט זיך צו „פריילאַנד". דאַרף זיך גוט בודק זיין, דאַרף זיך טובלען און מטהר זיין... דאָס איז דער עיקר.

און ווייטער, „פריילאַנד" איז נישט קיין קאָלאָניזיר־פּראָיעקטן בלויז. „פריילאַנד" קען זיין בלויז א אידעאַל, און לעבן קען עס בלויז ווי א באַוועגונג צו אן אידעאַל. און דער אידעאַל איז ווי געזאָגט שוין פריער — דאָס נאַיע פאָלק. פון „פריילאַנד" צו „פרייפאָלק". און וואָס הייסט דאָס? — פאַר מיר איז דאָס קלאָר, איך ווייס אָבער נישט, צי עס וועט אויך זיין קלאָר פאַר דעם לייענער, ווייל אידעען קען מען נישט איבערלייענען. אידעען דאַרף מען אויפנעמען מיט דער נשמה, און א אידעע ווען כען נעמט זי אויף נישט ריכטיק, ווערט זי פאַר־

שוועכט. עס איז ווי „גאָטס נאָמען אַרויסגערעדט אומזיסט". דאָך וועל איך פּרוּוון אָנדייטן, וואָס איך מיין, און „דער פאַרשטייער וועט פאַרשטיין". איך מיין מיט מיין באַגריף „יידישקייט" בערך אָט וואָס:

א) דער אידעאַל פון יידישן פאָלק בלייבט ווי געווען, פון די נביאים אָן אַ גייסטיקער: נישט קיין רעליגיעזע, און נישט קיין וועלטלעכע טעמפּלען, בתי מקדשים, נישט קיין הייליקע (אין רעליגיעזן און אין וועלטלעכן זינען) בערג און פעלזן. נישט אין פיזישע רייכטימער, געשאַפטיע דורך מענטשלעכע הענט, ליגט דער ציל פון פאָלק. דאָס יידישע פאָלק טאָר זיך ניט בוקן צו קיין געשאַפענע מאַטעריעלע געצן. „געצן" בלייבן געצן, אויב אפילו זיי זיינען נישט רעליגיע. יידן האַלטן בלויז פון רוחניותדיקן גאָט, וואָס טאָר ניט האָבן קיין געשטאַלט, וואָס איז ויעלט אין מענטש, און גאָט אין מענטשן און וואָס איז „אחד" — איין פאָלק פון אייביק ביז אייביק, איין פאָלק דורך אַלע צייטן און דורך אַלע דורות. אַלע וועגן, אַלע געדאַנקען און אידעען אין פאָלק דאַרפן זיין מיטלען ווי אַזוי בעסער צו דינען אָט דעם אייביקן „אחד"-גאָט. אַלע אידעאַלן, וואָס פירן אין אַנדערע וועגן, זיינען פאַלש און זיי וועלן פאַרפירן.

ב) אין אידעאַל איז יידיש פאָלק און יידישקייט נישט פאַרבונדן מיט איין טעריטאָריע, מעג זי אפילו זיין „פריילאַנד" אליין און נאָך מער. אין אידעאַל דאַרף געשטרעבט ווערן צו „אחדות-הפאָלק" איבער אַלע לענדער, איבער אַלע וועלטן, אונטער אַלע הימלען, דורך אַלע צייטן און איבער אַלע לענדער, „אחד" איז דער טייטש פון דעם — די גאָלדענע קייט" און אַ „גילגול פון אַ ניגון".

ווי אַזוי? — דורך „פריילאַנד" און דורך פריילענדער.

„פריילאַנד" דאַרף זיין נישט בלויז אַן אָרט, וווּ יידן זאָלן קענען לעבן רויק און אַרבעטן רויק. ניין — דאָס איז נאָך ווייניק. פריילאַנד דאַרף זיין אַן אָרט, וווּ יידן זאָלן קענען שמידן דעם אידעאַל פון פאָלק. דערצו איז נייטיק:

ג) אַ קאָנצענטרירט קולטורעל לעבן. אין פריילאַנד און אין פריילענדער דאַרפן יידן לעבן מיט איין און איינער קולטור. דאָס גאַנץ

לעבן דאַרף זיין אין יידיש און אַ יידיש לעבן. די אַרבעט און די רו,
די וואָך און דער יום־טוב, די שטוב און געזעלשאַפט, דאָס לעבן און
דאָס אויסלעבן זיך, דאָס לערנען און דאָס אויסלערנען זיך — אַלץ
מוז זיין יידיש. בלויז אַזאַ מאָנאָקולטוריש לעבן קען שאַפן אַ גאַנצן
יידישן קולטורמענטשן, וואָס קען אויפנעמען און פאַרדייען אויך פרעמ־
דע קולטורן און וואָס קען שאַפן אַ קולטור־לעבן בכלל. פרייַלאַנד איז
דאָך קודם כל נישט קיין „ערי מקלט" בלויז, ווו געשלאָגענע און גע־
פלאָגטע יידן קענען אַנטלויפן פון בייטש, כדי דאָרטן צו עסן דויק
ברויט. פרייַלאַנד איז קודם כל און מוז קודם כל זיין אַן אָרט, ווו אַ
יידיש פאָלק זאָל קענען פריי דינען זיינע אייביקע אידעאַלן, „דינען צו
גאָט", ווו אַ פאָלק זאָל קענען פריי קאָנצענטרירן זיין ענערגיע אין
איין געמיינזאַמען שטראָם. און אָט דורך אַרבעט פאַרן אידעאַל, דורך
דעם „דינען צו גאָט" וועט דאָס גאַנץ פאָלק אומעטום ווערן גענוג
שטאַרק גייסטיק, מאָראַליש, כדי צו קענען אָרגאַניזירן אויך זיינע פּר־
זישע היימען.

ד) פרייַלאַנד הייסט סאָציאַלע קאָנצענטראַציע. יידיש לעבן איז גע־
ווען גאַנץ, יידיש פאָלק איז געווען גאַנץ כל זמן יידן זיינען געווען איין
שטאַנד, איין קלאַס. די גייסטיקע, די קולטורעלע צעשטויבונג פון
יידישן פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָמענט פון דער סאָציאַלער
דיפוזיע פון יידישע מענטשן, ווען יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ
סאָציאַל־קאָנצענטרירטע מאַסע. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אויך
דער מאָראַליש־אידעאָלאָגישער געלויף פון יידישקייט. דעמאָלט האָט
זיך אָנגעהויבן דאָס צופּאַסן זיך און די מאָראַלישע קנעכטשאַפט. די
יידישע מאָראַלישע קנעכטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פּאָלי־
טישער פרייהייט. די פערזאָנען־עמאַנסיפּאַציע האָט פאַרשקלאַפט די
נשמות. די „בירגער"־יידן, ערשט באַפרייטע פון די געטאָ־מויערן,
זיינען גלייך אַריינגעפאַלן אין זומפּן פון „קנעכטשאַפט אין פרייהייט".
בענקען מיר נאָך באמת פרייע יידן, פרייע יידן נישט לויט די געזעצן
פון לאַנד, נאָר פרייע לויט זייער אייגענעם געמיט, מוזן מיר שטרעבן
צו סאָציאַלער קאָנצענטראַציע. יידישע מענטשן אַן אַ טיפן גלויבן אין

יידישקייט זיינען קנעכט. און קנעכט בלייבן קנעכט אפילו ווען די גע־זעצן באפרייען זיי. און אין א סך דעמאָקראטישע לענדער זיינען יידן געווען און זיינען מער קנעכט ווי אנדערע יידן אונטערן יאָך פון שלעכטע געזעצן. „קנעכטשאפט אין פרייהייט". און נישט די אויערן דאַרף מען זיי עגבערן, נאָר די הערצער...

סאָציאַלע קאָנצענטראַציע מיינט קאָמפּאַקטע ישובים מיט א פּראָ־דוקציע־אויסטויש אינעווייניק, אינעווייניק אויף וויפל עס איז מעג־לעך.

אזא סאָציאַלע קאָנצענטראַציע איז ווידעראַמאָל מעגלעך בלויז, ווען א אידעאַל זאָל פאַרבינדן דעם קיבוץ. קומען מיר צוריק צו קול־מור. אם אין תורה — אין קמח. און אויך פאַרקערט: אם אין קמח— אין תורה.

און במילא מוז א אזא סאָציאַלע קאָנצענטראַציע ברענגען צו פּאָ־ליטישער קאָנצענטראַציע. אָט דאָס איז „פריילאַנד". פריילאַנד פירט צו יידישקייט. בלויז דורך יידישקייט קען פריילאַנד געבויט ווערן.

וו איז „פריילאַנד"? — אָן א אידעאַל פון יידישקייט וועט זי קיינמאָל נישט זיין, אפילו ווען מען וועט געבן יידן צוואַנציק טערי־טאָריעס. מיט א אידעאַל וועט פריילאַנד שוין קומען. וואָלט געווען דער אידעאַל פון פריילאַנד־יידישקייט, וואָלטן די „פריילענדער" שוין לאַנג געווען... אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אין בראַזיליע, אין מעק־סיקע, אין דרום אפריקע און נאָך און נאָך. געווען מעגלעכקייטן א סך. האָט אָבער אויסגעפעלט דער אידעאַל, מיט א אידעאַל, — וועט מען די טעריטאָריע געפינען. די וועלט, ווייזט זיך אַרויס, איז גענוג גרויס. אז יידן וועלן וועלן, וועט די טעריטאָריע קומען.

ה) אָבער פריילאַנד מיינט לגמרי נישט קיין נעגאַציע צו יידישע קיבוצים, וואָס עקזיסטירן. פריילאַנד איז נישט „עמיגראַציאָניזם". פריילאַנד איז נישט מבטל די פאַראַנענע ישובים. פריילאַנד מיינט אין די עקזיסטירנדיקע ישובים אויך אונטערצובויען א געזונטן סאָ־ציאַל־קולטורעלן באַזיס. אין דעם מאָמענט איז דאָס נישט אומעטום מעגלעך. דאַרף דאָס געטאָן ווערן וווּ עס איז מעגלעך. ביי אונדז איז

דווקא פאַרקערט: די ישובים, ווו מען קען בויען אָפּן, ווו מען לאָזט יידן לעבן און בויען, און שאַפן, — די ישובים לאָזן מיר אויף הפקר. מיר לאָזן זיי צעשטערן זיך, דעמאָראַליזירן זיך, מיר לאָזן זיי אויסטאָן זיך פון יידישקייט, פון קולטור, פון יידישן לעבן. מיר לאָזן זיי צעשטויבן זיך, ביז... ביז עס איז שוין שפּעט עפּעס צו שאַפן קאָנסטרוקטיוו, ביז עס איז שוין אוממעגלעך צו פאַרפעסטיקן, ביז מען דאַרף שוין ראַטעווען דעם גוף, ווייל קיין נשמה איז שוין נישטאָ. מיר קענען געבן צדקה, ווען מ'גייט צו א לוויה. ביים לעבן עפּעס שאַפן — דאָס קענען מיר נישט.

— פאַרוואָס?

ווייל טיף אין הארצן ווילן מיר גאָרנישט קיין יידישן אידעאַל... און כל זמן מען קען נאָך ווי עס איז אָנהאַלטן דעם אסימילירטן קיום אָן א גאָט, ווילן מיר גאָרנישט טראַכטן פון קאָנצענטרירטער יידישקייט. דאַרף מען זיך אויסלערנען בויען און אויפהאַלטן א קאָנסטרוקטיוו לעבן אין די גאַנצע און נאָך געזונטע ישובים. און דאָס דאַרף מען טאָן פרייליאַנד, וואָס טאָר זיך נישט שטעלן „קעגן" אַלע אַנדערע ישובים און קיבוצים, נאָר מיט זיי. פרייליאַנד דאַרף העלפן אויסבויען פרייליענדער, העלפן צו פאַרוואַנדלען ישובים אין פרייליענדער. און ביי היינטיקן טאָג, ווען אַלע יידישע אויגן זיינען געווענדט צו דייטשלאַנד, צו אַנדערע פונקטן פון יידישן אומגליק; אין דעם מאָמענט, ווען אַלע יידישע אויגן זיינען געווענדט צום יידישן קיבוץ אין אמעריקע, ווי צום גליקלעכסטן, שטאַרקסטן און וואָגיקסטן, — אין דעם מאָמענט דאַרף מען ראַטעווען — דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ... נישט דאָ איז דאָס אָרט איצט צו אַנאַליזירן אַלע יסודות פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, אָבער עס מוז געזאָגט ווערן אָפּן און קלאָר: מען זאָל וויסן זיין, אַז דער גרויסער און רייכער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע האָט נישט קיין פעסטע וואָרצלען נישט אין עקאָנאָמיש, נישט אין סאָציאַלן און פּאָליטישן און א פּשיטאָ שוין אין קולטורעלן זינען. אן עלנט־געפיל כאַפּט אייך אָן צוזוזען, ווי א פאָלק פון כּולנו חכמים פאַרחלעוועט די אַלע גרויסע מעגלעכקייטן אויסצובויען א

שטאַרקן לעבן לעולם ועד, עס ווילט זיך שרייען געוואַלד, צוקוקנדיק זיך ווי אַ פֿאָלק גייט לייכטזיניק אין תהום אַריין... קעפּ, פּירער, קאָנגרעסן, מיליאָנען־פֿאָנדן — און אַ ליאַדע אימיגראַציע־גרופּע פֿון וואַסער עס איז אַנדער פֿאָלק איז פֿעסטער און זיכערער פֿאַרוואָרצלט, ווי אַט דאָס עם חכם ונבון.

עס כאַפּט אָן אַן אימה צוקוקנדיק, ווי מען גרייט צו קומענדיקע דורות צו אַ לעבן. און — עס איז נישט קיין סוד, אַלע ווייסן דאָס, אַלע פֿאַרשטייען דאָס. נאָר וואָס? — מען שווייגט, „אַל תפתח פה לשטן". מען האַלט, אַז מען דאַרף נישט רעדן, כּדי נישט אַרויסצורופֿן די שלעכטע כּוחות... ווי יענער מלמד, וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ אין קישן, כּדי נישט צו זען דעם קאָזאַק...

און פֿאַרוואָס? — ווייל עס פֿעלט דער אידעאַל, עס פֿעלט אַן אידעאַל פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, פֿון „פֿריילאַנד". אָן דעם אַ אידעאַל קען דאָס ייִדישע פֿאָלק בכלל קיין קיום נישט האָבן. מיר האָבן געלעבט מיטן גלויבן אין „אחד", מיר מוזן ווייטער לעבן מיטן „אחד" — און די קולטור, דאָס איז די „עבֿודת הבורא", דאָס איז דער קולט, וואָס דאַרף אוניפֿיצירן, פֿאַרבינדן אַלע ייִדישע קיבוצים.

ווער קען עס דורכפֿירן אין לעבן? — בלויז קאַדרן יוגנט מיט אידעאַל. איך ווייס נישט, צי אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ וועט זיך אַליין קענען פֿאַרפֿעסטיקן. איך ווייס נישט, עס פֿעלט דאָרטן אַ אידעאַליסטישע יוגנט. און „פֿריילאַנד" דאַרף שאַפֿן אַט אַזוינע קאַדרען אידעאַליסטישע יוגנט, אַ יוגנט מיט אַ ברען, מיט אַ התלהבֿות, מיט אַ ייִדישן אידעאַל, מיט אַ גאָט אין האַרצן. אַ יוגנט נישט פֿאַר איין לאַנד, איין אָרט, אַ יוגנט, וואָס פֿאַרמעסט זיך צו בויען פֿריילאַנד אומעטום. „פֿריילאַנד" איז און בלייבט אַ אידעע, ווי אַזוי ייִדן דאַרפֿן בויען זייער לעבן אויף דער וועלט. „פֿריילאַנד" איז אַ אידעע פֿון אַ לאַנד, וווּ ייִדן בויען אַ קאָנצענטרירט לעבן פֿון אייביקער ייִדישער קולטור, פֿון שטענדיקער, בסדרדיקער, אָן איבעררייסן. פֿריילאַנד איז דער וועג צו „פֿרייפֿאָלק". דורך אהבֿת ישׂראל צו גאולת ישׂראל, צו אַ

א. גאָלאָמב

פאַרבאַנד פון קאָנצענטרירטע, סאָציאַל און קולטורעל פון זיך ויאַק־סנדיקע יידישע קיבוצים.

און דאָס לאַנד, די טעריטאָריע, וווּ עס וועט צום ערשטן געמאַכט ווערן די איבערפלאַנצונג פון יידן, וועט מוזן זיין אַן אָרט פון אַ גרויסן איבערדערציונגס־פּראָצעס. אַלערליי יידן וועט מען מוזן אײַ־בערגיסן אין איין גוס פון שטאָלצע, פעסטע און אידעאַליטיש־באַוווּסט־זיניקע יידן. גאַנצע קאַדרען פון אידעאַליסטישער יוגנט, וואָס בלויז זיי וועלן קענען די אַרבעט דורכפירן, דאַרפן געגרייט ווערן שוין באַ־צייטנס.

און צום סוף אַ פּאָר ווערטער: אויך ארץ־ישראל גייט אריין אין חשבון פון „פריילאַנד". קלאָר. אמת, דאָ איז צום אומגליק צו שטאַרק די טענדענץ פון „הבדלו מתוך העדה הרע הזאת", דאָ איז צו שטאַרק דער דראַנג אָפּצוזונדערן זיך פון אַלע אַנדערע יידן, דאָ איז אָפּט אָנשטאָט אהבת ישראל פאַראַן דער היפוך (אברהם שרונס „בשם האנטישמיות הציונית" אין „מאזנים"), אָבער מען דאַרף גלייבן, אַז די טענדענצן, וואָס זיינען, אמת, זייער שטאַרק, איבערהויפּט אין נעפיל, און וואָס אַנטפּלעקן זיך אָפּט אין פאַרשטעלטע געשטאַלטן, וועלן סוף כל סוף מוזן פאַרשווינדן, ווייל אין זיי איז אַ סכנה פאַראַן. און פאַרשווינדן וועלן די נעגאַטיווע טענדענצן אין ארץ־ישראל אויך אַ דאַנק פריילאַנד. בכל אופן דאַרף דאָס זיין אַזוי.

אָנהייב 1939

כרת

... „און ער זאָגט, — דערציילט יוחנן דער מלמד ביי פּרצן וועגן ר׳ זישעלען — בעסער אַלע מדורות פון גיהנום איידער כּרת, ארויס פון כּלל ישראל״. און ער גיט צו, יוחנן מלמד: „אַ טיפער ענין״.

יאָ, זייער אַ טיפער ענין, אָט דער כּרת — אָפּגעשניטן ווערן פון דעם כּלל ישראל. עס איז נישט קיין שטראָף, וואָס אַ בית־דין גיט, נישט קיין אָפּרעכענען זיך פאַר זינד. עס איז „בידי שמים״ — עס איז אַ וועג, וואָס עס גייט זיך פון זיך, אָט ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט און קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ פון זיך, אָדער ווי אייניקע פרעירי־גראָזן, וואָס ברעכן זיך אָפּ פון זייער שטאַם אָן; ווערן געטראָגן פון ווינטן איבער די פליינען, ביז אַ גראָבן, צי אַ פּלויט, ווו זיי בלייבן זיך וואַלגערן... אָט ווי איינער אַ קין, וואָס איז פאַרטריבן פון זיין שבט, און קיין אנדערער האָט אים נישט אריינגענומען. כּרת — אָפּגעשניטן ווערן פון דעם קאָלעקטיוו, פון דעם כּלל ישראל — ס׳איז אַ טיפער ענין. נישט אַלע, ווייט נישט אַלע נעמען דאָס אויף ווי אַ קללה, ווי אַ שטראָף. פאַרקערט: ס׳זיינען פאַראַן אַ סך מער יידן, וואָס גאַרן נאָך דעם, וואָס עס ציט זיי צו דעם, און זיי האַלטן עס פאַר אַ גליק — פאַר זיך און איבערהויפּט פאַר די קינדער... לאָמיר בעסער עפּעס דערציילן:

— — — עס האָט דעם אַלטן ר׳ ישראל סבא אָפּגעגליקט אין אַמעריקע. ער האָט זוכה געווען צו אַ שטיקל קיבוץ גליות — אייניק־

לעך זיינען געקומען צו אים פון אַלע לענדער, פון אַלע עקן וועלט, און אַלע טוליען זיי זיך צו אים, צום זיידן אין פרעמדן לאַנד. אַלע זיינען אַ נאָמען נאָך אַן עלטער־זיידן יונה; נאָר איינער הייסט איוואַן — ער קומט פון רוסלאַנד; דער צווייטער קומט פון פוילן, און מען רופט אים יאַן, דער דריטער איז זשאַן און דער פערטער דזשאָן... און ווי די נעמען, אַזוי די שפּראַכן: איטלעך אייניקל מיט „זיין" שפּראַך, די שפּראַך פון „זיין" לאַנד, און איין אייניקל פאַרשטייט נישט דעם צווייטן, און יעדער איינער איז פרעמד דעם צווייטן, און יעדער איינער האָט זיך דערצויגן אין אַן אַנדער קולטור, די קולטור פון „זיין" לאַנד, און ער איז זיכער, אַז זי איז די בעסטע און שענסטע, און איטלעכער פון ר' ישראל סבאס אייניקלעך איז זיכער מיט זיין קולטורעלער העכערקייט און ער קוקט אויף זיינע אַנדערע שוועסטער־קינדער פון אויבן־אַראָפּ: זיי געהערן צו פאַרשידענע פעלקער... נאָר דער הצד־השוה — אַלע זיינען זיי גלייך פרעמד און אָפּגעריסן פון זייער זיידן, אַלע זיינען זיי פון אים אָפּגעפרעמדט... און דער אַלטער ר' ישראל סבא גייט אַזוי אַרום צווישן זיינע אייניקלעך אַ שטומער און אַ פרעמדער, אַן איינזאַמער. און אין האַרצן נאָגט און וויינט אַן אַלטער פּסוק פון דער תוכחה: „דיינע זין און דיינע טעכטער זיינען אָפּגעגעבן אַ פרעמד פאָלק, דיינע אויגן זעען און גייען אויס נאָך זיי דעם גאַנצן טאָג, נאָר דיין האַנט האָט נישט קיין מאַכט"; „זין און טעכטער וועסטו געבוירן און נישט פאַר דיר וועלן זיי זיין, געפאַנגען וועלן זיי ווערן" (דברים כ"ח, 32 און 41).

איז דען דאָס אַן אויסגעטראַכט בילד? אָט פיר איך אַ שמועס מיט צוויי פרומע אַמעריקאַנער בחורים. די יאַרמלקע ווערט נישט אויסגעטאָן פון קאָפּ. זייער שפּראַך איז ענגליש, און איינער דערקלערט מיר: מיר זיינען אַמעריקאַנער, איין פאָלק מיט אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער. נאָר אונדזער רעליגיע איז אַ צווייטע. מיר זיינען אַמעריקאַנער, וואָס דינען גאָט אויף אַן אַנדער אופן, און דאָס אַליז. מיט די יידן פון „אָלד קאַנטרי" זיינען מיר מער נישט איין פאָלק. פּאַליאַקן און פראַנצויזן האָבן אויך איין רעליגיע. זיי זיינען אָבער נישט

איין פאָלק. פּרובירן איינטיילן אַמעריקע אויף באַזונדערע פעלקער, — גיט ער מיר צו, — דאָס איז נאַציזם... איין גאָט און איין אמע־ריקע. וועגן אַ יידיש פאָלק, אַ גאַנץ איבער דער גאָרער וועלט — וועגן דעם האָט דער ווילער בחור נישט געטראַכט.

און אָט זיינען אַנדערע יידישע יונגעלייט. עלטערן — וועלטלע־כע, קיין רעליגיעזע מנהגים זיינען זיי נישט באַקאַנט, פון קיין יום־טוב ווייסן זיי נישט, אויסער סיידן דעם ריין־וועלטלעכן ניי־יאָר. די עלטערן האָלטן פון יידיש, אָבער אָט דאָס „האַלטן" איז נישט מחייב די קינדער און די היימען. און זיי דערקלערן מיר: מיר זיינען ביר־גער פון אַמעריקע, אַ טייל פון דעם לאַנד און פון דעם פאָלק. דער־מיט איז איין חשבון פאַרענדיקט — צו קיין צוויי פעלקער געהערט נישט קיין מענטש. מיר האָבן ליב „אונדזער" לאַנד און „אונדזער" פאָלק, אויב אפילו מען באַציט זיך דאָ צו יידן נישט גוט. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן מיטלייד מיט די יידן אין איראָפּע, אָבער מיר האָבן דאָך אויך נישט ווייניקער מיטלייד מיט די הינדוסן אין אינדיע און מיט אַנדערע ליידנדיקע פעלקער (די ווערטער זיינען געווען געזאָגט פון אַן אינטעליגענטן יונגן יידן און געזעלשאַפטלעכן טוער אין יאָר 1943, געדענקט!).

אין משך פון דעם שמועס האָט עמיצער אַ זייטיקער, פאַרבייגייענ־דיק און אומגערן, אָנגערירט דעם כבוד פון אַ פּאָפּולערער פּערזאָן אין דער פּאָליטיק פון לאַנד, און... עס איז געוואָרן אַ שטורעם. מענ־טשן האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן: באַליידיקט זייערע געפילן צו זייער לאַנד און פאָלק, באַליידיקט דעם מונדיר, וואָס זיי טראָגן אין מיליטער... האָב איך זיך צוגעהערט און אין געדאַנק פאַרגליכן, ווי די זעלביקע יונגע יידן רעאַגירן (אָדער זיי רעאַגירן גאָר נישט) אויף אַ סך טיפערע באַליידיקונגען פון זייער יידישן פאָלק. און איך האָב פאַר זיך ווידער געזען די קללה פון דער תוכחה; דיינע זין און טעכטער זיינען אָפּגעגעבן צו אַ פרעמד פאָלק. און איך האָב אויך רחמנות געהאַט אויף אָט די אָפּגעגעבענע, אָן געצאָלט פאַרקויפטע יידישע קינדער: זייער פאָלק האָט זיי אָפּגעגעבן, צוגעוואָרפן אונטער

פרעמדע טירן, אָדער ווי א קוקו־פויגל — זיינע אייער, וואָס ער לייגט אין פרעמדע נעסטן. אָבער זיי ווערן דאָך אין פרעמדן פאָלק, וואָס צו אים ווערן זיי איבערגעגעבן, נישט אויפגענומען; זיי ווערן דאָך שיקאַנירט און אָפּגעשטויסן... טראָגן זיי זיך דאָך שוין גייס־טיק איבער די פליינען פון גאַר דער וועלט, געטראָגן פון ווינטן, ווי יענע וואַנדער־גראָזן, פאַרטריקנט און פאַרדאַרט, כאָטש קיין היט־לער־בייטש דירעקט האָבן זיי נאָך נישט פאַרזוכט. און ערגעץ־ווו — אין זיך, צי איבער מיר, צי אין הימל, צי פון אונטער דער ערד — שרייט עס: אָ, ווי צו אייך, איר בלאָנדזשענדיקע, אויסגעריסענע פון אַלע וועלטן...

אָט זיינען צוויי קינדער פון אַן אויסגעהאַלטענער יידישער שטוב. מצוות יידיש לשון ווערט דאָ אָפּגעהיט מיט אַלע הידורים פון ליט־ווישע אנשי מעשה. דער ייד זיצט אין די קינדער גאַנץ פעסט. אָבער ווי ווייט גרייכן די וואָרצלען פון זייער יידישקייט? איך האָב פּרו־בירט נאָכזוכן און באַמערקט: ביז זייער פאָטערס הויז. פון זייער זיידן מיט זיין גאַנצער גייסטיקער וועלט האָבן זיי שוין גאָרנישט געוירשנט. און הינטער דעם זיידן שטייען דאָך דורות יידן — דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין אייביקייט שטייט דאָ. און די אויסגעהאַלטענע יידישע, יידיש־רעדנדיקע קינדער זענען מיט דעם גייסטיקן וועזן פון דעם פאָלק, וואָס צו אים געהערן זיי שפּראַכלעך, דאָך נישט פאַר־בונדן. זיי און דאָס יידישע פאָלק זענען פאָרט צוויי פּאַראַלעלע גרייסן, וואָס גיסן זיך נישט צוזאַמען. פלאַכע און שוואַכע זענען די יידיש־קייט־וואָרצלען, וואָס האַלטן זיך אויף דעם אויסגעהאַלטענעם יידיש אין טאַטנס הויז. און די קינדער לאָזן וואָרצלען. לאָזן זיי אין אַנדערע סביבות...

און אָט איז פאַר מיר א גרופּע ארץ־ישראלדיקע יוגנט — געקו־מען אהער קיין אַמעריקע. און איינער פון זיי רעדט צו מיר:

— איר וווּנדערט זיך, וואָס מיר האָבן אזוי גיך דעגראַדירט אין

אונדזער יידישקייט? וואָס איר געפינט א קליינעם אונטערשייד צווישן אונדז און די אַמעריקאַנער קינדער, וואָס האָבן נישט געקראָגן קיין יידישע דערציונג לגמרי? זאָל עס אייך נישט וואונדערן! געהאָדעוועט האָט מען אונדז אין ליבע צו „מולדת"־פאָטערלאַנד, ארץ ישראל, אָבער נישט צו עם ישראל. מען האָט, פאַרקערט, אַלץ אונדז אָנגעוויזן, אז מיר זיינען אנדערש פון אַלע אנדערע יידן. זיי זיינען גלות און מיר — גאולה. מיר דאַרפן זיין אנדערש און מיר דאַרפן זיך אונטערשיידן פון אַלץ, וואָס גלות איז. מען האָט אונדז געלערנט און איינגעוווינט פיינט צו האָבן דעם גלות מיט אַלץ, וואָס אין דעם גלות, מער ווי רחמנות צום פאָלק אין גלות טאָרן מיר נישט געבן. מיר, די עברים, דאַרפן זיך אָפּשיידן פון זיי, פון די יהודים, נעבעך! פון פאָזיטיווע כוחות אין גלות האָבן מיר נישט געוווּסט און נישט געדאַרפט וויסן. אפילו נישט דאָס, אז א פאָלק אין גלות טרוימט און בויט פאַר אונדז דאָס לאַנד. איז אַזוי דאָס פאָלק פאַר אונדז געבליבן: א גרויסער אומגליקלעכער נעבעך, וואָס מען דאַרף אים ראַטעווען און וואָס איז אונדז פרעמד, פרעמדער פון אנדערע פעלקער. זייערע קולטורן זיינען חשוב, און מיר באַמיען זיך אָפּצולערנען פון זיי, איבערנעמען. פון די יידן פון גלות אָבער נישט, וואָרום — גלות שמעקט פון זיי... עלטערע יידן אין ארץ ישראל האָבן ליב געהאַט ליטעראַטור פון יידן, יידישע מוזיק, וויצן, גלותדיקן סטיל אין העברעיש. אונדזערע קינדער האָט מען אָבער דערווייטערט פון דעם אַלעם. זיינען מיר געוואַקסן אַזוי מיט דער מולדת אָן א פאָלק, געטריי די אידעאַלן, וואָס מען האָט אין אונדז געפלאַנצט: מיר האָבן פיינט געהאַט דעם גלות און זיך געגרייסט מיט אונדזער מולדת און מיט אונדזער נישט קענען דעם גלות. זיינען מיר געוואַקסן, און די מולדת איז פאַר אונדז אַלץ קלענער געוואָרן... פאַר אייך, — טענהט צו מיר דער הארציקער ארץ ישראלדיקער בחור, — פאַר אייך איז ארץ ישראל — א־ר־ץ ־ י־ש־ר־א־ל — די האָפענונג און די נשמה פון דורות יידן, פון גאַנצן פאָלק; עס איז הייליק. א חלום, א ליבע... פאַר אונדז אָבער איז ארץ ישראל אוים טרוים, אוים קודש. דעם

פֿאָלקס נשמה מיט איר קדושת הארץ האָבן מיר דאָך נישט געירשנט, קיין ירושלים של מעלה, ווי איר האָט געהאט אין הדר, אין ליטווישן שטעטל, האָבן מיר נישט געהאט. די רעאַלע, די ערדישע ארץ ישר־ראל, וואָס מיר האָבן אין איר געלעבט, קומט אונדז אויס אָרים און הארט און פול מיט שונאים. די יידן, וואָס זיינען געקומען פאַר דער צייט פון מיין לעבן, זיינען אונדז פרעמד און גלותדיק, האָבן זיי פאַרגלותט אויך דאָס פּיצינקע ארץ־ישראל. זיינען מיר מיט אונדזערע לעדערס נעבליבן א שטיקל, קליין אינדזעלע אין א ים גלות אין ארץ ישראל גופא. אָט זעט, מיין שטעטעלע פּתח תקוה האָט מען מיר פּארמיאוסט אין גימנאזיע: צו פיל גלותדיק איז עס און צו פיל יידיש ווערט דאָרט גערעדט, א ישיבה, גלותדיקע קאַפּאָטעס... די חלוצים מיט די „חלוצקעס" האָט מען מיך אויסגעלערנט פיינט האָבן. דער טאַטע קען זייער נאָמען נישט הערן, די מאַמע רעדט אָן אויף די קיבוצים, די באָבע שפּייט אויס ווען מען זאָגט „חלוצקע"... וואָס־זשע האָב איך אין ארץ ישראל געקראָגן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל מיר צובונדן אויף א גאַנץ לעבן צום כלל ישראל און צו... ארץ ישראל?...

אין אָט איז אַ סך הכל פון אונדזער יוגנט. און אַז אונדזער דור וועט אוועקגיין, און די יוגנט וועט ווערן דאָס פאָלק — וואָס וועט זיין? דער גרעסטער טייל ווייסט גאָרנישט און וויל נישט וויסן און לאָזט זיך נישט „באַדערן". ער האָט אַ „גוט טאַים". און די איבע־ריקע — צעשאָטן, צעשפּליטערט, צעפּיצלט, צעברעקלט. איטלעכער גייט אין אַן אנדער ריכטונג, און איינער וויל נישט וויסן פון דעם צווייטן. און וויפל לענדער — אַזויפיל שפּראַכן, אַזויפיל יידישע שב־טים. געוועזן א פאָלק יידן — אַ גאַנצעס און אַן איינס איבער דער גאַנצער וועלט; האָט זיך עס צעשניטן און — אויס מיט דער גאַנצ־קייט פונם יידישן פאָלק!

„איצט גיי אראָפּ
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,

און טו א וואָרף און זאָג דערביי
שטאַרק, הויך, אַז יעדערער זאָל הערן:—
אַזוי זאָלט איר צעבראָכן ווערן!...

(ביאַליק)

און מיר זיינען צעבראָכן געוואָרן אויף שערבלעך, און די שערב־לעך, פון יידישן פאָלק האָבן זיך צעשפּרייט איבער לענדער, און —

— די גאַנצקייט, די גאַנצקייט, צי וועט זי נאָך קומען?

זיצט ד׳ ישראל סבא — ביי אָנקל סעם, און די קללה פון דער תוכחה ברענט דאָס האַרץ: וועט זי קומען די גאולה פון גאַנצקייט? וועט אויך די ברכה „און עס וועלן זיך אומקערן די הערצער פון די קינדער צו די אבות" אויך מקוים ווערן?

— זי מוז מקוים ווערן! מען מוז זי מקיים זיין! מיר מוזן!

פראַקטישע וועלטלעכע יידישקייט

איך וויל דאָ פּרובירן ארויסזאָגן גאָר קורץ דאָס וואָס עס וואָלט געדאַרפט פאָרגעטראָגן ווערן אין גרעסערע סעריעס. איך טו עס צו־ליב צוויי מאָטיוון:

ערשטנס — ווו האָבן מיר, מאָדערנע יידישע יידן, געשאַפן קאַ־טעדרעס אָדער טריבונעס פאַר טיפערע און ברייטערע אָפּהאַנדלונ־גען איבער אונדזערע פּראָבלעמען? פון לערנען, שטודירן, אריינטראַכ־טן זיך ביחידות אָדער בציבור האַלטן מיר דאָך נישט. העכסטנס — איבערלייענען אויב עס איז לייכט אָנגעשריבן.

צווייטנס — דוכט זיך מיר, אז מיר אַלע, די אָנטיילנעמער פון דער גרויסער דיסקוסיע, האָבן אַ ביסעלע — מורא פאַר דער קלאָר־קייט. מיר באַמיען זיך אָפּצוטרייבן דעם קלאָרן ענטפער און מיר ווילן בלייבן אין דער פאַרנעפּלטער דיסקוסיע, וואָס מיר לעבן זיך אויס אין איר; דער קלאָרער געדאַנק צווינגט אונדז צו עפּעס נייעס, די פאַרנעפּלטע דיסקוסיע איז אונדזער אָנגענעמער צייט־פאַרטרייב. דער סימן טוב פון דער דיסקוסיע לשם דיסקוסיע איז ווען מען ענדיקט די אַרטיקלען אָדער רעדעס מיט אַ אויסלאָז בערך אַזוי: יאָ, די פּראָ־בלעמען זיינען צו גרויסע, הלוואי זאָלן אונדזערע אַרטיקלען זיי „לייזן״ וכדומה.

פאַראַן ביי מענטשן פּריוואַט און אויך קאָלעקטיוו אָט אַזאַ פאַרלאַנג, אַזאַ נייגונג אויסצומיידן קלאָרקייט. לאָמיר עס אָנרופן מיט אַ יידישן נאָמען „דער תיקו־דראַנג". דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע דיספּוטאַנטן אויף יידישע קולטור־טעמעס בין איך חושד, אַז זיי זיינען באַהערשט פון דעם „תיקו־דראַנג". אָט שרייבט מיר פּריוואַט איין קולטור־ייד וועגן זיין בעסטן פריינט וואָס איז זייער אַקטיוו אין אונדזער קולטור־דיסקוסיע אַזוי:

„איר וועט גלייבן צי נישט, חבר איקס שטערט אַלעמאָל. טעאָרעטיש איז ער מסכים מיט מיר תמיד, אָבער פּראַקטיש ווען עס קומט צו ממשותדיקער אַרבעט, וועט ער עס אָפּלייגן עד שיבא משיח"... דאָס איז דער טיפּישער אויפפיר פון די „תיקו־דראַנג־יידן".

אין אַמעריקאַנער יידישן קולטור־לעבן זיינען די תיקו־יידן מערער ווי אַנדערשוווּ, אין זיי לעבט אַ גילגול פון פאַרצייטיקן פּילפּול, פון די סכאָלאַסטישע דיספּוטן אין מיטלאַלטער. פאַראַן סיבות וואָס מאַכן זיי אין אַמעריקע גרינגער ווי ערגעץ אַנדערש. איך בין אָבער דאָ נישט אויסן צו שרייבן אַ אָפּהאַנדלונג וועגן דעם „תיקו־דראַנג". איך וויל נאָר זיי צוליב שטעלן די פראַגעס וועלכע די ווייניקער דיסקוסיע מעסיק. איך וויל זיך באַמיען רעפערירן די געדאַנקען ווי וויַיט איך וועל קענען אַזוי, עס זאָל קענען זיין בלויז איין ענטפער — יאָ, ניין, אָבער נישט קיין סטערילע רייד פולע טעפּ, וואָס פירן נישט צו קיינע פּראַקטישע אויספירן פאַרן היינטיקן טאָג.

צי וועט עס מיר געלינגען — גאָט ווייסט. איך וועל פּרובירן.

פאַראַן פאַרשידענע גראַדאַציעס, מדרגות פון יידישקייט. לאָמיר גיין בסדר:

א) טראַגישע יידישקייט... מען זאָגט, אַז איך שטאַם פון יידן... מיין אומגליק... מען לאָזט מיר נישט פאַרגעסן אָט דעם טרויעריקן צופאַל. גוואַלט! ווי פאַרגעס איך עס? ווו געפינט מען אַזאַ אָרט אויף דער וועלט, ווו מען זאָל מיר נישט דערמאָנען אָט דעם טראַגישן אומגליק פון געבאָרן ווערן פון יידן"...

דאָס איז דאָס געפיל פון טראַגישער יידישקייט. און דאָס געפיל דופט ארוים פאַרשיידענע טעאָריעס, געדאַנקען, אויך מעשים.

די פּראָבלעם פון יידישקייט פאר אָט אזוינע „טראַגישע" יידן איז — ווי ווערט מען פּטור, ווי מאַכט מען מען זאָל פאַרגעסן, מען זאָל מיר נישט דערמאָנען מיין געבורט-אומגליק און יידישע חרפּה, מען זאָל מיר לאָזן אָנטלויפן.

ב) פּאַסיווע יידישקייט. איך וויים און אָנערקען, אַז איך בין א ייד. איך געהער צו אַ טייל בירגער וואָס זיינען יידן. אַז מען מאָנט ביי מיר עפּעס פאר יידן — גיב איך. איך באַהאַלט נישט מיין יידישן אָפּ־שטאַם. יידישער אָפּשטאַם, איירישער, סקאָטישער, איסלאַנדישער, נאָרוועגישער — אַלץ איינס. איך מיט מיין אָפּשטאַם בין נישט קיין ערגערער בירגער ווי זיי אַלע מיט זייער אָפּשטאַם.

די פּראָבלעם פון יידישקייט פאר די פּאַסיווע יידן איז — געפי־נען אָדער העלפן שאַפן אַזוינע רעכטלעכע באַדינגונגען, ווו איך זאָל נישט דאַרפן באַהאַלטן מיין יידישן אָפּשטאַם, נישט דאַרפן מורא האָבן טאָמער אַנטפּלעקט מען מיין אָנגעהעריקייט צום יידישן שטאַם.

זוכן צו געפינען חן ביי נישט יידן, אָנהאַלטן גאַנצע אמטן כדי זיך צו דערנענטערן צו נישט יידן, זוכן יחוס ביי אַלע גרויסע לייט, וואָס זיינען צופעליק געבאָרן געוואָרן ביי יידישע עלטערן — דאָס אַלץ איז די טעטיקייט פון בירגער וואָס זייער יידישקייט איז אין זיי פּאַסיוו.

יידישע פּאָליטיק און געזעלשאַפטלעכקייט באַטייט פאַר די צוויי קאַטעגאָריעס — געפינען אַזאַ מיטל, אַז יידן זאָלן זיך וואָס ווייניקער וואַרפן אין די אויגן, מען זאָל זיי מיט זייערע צרות ווייניקער אָנזען.

ג) אַקטיווע יידישקייט — באַשטייט פון סכומים מעשים, האַנד־לונגען, פירונגען וואָס ווערן געטאָן באַוווסטזיניק אָדער לויט גע־וווינהייט פון דורות (טראַדיציע) כדי אָנצוהאַלטן די אַנדערש־קייט פון אונדז ווי יידן פון אַלע אַנדערע נישט־יידן. אַלץ וואָס מיר טוען כדי אָנצוהאַלטן, אונטערצושטרייכן, אָפּצוהיטן אונדזער קאָ־לעקטיווע אַנדערשקייט, — דאָס איז יידישקייט. אַלץ דאָס, וואָס מיר

טוען פארקערט כדי אָפּצווווישן אונדזער אונטערשייד, כדי ענלעך צו זיין צו נישט־יידן, — אַלץ דאָס איז דער קעגנזאַץ פון יידישקייט. די דיזקלאַראַציעס וואָס ווערן דערביי אָנגעגעבן זיינען נישט מאָסגעביק. נישט די רייד, ארויסזאָגונגען און דעקלאַראַציעס באַשטימען דעם פּיגנטשן, נייערט זיינע מעשים און זייער אָביעקטיווע כוונה.

ווען דער ערשטער גרופּע, וועגן די טראַגישע יידן איז נישטאָ וואָס צו ריידן — דאָס זיינען אייביקע שמד־קאַנדידאַטן: אומגליקלעכע, נעבעך, וועמען מען צווינגט מיט געוואַלט צו טראָגן אַ הויקער. דאָס זיינען, נעבעך, מענטשן, וואָס טראָגן די גאַנצע לאַסטע אָראָפּגעשלונגען אין זיך, אפילו ווען זיי זענען גלייכבארעכטיקט. אויף זיי איז בלויז אַ רחמנות און מער נישט.

די פּאַסיווע יידן זיינען אויך נישט קיין סך בעסער. ביידע גרופּעס זיינען נישט מער ווי אַ פוטבאָל וואָס קייקלט זיך וווהין מען בריקעט אים. דער אידעאַל פון ביידע גרופּעס איז אַ בולקע מיט פּוטער ביז מען וועט ווייטער בריקן; דער טרוים — געפינען אַזאַ באַלעבאָס, וואָס פוילט זיך צו בריקן... די תורה פון לעבן איז מיהיקרי: פארשטעלן זיך מען זאָל נישט דערקענען אין מיר דעם יידן. דאָס גרעסטע גליק איז — קענען זיך אַזוי „צופּאַסן”, אַזוי ענלעך מאַכן זיך צום באַלעבאָס ער זאָל נישט דערקענען. די פּסיכיק פון די יידן איז באַהערשט פון אַ דאָמינאַנטע — „זיי — שיין, מיר — מיאוס”.

יעטווידער זעלבסטשטענדיקע יידישקייט איז פאַר זיי — אוי וויי! איזאָלאַציע און געטאָ. דיסקרימינאַציעס, דאָס באַזייטיקן די יוגנט פון אַלע ארבעטס געביטן, דאָס טרייבן אַלע יונגע יידן צו איינער, צו צוויי פּראָפעסיעס — דאָס אַלץ איז נישט איזאָלאַציע, נישט קיין געטאָ, נאָר רופן זיך מיט דעם אייגענעם יידישן נאָמען, ריידן הויך אין גאָס מיין שפּראַך, דערציען מיינע קינדער אין מיין אייגענער שול — דאָס איז ביי זיי געטאָ.

פאַראַן דער פויגל קו־קו. פעלט אים דער אינסטינקט צו בויען פאַר זיך אַ נעסט, לייגט ער זיינע אייער אין פרעמדע נעסטן. מסתמא

וואָלט אויך אַ קוק־קו געהאַלטן, אַז אַן אייגענע נעסט איז איזאָלאַציע און געטאָ...

אויב מען רעדט וועגן יידישקייט, וועגן אַ יידישן לעבן איז עס שייך בלויז צו אַקטיווער יידישקייט פון אַקטיווע יידן.

פּאַסיווע יידן זוכן און באַמיען זיך צוצופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען. אַקטיווע יידן בויען און באַמיען זיך צוצופּאַסן באַדינגונגען צו זיך. פאַר די פּאַסיווע יידן איז זייער „איך" דאָס אומבאַשטימטע, דאָס רויע וואָס דאַרף ערשט געפורעמט ווערן אין די באַשטימטע פורעמס פון די נישט־יידישע באַדינגונגען. פאַר די אַקטיווע יידן איז מאָסגיביק זייער „איך", זייער גייסט און זיי באַמיען זיך צו געפינען צו שאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר דעם.

איז אין וואָס באַשטייט אָט דער יידישער „איך". קיין שום פּיקסירטס, שטענדיקס, אומפאַרענדלעכס, קאָנסערוואַטיווס נייערט אַלץ וואָס יידן טוען אין זייערע היימען, אין געזעלשאַפט, פאַר זיך און אין גאַס מיט דער כוונה אונטערצושטרייכן זייער קאָלעקטיווע אַנדערשקייט, אַלץ וואָס יידן טוען כדי אונטערצוהאַלטן אָט די אייגענע קאָלעקטיווע אַנדערשקייט, דעם אייגענעם קאָלעקטיוון „איך". — דאָס אַלץ איז יידישקייט.

איז איטלעכע פאָרמע פון שבת — יידישקייט. איז, פאַרקערט, איטלעכע פאָרמע פון זונטיק — נישט־יידישקייט. איז יידיש ריידן, שרייבן, קינדער דערציען — יידישקייט. איז פאַרקערט ריידן אַ נישט־יידישע שפּראַך — גוייִשקייט, מעג מען אַפילו אויף אָט דער פרעמדער שפּראַך האַלטן אין איין שווערן געטרייקייט צום יידישן פאָלק און דעקלאַמירן אַלע הויכע פראַזעס. וואָלט, למשל, חזיר געווען אַ מאכל נישט פון גויים, און יידן וואָלטן עס געגעסן כדי זיין אַנדערש פון די גויים — וואָלט דעמאָלט חזיר עסן געווען יידישקייט. מיט איין וואָרט: יידישקייט איז תמיד און היינט ווי תמיד, דער גאַנצער סכום פירונגען אין לעבן, וואָס איז אַנדערש פון די פירונגען ביי נישט־יידן און ענלעך צו יידן איבער דער וועלט. יידישקייט איז נישט קיין פילאָסאָפישע סיסטעם, יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע מיט אַ סכום

דאָגמעס, וואָס מען דאַרף האַלטן פון זיי. יידישקייט איז מער נישט ווי א גלויבן אין יידישקייט. מען דאַרף גלויבן אין די ספּעציפישע אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק און גלויבן הייסט מקיים זיין; מיינט טאָן אין לעבן אָט דאָס אַלץ וואָס שיידט אונדז אָפּ פון אַלע נישט־יידן. צי דאָס הייסט מצוות, צי מען רופט עס „סיגים" אָדער גאָר פּשוט „שטייגער", דאָס איז קיין אונטערשייד נישט. נישט דאָגמעס, נישט קרעדאָס, נישט עיקרים און פּרינציפּן, נישט טעאָריעס, נישט ליטעראַטור, נישט וויסנשאַפטן, נישט פילאָסאָפיעס זיינען יידישקייט, נאָר א סכום פירונגען, מנהגים, זיטן, לעבנס־פאָרמען, שטייגער־נאָרמעס וואָס זיינען אַנדערש און ספּעציפיש. אַלץ דאָס איבעריקס זיינען תולדות, פּרוכט פון יידישקייט, אָבער נישט יידישקייט. ליטעראַטור, קונסט, געזעלשאַפטלעכקייט, פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס — דאָס אַלץ וואַקסט אָן אויף יידישקייט, אָבער אַליין, אָן יידישן שטייגער איז דאָס אַלץ ווי דאַך אָן ווענט.

און אָט דער יידישער שטייגער דאַרף נישט זיין דווקא א פיקסירטער. פאַרקערט אין יעדן דור קען ער און ער דאַרף זיין אַנדערש. ספּעציפיש צוגעפּאַסט צו די שוואַכקייטן פון דור. אָט, למשל, אין אונדזער דור רייסט זיך די אַסימילאַציע־פאַרפליצונג (אייגנטלעך, איז עס נישט אַסימילאַציע, נאָר נאַציאָנאַלע אַטראָפיע) אַריין דורך די פרעמדע שפּראַכן און פרעמדער דערציונג. ביי היינטיקן טאָג דאַרף פאַר דער גרעסטער מצווה פון יידן גערעכנט ווערן ייִדיש־לשון און יידישע דערציונג. יידיש לשון נישט אויף פאַרזאַמלונגען, נאָר אין די היימען און אָפּגעהיט ווי ביי פרומע יידן חמץ אום פּסח.

און אָט דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער יידישקייט.

א) רעליגיע מיינט שטענדיקע דאָגמעס, דרייצן עיקרים וכדומה. וועלטלעכע יידישקייט קען אירע עיקרים רעפאָרמולירן אין איטלעכן דור.

ב) רעליגיעזע יידישקייט זוכט מקיים צו זיין מצוות פאַר גאָט, פאַר גן־עדן און עולם הבא. וועלטלעכע יידישקייט איז אויך מקיים גע־

באָטן, מצוות, אָבער פאַר דער גאַנצקייט, פאַר דעם קיום פון פאָלק און זיין גורל. פאַר דער וועלטלעכער יידישקייט איז גאָט — דאָס פאָלק און זיין גליק.

ג) רעליגיעזע יידישקייט קען זיך באַנוגענען מיט א סכום פיקסירטע געבאָטן, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנץ איבעריק לעבן פאַר פרעמדע פאָרמעס און נאָרמעס. פאַר דעם פיר און פאָרמעס איז אין שולחן ערוך גאָרנישט פאַרשריבן. די וועלטלעכע יידישקייט זוכט נישט אירע מצוות און עברות אין שולחן ערוך.

אָט די וועלטלעכקייט וואָס באַשטייט אין אָפּוואַרפן אַל דאָס יידישעס, נישט אַנערקענענדיק קיין אַנדערע לעבנס־נאָרמעס, קיין אַנדערע פליכטן און פאַרבאָטן, קיין מצוות און עברות, — אָט די וועלטלעכקייט איז א פסיידאָ־יידישקייט און פסיידאָ־וועלטלעכקייט. אין דער אמתן איז זי גאָר איינע פון די אַסימילאַציע־פאָרמעס און מער נישט. היט איך שבת פאַר גאָט, פאַר עולם הבא — איז עס רעליגיע, מאַך איך אָבער שבת פאַר מיין רו־טאָג, פאַר מיין פאַרוויילונג און יום־טוב, ווייל דערמיט פאַרבינד איך זיך צום יידישן פאָלק אין אַלע דורות — איז דאָס מיין נאַציאָנאַל־וועלטלעכער שבת. דאָס איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם יום־טובדיקן אינהאַלט וואָס איך לייג אריין אין מיין שבת.

פאַסט איך יום־כיפור, ווייל איך ציטער פאַרן גיהנום (אָדער איך מאַך א מאָלצייט גאָט צו להכעיס) איז עס רעליגיע. פאַסט איך אָבער יום כפור, ווייל עס בענקט זיך מיר צו כל ישראל, ווייל „בעסער מיט כל ישראל אין גיהנום איידער אליין אין גן עדן" (פרץ), דעמאָלט איז עס וועלטלעך.

עס איך לאַטקעס און צינד אָן ליכט חנוכה איז עס יידישקייט — רעליגיעזער אָדער וועלטלעכער (עס ווענדט זיך אָן דער כוונה). עס איך אָבער לאַטקעס און צינד אָן ליכט אום קריטסמעס, צו ניי יאָר — בין איך אין פאַטענץ שוין נישט קיין ייד.

איז ביי היינטיקן טאָג פאַר מיר יידישקייט: —

אַלע די פירונגען אין שטוב און אין געזעלשאַפט וואָס: 1) שיידן

אונדז אָפּ פון נישט־יידן און 2) מאַכן אונדז ענלעך צו כלל יידן. איך נעם אָן אין דער ערשטער ריי:

א. יידיש לשון אָפּגעהיט אין היים און אין געזעלשאַפט.

ב. יידישע נעמען.

ג. יידישע דערציונג, ריכטיקער דערציונג אין יידישקייט.

ד. יידישע שבת און יום־טוב.

ה. נישט אָננעמען קיינע מנהגים פון נישט־יידן.

מען רעדט איצט וועגן וועלטלעכע יידישע קהילות. אויב מען מיינט דערמיט קלובן זיך אויסצולעבן אין יידישקייט, איז עס גאָרנישט ווערט. מיינט מען אָבער דערמיט צו פאַרבינדן אַלע וואָס היטן אָפּ פאַר זיך, אין די היימען יידישקייט אין דער אָדער יענער פאָרמע — איז דאָס די צייטיקסטע פאָרמע וואָס וועלטלעכע יידישקייט דאַרף איצט אָננעמען.

איז עס גענוג קלאָר וואָס איך האָב אָנגעשריבן? ווייס איך נישט.

וועלטלעכע יידישקייט אַ גלויבן

אַט דער באַוווסטזיין פון נאַציאָנאַלן לעבן מוז וואָס גיכער דורכ־דרינגען די יידן איבערהויפּט אין די לענדער ווו מען לאָזט נאָך די יידן טרוימען וועגן „אַלגעמיינער מענטשהייט“ און פּאַקטישער אינ־פילטראַציע ווי זאַלץ אין וואַסער. און אַט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי דרינגנד נייטיק.

די לעבנס־כוחות פון מענטשן דאַרף מען מעסטן נישט מיט דער שטאַרקייט פון זיינע מוסקולן, ציינער און נעגל, נאָר מיט זיין געמיט, מוט, גלויבן, מיט זיין פעיקייט איבערצוטראָגן שוועריקייטן. — די גייסטיק־מאָראַלישע כוחות פון מענטשן — זיי טראָגן דורך דעם מענטשן. די אַלטע פאָרמולע פון צעפוילטן רוים, אַז אין אַ געזונ־טן קערפּער איז אויך די נשמה געזונט, איז אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך דעם זעלביקן רוים: דער געזונטער, מעכטיקער גוף האָט גע־האַט אַ צעפוילטע נשמה און איז אונטערגעגאַנגען מיט זיין שטאַר־קן גוף. אין דער גאָר נייסטער געשיכטע פון אונדזערע טעג האָבן מיר צום באַדויערן נאָך ביישפילן ווי דער שטאַרקער גוף קאָן נישט ראַטעווען זיך פון אומקום ווען די נשמה איז קראַנק. פאַרקערט, האָט שוין אַ פיזיאָלאָג לאַנג פעסטגעשטעלט אַ פאַרקערטן כלל: ביי

אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף לעבנס־שטאַרקער (פּראָפֿ' מעטלעניקאָוו). אַזוי אַ יחיד, אַזוי אויך אַ כּלל, אַ פֿאָלק. דער גורל פֿון אַ פֿאָלק ווערט נישט באַשטימט מיט דער צאָל טאַנקען און קריגשיפֿן, וואָס עס פֿאַרמאָגט, נישט מיט די רעזולטאַטן אויף די מלחמה־פֿעלדער. איטלעך פֿאָלק לעבט לויט די כּוחות פֿון זיין אינעווייניקסטן גייסטיק־מאָראַלישן אָרגאַניזם און די זיינען: גלויבן אין דעם קאָלעקטיוון „איך" פֿון פֿאָלק, ליבע און ווילן צו המשכדי־קייט, אין שטייגער און לעבנספּיר, דראַנג צו אייגענע נאַציאָנאַלע געוווינהייטן און אַקטיווער שעפֿערישער ווילן צו דעם. אין באַוווסטזיין דאַרף זיין אַ באַשטימטער שטאָלץ און צופֿרידנקייט מיט זיך, מיט דעם קאָלעקטיוון „איך". דאָס אַלץ האָט פֿאַרמאָגט דער טראַדיציאָנעלער ייד און שפּעטער האָט מען עס אָנגערופֿן מיט אַ זידל־נאָמען „אתה בחרתנו". אָט דאָס געפֿיל איז פֿאַראַן ביי אַלע געזונטע נאָרמאַלע מענטשן צו זיך ווי צו אַ יחיד און צו זיך ווי צו אַ קאָלעקטיוו. די שטאַרקע נעגאַציע צו „אתה בחרתנו", וואָס דערגייט ביז צו אַ ווייטאָגדיקן געפֿיל, ביז אַ נערוון־שאָק, איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿאַרקערטן געפֿיל צו זיך — אומצוטרוי, אומאַכטונג צו זיך, געפֿאַלנקייט ביי זיך, שיפֿלות־געפֿיל, דאָס געפֿיל פֿון אַ קנעכט, וואָס איז שוין פֿאַרליבט אין זיין קנעכטישקייט און בלייבט מיט זיין גאַנצן „איך", אַז ער מוז האָבן אַ באַלעבאָס און אָן אַזאַ פֿילט ער זיך פֿאַרלאָרן.

דער גורל פֿון יידישן פֿאָלק וועט באַשטימט ווערן נישט דורך פּאָליטישע דערפֿאָלגן און נישט מיט גוטע פֿריינדלעכע באַציונגען פֿון גוטע מושלים און רעזאָלוציעס און דעקרעטן און דעקלאַראַציעס און, פֿאַרקערט, ווען קיין בייזע, שלעכטע המנס, היטלערס נישט אומברענגען דאָס יידיש פֿאָלק. דער גורל פֿון יידן ליגט אין דער שטאַרקייט פֿון דעם גלויבן, וואָס יידן גלייבן אין זיך, אין דעם יידישן פֿאָלק. אָן אָט דעם גלויבן איז אַ מענטש פּאַראַליזירט אפֿילו ווען זיין גאַנצער גוף איז געזונט און שטאַרק. דאָס איז אַ גייסטיקער פּאַראַליז, וואָס איז נישט בעסער פֿון אַ פֿיזישן. אַ קאָלעק־

טיוו אָן אַזאַ גלויבן אין זיך איז אויך ווי פּאַראַליזירט אין זיין קאָ־לעקטיוון לעבן. דאָס איז די קראַנקהייט פון די יידן אָן אַ גלויבן אין יידישקייט. כל זמן מען לאָזט זיי זיך פאָרשטעלן פאַר מיט־גלידער פון „אַלגעמיינער מענטשהייט" קאָנען זיי לעבן, זיין אַק־טיוו, אַנטייל נעמען אין אַלע געביטן פון לעבן, אַרויסווייזן אוצרות מוט און ענערגיע. דאָס איז אַן אימיטירט לעבן, אָבער דאָך אַ לעבן. אין דעם מאָמענט אָבער ווען די מעגלעכקייט צו אימיטירן ווערט צוגענומען, ווען די יידן בלייבן אָנגעוויזן אויף די אייגענע כוחות און — איבערהויפּט — אויף דער אייגענער איניציאַטיוו, — דעמאָלט בלייבן אָט די יידן ווי אַ הון, וואָס די אַסאָציאַטיווע צענטערס פון מוח זיינען ביי איר אויסגעשניטן. עס קומט אַן אַטראָ־פיע פון אַקטיוויטעט. צוקוקנדיק צו דעם ווי דער צווייטער דור אַמעריקאַנער יידן רעאַגירן קעגן דיסקרימינאַציעס און אַנדערע סאָ־ציאַלע און מאָראַלישע רעכטבאַרויבונגען, — מוז מען נישט אויף קאַטאָוועס זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דעם גייסטיקן פּאַראַליז פון די יידן אין די „פרייע" לענדער. מיר ווערן אַפּהעטיק, אַנט־מוטיקט, אומדרייסט און דער גורל: פּיס האָבן מיר, — און מיר גייען נישט. אַלע אָרגאַנען זיינען פאַראַן, בילדונג און קולטור — וויפל איר ווילט, אָבער אויפטאָן עפּעס, שאַפן און בויען — דאָס קאָנען מיר נישט. דער ערשטער תנאי פון שעפערישער אַקטיווקייט איז דער גייסטיקער צוטרוי צו זיך אַליין. פעלט דאָס, פעלט דער גלויבן — איז נישטאָ קיין שאַפן, נישטאָ קיין כוח פון זעלבסט־דערהאַלטונג. עס איז דער צושטאַנד פון גייסטיקן פּאַראַליז, וואָס אַטראָפירט גאַנצע יידישע קיבוצים, און זיין מסוכנקייט ווייזט זיך אַרויס אין מאָמענטן ווען עס איז נייטיק צו קעמפן פאַרן לעבן, פאַרן קיום פון יידנטום און יידן. ווער עס וויל אומברענגען יידן, דער דאַרף קודם כל זיך באַמיען צו אַטראָפירן זייער יידישקייט. אָן יידישקייט בלייבן יידן ווי אַ גרויסער גוף אין פּאַראַליז. נאָך דעם איז שוין גאָר גרינג צו פאַרניכטן אויך דעם גוף. גלענצנד האָבן דאָס פאַרשטאַנען די פּרושים ווען זיי האָבן זיך אַזוי אָנ־

געשטערענגט נישט פאר דער תורה נאָר פאַרן לערנען די תורה. אין אַ סך ערטער אין תּלמוד איז דער געדאַנק אויסגעדריקט אויף אַלער־ליי אופנים. אָט די סכנה לויערט איצט איבער אונדז אין אַלע ער־טער ווו יידן זיינען נאָך „פריי". איך שטעל דאָס וואָרט „פריי" אין גענדזן־פיסלעך, ווייל די אמתע פרייהייט איז גאָר אַ באַגריף בלויז אַ פּסיכאָלאָגישער, נישט קיין פּאָליטיש־סאָציאַלער. פריי איז מען מיטן גייסט נישט מיט רעכט, וואָס עמיצער גיט מיר.

פריי איז דער מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַ פאַרזיכיקן גייסט, וואָס גייט זיין אייגענעם וועג, אויב אפילו ער איז יורידיש אין קנעכטשאַפט.

הלכה און אגדה פון וועלטלעכער יידישקייט

עס האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ פאַרשטעלונג, אַז ליטעראַ־טור קאָן ביי אונדז זיין „במקום יידישקייט". עס איז אַ טעות. לי־טעראַטור איז בלויז די אגדה פון אונדזער מאָדערנער יידישקייט. אויף איר אַליין קאָן זיך דער קיום פון פאָלק נישט האַלטן. צו איר פעלט נאָך אונדז אויס אַ וועלטלעכע הלכה — נאָרמעס, געזעצן, פעסטער שטייגער און גאַנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן. עס איז בכלל אַ טעות צו מיינען, אַז די שאַפונג פון דער הלכה האָט זיך פאַרענ־דיקט מיטן אָפּשלוס פון תּלמוד. צוגלייך מיט אגדה־ליטעראַטור האָט זיך אויך נישט איבערגעריסן דער פּראָצעס צו שאַפן אַ הלכה־שטייגער און אים קאָדיפיצירן. איז דאָך דער „חיי אָדם" פון ניינ־צענטן יאָרהונדערט אויך הלכה. דאָ ליגט דער גרויסער פעלער פון דער וועלטלעכער יידישקייט: מען האָט ענערגיש צעשטערט דעם אַלטן רעליגיעזן שטייגער, מען האָט אָבער גאָרנישט געזאָרגט פאַרן אויפבויען אַ נייעם שטייגער אין הסכם מיט די יסודות פון וועלט־לעכער יידישקייט. איז די אגדה־ליטעראַטור געבליבן הענגען „על בלימה", אָן פונדאַמענטן אין לעבן, האָט זי נישט געקענט קיינעם מער איבערצייגן. אַזוי האָט זיך בּיסלעכווייז אויסגעוועפּט דער וועלטלעכער גלויבן. זיינען דאָס רוב וועלטלעכע יידן געבליבן לויט

די סימפּאַטיעס הייסע יידן און לויט דעם שטייגער זייערן — גאַנץ אָדער האַלב אַסימילירט מיט אומבאַפרידיקטע בענקעניש. מוז דער טעות איצט פאַרריכט ווערן. מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג, אָבער בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט. עס מוזן די אויפריכטיק וועלטלעכע יידן נעמען אויף זיך א יאָך פון געבאָטן און פאַרבאָטן אין זייער היימישן לעבן. דאָס איז דרינגנדיק נייטיק איצט.

דער סך־הכל

א) וועלטלעכע יידישקייט איז אויך א גלויבן און מוז זיין א גלויבן, א נאַציאָנאַלער אָן צומישונג פון טעאָלאָגישע עלעמענטן, א גלויבן אין פאָלק, אין זיין צוקונפט, אין גייסט און כאַראַקטער, אין זיין ווערטיקייט. מען דאַרף גלייבן אין פאָלק און דינען צו אים. יידן, וואָס האָבן אין זיך נישט אָט דעם גלויבן, זיינען נישט וועלטלעך, נאָר נעבעך־יידן, הפקר־יידן, אויף גוואַלט־יידן, קוים וואָס זיי טראָגן נעבעך זייער „שווערן" פּעקל יידישקייט. כל זמן מען קאָן פאַרשיכורן די פריע צייט, איז זיי גרינג צו לעבן. שפּעטער אָבער בלייבן זיי ליידיק און אויסגעליידיקט ווי מאַריץ בענעדעטזאָנס זון (ביי פּרצן אין די „פיר דורות — פיר צוואות") — בלויז אָן זיין אויסגעהאַלטנקייט.

ב) א קיבוץ אָן א גלויבן איז גייסטיק פּאַראַליזירט און איז אומפעיק שעפעריש צו לעבן. זיין גורל איז צו ווערן א פּאַסיווער די קולטור־פּראָדוצירער היינט צו טאָג אין יידישן לעבן.

ג) וועלטלעכע יידן האָבן אין אַמעריקע פאַרלאָרן זייער גלויבן אין יידישקייט. האָט זיי פאַרשלונגען א גלויבן אין אַמעריקאַניש־באַל געשליידערט צו ווערן פון פרעמדע פּיס.

ד) כדי צו קענען לעבן, זיך פאַרטיידיקן, ווערן זיך, בויען א לעבן לדורות כדי אויסצונוצן די נאָך דערוויל פאַראַנענע מעגלעכקייטן אין אַמעריקע, — מוז מען די אַמעריקאַנער יידן אומקערן זייער פאַרלאָרענעם גלויבן. אין דעם (און אפשר בלויז אין דעם) ליגט די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון דער יידישער אינטעליגענץ, פון קיים, אין שמעלץ־טאָפּ, אין אַסימילאַציע.

לאָמיר דיסציפּלינירן אונדזער לעבן

עס איז עפּעס נישט אין גאנצן אין אָרדנונג מיט אונדזער פּריוו־היט פון וואָרט. מיר אַלע האָבן ליב פּאַטענטירטע סחורות און אויך פּאַטענטירטע געדאַנקען, אָנגענומענע, סטאַנדאַרד געדאַנקען. קומט אַ מענטש און וואגט צו זאָגן עפּעס וואָס עס שטימט נישט מיט דעם סטאַנדאַרד־געשמאַק פון דעם עולם, — איז, אַז אָך־און־וויי צו אים מיט זיין געדאַנק צוזאַמען; אין בעסטן פאַל פאַרשווייגט מען אים — צו וואָס נאָך מאַכן פּובליסיטי? וואָס איז ער — אַ מאַכער פון אַ נייעם סטייל? — דאָס קענען טאָן בלויז די פּאַטענטירטע געדאַנקען־פּאַבריקאַנטן. אַ פּשוטער בשר־ודם טאָר זיך נישט דערוועגן זיי משיג גבול צו זיין. טאָמער איז דער נייער געדאַנק שוין אַביסל צו זלידנע און מען קען נישט פאַרשווייגן, דעמאָלט נעמט מען דעם געדאַנק צוזאַמען מיט זיין טאַטן און מען שמייסט אים אַזוי אָפּ, ער זאָל אַ צענטן פאַרזאָגן. קיין תחית המתים זאָל ער שוין, דער זלידנער גע־דאַנק, נישט אויפשטיין.

אָט האַלטן מיר שוין זייער, זייער שוואַך מיט דער אָרימער וועלט־לעכער יידישקייט, נעבעך, וואָס דאַרף שטאַרק רחמים. עטלעכע פּי־רנדיקע שריפטשטעלער האָבן שוין אָפּגעפּסקנט זייער פּסק, דער „ווערטער לעזער" האָט שוין זיין פּאַרציע פאַרגעניגן גענאָסן פון דעם ווי מען שמייסט אַ יידן, — טאָ קאָנען מיר שוין אריבער צום סדר־היום.

אזוי ווי מיין ווייניקייט האָט אויך געהאַט אַ קליינעם חלק אין דער פּאָלעמיק ארום וועלטלעכקייט, טאָ זאָל מיר דערלויבט זיין אויך דאָ צו זאָגן אַ וואָרט: וועט מען שמייסן, — זאָל מען שמייסן, זאָלן יידן האָבן הנאה. און אפשר וועט דאָך צוקומען עפּעס צו דער נייטיקער קלאָרקייט, וואָס עס פאָדערט מיט רעכט פּר׳ א. גלאַנץ.

לאָמיר־זשע פּרובירן אויפקלערן אַ פּאָר באַגריפן.

ווען מען רעדט וועגן יידישקייט, קען מען אין זינען האָבן: א) אנטראָפּאָלאָגיש־איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, וואָס הענגען אינגאַנצן נישט אָפּ פון אונדזער באַוווסטזיין; ב) אייגנשאַפטן דערוואָרבענע, ווי דורך איבערנעמען פון דער סביבה אזוי אויך דורך ספּעציעלן לערנען און דערציען.

די איינגעבוירענע יידישקייט באַשטייט פון פיזישע און גייסטיקע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס לויט זיי קען מען דערקענען אַ יידן אפילו ווען ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו לייקענען, צו פאַרמאַסקירן. זיי זיינען פונקט אזוי אומוויליק ווי דאָס וואַקסן פון נעגל. גליקלעך איז דער ייד, וואָס זיין דערוואָרבענע יידישקייט שטימט און פּאַסט אינגאַנצן מיט זיין איינגעבוירענער. ווען נישט — קומען אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און קאָמפּלעקסן, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט מיט רעכט נאָך אַמאָל זיי צוגעגליכן צו די פון אַ יונגער מיידל מיט אַ הויקער. וועגן דער איינגעבוירענער רעדט זיך דאָ נישט — עס איז נישט אין אונדזער מאַכט.

די דערוואָרבענע יידישקייט באַשטייט קודם כל פון איבערגענומענע לעבנס־זיטן, מנהגים, שטייגער. איטלעך פאָלק האָט זיך זיין שטייגער, זיינע לעבנס־געוווינהייטן. יידן מיט טראַדיציע האָבן זייער שטייגער. פון קיין פאָלק פאָדערט זיך דאָ נישט קיין אָנשטרענגונג פון ווילן. עס איז אָן איינגעשטעלטע לעבנס־נאָרמע, און יעדער פירט זיך ווי אַלע. ביי יידן איז דער שטייגער געוואָרן צו אַ זעלבסט־דיסציפּלין.

א מינדערהייט, עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון דער מערהייט, קאָן אָפּהיטן איר אייגענעם שטייגער בלויז מיט אַ שטאַרקן ווילן וואָס

דערגייט ביז „יהרג ואל יעבור“, ביז קידוש־השם פאַר אַ שטיקל מנהג פון שטייגער. יידישקייט איז אַ דיסציפּלין. קיין שום אַנדער פאָלק, אַפילו אַ מינדערהייט, דאַרף נישט אַזאַ דיסציפּלין. פּאָליאַקן, טשעכן, דייטשן אין אַמעריקע לעבן מיטן באַוווסטזיין פון זייערע היימלענדער. „עס וועט תמיד זיין אַן ענגלאַנד“, — און דערמיט וועלן ענגלענדער לעבן ווו זיי וועלן זיין און וואָס עס זאָל זיין מיט זיי. און וויפל דייטשן אין אַמעריקע זאָלן נישט זיין אַמעריקאַניזירט און פאַרענגלישט, וועלן זיי לאַנג זיך פילן דייטשיש כל־זמן עס וועט זיין אַ דייטשלאַנד אויף דער וועלט.

ביי אונדז, יידן, איז עס אַנדערש. מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן נישט מיטן באַוווסטזיין פון לאַנד, נאָר מיט דער פעסטער דיסציפּלין אין לעבן, וואָס איז באַשטאַנען פון מצוות און עברות, געבאָטן און פאַרבאָטן. זיי אַלע האָבן נישט געהאַט אין זינען צו דינען גאָט מיט די אַלע פירונגען. אין זיי איז געלעגן דער זינען פון דינען דעם פאָלק און זיין קיום. איז יידישקייט אַ פאָלקס־דינסט, נישט קיין גאָטעסדינסט ווי אַנדערע רעליגיעס.

זיינען געקומען אייניקע און האָבן געזאָגט, אַז אויך וועלטלעכע יידן, ד״ה אַזוינע וואָס זאָרגן זיך נישט פאַר זייער גן־עדן און יענער־וועלט בכלל, מוזן זיך שאַפן אַ יידישע לעבנס־דיסציפּלין. זאָל זי זיין נישט די, וואָס אין שולחן ערוך, אָבער זי מוז דינען דעם זעלביקן ציל פון אויפהיטן און פעסטיקן דאָס לעבן פון אַ יידן אין זיין שטוב און אין דרויסן. דען יידישקייט איז אונדערשקייט און מוז בלייבן אַ לעבן, וואָס גייט נישט בלויז מיטן אַלגעמיינעם שטראָם פון זיטן און מנהגים פון לאַנד. אויך וועלטלעכע יידישקייט מוז זיין אַ דיסציפּלין. די יידן, וואָס לעבן אָן אַ יידישער דיסציפּלין, וואָס שיידן זיך אין זייער לעבן נישט אָפּ פון נישט־יידן, זיינען נישט וועלטלעך, נאָר הפקרדיקע יידן: יידישקייט איז אַ יאָך. הפקר־מענטשן, הפקר־יידן, ווילן פון דעם נישט וויסן. אָט וועגן וואָס עס רעדט זיך. איז עס אַזוי שווער צו פאַרשטיין?

און נאָך עפּעס: פאַר דעם פרומען יידן האָט זיך אין משך פון יאָרטויזנטער אויסגעאַרבעט די דיסציפּלין אין פאָרם פון די תרי"ג מצוות אין זייערע פאַרשידענע שטייגער־פאָרמעס. און וואָס באַשטייט די דיסציפּלין פון יידישקייט פאַר דעם וועלטלעכן יידן? — עס קאָנען זיין פאַרשידענע פאָרמעס. איך נעם אָן און באַמי זיך אָפּצוהיטן שפּראַך. איך קען וועלטלעכע יידן, וואָס אָט די מצוות פון א יידישער שפּראַך איז זייער געברויך מיט יידן, אין זייער היים, האָט זיי געקאָסט גאַנץ טייער, און זיי האָבן אויסגעהאַלטן. ווייטער קומען — שבת און יום־טוב. דאָ גייט מיר נישט וועגן אָפּהיטן די דינים פון שבת. עס גייט וועגן דעם עצם רועָן. צי איז מיין פרייער טאָג, מיינער, פון מיין דיסציפּלין, אָדער עס איז נישט. וואָס ווייטער, אַלץ מער זע איך איין, אַז מען קען זיין אַ גוטער, אַ וואַרימער ייד אָן שבת. עס איז אָבער שווער, און אפשר אוממעגלעך אויסצוהאָדעוען שטאַלצע און זיך אכטנדיקע יידן אָן דעם יידישן שבת: דורות, וואָס לעבן אין געוווינהייט זיך צוצופּאַסן צו יענעם, קענען שוין נישט באַשטיין אויף זייערס אין קיין זאַך נישט. פאַר מיר איז דאָ שבת נישט פאַר טראַדיציע, נישט פאַר רעליגיע, נאָר פאַר דער אויסבילדונג פון א בעסערן יידישן כאַראַקטער אין דער צוקונפט.

דאָס זעלביקע קען און דאַרף געזאָגט ווערן וועגן יידישע יומים־טובים. אָהער געהערן אויך נעמען יידישע. דאכט זיך אַ קליינינקייט, צי רייזעלע, צי ראָוז. אָבער די פּסיכאָלאָגיש־דערציערישע ווירקונג פון דער פאַרעקשנטקייט אין דעם איז שוין ווייט נישט קיין קליינינקייט. ווייטער קומט די דיסציפּלינירנדיקע השפעה פון א יידיש־קולטורעלער אויסגעהאַלטענער אטמאָספער אין שטוב בכלל, און צולעצט די מצוה פון אַ גאַנצער יידישער דערציונג פון די קינדער... ווען איך קלאַפּ אויס אָט די עטלעכע ווערטער, ציטערן אין מיר אַלע נערוון; איך קען אַריינשרייען אַלע יידן אין די הערצער אריין: הערט, יידן, הערט! עס קען נישט און עס וועט נישט קומען קיין באַפרייונג, קיין אויסלייזונג פאַר יידן, כל־זמן זיי וועלן נישט האָדעווען זייערע קינדער אין אַ גאַנצער יידישקייט, נישט אַ יוצא זיין מיט צוגאָב שולן אין

בעסטן פאַל. אַלע זאַרגן, אַלע מיטלען וועלן גאָרנישט העלפן אַן אַ נאַנצער דערציונג אין יידישקייט... ניין! איך קען נישט, צום באַ־דויערן, אריינהאַקן יידן אין קאָפּ אַט דעם אמת!...

אַט דאָס זיינען די ראשי פּרקים פון מיין וועלטלעכער יידישקייט. איצט קומען די פאַרבאָטן, די לא־תעשׂוס! נישט ריידן פרעמדע שפּראַכן אין פאַרקער מיט יידן; נישט פייערן פרעמדע ימים־טובים, אפילו אַזוינע, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט רעליגיע: נישט קיין ניי־יאָר בעלער, נישט קיין העלאָווין וכדומה. בלויז די היימען, וואָס היטן עס אָפּ, קענען פּרעטענדירן אויסצוהאָדעווען קינדער, וואָס זיי־נען פעיק נישט נאָכצוגיין מיטן שטראָם, מיט אַן אייגענעם כאַראַק־טער און ווילן; — נישט קיין פרעמדע נעמען; אייגענע שולן; איי־גענע מנהגים און זיטן.

אַט דאָס הייסט יידישע דיסציפּלין.

אויב דאָס איז אויך נישט פאַרשטענדלעך, ווייס איך שוין נישט, וואָס מיר פאַרשטייען יאָ.

נאַציאָנאַלע דיסציפּלין

פאַראַן יידישע שרייבער, וואָס פאַר זיי איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם יידישקייט בלויז א — ליטעראַרישע טעמע וועגן וואָס צו שרייבן. זיי ווילן גאַרנישט אַריבערגיין פון ווערטער צו מעשים. ערשטנס — וואָס טוען יידן, אז עס איז נישטאָ קיין בראַנפן? — רעדט מען פון בראַנפן. און אז עס איז נישטאָ קיין טעמע, איז יידישקייט א גוטע טעמע... צווייטנס, איז עס טאַקע גאָר א באַקוועמע זאַך; מען קאָן זיך לעבן געזונטערהייט אָן יידישקייט און רײדן וועגן יידישקייט גאַנצע פּודן. אי עס קאָסט גאָרנישט, מען דאַרף זיך גאָרנישט אָנשטרענגען, מיר גייען מיטן שטראָם, מיר קייקלען זיך מיט אַלעמען באַרג־אַראָפּ, אי מיר טוען א סך — מיר רײדן... „מיר טומלען, ברידערלעך, מיר טומלען"; און וואָס קאָנט איר האָבן צו אונדז?

איך האָב זיך, רבותי, פאַרזינדיקט: איך האָב יעזאָגט, אז אויך וועלטלעכע יידן מוזן אויף זיך נעמען א פליכט פון א יידישער דיסציפּלין אין לעבן, אין זייער טאָג־טעגלעכן פיר. מען קאָן נישט זיין קיין ייד אָן געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס מען טוט אָדער וואָס מען טוט נישט צוליב יידישקייט. אזוינע יידן אָן א דיסציפּלין פון יידישקייט זיינען הפקר־יידן, נישט קיין וועלטלעכע זיינען זיי, נאָר הפקרדיקע. און הפקר־יידן קאָנען אויסהאָדעווען בלויז דורות הפקר־מענטשן. און הפקר־מענטשן מוזן בלייבן ווי הפקר־שטויב אויף פרעמ־

דע וועלטן, וואָס איטלעכער טרעט מיט די פיס. האָב איך עס געשריבן (אין „טאָג", 26־טן אַפּריל) און איך גלויב אין דעם באמונה־שלמה און איך באַמי זיך מיינע נאָענטע צו ראַטעווען פון אָט דער הפקרות.

— איז דאָס עמיצן נישט געפעלן. ווי שטייט ערגעץ געשריבן? — פאַראַן מענטשן, וואָס זיי איז אַזוי ליב די הפקרדיקייט...

שוין נישטאָ דער נעכטן,
נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
טאָ שטערט זיך נישט מיט זאָרגן...

איז „מיטן פּנים צום היינט", און כל־זמן מען לאָזט, כאַפּט אַריין, געניסט פון אייער הפקרות, וואָס מען רופט עס מיט א פאַלשן נאָמען: „פרייהייט" און הי — געלעבט! קאָן מען דאָך אָבער היינט־צו־טאָג נישט אַרום מיט אָפענע הפקר־טעאָריעס, געפינט מען שוין געגנוג וועגן ווי אַזוי בטל צו מאַכן אַלץ וואָס עס געפעלט נישט. דער בעסטער מיטל איז — אויסצודרייען, איבערצודרייען און פאַרדרייען אייערע ווערטער. מאַכן פון זיי אַ לעמעשקע — און אַרויסגיין ווי א טריומפאַטאָר: „נו, וואָס? נישט קיין בטלן, קיין מלמד, קיין מגיד — אָט דער ייד? און לאַכט, יידעלעך, לאַכט, האָט הנאה פון מיין קלוגן שרייבן — און פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן..."

איך האָב אין דעם אַרטיקל געזאָגט, אַז ־יידישקייט איז א דיסציפּלין און מוז זיין באַזירט אויף א דיסציפּלין. קומט צוגיין אַזא ליבער ייד ווי מלך ראַוויטש און גיט צו איין וואָרט און מאַכט, ווי איך וואָלט כלומרשט געזאָגט, אַז יידישקייט איז בלויז א דיסציפּלין — און דעמאָלט איז שוין גרינג צו מאַכן פון דעם „וויניפּעגער מגיד" אויסצודרייען און יוצא: מיר פאַרשטייען נישט, מיר ווייסן נישט — און במילא איז פּטור. איז מילא, פאַרן טיטול „מגיד" בין איך אים גערן מוחל: הלואי וואָלט איך געהאַט אַזא השפּעה ווי א גוטער מגיד. עס איז שוין געווען, אַז א יידישער אומצופרידענער שרייבער, וואָס

האָט געשריבן, כדי מבטל צו מאַכן, אַז שלום־עליכם איז א — בדחן און ביאַליק — א מטיף... אָט האָט ער זיי אַריינגעטאָן! און זאָלן זיי וויסן! און יענער האָט לגמרי נישט געכאַפּט זיך, מיט זיין שטאָלצער אייראָפּעישקייט, אַז דערמיט האָט ער זיי געגעבן די גרעסטע נאַציאָנאַלע אָנערקענונג. דערלויב איך מיר אויך אָנצונעמען דעם טיטול מגיד, כאָטש איך האָב אים נאָך וויט נישט פאַרדינט.

וואָס עס פאַרדריסט יאָ, איז וואָס אַזאַ ראַפינירטער און פילאָסאָפיש־דעקנדיקער שרייבער, ווי ראַוויטש, מאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין א״ב פון לאָגיק. ווען א מענטש, למשל, זאָגט: א שטוב מוז האָבן א פונדאַמענט, הייסט עס דען, אַז ער האָט געזאָגט — א פונדאַמענט איז א שטוב? אודאי איז א פונדאַמענט נאָר א פונדאַמענט און נישט מער. געוויס דאַרף מען נאָך האָבן צום פונדאַמענט ווענט און אַלץ. אָבער פאַרט איז פונדאַמענט — דער פונדאַמענט, און אָן אים קאָן קיין שטוב נישט זיין. זיכער קאָן נישט זיין קיין פונדאַמענט, ווען עס איז פון פריער נישטאָ קיין אידעע פון דעם הויז אינגאַנצן. אָבער קיין קלוגער מענטש וועט נישט נעמען פאָדערן ווען מען נעמט זיך לייגן דעם פונדאַמענט: וואָס? אָט דאָס, די אין דער ערד געלייגטע שטיינער זיינען עס דאָס הויז? ניין, דערלאַנג דאָס גאַנצע מיט איין מאָל! גיסטו נישט קיין גאַנצע הויז, דאַרף מען אויך נישט קיין פונדאַמענט, און א סוף! קלאָרע דיבורים, אָבער ערשט א דאָקטאָר וואָלט געקאָנט זיך דערגריבלען צו די מקורים פון אַזוינע טענות...

געוויס איז א שטיינער־דיסציפּלין ווייט נאָך נישט די גאַנצע יידישקייט; געוויס איז אין יידישקייט פאַראַנען: אידעע, אידעאַלן, וועלטבאַנעם, קולטור, קונסטן, ביאָלאָגישע און עטנישע אינהאַלטן און פאָרמעס — זיכער, אָבער דער פונדאַמענט, דער באַזיס פאַר דעם אַלעם איז און בלייבט — דער אייסגעהאַלטענער שטיינער און די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. אָן דעם איז יידישקייט — די שענסטע הויז, נאָר אָן פונדאַמענטן...

ווי נאָר איר ליגט עפּעס פאַר אַזוינס, וואָס עס איז נישט נאָר רייד, נאָר אויך מעשים, באַלד קומט מען און מ׳מאַכט אייך אויס־צודרייען. פאַר וואָס? — מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער פּסיכאָלאָג דאָס אויסצוגעפינען. אין דעם זעלביקן אַרטיקל געפינט זיך א פראַזע, אַז איך רוף פרייוויליק אין געטאָ אַריין. אָט דאָ ליגט עס דער הונט באַגראָבן: וואָס הייסט פרייוויליקע געטאָ? — געטאָ איז דאָרט, ווו איך בין פאַרשפּאַרט דורך אימיצן, ווו איך בין געצווונגען צו פאָלגן, טאָן, וואָס א צווייטער פאָדערט פון מיר. וואָס איך בוי פרייוויליק, פאַר זיך אַליין, קאָן נישט זיין געטאָ; דאָס, וואָס א מענטש בויט פאַר זיך מיטן קלאָרן ווילן און מיטן גאַנצן באַוואוסטזיין פאַר זיך, כדי צו זיין פאַר זיך, דאָס איז נישט געטאָ, דאָס איז — היים. פרייוויליקע געטאָ איז פּונקט אַזוי מעגלעך, ווי, למשל, „ליכטיקע פינצטערניש”, אָדער פרייוויליקע תפיסה — דיזעלביקע זאַך. ווי קומט אָבער אַזאַ אומזיניקייט צו אַזאַ טיפן דענקער ווי פריינט ראַוויטש איז? אָט דאָ ליגט עס טאַקע. קענטיק, אַז ראַוויטש געהערט צו די אומצאָליקע יידן, וואָס ציטערן צו זיין אַליין אָן נישט־יידן. פאַראַן קינדער און דערוואַקסענע, וואָס האָבן מורא און ציטערן צו זיין אַליין. ווען זיי בלייבן אַליין, זייַנען זיי אַפּאַטיש, אָן מוט, אָפּהענטיק שלאַבעריק, און אָפט אפילו פאַרמרהשחורהט. פאַראַן קינדער, וואָס אַליין קאָנען זיי זיך נישט שפּילן און זיי פאַרמאַטערן זייערע מוטערס: מאַמע, מיר איז אומעטיק. דערוואַקסענע אין דעם צושטאַנד מאַטערן זיך. דענקענדע יידן פון דעם מין טראַכטן פון נישט־יידן. אַזוינע יידן מיט אָט דער ספּעציפיש־יידישער קראַנקהייט, ויאָס מען וואָלט זי געקאָנט אייגנטלעך אָנרופן „עגאָפאָביע”, ציטערן פאַרן געדאַנק אַליין צו בלייבן, חלילה, אין א ריין־יידישער געזעלשאַפט, אָן פאַרשטייער פון אמתע, צי אויסגעטראַכטע באַלעבאַטים, וואָס מיר יידן דאַרפן זיך צו יענע צופּאַסן. איטלעכע יידישע זעלבסטשטענדיקייט וועט פאַר אַזוינע יידן הייסן געטאָ און זיי וועלן פּשוט אויפציטערן פאַרן עצם געדאַנק צו בלייבן אַליין. אָט די יידן וואָלטן איבערגעדרייט פּרצעס פראַזע „בעסער מיט כל־ישראל אין גיהנום איידער אַליין אין גן־עדן”.

זיי וואָלטן געזאָגט: בעסער מיט נישט־יידן אין גיהנום איידער מיט יידן אין גן־עדן!... באשר קיינער זאָגט נישט אַרויס אָפן געדאַנקען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט טיפע קאָמפּלעקסן. אָט פאַרוואָס א סך גוטע יידן דערשרעקן זיך פאַר אַליין וואָס קאָן אויף דעם אָדער יענעם אופן אויסטיילן יידן אין אַ באַזונדער גרופּע. מאָטיווירן וועלן זיי דאָס תמיד מיט וואָגיקע מאָטיוון, וואָס וועלן דעם גרונט קאָמפּלעקס נישט אַרויסווייזן, נאָר פאַרשטעלן, פאַרדעקן.

וואָלטן דאָס געווען געציילטע מענטשן, וואָלט דאָס נישט געווען קיין אומגליק. איז אָבער דער פּחד צו זיין אַליין פיל פאַרשפּרייט צווישן יידן איבער דער וועלט. און דאָ ליגט שוין טיילווייז דער טראַגישער גורל פון גאַנצן פאָלק.

אָט האָבן יידן אין פּוילן פאַר דער מלחמה געפירט אַ פאַר־צווייפלטן קאַמף, אַ „נאַציאָנאַלן" קאַמף פאַר דער רעכט צו זיצן אויף די זעלביקע בענק מיט די כוליגאַנישע פּוילישע סטודענטן. דאַכט זיך — אַ פאָלק מיט אַכטונג צו זיך אַליין וואָלט געדאַרפט אַ שפּיי טאָן אויף די חשובע לינקע בענק מיט זייערע כוליגאַנישע סטו־דענטן און בויען פאַר זיך אַן אוניווערסיטעט, אָדער זיצן רעכטס און ציען צו זיך די דעמאָקראַטישע עלעמענטן. קענטיק אָבער, אַז דעם גרעסטן מוט קאָנען יידן אַרויסווייזן אין קאַמף פאַר רעכט צו זיין... קנעכט. אַנישט דערשרעקן זיי זיך פאַר דער אַליינקייט.

אָט זיצן יידן אין אַמעריקע און בענקען „אַהיים" — קיין פּוילן. אפשר די שטאַרקסטע בײַיִדישע פּאַטריאָטן זיינען זיי, אָט די יידן; און פּאָליטיקער באַמיען זיך איצט אַרויסצוקריגן גוטע הבטחות פון אַ פּוילישער רעגירונג אין גלות — אַז מירצעשעם נאָך דעם גוטן סוף פון מלחמה וועט שוין פּוילן זיין גוט און פרום און נישט מאַכן קיין פּשיטעק, קיין שחיטה־פאַרבאָטן און אַלע אַנדערע מעשים־טובים. און די יידן וויסן גאַנץ גוט, אַז אָט די אַלע הבטחות זיינען ווערט אַ בלאָז פון אַ ווינט. אָבער צי קענען די יידן אויסקומען אָן אַ פּריץ?— דער פּחד צו בלייבן אַליין וועט שוין צונויפשטעלן טעאָריעס ווי עס געהער צו זיין. איז דאָס די באַקוועמסטע יידישקייט: מען רעדט און

מען איז מיט גאָרנישט צו גאָרנישט פּאַרפּליכטעט. און אַלץ דערפֿאַר, ווייל מען האָט אָרגאַניש מורא פֿאַר דעם צושטאַנד צו בלייבן אַליין. עס איז אונדזער „עגאָפֿאָביע־קראַנקייט".

אָט פֿאַרוואָס דעם פּר׳ מ. ראַוויטש און אַ סך אַנדערע געפֿעלט נישט אַ יידישע דיסציפּלין, וואָס זאָל אָפּשיידן אַ יידן נישט נאָר מיט זיין נאָז, נעבעך, נאָר אויך אין שטייגער לעבן. עס איז פֿאַר זיי ווי אָנגעמאָסטן אַ יידישקייט, וואָס קאַטאָרי וועלכע זאָל האָבן האָבן אַלע טעמים, נאָר נישט קיין ממשותדיקייט, עס זאָל נישט זיין וואָס אָנצור־טאָפּן, מען זאָל עס חלילה נישט אָנזען. יידישער ווייַן אין מהיכא־תּי־תּי, פֿאַרוואָס נישט? בפֿרט אַז מען קאָן נאָך אַמאָל הערן אַ גוט וואָרט אויך פֿון אַ נישט־יידישן מבֿין... אָבער ווי גאָט איז אייך ליב — נאָר נישט קיין כּלים, וואָס זאָלן דעם ווייַן איינהאַלטן. אידעען יידישע מע־נן זיין, אָבער יידישע פֿאָרמען — חס מלהזכּיר! דאָס איז עפּעס אַזוינס ווי, למשל, יענער באַרימטער רעצעפּט: אַ קריי פֿון אַ האָן, אַ סקריפּ פֿון אַ טיר צעריבן מיט אַ גרעבץ פֿון אַ פֿרומער באָבע... אָבער פּרץ האָט נאָך געלערנט, אַז אַ ניגון, אַפֿילו דער טיפֿסטער, ער מעג זיין אין די מאַרך פֿון די ביינער, קוים האָט ער נישט קיין פֿאָרמען, קיין גוף, איז ער — דער טויט (מקובלים). דאָס איז די יידישקייט פֿון אַלע גוטע אידעעס און פֿאָרמעס! און דאָס איז אויך דער גורל פֿון אָט דער אַבסטראַקטער, בלויז רוחניותדיקער יידישקייט. יאָ, דער גאַנצער אונטערשייד צווישן מ. ראַוויטשעס יידן און צווישן מיינע און טאַקע מער נישט ווי אין — אונדזערע סידורים: יענע בעטן ביי גאָט גוטע הארן מיט רחמנות און פֿריינדשאַפֿט, פֿרייהייט בעטן זיי מען זאָל זיי לאָזן זיין נישט פֿריי. אין מיין סידור שטייט: ליבער, גור־טער גאָט! באַפֿריי אונדז פֿון אַלע הארן, אַפֿילו פֿון גוטע און — דער עיקר — באַפֿריי אונדז פֿון דעם דראַנג צו זוכן גוטע הארן, אָמן!

אייביקע, אַלוועלטלעכע, אומעטומיקע, אַלגעמיינע יידישקייט

א

עס קלינגט מיר אָן אַ פריינד, איינער פון די געטרייסטע לייע־צערס פון יידישן וואָרט, ער גיט מיר אָפּ מזל טוב: אין „טאָג" איז דאָ ביגערס אַן אַרטיקל וועגן אינטעגראַלער יידישקייט און ער „גיט כמעט אַ הכשר"... איך האָב באַקומען דעם נומער „טאָג" שפּעטער. איבערגעלייעט, — און אומעטיקע געדאַנקען האָבן זיך גענומען קנוילן אין מוח. עס איז געבליבן שטעקן אין האַלדז אַ פראַגע: — חשובע און אַנערקענטע יידישע שרייבערס! וואָס זאָגט איר? ווו איז אייער אויטאָריטעטער וואָרט? ביז ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין בייטראַל? איז דען באמת די ראָל פון יידישן שרייבער צו זיין אינ־פאָרמאַטיוו, צו דערציילן וואָס אַנדערע דענקען און וואָס אַנדערע טראַכטן? דאָס פאָלק (אויב מיר האָבן נאָך אַ יידיש פאָלק און נישט סתם אַ צעשאָטענע „קופּע" באַזונדערע יידן) דאַרף איצט נישט נאָר אינפאָרמאַציע. מיר דאַרפן אַ פירנדיק וואָרט, אַ וואָרט וואָס זאָל ווייזן וועגן. פאַר אינפאָרמאַציע זיינען דאָ אין צייטונג־רעפּאָרטערן נייעס־ברענגער, די ראָל פון אַ פירנדיקן שרייבער איז ווייט נישט קיין אינפאָרמאַציע. וואָס טוען די יידישע שרייבערס אין די צענטראַלע

ביז־יאָרקער צייטונגען? — זיי זאָגן „יע" צו דעם וואָס די גאַס, די ריכטונג (אָדער גאָר דער באָס) הייסט זאָגן יע. זיי זאָגן „נישט" צו דעם וואָס עס איז נישט אָנגענומען היינט אויף דער „בירזשע פון דער געזעלשאַפטלעכער עפנטלעכקייט". איז מיר אַ רחמנות אויף די יידישע שרייבערס און אויף די יידישע לערערס. אַמאָל איז עס אַנדערש געווען: עס איז געווען די צייט „פון שטורעם און דראַנג" אין רוסלאַנד. ווער האָט דעמאָלט געשלעפּט דעם יידישן וואָגן? ווער איז געווען איינגעשפּאַנט אין דעם וואָגן פון לעבן? נישט דער לערער? נישט דער שרייבער? נישט דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אָנגע־שטעלטער? נישט זיי האָבן געצויגן און געפירט, נאָכגעפירט די סימ־פּאַטיקער און פריינד פון אַנדערע קלאַסן? ניגער געדענקט גוט די עפּאָכע: ער איז געווען אין מיטן. נישט ער האָט זיך פאַרנומען מיט אינפאָרמאַציע.

אָט טאָקע די געדאַנקען וועגן אינטעגראַלער יידישקייט. ניגער זוייסט נישט, שרייבט ער, כּדי וואָגנען דער געדאַנק נעמט זיך. ער וואָלט זיך געקאָנט דערמאָנען וועגן... ווען יידישע שרייבערס שרייבן און מעגן שרייבן און קענען שרייבן וואָס זייער יידישער געוויסן זאָגט זיי, הייסט זיי, ווען די יידישע שרייבערס אין אַמעריקע וואָלטן יאָר איין, יאָר אויס נישט געלעבט אונטער דער שרענגסטער צענזור, אַ סך שטרענגער ווי דעם צאַרס, און ווען זיי וואָלטן זיך נישט צוגע־וווינט צו דערשטיקן אין זיך זייער „איך" און שרייבן דאָס און אַזוי ווי עס פאַרלאַנגט און ווי עס פאָדערט עס דער „מענעדזשער" וואָס ער קאָטירט די שטימונג פון די לייענערס. און אַזוי לאַנג ביז אָט דער גאַנצער „איך" פון יידישן שרייבער אין אַמעריקע איז פאַרחלשט געוואָרן און דערשטיקט.

עס איז געווען אָט טאָקע אין יענע צייטן בין קערענסקי ללעבין ביי אונדז יידן האָט מען זיך געשפּאָלטן און געגרופּירט. מען האָט זיך געגרייט צו דעם גרויסן לערער־צוזאַמענפאָר פון גאַנץ רוסלאַנד (יוני 1917, פּעטראָגראַד). דאָ האָט מען געדאַרפט נישט ריידן וועגן געלט, שכירות, אַרבעטער און באַלעבאָס, נאָר וועגן

אויפבוי פון אַ נאַציאָנאַלן שול־וועזן. אין לעצטן (אָדער פאַרלעצטן) נומער פון דעם יידישן פעדאַגאָגישן זשורנאַל אויף רוסיש „וועסטניק יעווריסקאָוואָ פּראָסוועשטשעניאַ" איז דעמאָלט געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף צו אייניקייט אויפן יסוד פון יידישקייט „פון בית לחם ביז קאָסרילעווקע". קיין נאָמען „אינטעגראַלע" האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געהאַט. דער אויפרוף איז געווען אונטערגעשריבן פון צווייען: ח. ש. קאַזדאַן און א. גאָלאָמב. דער דריטער, וואָס האָט געזאָלט אונטערשרייבן דעם אויפרוף איז געווען מיין רבי ר׳ אהרן קאַנשטאַם. ער האָט עס אָבער צום באַדויערן נישט געטאָן, און איז אויף דעם צוזאַמענפאָר, ווו די לערערשאַפט האָט זיך צעשפּאָלטן, אַוועק מיט די עקסטרעמע העברעיסטן, מיטן „המורה". שפּעטער האָט די אידעע געטליעט, נישט געפלאַמט — עס איז אונדז תמיד גרינגער זיך צו שפּאַלטן איידער זיך צו באַהעפטן, זיך צו קריגן, איידער צו לעבן בשלום. דורך דער גאַנצער געשיכטע קוועטשן יידן דעם „אחד" ביז מען האָט אים דערשטיקט. די פּאַרציאַלע, געשטיקלטע, געברעקלטע יידישקייט פון איטלעכער גרופּע באַזונדער האָט גרינגער געדרעדט צום יידן. עפּעס איז עס געווען שווער צו פאַרשטיין אַפילו פאַר יידישע אינטעליגענטן. גאַנצקייט, געבונדנקייט, איינהייט, שלום צווישן ר׳ עקיבא און פּרץ, צווישן דעם יוסף־עפּאַס מיט מאָטל פּייסיס, איין סינטעטישער מאַניזם צווישן איוב און טביה, ירושלים און יעהופּעץ... דאָס האָט אַזוי פרעמד געקלונגען פאַר דעם אויער פון יידישן אינטעליגענט, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען. נישט געקאָנט און אויך... נישט געוואָלט פאַרשטיין. מיר אַלע נעמען זייער אַן נעגאַציע, מיר לייקענען, מיר האַלטן נישט און אַ סוף, אַן עק. אָבער דאָ קומען יידן און זאָגן יאָ, מיר נעמען אָן, נעשה ונשמע, — דאָס קלעפּט זיך נישט ביי יידן אין מוח. די פאָלקספּאַרטיי וואָס ישראל עפּרויקין מיט ז. קאַלמאַנאָוויטש ע"ה האָבן געוואָלט גרינדן אין יענע יאָרן אין אוקראַינע האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג דווקא דערפאַר ווייל זי האָט גאָרנישט געשניטן, גאָרנישט אָפּגעוואָרפן, זיך כמו גאָרנישט אָפּגעזאָגט אין יידישקייט.

אין פוילן אין די קרייזן פון דעם יידישן שולוועזן איז דאָס גע־וועזן די „אומאָפּהענגיקע פּראַקציע״ פון דער צענטראַלער יידישער שול אָרגאַניזאַציע וואָס זי האָט געשטרעבט צו אינטעגראַלקייט אין פּראָגראַם און אין אָרגאַניזאַציע פון די שולן. די פראַקציע איז אָבער געוועזן זייער שוואַך. זי האָט פאַרמאָגט עטלעכע אינטעליגענטן און נישט געהאַט קיין אָרגאַניזירטן כוח אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. און דאָס אַלץ דערפאַר ווייל מיט פאַלקישקייט קען מען נישט אימפּאָ־נירן אַפילו די פאָלקישע יידן גופא. — עס פעלט דרך ארץ צו זיך אַליין.

עס איז זייער שמאָל דער געדאַנק פון אַ יידן: אויב היינט, איז פאַר אים נישט נעכטן, אויב ארץ־ישראל, קען דאָך נישט זיין גלות. אויב העברעיש טאָ ווי איז געמאָלט יידיש און אַזוי כסדר. דווקא זיינען צווישן די יידישע שרייבערס און לערערס געוועזן אַזוינע וואָס האָבן באַנומען די פּראָבלעם טיפער און ברייטער, וואָס האָבן געפילט און פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון ביידע — פון דעם האַרץ און פון לונגען צוגלייך. אָבער דאָ הייבט זיך אָן די צרה: די העגעמאָניע פון יידישער אַקטיוויקייט האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דעם אַמעריקאַ־נער קאָנטינענט נאָך פאַר היטלערן און דאָ האָבן יידישע שרייבערס פאַרלאָרן ס׳לשון. זיי זיינען געוואָרן אויסטייטשערס, מפרשים, נאָכזאָגערס, דערקלערערס, זיי דערציילן איבער וואָס אַנדערע זאָגן, וואָס אַנדערע ריידן. זייער אייגן וואָרט הערט מען נישט פון די יידי־שע שרייבערס אין אַמעריקע. דאָס יידישע געדרוקט וואָרט איז אין אַמעריקע, ווי אַלץ אַנדערש, ביזנעס, און אין ביזנעס „מוז מען פאָלגן דעם „קאָסטאָמער״, וואָס איז דאָך תמיד גערעכט״, ער און זיין משפּט איז גערעכט. און וואָס דער קאָסטאָמער האָט ליב ווייס דער „מע־נעדזשער״, און דער שרייבער דאַרף שרייבן אין גייסט און אין גוסט פון זיין מאַיעסטעט דעם קאָסטאָמער. האָט דער יידישער שרייבער און דער יידישער לערער אין אַמעריקע איבערגעגעבן די בכורה דעם פּיפּיקן „פּאָליטישן״. פעיקערע, אַקטיווערע לערערס וואָס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער לאַגע פון אַן אָנגעשטעלטן,

זיינען אַוועק פון די שולן, אַוועק פון לערעריי. די שרייבערס וואָס זענען פּראָפעסיאָנעל געבליבן ביי שרייבעריי האָבן שלום געמאַכט מיט דער סובאָרדינירטער לאַגע, און אַנשטאָט צו זיין פירער, איני־ציאַטאָרן, אינספּיראַטאָרן זענען זיי געוואָרן די געפירטע. אַנשטאָט זיי זאָלן אָרגאַניזירן דאָס יידישע באַוווסטזיין זענען זיי בלויז אויס־טייטשער און מער נישט. און אין יידישן לעבן הערשן פּאָליטישענס און ראבאיס. וואָס איז אַ פּאָליטישען? — אַ מענטש וואָס קוקט אויף גאָר דאָס יידישע פאָלק ווי אויף מיסט וואָס מיט דעם באַמיסטיקט מען דעם באָדן, די פּאַרטיי זיינע זאָל וואַקסן און קוועלן. מיט דעם קאָפּ אַראָפּ: נישט די פּאַרטיי פּאַרן פאָלק נייערט — דאָס פאָלק פאַר דער פּאַרטיי. וואָס איז אַ ראבאי? — אַ ליטוואַק וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַן ענגלישן גלח אין אַ יידישן קלויסטער. און אַזוי ווי ער רעדט מיט אַ הייסער קאַרטאָפלע אין מויל ווי אַן אמתער גלח און ער קען עסן אויסטערס און שפּילן אין קאָרטן מיט גויים, — האָט ער דעריבער גרויס כבוד ביי יידן. איז טאַקע נישטאָ ווער עס זאָל אין אַמעריקע פּראָפּאַגאַנדירן יידישע גאַנצקייט און גאַנצע יידישקייט, יידישקייט נישט קיין געשניטענע ווי עס וויל תמיד די פאַלשע מאַמע (פון שלמהס משפּט), נאָר די גאַנצע, פון די טיפסטע וואָרצלען ביז די העכסטע, דינסטע צווייגעלעך. קענסט ריידן און שרייען אין אַמערי־קע צו אַמעריקאַנער יידן גאַנצע יאָרן, נאָר קוים האָסטו נישט קיין מיליאָן לכל הפחות, קוים האָסטו נישט קיין סמיכה פון אַ גוי, — טאָ ווער וועט דיך הערן און ווער וועט דיך פאָלגן?

איז עס געווען מיין שמחה אָן אַ ברעג ווען איך האָב אין ווייטן צפון געקראָגן פון ווייטן דרום אַ קליין העפטל „שריפטן", און דאָרטן האָב איך געפונען אָט די גאַנצקייט פון בית לחם ביז קאַסרילעווקע. צבי שוואַרץ ז"ל האָט עס געשאַפן און פאַרשפּרייט מיט אמתער יידי־שער עקשנות. ווען איך האָב אין דעצעמבער 1943 געפּרובירט פאַר־מולירן די פּרינציפּן פון יידישער דערציִונג אין דעם גייסט, האָב איך געניצט אַ נישט פּאַסיק וואָרט „סינטעטישע יידישקייט" (רעפערירט אין דעצעמבער 1943 אין ניו־יאָרק אויף אַ מסיבה אין סעמינאַר

און געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „יובל בוך" פון דער יידישער שול אין מעקסיקע). דער טערמין איז ווייט נישט קיין פּאַסיקער: מיר באַמיען זיך נישט צו סיגנטעזירן. פאַרקערט ווילן מיר דאָך אייגהיטן איר אָרגאַנישע גאַנצקייט פון פאָלק.

— צי געפעלט מיר דער אויסדרוק „אינטעגראַלע יידישקייט"? — ניין. עס איז אויך נישט קיין ריכטיקער טערמין. — עס גייט אין דעם וואָס עס זיינען ביי יידן אין פסיכיק פאַראַן אַ „פאָלק־באַוווסטזיין" און אַ „פּאַרטיי־באַוווסטזיין". איז ביי מיטגלידער פון אַלע אַנדערע פעלקער דאָס באַוווסטזיין „פאָלק" שטאַרקער און דאָמינירנדיקער איבער אַלע פּאַרציאַלע „גרופּע־באַוווסטזיינס"; קאָמוניסטן אין רוס־לאַנד פירן אין פּאָליטיק און אין קולטור די זעלביקע ליניע פון „פּאַטערלאַנד", פון דער גאַנצקייט און „אינטעגראַלקייט" פון אַלץ וואָס עס איז רוסיש נישט ערגער (אַ סך בעסער) ווי די פינצטערע רעאַקציע פון צאַרישן רוסלאַנד. סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד שיידן זיך אין זייער קולטור־אַספּיראַציעס מיט גאָרנישט נישט אָפּ פון די קאָנסערוואַטיווע טאָריס. און אַזוי איז עס אין אַלע לענדער, ביי אַלע פעלקער. האָבן קיין מאָל די קאָמוניסטן אין אַמעריקע נישט גע־טראַכט זיך אָפּצוטיילן פון דעם איבעריקן „אַמעריקאַנער" פאָלק (וואָס איז שוין לגמרי גאָר נישט קיין איין פאָלק!) מיט זייער שפּראַך, מיט דער אָרטאָגראַפיע, מיט אַן אָפּגעזונדערטער „פּראָלעטאַרישער" ענגלישער ליטעראַטור וכדומה. האָבן די קלעריקאַלע, רעליגיעזע קרייזן אין פראַנקרייך, למשל, קיין מאָל נישט געפּרובירט אַרויסצו־וואַרפן רוסאָ און דעם אַפּיקורס וואָלטער פון דעם סכום „פראַנצוי־זישע קולטור... האָבן געקאָנט אין פוילן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן שיקן זייערע קינדער אין די זעלביקע שולן וווהין עס שיקן אַנדערע קלאַסן און ריכטונגען. האָבן די פרומע, רעליגיעזע גרינדער פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק געוווסט, אַז צוליב דער גאַנצקייט פון אַמע־ריקאַנער פאָלק דאַרף מען נישט אַריינפירן קיין רעליגיע אין די אַלגעמיינע שולן, ווייל דאָס קען צעשפּאַלטן די גאַנצקייט פון פאָלק. ביי אַלע פעלקער איז דער באַוווסטזיין „פאָלק" במילא אינטעגראַל

און דאָמינירנדיק איבער אַלע פּאַרציאַלע סימפּאַטיעס. עס איז אומ־מעגלעך צו געפינען ביי אַ וואָסער עס פאָלק אין דער וועלט אַן איינשטעלונג פון נאַציאָנאַל־באַוווּסטזיניקע גרופּעס, אַז „די איצטיקע קולטור פון אונדזער פאָלק טויג אויף גאָרנישט און מיר גייען ערשט פון דאָס ניי שאַפן אַ נייע קולטור און אַ ניי פאָלק"... אוממעגלעך! אַלע וואָלטן אויף דעם געקוקט ווי אויף אַן אומנאָרמאַלקייט; קיין איין פאָלק דאַרף נישט קיין טערמין „אינטעגראַלקייט", הגם אַלע זיינען זיי אַזוינע. עס איז פאַר אַלעמען אין דער וועלט גענוג בלויז דער נאָמען פון דעם פאָלק, און במילא מיינט עס שוין דעם גאַנצן אינהאַלט אינטעגראַל.

בעוונותינו הרבים האָבן מיר אָבער נישט אין אונדזער פּסיכיק אָט דעם פּרימיטיוון „פאָלק־באַוווּסטזיין" וואָס ער זאָל דאָמינירן איבער אַלע אַנדערע פּאַרציאַלע באַוווּסטזיינס. אָט דאָ ליגט אונדזער גאַנצע טראַגעדיע. איך גלייב פּערזענלעך באמונה שלמה אַז ווען מיר פאַרמאָגן אין זיך אָט אַזאַ פאָלק־באַוווּסטזיין, וואָלטן מיר לאַנג שוין געשאַפן פאַר זיך די געגאַרטע גאולה. אַן די הינטערטרירן פון די „גרויסע לייט" און אַן די איינגעהאַנדלטע סימפּאַטיעס...

וואָס מיינט „פאָלק־באַוווּסטזיין? — בשום אופן מיינט עס נישט אַזאַ אָדער אַזאַ סכום מענטשן פון געמיינזאַמען אָפּשטאַם. עס מיינט נישט מער און נישט ווייניקער ווי — דער סכום מענטשן וואָס פאַר־מאָגן אַ געמיינזאַמען עמאָציאָנעל גייסטיקן אינהאַלט, וואָס איז באַ־זירט אויף געמיינזאַמקייט פון לעבנספאָרמען און טראַדיציע אין לעבן. איך וועל דאָ איבערפראַזירן אַ דעפיניציע פון תלמוד: „אַלץ וואָס אַ יידישער מענטש שאַפט אין יידישקייט איז אַזוי הייליק (ליב און טייער), ווי דאָס וואָס עס איז געגעבן געוואָרן למשה מסיני". פאַר די רוסן האָט עס פּושקין אויסגעדריקט אַנדערש: „דאָ איז רוסישער גייסט, דאָ שטעקט מיט רוסישקייט". אָט דאָס און נאָר דאָס איז עס „פאָלק־באַוווּסטזיין" ביי אַלע פעלקער. און ביי אונדז — פעלט ער. ביי אונדז קענען רעליגיעזע יידן קאָנצענטרירן זיך אויף אַ מגושמ־דיקן גן־עדן אין מאַטעריאַליסטיש־געצנדינערישן זינען נאָך דעם טויט,

זיי קענען גרינג פאַרבינדן קולטורעלן שמד פון פרעמדע שפּראַכן, ניי־יאָר בעלער מיט מיקווה און... מחלוקות איבער אַ שוחט. זיי קע־נען, אונדזערע אָרטאָדאָקסן, אַפילו אין ארץ־ישראל אָפּשפּאַלטן זיך פון כל ישראל צוליב פּאָליטישע אַמביציעס פון מאַכט איבער געראַ־טעוועטע קינדער וכדומה. זיי קענען לייקענען לגמרי אין דעם שע־פערישן גייסט פון יידישן פאָלק און נישט אָנערקענען לגמרי אַלץ וואָס דער יידישער גייסט שאַפט פאַר יידישקייט. זיי קענען לייקענען אין יידישן פאָלק און גלייבן אין יידישן גאָט. און זיי ווילן נישט באַ־גרייפן, אַז אַ ייד נישט קיין פרומער איז אַ ייד און אַ גוי, וואָס זאָל היטן דעם גאַנצן שולחן ערוך איז נאָך אַלץ נישט קיין ייד, ווייט נישט קיין ייד. האָב איך נישט לאַנג געהערט פון איינעם אַ רעליגיעזן און אינטעליגענטן יידן, אַז ער גלייבט באמונה שלמה אַז ביים מעמד הר סיני האָט זיך אין אַ באַשטימטן מאַטעמאַטישן מאָמענט אויף אַ באַ־שטימטן געאָגראַפישן אָרט דערהערט אַ פּשוט פיזישע שטים וואָס פּשוטע מענטשן האָבן זי געקענט באַנעמען מיט זייערע פליישענע אויערן... און דער דאָזיקער אינטעליגענטער מענטש האָט נישט גע־קאָנט באַנעמען, אַז אָט אַזאַ מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג איז קעגן דעם עצם אוממאַטעריאַליסטן אינהאַלט פון יידישער רעליגיע, אַז יעדער מאַטעריאַליזאַציע אויף די געביטן איז לויט דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע אמתע געצנדינעריי. און אַלץ נאָר דערפאַר ווייל זיי, די רעליגיעזע אונדזערע, האָבן נישט קיין פאָלק־באַוווסט־זיין, און זיי פילן נישט די קדושה פון פאָלק, די קדושת העם. ביי אונדז נאָר איז דאָס מעגלעך אַז אַזאַ נאַציאָנאַלער גייסט ווי עס איז געווען אחד העם זאָל נישט באַגרייפן און נישט באַמערקן די שיינקייט פון יידישער פאָלק שאַפונג, און ער זאָל זיך דערלויבן אָנצושרייבן אַז אין יידישע פאָלקס לידער און פאָלקס מעשיות איז „נישטאָ קיין טעם און ריח". ביי אונדז איז מעגלעך, אַז קינדער פון זייער פרומע עלטערן זאָלן זיין אַסימילירט ביז דער לעצטער מדרגה. די רעלי־גיעזע עלטערן פאַרמאָגן אַ יראת שמים אָבער לגמרי נישט קיין אהבת ישראל. האָבן די קינדער נישט דעם יראת שמים (די פּראָפעסיע דאַרף

עס נישט) און קיין אהבת ישראל איז לכתחילה נישט געווען, — טאָ וואָס זאָל זיי אָפּהאַלטן פון דער העסלעכסטער אַסימילאַציע? איך טראַכט אָפּט — ווי קומט צו קינדער פון שטאַרק רעליגיעזע הייזער אַזאַ שטאַרקער „קאַרנאָווסקי־קאָמפּלעקס" צו יידישקייט. איך זע אָפּט אַז קינדער וואָס האָבן געקראָגן אַ שטרענג רעליגיעזע דערציונג אין חדרים, ישיבות און אין רעליגיעזע מאָדערנע שולן — וואַקסן דאָך אויס מיט אַ שטאַרקן ביטול און אָפּט מיט אַ שנאה און האַס צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. די אַלע אַריינטראַכטונגען אין פאַקטן פון יידישן לעבן האָבן מיך געבראַכט צו אַ קאָרעקטיוו אין דער פאָרמולע וואָס ווערט אַזוי אָפּט איבערגעחזרט, אַז די יידישע רעליגיע האָט איינגע־היט דאָס יידיש פאָלק. דאָס איז ריכטיק נאָר אין די פאַלן ווען דער גאַנצער פאָלקסטימלעכער שטייגער אין לעבן, די גאַנצע לעבנס־טראַדיציע אומאָפּהענגיק פון שולחן ערוך איז געוואָרן פאַרהייליקט ליב און טייער, ווען דאָס אַלץ וואָס טיילט אָפּ אַ יידן פון אַ נישט־יידן איז געווען אַ שטאָלצע קדושה. אין אַלע אַנדערע פאַלן ווען רע־ליגיע האָט זיך באַגרעניצט מיט די מיצוות און עבירות פון קאָדעקס און האָט זיך אָפּגעקערט פון דער יידישקייט וואָס איז נישט פאַר־שריבן, פון דער „יידישקייט שבעל פה" — אין די אַלע פאַלן האָט די רעליגיע לגמרי נישט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, נישט איינגעהיט די שעפערישע ענערגיע פון פאָלק און בכן נישט פאַר־היט לגמרי פון דער, אַזוי צו זאָגן, „קאַראַימישער דעגענעראַציע".

נאָר די יידישקייט פון דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע אין אַמע־ריקע איז גאָרנישט שעפעריש פאַר דעם קיום האומה היינט, אין אונדזערע צייטן. מעגלעך אַז זי איז ביכולת אויסצוהאָדעווען אַמערי־קאַנער „גויים פון יידישער רעליגיע" (איך גלייב אין דעם אויך נישט) קיין יידישע יידן וועט זי בשום אופן נישט אויסהאָדעווען.

מיט איין וואָרט: רעליגיע וואָס איז נישט אידענטיש מיט אינ־טעגראַלער יידישקייט איז פאַרן קיום פון פאָלק גאָרנישט ווערט.

ג

מיר האָבן וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן, וואָס ביי קיין איין אומה ולשון איז נישטאָ זייער גלייכן: אַ גאַנצן טאָג און גאַנצע נעכט האַלטן זיי אין איין שרייען וועגן זייער הייסן נאַציאָנאַליזם, — און דאָס פּאָרט זיך ביי זיי מיט אַן אמתער שינאת ישראל צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש, אַזוי ווייט אַז איינער האָט זיך אַפילו באַרימט מיט זיין „אַנטישמיות מאהבה". אָט די פּאַראַדאָקסאַלע קאָמבינאַציע פון אידעאָלאָגישער ליבע מיט אָרגאַנישער שינאה, וואָס עס איז נישטאָ און עס איז אוממעגלעך ביי אַלע פעלקער אויף דער וועלט — זי ברענגט אָפט צו אַזעלכע ווייטאָקדיקע קוריאָזן וואָס טרויעריקער קען שוין נישט געבן. און פאַרוואָס? — ווייל נאַציאָנאַליזם אָן אינטעגראַלקייט, אָן אַ הייסן גלויבן אין אַלץ וואָס דאָס ייִדיש פאָלק האָט געשאַפן, אין אַלץ וואָס עס האַלט אין שאַפן ווי אַזאַ אייגנאַרטיק ייִדיש פאָלק, אָן אַזאַ אינטעגראַלקייט איז נאַציאָנאַליזם אַ ליגנערישע פראַזע וואָס קען דערפירן צו אַ מין שבתי צביישן אונטערגאַנג.

פאַראַן אויך אַ נאַציאָנאַליזם וואָס באַשטייט פון אַ ווערבאַלער ליבע צום ייִדישן לשון ביי אַ פולשטענדיקער נעגירונג פון אַלץ וואָס איז אין דעם לשון געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון געשיכטע. אַזוי ווי מען קען זיך איינוויקלען אין אַ מאַנטל וואָס האָט נאָר די קנעפּלעך אַזוי קען מען אַ פאָלק זיך אויפהאַלטן מיט דעם שפּראַך־נאַציאָנאַליזם.

אַלע ייִדישע באַוועגונגען זיינען אַזוי אַרום פּאַרציאַלע, זיי זיינען „מודה במיקצת"־ייִדישקייט, זיי אָנערקענען איין טייל כדי זיי זאָלן קענען אָפּוואַרפן אַלץ דאָס איבעריקע און אָט די אַלע באַוועגונגען מוזן פירן צום אומקום, אומאָפּהענגיק פון די פראַזעס, וואָס מען האַלט אין איין שרייען. די איינציקע קיום־ריכטונג וואָס איז בכוח אויפצוהאַלטן און איינצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק איז „אינטעגראַלע ייִדישקייט".

ד

— וואָס מיינט עס? — גאָר פשוט גערעדט מיינט עס אהבת ישראל, ליבע צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש, וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין זייער אייגנאַרטיקער ייִדישקייט.

ייִדישע וויסנשאַפט איז דאָס אויסגעפינען אַל דאָס ייִדישעס און דאָס פאָרמולירן; ייִדישע פּאָליטיק איז זוכן די מעגלעכקייט אַז גאָר די ייִדישקייט זאָל האָבן געזונטע מעגלעכקייטן רויק צו לעבן און זיך צו אַנטוויקלען. ייִדישע ליטעראַטור מיינט אַל דאָס ווו אַט די ייִדישע אייגנטימלעכקייט קומט צום אויסדרוק אין וואָרט. קיין שום אַנדער ליטעראַטור, מעג זי זיין געשריבן אין ייִדיש, צי אין העברעיש, איז דאָך נישט קיין ייִדישע ליטעראַטור. עס איז לגמרי נישט קיין אונ־טערשייד ווען אַ זאַך איז איבערגעזעצט: צי נאָך דעם שרייבן אָדער פריער, אין געדאַנק נאָך. ייִדישע קולטור איז איינע, אַ גאַנצע, נישט געבראָכן, נישט געטיילט, זי איז אַ נאַטירלעכער סכום פון אַלע רייכטימער, פון אַלע אוצרות וואָס ס'פאָלק האָט אין משך פון לאַנגע דורות געשאַפן און געזאַמלט... אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן במשך פון דורות אין דער העברעישער און אין דער ייִדישער שפּראַך פון תנ"ך ביז היינטיקן טאָג, — „אַלץ וואָס עס ווערט געשאַפן היינט צו טאָג אין ארץ־ישראל און אין דער גאָרער וועלט, אין העברעיש און אין ייִדיש — דאָס איז ייִדישע קולטור" — אַזוי שרייבט אין אָקטאָבער 1945 מ. יאַרבלום אין די „פּאַריזער שריפטן", וואָס עס לויערט נאָך אויף זיי די קדושה פון דעם ייִדישן „קאָלך־אויוון" וואָס ברענט דעם גוף פון ייִדישן פאָלק און וואָס שמידט זיין גייסט.

פון 1917 ווען דער אויסדרוק „פון בית לחם ביז קאַסרילעווקע" איז צום ערשטן מאָל פאָרמולירט געוואָרן (אין יענעם אויבן דער־מאָנט אויפרוף) און ביז יאַרבלומס „דורך אַלע תקופות און אַלע לענ־דער" האָבן מיר איבערגעלעבט אַן אייביקייט. אַ בלוטיקע אייביקייט און אַט אין אַנזיכט פון אָט דער בלוטיקייט מוזן מיר אַלע שווערן געטרייקייט צו דער אינטעגראַלער ייִדישקייט.

צי דאַרף מען דאָס וואָרט „אינטעגראַלע"? — מען וואָלט עס נישט געדאַרפט. אַלע פעלקער גלייבן אין זייער אינטעגראַלקייט, און זיי דאַרפן נישט דאָס וואָרט. פאַר אַלעמען איז גענוג בלויז דער נאָמען פון זייער פאָלק. מיר מוזן דערווייל האָבן דאָס וואָרט „אינטעגראַלע" און געבענטשט זאָל זיין דער אַנדענק פון צבי שוואַרץ ז"ל וואָס האָט דאָס טערמין געשאַפן.

ווי ווייט זיינען מיר פון אינטעגראַלער יידישקייט אין דער פסיכיק פון יידן? — ווייט, זייער ווייט. ביי אַלע פעלקער, וואָס זיינען אַזוי אינטעגראַל אַז זיי דאַרפן אַפילו נישט דעם טערמין איז פאַראַן איין נאַציאָנאַלער שולוועזן. מען דערציט דאָרטן די קינדער אין נאַציאָנאַלער אינטעגראַלקייט, און די ריכטונגען, גרופּירונגען, פאַרטייען, — זיי קומען שפּעטער, זיי קומען פון די היימען, פון די קלובן וכדומה. די שול, די דערציונג איז איינע, אַן איינהייטלעכע. די פּיריקע פאָרמולע פון דעמאָקראַטישער דערציונג איז „אַלגעמיינע, איינהייטלעכע, אָבליגאַטאָרישע און אומזיסטע". אָט די פיר „א" זיינען פאַר אַלע פעלקער גענוג. פאַר אונדז יידן וואָלט מען געדאַרפט נאָך אַן „א" — אינטעגראַלע, — אָבער ווער? ווו? אַז איטלעכע פאַרטיי בויט זיך שולן פאַר זיך, נישט פאַר דער אידעע פון אַ פאָלק אין זיין גאַנצקייט נאָר פאַר דער אידעע פון פאַרטיי.

נאָר ביי יידן איז דאָס מעגלעך, אַז צוויי קולטור אָרגאַניזאַציעס זאָלן שרייבן זייער לשון מיט פאַרשידענע אָרטאָגראַפיעס. און פאַרעקשנט: אויב יענע שרייבט „ייד" וועלן מיר אויף צו להכעיס שרייבן „איד" — און זאָל מען וויסן זיין אַז מיר זיינען נישט זיי... צוויי שולן אין איין שטאָט, וואָס געהערן צו איין אָרגאַניזאַציע קענען זיך נישט צונויפפיידן נישט נאָר וועגן פּראָגראַם־זאַכן, נאָר אָט אַפילו וועגן דער זעלביקער אָרטאָגראַפיע. אַז קינדער וואָס ווייסן ווי ווייט פעלקער זיינען מקפיד אויף דער איינהייטלעכקייט און אָנגענומענקייט פון זייער שרייבונג, וויפל ענערגיע פעלקער גיבן אַוועק אויף דעם „ספּעלינג", — און זיי זעען אונדזער הפקרות, — לערנען זיי פון דעם, אַז — יידיש איז נישט קיין שפּראַך און במילא זיינען שוין פאַר

זיי יידן נישט קיין פֿאָלק, און זיי האָבן נישט מער זיך צו „באַדערן" מיט דעם. נאָר ביי יידן, ביי דעם גוואַלטיקן דראַנג זיך צו שפּאַלטן און צו ברעקלען האָט עס געקאָנט ווערן, אַז די שרייבונג זאָל גאָר ווערן אַ סימן פֿון „פּאָליטישער" אָנגעהעריקייט: שרייבסטו „חבר" — ביסטו אַ רעאַקציאָנער, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, אָבער אַז דו שרייבסט דאַנקען השיים ייסבאַרעך „כּאַווער" — דעמאָלט ביסטו אַ פּראָגרעסיווער מענטש און אַ „פּאַרטגעשריטענער" מענטש... איז דאָס אַלץ אַ קאַריקאַטור צום לאַכן, אָדער גאָר צום וויינען.

אַז יידן זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל כדי צו בויען אַ יידיש לאַנד, האָבן זיי דאָרטן עטלעכע באַזונדערע שול־סיסטעמעס: הסתדרות פֿאַר זיך, אַלגעמיינע ציוניסטן באַזונדער, און מזרחי — דאָך געוויס פֿאַר זיך. און די אגודה וויל מיט קיינעם נישט גיין. און פּריוואַטע שולן, און קליינע גרופּעס... און קיינע פֿון די שול־סיסטעמעס וויל נישט און טראַכט נישט פֿון אינטעגראַלקייט, פֿון גאַנצקייט. און אַזוי אויף אַלע אַנדערע געביטן פֿון לעבן. און אַז אין ארץ־ישראל איז אַזוי, טאָ ווי איז עס שוין אין גלות? — פֿרעגט שוין בעסער נישט.

אַמאָל האָט אויף אַ פּלענום פֿון דער צענטראַלער יידישער שול אָרגאַניזאַציע אין פּוילן די „אומאָפּהענגיקע פּראַקציע" (אומפּאַר־טעישע) ארייגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג וועגן אַן אַלוועלטלעכן יידישן שול צוזאַמענפֿאָר. האָט ש. מענדעלסאָן, דעמאָלט נאָך נישט קיין בונדיסט געשטורעמט זיינע איצטיקע חברים פֿאַר זייער שמאָלקעפּיקייט און פֿאַר זייער נישט קענען באַנעמען מער ווי אָט דעם קליינעם סעקטאָר — יידישע סאָציאַליסטן אין פּוילן, מער נישט. און דער צוזאַמענפֿאָר איז נישט גערופֿן געוואָרן — עס האָט אויסגעפֿעלט דאָס באַוווסטזיין פֿון גאַנצקייט פֿון יידישן פֿאָלק איבער די גרענעצן פֿון דער מדינה פּוילן. און צי איז איצט שוין דאָ אָט דאָס געפֿיל פֿון געמיינזאַמקייט, פֿון גאַנצקייט און געבונדנקייט פֿון אַלע יידן איבער אַלע לענדער, פֿון אַלע שפּראַכן און פֿון אַלע תקופות?

— נאָך זייער ווייט פֿון דעם.

ה

אינטעגראַלקייט מיינט אויך גאַנצקייט, צונויפגעבונדנקייט — יידן פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך! אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּליטערטקייט איז אין לשער: האָריזאָנטאַל לויט די לענדער, — ענגלישע, פראַנצויזישע, אַמעריקאַנער און אַזוי אָן אַ סוף. יידן ווייסן — אומעטום איז מען צייטווייליק. קיין מקום מנוחה אויף לאַנג איז אין ערגעץ נישטאָ, — און דאָך קלעפּן יידן צו די לענדער וו זיי וווינען צייטווייליק, אָט ווי מושלען צו אַ פעלז אין אַ שטורמישן ים. און שוועסטערקינדער, לייבלעכע קרובים קען מען זיך ניט צונויפריידן, ווייל מען רעדט אויף פאַרשיידענע לשונות — לויט די לענדער וו מען וווינט. מען איז צעשפּליטערט ווערטיקאַל — לויט די אַנשויאונגען, פּאַרטייען, און גרופּעס און גרופּעס און קרייזן און... מען זוכט פון אונטער דער ערד מאָטיוון וואָס צוליב זיי זאָל מען זיך קענען שפּאַלטן. און מען איז אָרגאַניזירט — טויזנטער אַלערליי אָרגאַניזאַציעס, טויזנטער פאַרבאַנדן פאַרבינדן קליינע גרופּעס יידן. און עד היום איז נישטאָ די אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אָרגאַניש און אַקטיוו פאַרבינדן אַלע יידן וואָס אַנערקענען זיך פאַר יידן און זיי זאָלן זיך באַמיען אָט די אַלגעמיינע יידישקייט זייערע אַרויסברענגען אין די פאָרמען פון קולטורעלן לעבן. איז אָט איז עס אינטעגראַלע יידישקייט:

א) ליב האָבן אַל דאָס ספּעציפיש־יידישעס — אהבת ישראל. אויסטרייסלען די פאַלעס פון אַלע ברעקלעך פון דער משכילישער נעגאַציע און סאַטירע.

ב) גלויבן אין פלאַק, אין זיין שעפערישקייט, אין זיין אייגנטימלעכער אָריגינעלקייט — גלייבן מיינט האַלטן עס פאַר העכער און וויכטיקער, זיך באַמיען דאָס צו שטאַרקן — אתה בהרתנו. אויסוואַשן די נשמות פון דעם שמוץ פון געפאַלנקייט, הכנעה און קנעכטיש־מאַלפּישער „אהבתי את אדוני".

ג) כ־יער האַלטן דאָס אַלץ וואָס בינדט צונויף אונדז אַלעמען איבער אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען, איבער אַלע פּאַרטייען און

גרופּירונגען. און דאָס איראַציאָנעלע און ראַציאָנעלע נישט פאַרקויפן פאַר קיינע טעפּ לינדזן, ווי געשמאַק זיי זאָלן נישט זיין.

ד) אָרגאַניזאַציאָנעל מיינט עס צו שטרעבן צו שאַפן אַזוינע פאַר־מען פון לעבן, אַז פאַרזיכיקייט פון יידישן גייסט זאָל האָבן אויך סאָציאַלע און עקאָנאָמישע און אויך פּאָליטישע פאַרזיכיקע ראַמען. און דאָס אַלץ אין נאָמען פון ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר די גאַנצקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע געבונדנקייט פון יידישן פאָלק איבער דער גאַרער וועלט. דאָס איז אַלץ.

און דאָ איז דער פאַרכישופטער קרייז פון אונדזער גורל: גאולה און... אינטעגראַלקייט פון יידישקייט אין באַוווסטזיין פון יידן. אונדזע־רע זיידעס האָבן געוואַרט אויף אַ משיחן פון הימל אויף אַן אייזעלע. אין אונזדערע צייטן האָט מען גענומען זוכן אַ משיחן ביי גוטע פריצים מיט אַ פאַלשן שמייכל אָדער גאַר האָט מען זיך גענומען פאַרלאָזן אַז דער משיח וואָס וועט דאַך זיכער קומען פאַר דער וועלט אויף די רע־דער פון מאַשינעס ער וועט שוין אַזוי פאַרבייגייענדיק אויך דאָס ביסל יידן אויסלייזן...

און די אמתע גאולה ליגט נאָר אין אונדז אַליין. — „אין דעם מאָמענט ווען יידן וועלן אַלע ווי איינער אָפּהיטן צוויי שבתים וועט קו־מען משיח". אָט איז דעם פאָלקס גלויבן ליגט דער אמת: אין איטלעכן האַרץ, אין יעדער יידן דאַרף קודם כל זיין אַ אהבת ישראל, אַ דראַנג־פאַרלאַנג צו אַלץ וואָס יידיש איז. און דעמאָלט ווען אָט דער דראַנג־פאַרלאַנג וועט זיין געמיינזאַם ביי אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק, דעמאָלט און פון דעם וועט אויסוואַקסן די גאולה. ד. ה. די גאולה וואָס איז? — דער דראַנג־פאַרלאַנג צו אומגעשטערטער פאַרזיכיקייט. „נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן היינטיקע צייטן און די צייטן פון משיח נאָר אין דעם „שיעבוד מלכיות" — אין דער אָפּהענגיקייט פון אַנדערע פעלקער און פון זייערע נאָרמעס. (פון תלמוד) —

אונדזער חשבון מיט דער וועלט

איך בין זיך מודה — די געדאַנקען וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען האָבן מיך געמאַטערט לאַנגע חדשים ווען די מלחמה איז נאָך געגאַנגען, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין מוט צו פּרובירן זיי אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר: צו ווייטאָקדיק זענען זיי, צו פיל טרויעריקע אויספירן טראָגן זיי. עס האָט אָבער מיר נישט געלאָזט רוען.

די לעצטע חדשים פון דער מלחמה, ווען די מפּלה פון די דייטשן איז שוין געווען קלאָר האָבן די יידישע צייטונגען געשימערט מיטן וואָרט „אונדזער". אונדזער פלאָט, אונדזערע אַעראָפּלאַנען, אונדזערע אַרמייען, אונדזערע גענעראַלן, — און אַזוי כסדר. „אונדזערע" דאָס מיינט אַמעריקאַנער, ענגלישע וכדומה. און אַלע מאָל ווען איך פלעג איבערלייענען אַזאַ אויסדרוק, פלעגט זיך מיר דערמאָנען איינער אַ משל: „מיר האָבן געאַקערט, זאָגט אַ פליג אויף די הערנער פון אַן אָקס... צי איז דאָ דאָס וואָרט „ א ו נ ד ז ע ר " באַרעכטיקט? צי זיינען מיר געווען ווען עס איז גלייכע, באַרעכטיקטע שותּפים אין דער מלחמה? און צי איז דער נצחון אונדזערער? צי טאַנצן מיר דאָ נישט אויף פרעמדע חתונות און צי פרייען מיר זיך נישט אויף פרעמדע שימחות? מיר פאַרבלענדן זייך אַליין די אויגן, מיר ווילן זיך און אַנדערע איינרעדן אַז מיר זיינען שותּפים צו דער וועלט, שותּפים זיינען מיר אין אַלע דעמאָקראַטיעס, זייער גליק איז כלומרשט אויך אונדזער גליק. מיר זיינען עס רוסן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, איך

אלץ וואָס די גוטע און פֿרומע דעמאָקראַטיעס האָבן דערגרייכט, האָבן מיר אַ גלייכן חלק. מיר האָבן זיך באַמיט וועגן דעם מיט אַלע כוחות, אין אַלע לענדער זיינען מיר געווען ווילינג צו געבן די גרעסטע קרבנות. מיר האָבן זיך באַמיט צו זיין די ערשטע, מיר האָבן זיך געבעטן ווי מען בעט אַ נדבה, מען זאָל אונדז דערלויבן צו האָבן אַן אַרמיי. מיר האָבן געוואָלט דינען דער אַלגעמיינער זאַך מיט אַלע כוחות.

אָבער דאָ קומט דער ערשטער ביטערער „ניין". לגמרי נישט דער יידישער אומגליק האָט אַרויסגערופן ביי יידן דעם ענטוזיאַזם, דעם ברען, דעם מלחמה עקסטאַז. כל זמן רוסלאַנד איז נישט געווען אין מלחמה האָבן יידן אין רוסלאַנד גאָרנישט אַזוי געהיצט זיך, גאָרנישט גערופן צו שלאָגן זיך. פאַרקערט, האָבן דאָך קאָמוניסטן יידן פון רוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער געהאַלטן די מלחמה פאַר אַ זאַך וואָס זיי גייט זי גאָר נישט אָן, אַ פרעמדע איז זי, אַ אימפּעריאַליסטישע, און זיי קענען בלייבן נייטראַל. פונקט אַזוי האָבן געדענקט און זיך געפירט יידן אין אַמעריקע. ווען האָבן זיך די יידן אין אָט די לענדער אָנגעצונדן מיט דעם מלחמה־פייער? — ווען די לענדער ווו זיי זיינען בירגער זיינען אַריין אין מלחמה. נאָר דאַמאָלט האָט מען דערמאָנט וועגן דעם אייגענעם פאָלק. דאָס יידישע בלוט איז געוואָרן טייער פאַר רוסישע יידן נישט פריער ווי רוסלאַנד איז אַריין אין מלחמה, און פאַר אַמעריקאַנער יידן כמעט דאָס זעלביקע.

מען דערציילט אַז בשעת ריבענטראָפּ ימ"ש איז געפאָרן קיין מאָסקווע און רוסן זיינען געפאָרן קיין בערלין זיינען אין די פאַראַדן געווען אויך יידישע אָנטיילנעמער. כל זמן „נאַציזם איז געווען אַ פּריוואַטע זאַך" האָבן יידישע קאָמיסאַרן פון רוסלאַנד פריינדלעך געזדריקט די הענט פון דייטשע תלינים און... (גאָרנישט. עס פעלן מיר אויס די ווערטער) כל זמן אַמעריקע איז נישט אַריין אין מלחמה האָבן דאָך יידישע יונגע לייט אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק געטיילט בלעטלעך און געריסן זיך זייערע יידישע העלדזער, אַז די „מלחמה איז נישט אונדזערע אַז נאָר מלחמה־העצער זיינען עס די וואָס רעדן וועגן דייטשע אכזריותן"... איך שרייב עס און איך האָב

נישט קיין כוח צו קלאַפּן אויף די קלאַווישעס, אַט ווי עמיצער וואָס איז געצוווּנגען צו זאָגן אָפּן אויף זיך אַליין אַז ער נישט קיין מענטש נאָר עפּעס שדים ווייסן וואָס... מן הסתם זיינען אַזוי געווען אויך אַנדערע יידן אין אַנדערע לענדער: דעם גרעסטן יידישן אומגליק פון זייער גאַנצער לאַנגער און בלוטיקער געשיכטע האָבן יידן נישט געפילט כל זמן דער בעל בית פון לאַנד האָט זיך נישט גענומען שלאָגן. ערשט דאַן נאָר האָט מען אין פּאַטריאָטישן כאָר אויך געגנו־מען דערמאָנען „אונדז יידן", אייניקייט פון גאַנצן פאָלק, ברידער יידן, וואָס פינף און צוואַנציק יאָר האָט מען פון זיי נישט געוואָלט וויסן (און הלואי זאָל איך ליגן זאָגן: עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס קרובלען זיך מיט אונדז הערט שוין אויף — (די מלחמה פון די לענ־דער האָט זיך דאָך שוין געענדיקט) נאָך דעם ווילט זיך אויפהערן צו גלייבן אַלעמען און זיך אַליין בעיקר. עס קומט מיר אויס ווי מיר אַלע זיינען ליגנערס און אַלץ וואָס מיר זאָגן, וואָס מיר שרייען און וויינען איז נישט אויפריכטיק; אַז מיר קענען נישט ווי יידן עפּעס טאָן, נאָר בלויז נאָכטאָן, נישט פילן נאָר מאַכן זיך ווי מיר פילן מיט; נישט שרייען פון אייגענעם ווייטאָק, נאָר בלויז נאָכשרייען ווען דער באַלעבאָס שרייט: ווי מען איז נאָר בלויז ווידערקול, אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם האַרס נשמה.

מיר זיינען געגליכן צו איינעם וואָס גייט אין גאַס מיט אַ קאָפּ־ווייטיק און אַט הערט ער מוזיק שפּילט. ער ווערט אַריינגעצויגן אין טאַקט פון דער פרעמדער מוזיק און ער פאַרגעסט פון זיין ווייטיק. מיר לעבן צו פיל אין פרעמדן טומל און מיר לעבן זיך אַריין אין דעם פרעמדן טומל, אַז מיר פאַרגעסן אָן זיך לגמרי. עס איז נייטיק אַ גוואַלטיקע קאָנצענטריטקייט אין זיך כדי צו קענען איגנאָרירן דעם טומל אַרום און פילן זיך אַליין, לעבן מיט די אייגענע געדאַנקען און געפילן. ביז דער עמאַנציפּאַציע האָבן מיר עס געקענט. איצט טראָגן מיר זיך מיט דעם פרעמדן שטורעם און אָן זיך האָבן מיר פאַרגעסן! די גרעסטע אויפגאַבע פאַר אונדז איז די איבערדערציונג פון פאָלק אין גייסט פון עגאָצענטריזם, עטוואָס מער אַכטונג צום אייגענעם קאָלעקטיוון איך!

א. גאָלאָמב

וואָס איז מיט אונדז פאַרגעקומען?

מען האָט אונדז געטרודפט און געשלאָגן אַלע מאָל. חורבונות און אומגליקן זיינען פאַר אונדז קיין מאָל קיין נייעס נישט געווען. עס איז אָבער פאַרגעקומען גאָר עפּעס אַזוינס וואָס איז אַ נייעס אַפילו איז אונדזער געשיכטע: ביז היטלערן האָט מען אונדז געשלאָגן ווי מענטשן שטאַרקע שלאָגן שוואַכע. רציחה און בלוטדורשטיקייט האָט קיין מאָל נישט אויסגעפעלט ביי מענטשן און מיר זיינען תמיד געווען דאָס שעפעלע גרייט פאַר אַלע וועלף. אַלע מאָל אין דער געשיכטע ווען עשוס בלוטדורשטיקע אינסטינקטן האָבן זיך צעיושעט, צעבושעוועט זיינען מיר געווען דער קרבן. אָבער אַלע מאָל האָט דער שלעגער אונדז געשלאָגן ווי מענטשן; גאָר עפּעס אַנדערש איז עס איצט: מען האָט אונדז נישט געשלאָגן נאָר עקסטערמינירט ווי מען טוט עס מיט מייז און אַנדערע לעסטיקע באַשעפענישן. מען האָט אונדז דעגראַדירט פון דער מדרגה מענטש. קאַלט און געלאַסן, אויסגערעכנט און מיט וויסנשאַפטן צוגעגרייט האָט מען אונדז אין מיטן העלן טאָג געסמט און געברענט און אויסגעראָטן. מיט אַלע מיטלען פון דער גרויסער ציוויליזאַציע פון מיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ נייעס אַפילו אין אונדזער מאַרטיראָלאָגישער געשיכטע. און דאָס דאַרף אונדז לערנען! אוי, מוזן מיר לערנען!

די דייטשן. כ'בין ווייט פון צו זיין אַ סאָציאָלאָג און כ'דערלויב זיך צו זוכן דערקלערונגען מיט אַנדערע וועגן. דאָס וואָס מען רופט אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן און פאָרמאַציעס איז נישט קיין דערוואָרבענע אייגנשאַפט פון פעלקער וואָס שטאַמט פון די אָדער יענע סאָציאָלע תנאים. — עס איז אַן אייגעבאָרענע אוראַלטע שנאה וואָס גיט זיך איבער בירושה דורך דורות. עס איז שנאת עולם לעם עולם. מיטן לשון פון ביאָלאָגיע וויל איך זאָגן: עס איז נישט קיין פענאָטיפּישע אייגנשאַפט נאָר אַ גענאָטיפּישע. אומזיסט אַלע זוכענישן, נאַריש אַלע אָנשטרענגונגען: דער עשו־וואָלף וועט קיין מאָל נישט הויזן מיט דעם יעקב־שאָף. עס קענען זיין גראַדאַציעס פון מיידאַנעק ביז רויקן קאַלטן פּאַסיוון האַס און דערווייטערונג. אָבער אויס־

וואַרצלען אַן אייגנשאַפט וואָס איז פאַרבונדן מיט די ירושה פון דורות — דאָס זיינען מיר נישט ביכולת. די נאַטור פון די אַלטע טעווטאָנען האָט זיך נישט געענדערט און זי וועט זיך נישט ענדערן. מיר צאָלן און וועלן צאָלן פאַר דעם אייביקן טעות פון פּאוילן וואָס האָט געמיינט אויף אַ וואָלף אָנצוטאָן אַ צאַם פון פאַרוואָסערטער יידישקייט. אַלץ איז צעפאַלן, פון קריסטענטום — אַ מאַסקע פון 2 טויזנט יאָר — איז גאָרנישט געבליבן, די נאַטור פון אַלטן טעווטאָן איז געבליבן. און זי האָט אונטער דער מאַסקע פון קריסטענטום פּראָגרעסירט. וואָס מעכטיקער עס איז זיך צעוואָקסן די ציוויליזאַציע, וואָס מער מאַשינעס עס זענען אויפגעקומען, אַלץ מער האָבן זיי צעשטערט די מאָראַלישע נאָרמען אין מענטשן, וואָס מער רעוואָלוציעס דער אייזענער גולם האָט אַריינגעטראָגן אין לעבן פון מענטשן, אַלץ הפקרדיקער איז געוואָרן דער מענטש, אַלץ מער מאַשין־נשמה איז אין אים געוואַקסן אַנשטאָט דער מענטשלעכער נשמה. וואָס מער ציוויליזאַציע, — אַלץ ווייניקער קולטור. טעווטאָנען אומגעצאַמט אין גייסט און אומבאַגרעניצט אין טעכניק. קען מען קוילענען קינדער טויזנטער און הנאה האָבן פון בעטהאָווענען און פילאָסאָפירן מיט קאַנטן.

און ווען היטלער איז געפייגערט, און דער נאַציזם איז געבראָכן און מאַכטלאָז, און דייטשלאַנד איז אָקופּירט, — און דאָך איז די פּסיכיק געבליבן. די אייביקע אייגנשאַפטן זיינען נישט פאַרניכטעט. זיי זיינען דערדריקט, באַהאַלטן, צוגעדעקט מיט אַנדערע אייגנשאַפטן, אָבער זיי זיינען פאַראַן. איין נבואה היטלערס איז ריכטיק: דער נאַציזם איז זיכער אויף נאָך טויזנט יאָר פאָרויס. נישט ביי דער מאַכט, אָבער ער איז דאָ און וועט בלייבן. און געלערנטע דייטשן וועלן פּראָדוצירן ווייטער וויסנשאַפטן און קונסט און פילאָסאָפיעס, און עס וועלן אויפשטיין ווידער געטעס, און בעטהאָווענס און הומבאָלטס און העלמהאָלצעס, און טיף אין נאַטור וועט די אוראַלטע און בראַשיתדיקע טעווטאָנישע בלוטדורשטיקייט און קאַלטבלוטיקע רציחה קיינמאָל נישט אויסגעשלאָסן ווערן...

וועלן זיך יידן קענען צונויפלעבן מיט דייטשן ווידער?

— אָ, יאָ! מאָרגן און אפשר היינט וועלן יידן זיך פריינדלען מיט זייער גרויסער קולטור און פיינקייט. און — ווי און ווינד איז דעם יידן וואָס וועט זיך פאַרלאָזן אויף אָט דער פיינקייט: אַ שלאַנג אַפילו אַ דערדריקטע אָבער אירע גיפט־דריזן הערן נישט אויף צו פּראָדו־צירן גיפט.

— חשבונות פירן? — וואָס פאַר אַ חשבונות קענען מיר פירן מיט זיי? מיט אַ שלאַנג פירט מען דען חשבונות? די יידישע טראַ־דיציע האָט געוווסט איין און איינציקן חשבון:

„והבדילנו מן התועים, טאַטעניו" — אַ טיפע און האַרציקע נעגאַציע צו אַלעמען, וואָס דער מענטש אין זיי איז בלויז דער הוספה־מעכאַניזם צו דער ביקס און די שפּיז איז דער זינען פון זייער לעבן, זייער נשמה און גייסט: מען דערציילט אַ וויץ אויף אַן אַלטן ליטווישן רב, וואָס זאָל אַמאָל האָבן געזאָגט:

— וואָס? די גוים האָבן שוין ווידער אָנגעזאָגט מלחמה? אוי־וואַ! קומט יידן לערנען אַ בלאַט „גמרא". אין אָט דעם רעאַגירן אויף „גויישע מלחמות מיט אַ בלאַט גמרא" איז געלעגן אונדזער גאַנצער חשבון מיט דער גויישער וועלט. ערגעץ אין די כראָניקעס פון קרייץ־צוגן (אין „ספר הדמעות פון ש. בערנפעלד) האָב איך געפונען: איינע אַ מיידל איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ פענצטער פון דער באַלאַ־גערטער שול, האָט אַ שפּיי געטאָן אויף געצן און זיך אַראָפּגעוואָרפן צום טויט.

און וואָסער אַנדער חשבון קענען מיר האָבן? און ווי קענען מיר זיך אַנדערש רעכענען מיט די דייטשן? אויב זיי זיינען אַ מענטשלעך פאָלק. — זיינען מיר אַ טשערעדע שאָף, אַ שלל שחיטה־בהמות אויף אַ שלאַכט הויז; אויב מיר זיינען אַ מענטשלעך פאָלק, — זיינען זיי אַ סטאַדע גיהנום־וועלף, וואָס זנות און רציחה איז זייער חיות.

אין דעם ווי מיר ווי אַ פאָלק וועלן רעאַגירן און ווי מיר וועלן איצט קוקן אויף די דייטשן וועט זיך אַרויסווייזן אונדזער חשבון מיט זיך אַליין. און ווי דער חשבון וועט אויספאַלן ווייס איך פאָרויס. אָט איז איין פאַקט:

עס איז 1936 אין ארץ־ישראל. איך וויל אַריבערברענגען אַ יונגן יידן פון ווילנע. ער שיקט מיר דאָקומענטן באַשטעטיקט אין ווילנער אָפיציעלער קהילה. איך ברענג די דאָקומענטן צו אַ פירער פון אַן אַנשטאַלט וואָס דאַרף זיי אונטערשרייבן פאַר דער ארץ־יש־ראלדיקער רעגירונג. דער דירעקטאָר פון אַנשטאַלט איז אַ דייטשער ייד און ער דערזעט אויף די דאָקומענטן עפּעס מאָדנע מאַרקעס. „אַ באַיקאָט אויף דייטשלאַנד?! „נאָ", בשום אופן נישט. ער גיט קיין אונטערשריפט — ער וועט קיינמאָל נישט העלפן ברענגען קיין ארץ־ישראל אַ מענטשן וואָס איז אַזוי „דומקעפּיק" צו נוצן אַזוינע מאַר־קעס. און נישט געגעבן!

אָבער דאָס איז שוין אַ חשבון מיט זיך אַליין, נישט מיט די דייטשן.

און אפשר איז עס נישט נאָר אַ חשבון נאָר אויך אונדזער גורל אין דער וועלט... דער חשבון איז פאַר מיר קלאָר און נישט צוליב דעם האָבן איך זיך גענומען שרייבן.

לאָמיר זען ווי מיר האַלטן אין אונדזער חשבון מיט די „שות־פים" אונדזערע, מיט די דעמאָקראַטיעס. לאָמיר אויך דאָ אָפּדעקן אַלע ווונדן און זיך נישט באַפרידיקן מיט קאָנווענציאָנעלע ליגנס און איינרעדענישן. פאַר מיר איז דאָס קלאָר: אין דער מלחמה וואָס היטלער האָט געפירט קעגן יידן האָט ער אַלע דעמאָקראַטיעס געהאַט אויף זיין זייט. דאָס איז דער ביטערער אמת, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן עס נישט — דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט. ווען היטלער איז גע־קומען צו דער מאַכט און האָט זיך גענומען צאַפּן יידיש בלוט, און ער איז נאָך געווען שוואַך, און איין פּיפּס פון די גרויסע וועלט געווען גענוג אויף אָפּצושטעלן זיינע סאַדיסטישע ווילדקייטן. — וואָס האָבן דעמאָלט געטאָן די גרויסע און מעכטיקע דעמאָקראַטיעס? — זיי האָבן געקוקט, געזען און געשוויגן: זיי מישן זיך נישט, האָט עס גע־הייסן, אין די אינעווייניקסטע ענינים פון פרעמדע לענדער.

למשל, אַ שטייגער — גזלנים כאַפּן זיך אַריין אין איין שטוב און אַ גאַנצע גאַס מיט שכנים שטייען און קוקן ווי עס גיסט זיך בלוט, נאָר זיי גייען קיינער נישט ראַטעווען. זיי ווילן דאָך, אום גאָטעס ווילן, נישט גיין אין אַ פרעמדע שטוב אָן אַ דערלויבעניש. מען איז דזשענטעלמאַניש עפּעס... ווען די גרויסע דעמאָקראַטיעס נעמען זיך דערמאָלט אָן פאַר יידן וואָלט מען דאָך געפּטרט היטלערן אָן קרבנות און מען וואָלט פאַרשפּאָרט די גאַנצע מלחמה מיט אַלע אירע גליקן. נאָר אַזוי ווייט גייט די שנאה צו אונדז אין די דעמאָקראַטישע פעל־קער, אַז — „מען מישט זיך נישט אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון אַ פרעמדער נאַציע". צבועקעס און ליגנער! האָבן די גריכן געוואָלט אַ רעגירונג וואָס איז נישט געפעלן געוואָרן דעם צדיק הדור טשוירטשילן, — האָט מען זיך שוין יאָ אַריינגעמישט, און נאָך אַ מין אַריינגעמישט אין סיריע, אין די פרעמדע אינטערעסן פון דער פריינטלעכער פראַנקרייך. נאָר קענטיק אַז יידיש בלוט איז פאַר די דעמאָקראַטיעס ניט אין פאַרגלייך ביליקער פון נאַפּט. מיט זיין אויסראָטן די יידן פאַר דער מלחמה האָט היטלער געוואונען צוויי זאַכן: טיפע סימפּאַטיע צו זיך אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער און — צייט, צייט זיך צו גרייטן צו דער מלחמה. די גרויסע דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע האָט אין איר גרויס מיטגעפיל געשיקט שיפן און אַעראָ־פּלאַנען צו היטן די ברעגן פון איר לאַנד, אַז אַ וואַנדער שיף מיט טויזנט אומגליקלעכע יידישע וואַנדערער זאָל זיך חלילה נישט דער־נענטערן צו פיל צו איר. און דאָס איז געווען בימי — אין די טעג פון דעם צדיק רוזוועלט. און נאָך זבאַנשין. צי האָט איין דעמאָקראַ־טיע אָפן און ערלעך געמאָלדן אַז זי עפנט די טויער פאַר די נרדפים?

די גרעסטע נוצן האָט אַמעריקע געהאַט פון אימיגראַנטן, אַפילו אַט די אַטאָם־באָמבע דאַרף דאָך אַמעריקע פאַרדאַנקען צו עטלעכע יידישע אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך בנס אַריינגעגנבעט אין אַמע־ריקע. און עס גייען אַרום זאַטע אָנגעפּרעסענע בירגער און מען שיי־פּעט ווי שלאַנגען: ניין, זיי ווילן נישט קיין אימיגראַנטן! עס שטייט זיי נישט אָן דער יחוס. לײדיקע שטאָטן, אַ ליידיק לאַנד אַ גאַנצע

אָט די קאַנאַדע. לענדער בענקען נאָך מענטשן, נאָך מענטשלעכער באַפרוכטנדיקער אַרבעט, און קליינקעפּלדיקע און ענגהאַרציקע דעה־זאָגערס ליגן איבער די נישט געבאָרענע רייכטימער אין די לענדער און ווילן נישט קיין פרעמדע! זייערס איז דאָס לאַנד. זיי האָבן עס אָנגערויבט מיט הונדערט יאָר פריער פון שוואַכערע. דאָס איז דער יושר פון דער וועלט! פון די דעמאָקראַטיעס, וואָס יידן גלייבן אַזוי שטאַרק אין זיי!

און ממה נפשך — אָדער — אָדער: האָט עס רוזוועלט און אַנ־דערע געטאָן פון זייער ווילן, פון זייער אומווילן עפּעס אונדז צו העלפן, איז מיט וואָס איז ער אַ צדיק? איז דאָך טיטוס אויך פאַר דער וועלט געווען אַ צדיק אָבער פאַר אונדז איז ער געבליבן טיטוס הרשע. ווייס איך נישט פאַרוואָס מיר יידן האַלטן אַזוי פון רוזוועלטס צידקות? אלא, האָט ער אַזוי געמוזט האַנדלען כדי נישט אויפצורייצן דעם כעס פון זיינע ווילערס, טאָ מיט וואָס איז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק בעסער פון אַנדערע פעלקער צו אונדז? איז דען דער אונטערשייד צווישן אַקטיווער און פּאַסיווער רציחה אַזוי גרויס? אין מיינע אויגן נישט. ווען די גרויסע דעמאָקראַטיעס וואָלטן שטילשווייגנדיק נישט מסכים געווען, וואָלט היטלער נישט געקענט אויסשלאַכטן דאָס יידיש פאָלק אין אייראָפּע. וואָלטן די דעמאָקראַטיעס אָפן און דרייסט געוואָרנט דייטשלאַנד, אַז זי וועט באַצאָלן פאַר יידן ווי מען האָט עס געטאָן בנוגע צו דער טשעכישער לידיצע, וואָלטן די שחיטות נישט געווען אַזוי גרויס.

זיינען „אונדזערע” דעמאָקראַטיעס וויט אַוועק פון די דייטשן? וואָלטן די דעמאָקראַטיעס אָפן און דרייסט געעפנט זייערע טירן פאַר אַלע יידן וואָס ראַטעווען זיך פון אייראָפּאַישן גיהנום; וואָלט די באַ־לעבאָסטע איבער ארץ־ישראל געלאָזט יידן זיך ראַטעווען קיין ארץ־ישראל — וואָלטן אונדזערע קרבנות געווען נישט אין פאַרגלייך קלענער!

איז די „שטרומא” און אַנדערע אונדזערע אומגליקלעכע שיפן וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט האָט פאַר זיי געלאָזט אין פאַרט —

אויפן גרונט פון ים, זיינען זיי ביי אונדז אויפן חשבון פון די דייטשן, אָדער אויפן חשבון פון „אונדזערע דעמאָקראַטיעס"?

און פינף מיליאָן יידן (כן ירבו) זיצן אין אַמעריקע און זיי פילן נישט אַז „זייער" אַמעריקע שפייט זיי אין פּנים. זייערע זין אין מלחמה אַריין — געוויס — אַלע אַמעריקאַנער זיינען דאָך גלייך! אָבער ראַטעווען זייערע טאַטעס און זייערע ברידער פון גיהנום — דאָס האָט „זייער" לאַנד נישט געקאָנט, נעבעך! שיקן שפּייז קיין גריכלאַנד — דאָס האָט מען געמעגט אין דער דייטשער אָקופּאַציע, אָבער נישט חלילה צו די יידן אין אייראָפּע. אויף דעם איז אין דעם דעמאָקראַטישן שולחן ערוך קיין סעיף נישט געפונען געוואָרן.

און די גרויסע שלום־קאָנפערענץ אין סאַן פראַנציסקאָ. איראַק וואָס האָט זיך געשלאָגן קעגן ענגלאַנד, סיריע מיטן צדיק דעם מופטי, מצרים וואָס איז געווען פראָ־נאַציש און „נייטראַל" — אַלע זיינען זיי געווען מחותנים פאַרבעטענע, ליבע געסט, פריינט האַרציקע, — אין די געטרייסטע און די איבערגעבנסטע יידן האָט מען אַפילו נישט אויפן שוועל אַרויפגעלאָזט! „אונדזערע" דעמאָקראַטיעס! אָן דער הילף פון די יידן וואָלט אין מצרים נישט געווען דער נצחון — די אַראַבער האָבן פאַררעטן, דעם מצרישן קעניג האָט מען געדאַרפט היטן, מיניסטאָרן האָבן שפּיאָנאַזש געפירט פאַר דייטשלאַנד, — און „אונדזערע" דעמאָקראַטיעס האָבן נאָפט דערשמעקט, און פראַווען גערעכטיקייט אויף דער וועלט לויטן סדומישן שולחן ערוך.

מיר האָבן יאָרן לאַנג זיך געבעטן אַ יידישע אַרמיי, — און מען האָט עס אונדז נישט פאַרגונען. מיר האָבן געגלויבט — גלייכע חובות, גלייכע רעכט. יידיש בלוט אויפן מזבח דאָס יאָ, האָט מען גענומען גערן, אָבער צו דער חלוקה זיינען דאָ אַנדערע „סדום איז פאַר סדומער...

אַזוי איז דאָס סדומישע רעכט!" (ח. גראַדע)

און ווי קענען פינף מיליאָן יידן דאָס נישט פילן, און האַלטן אין איין זינגען און שרייען „אונדזער, אונדזער", און עס קומט נישט קיינער זיי אַריינצושרייען אין האַרץ אַריין — „וואָס אונדזער, ווען

אונדזער? — פרעמדע זייט איר, שטיף־קינדער זייט איר, אויך פרעמדע חתונות טאַנצט איר, און אַלע דעמאָקראַטיעס זייגען פאַר אייך שטיף־מאַמעס!״ און זיי אַליין פילן עס נישט און שפּירן עס נישט, ווייל „אין בשר המת מרגיש באיזמל״ צי קענען געשטאָרבענע עפּעס שפּירן און אַז יידישקייט איז טויט (אַפילו מיט אַ יאַרמלקע און מיט אַ ראבאַי!) שפּירט מען נישט דעם ווייטיק פון יידישן פאָלק.

ויהי בימי האַטלאַנטיק טשאַרטער. און אַלע פּויקן האָבן גע־פּויקט, און אַלע טרובעס האָבן געטרובעט, און די שרייבערס האָבן געשריבן און די שרייערס — געשריען: אַ נייע תורה גייט מען געבן דער וועלט (פאַר מיר וואָלט גענוג געווען די אַלטע — פון אונדזערע נביאים) משה און אהרון — טשוירטשיל־רוזוועלט וועלן זי אין אַלע ראַדיאָס פון דער וועלט אריינשרייען.

און איך האָב אויך אָנגעשטעלט מיין ראַדיאָ, און געהערט גאַנצע פינף מינוט און געוואַרט מען זאָל דערמאָנען אונדזער אוי. און אַז איך האָב געוואַרט אומזיסט, האָב איך נישט הערנדיק מער פאַר־האַקט מיין ראַדיאָ מיט ביאַליקס קללה:

„און אויב זי וועט נאָך דעם ווי איך וועל פאַרשווינדן
ערשט נעמען זיך צינדן,
צעשמעטערט זאָל ווערן איר טראָן פון גוואַלד!״...

איך גלייב און איך ווייס עס אויך קלאָר: כל זמן די וועלט וועט נישט געבן אונדז וואָס אונדז קומט, וועט קיין פרידלעך לעבן אויף דער וועלט נישט זיין!

די פראַגע איז נאָר צי איז פאַראַן אַ קאָלעקטיווער יידישער „איך״ ווער עס זאָל קענען נעמען, וואָס אונדז קומט.

איך האָב שפּעטער דעם זעלביקן אָוונט דערציילט אַ מסיבה יידן מיין אַנטוישונג. זאָגט אַ ייד: „איז וואָס האָט איר געוואָלט, אַז אַזוינע צוויי גרויסע לייט ביי אַזאַ וויכטיקער באַגעגעניש זאָלן האָבן אונדז יידעלעך אין זינען?...

איך האָב אָט דעם אַמעריקאַנער יידישן באָנשטע שווייג נישט אָנגעשפּיגן אין פּנים. אפשר האָב איך שלעכט געטאָן. גאַנץ מעגלעך.

דער טאַטע „אונדזערער" רוזוועלט איז געפאָרן קיין יאַלטע, האָט ער אונדז געבראַכט אַ שיינע בייקע: אַ גרוס איז דאָס געווען. אויף זיין וועג צוריק האָט ער געהאַט צייט אויפצונעמען די אַראַבישע הערשערס און מיט זיי פריינטלעך צו שמועסן וועגן ברענגען דעם אמתן שלום אויף דער וועלט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט און נישט קיין אינטערעס אויף פאַרבייפאָרנדיק אַ קוק טאָן וואָס די יידן האָבן אויפגעטאָן (אויך זיינע בירגער!) אין ארץ־ישראל וואָס ער האָט אַזוי פייערלעך ערב די וואַלן צוגעזאָגט צו שטיצן. און ער האָט נאָך דעם דערציילט: פינף מינוט שמועס מיט דעם הערשער פון מדבר האָבן אים געגעבן מער פּאָליטישע חכמה איידער אַלע יאָרן, וואָס יידן האָבן זיך באַמיט מיט אים צו קנעלן וועגן ארץ־ישראל. וואָס דער צדיק הדור האָט געמיינט דערמיט ווייסט נישט קיין פּשוטער בשר ודם, נאָר איך מיין, אַז ער האָט געדאַרפט מיינען: נישט אַלע מענטשן קריכן דורך די הינטערטירן און בעטן זיך אַ נדבה, קיין בייז אויג זאָל נישט שאַדן. און אפשר האָט ער יענע רייד פאַרשטאַנען מערער, ווייל די יידן רעדן תמיד אין נאָמען פון יושר, פון רעכט, פון די שיינע פּרינציפּן וואָס מען שייערט זיי אויס זיי זאָלן גלאַנצן יום טובדיק אויף אַלע פּאַראַדן, און יענע מדבר־הערשערס, אָבער, האָבן גערעדט מיט גאָר אַן אַנדער, מיט אַ קלאָרער שפּראַך פון דער גרויסער ציוויליזאַציע. מען האָט גערעדט פון נאַפט און מאַכט... דאָס האָט אַ הערשער אַ דעמאָקראַטישער קלאָר און גיך גאָר גוט פאַרשטאַנען.

און דער אַלגעמיינער אויספיר — אל תבטחו בנדיבים, פאַרטייטשט עס טוביה ע"ה זייער ריכטיק. איך וועל דעם טייטש נישט ברענגען, כדי יידן זאָלן מיך נישט פאַרשטיינען...

און דערווייל האָב איך זיך דערמאָנט עפּעס: זעט, אונדזער ליבער טוביה איז דאָך שוין ע ל י ו ה ש ל ו ם. ער איז דאָך אומגע־

קומען מיט אַלע יידן דאָרטן, און צי זיינען מיר און צי קענען מיר זיין אַ פאָלק אָן טוביהן, אויב אַפילו מיר זאָלן האָבן טויזנטער פּראָ־פעסאָרן און מיליאָנען ראבאיס? און ווי וויניק יידן האָבן באַוויינט די אבדה. אויף רוזוועלטס טויט האָבן יידן מערער און טיפער גע־טרויערט. און אָט קומט אַ ייד קיין מעקסיקע אַזש פון ניו־יאָרק צו זאַמלען געלט אויף אַ מאָנומענטאַל ווערק לזכר רוזוועלטן... איז די הפקרות פון אונדזערע געלט־זאַמלערייען — דאָס בין איך שוין מוחל. וויכטיקער איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגישער פאַקט: קנעכט דורותדיקע וועלן תמיד טרויערן אויף דעם פּריץ מערער ווי אויף אַן אייגן קינד. זייט מיר מוחל פאַר דעם ביטערן אמת.

מיר, דאָס גאַנץ יידישע פאָלק, זיינען געגליכן צו יענע כעלע־מער הכמים וואָס האָלטן אין איין שיקן שלוחים צו קריגן יושר איינצוהאַנדלען. און עס פעלט אונדז דער אַלטער כעלעמער רב, וואָס זאָל זיך צוקוקן צו אָט דעם יושר און זאָגן צו אַלע יידן: — יידן, מורי ורבותי! איך בין אייך מוסר מודעה, אַז יושר וואָס מיר האָבן אייגע־האַנדלט אַ פולע פאַס, שטינקט במחילה...

איז דער אויספיר: די דעמאָקראַטיעס האָבן אונדז אָפּגענאַרט, זיי נאַרן אונדז און זיי וועלן אונדז נאַרן. אייגנטלעך, נישט זיי נאַרן אונדז, נאָר מיר אַליין נאַרן זיך אין זיי. זייער נצחון איז ווייט נישט אונדזער נצחון. מיר האָבן די מלחמה פאַרלאָרן אויף אַלע פראָנטן. היטלער איז געפייגערט, און דער היטלעריזם בנוגע צו אונדז בכל אופן האָט באַהערשט די גאַנצע וועלט, אַלע דעמאָקראַטיעס. ווי אַ וואַלד־שׂרפה שפרייט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אומעטום ביי די וואָרצלען, און אַלע בני בריתן מיט אַלע ראבאיס מיט אַלע קאָמיטעטן מיט אַלע קאָמפּיינס קענען די שׂרפה אַזוי לעשן ווי די טויבן וואָס האָבן גע־בראַכט וואַסער אין זייערע שנאָבלען צו לעשן דעם פייער פון בית המקדש. אונדזער מערכה אין דער גערעכטער וועלט וואָס מען שטעלט איין איז ווייט נישט קיין סך אַ בעסערע ווי פריער: און זאָל עס קלאָר זיין פאַר אונדז אַלעמען:

— עס האָט זיך געענדיקט אַ תקופה אין דער יידישער גע־

שיכטע: נישטאָ מער קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס איז געווען אַ תקופה פון עמאַנציפּאַציע און אינפילטראַציע — איטלעכער ייד קען זיך איינשליסן דירעקט אין דער געזעלשאַפט פון נישט יידן בירגער אין לאַנד און ער האָט מער נישט נייטיק קיין צוגעבונדנקייט צו אַ ספּעציעל יידישן קאָלעקטיוו. עמאַנציפּאַציע מיינט קודם כל צעשטערן די אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק. דאָס האָט מען דערגרייכט. און אַ צעשאָטענער קאָלעקטיוו איז במילא שוואַכער און קראַנקער. די צרות, פּלאָגן און ליידן פון יידן זיינען אָבער גאָרנישט קלענער געוואָרן. פאַר אָט דער באַפרייונג פון יידישן קאָלעקטיוו האָבן יידן באַצאָלט זייער אַ טייערן פּרייז: זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער קאָלעקטיוון מאָראַלישן כוח פון ווידערשטאַנד און אינעווייניקסטער פעסטקייט. זיי האָבן באַצאָלט מיט זייער פעיקייט צו קאָלעקטיווער גייסטיקער און סאָציאַלער שאַפונג. און די געגאַרטע איינגלידערונג אין דער נישט יידישער געזעלשאַפט איז נישט געקומען. יידן האָבן געשריען „לאָמיר זיך נישט איזאָלירן”, און מען האָט זיי איזאָלירט. יידן אין אַמעריקע זיינען אפשר מער איזאָלירט און אָפּגעשיידט פון נישט־יידן איידער אין צאַרישן רוסלאַנד. מיר זיינען אינפילטריט אָבער ווייט נישט אַסימילירט אויב אַפילו מיר באַמיען זיך מיט אַלע כוחות.

די עמאַנציפּאַציע האָט אונדז אָפּגעשוואַכט ביז גאָר און נישט באַפרייט פון צרות אַפילו אויף אַ האָר.

און אויך די פאַרבלענדעניש ענדיקט זיך. אַלע מינדערהייט־סטאַטוטן וואָס די ערשטע מלחמה האָט געבראַכט האָבן אונדז גאָר־נישט געגעבן, און זיי וועט מען אויך נישט איבערחזרן. אַלע פעלקער באַמיען זיך צו ווערן טעריטאָריעל מאָנאָליטיש, און אין דער שטיל האָלט מען איצט אין איבערוואַרפן מיליאָנען מענטשן, כדי אויס־צומיידן די מינדערהייטן און אַז אונדז ווילט זיך דווקא בלייבן אַ קלאַסיש פאָלק פון מינדערהייטן וועט מען עס אונדז נישט לאָזן. אַנטיסעמיטיזם, נישט אַנטיסעמיטיזם — נישט אין נאָמען גייט עס, — מען וועט נישט דולדן קיין מינדערהייטן און אונדז — קודם כל.

און מיר מוזן ווערן אויס מינדערהייט. אין איראָפּע צי אין אַמעריקע — אַלץ אײנס. די תּקופה איז פאַר אונדז געענדיקט און מען וועט אונדז צווינגען צו ווערן אויס מינדערהייט. און עס איז אין אונדזערע אינטערעסן צו גיין פרייוויליק פאָרויס פאַר די געצוווּנגענע מאַסמיטלען. ווילן מיר עס טאָן אָרגאַניזירט, וועט עס זיין שעפעריש, אויפבוי. ווילן מיר וואַרטן ביז מען וועט אונדז צווינגען, דעמאָלט לאָמיר אויף קיין רחמנות און מענטשלעכקייט און אויף יושר און אַלע גוטע זאַכן נישט וואַרטן פון קיינעם. מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפנעמען אָט דעם אמת מיט אַ קאַלטן קלאָרן קאָפּ — מיר יידן פון אַלע לענדער מוזן זיך איינאָרדנען אין דער וועלט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן ווי אַ יידישער קאָלעקטיוו. ווילן מיר עס נישט טאָן, גייען מיר קעגן די טענדענצן פון דער וועלט און עס וועט אונדז נאָך טייערער קאָסטן.

מיינער אַ פריינד, אַ גוטער סאָציאָלאָג טרייסט מיך תמיד, ער באַווייזט קלאָר מיט אַלע ראיות, אַז מירצעשעם, עס וועט די וועלט אויסגעלייזט ווערן פון צרות און פּיין און ווילן דאָך נישט זיין קיין אומגליקלעכע און באַליידיקטע, — וועט שוין במילא אויך נישט זיין קיין סיבות פאַר אַנטיסעמיטיזם. איז אָבער אָט דער פריינד נישט קיין גוטער פּסיכאָלאָג: קינאה און אומצופרידנקייט ווילן אַלע מאָל זיין, און כל זמן עס ווילן זיין שאָף, — ווילן אויך זיין וועלף, און כל זמן יידן פאַרלאָזן זיך אויפן יושר פון דער וועלט, זיינען זיי, די יידן, שולדיק אין דעם אומרעכט אויף דער וועלט. נישט די מויז גנבעט, נאָר די לאָך איז שולדיק — זאָגט נאָך די גמרא, און כל זמן מיר ווילן זיך לאָזן, — זיינען מיר שולדיק אין דער רשעות קעגן אונדז און במילא אין דער גאַרער רשעות אויף דער וועלט. פאַראַן ביי אַ שטיינבאַרג, דעם מייסטער פון דעם יידישן משל, אַזוינע שורות.

„אין גיהנום אַריין! די בהמה זאָל טראָגן איר שולד (פאַר דער רשעות פון קצב)

מיט טעמפּער הכנעה און שטומפּיק געדולד
מיין קנעכט שלמה זלמן מיר איבערגעפירט!
געוויזן אַ וועג אים אַ פרייען צום שלעכטן;
אַ חלק אין האַנט אים געגעבן צו שעכטן...

און די גאַנצע וועלט איז פאַר אונדז אַ גיהנום פאַר אונדזער צוטרוי און הכנעה צו אַלע מאַכטהאָבער אויף דער וועלט. און עס איז אַזוי: — „מפני חטאינו" — צוליב אונדזער זינדיק פירן זיך אויף דער וועלט.

איך ווייס — עס זיינען אין אַמעריקע פאַראַן די „אייביקע נביאים פון היינט", וואָס האַלטן אין שרייען „שלום, שלום" וואָס זיינען גרייט צו פאַרשטיינען אַזאַ איינעם, וואָס זעט דעם טרויעריקן אמת און איז אַ „גיפטמישער" און אַ „שוואַרצזעער" און וואָס נאָר אין דער קאָרט שטייט. זייער אויפטו — ווי פון אַלע פאַלשע נביאים, — אָבער אַזוי זיינען שוין יידן: מען הערט זיך געררנער צו צו אַט די „גוטע נביאים" וואָס פאַר פינף סענט גיבן זיי אַ „גייסטיקן פאַר־געניגן" און מאַכן גרינג צו פאַרדייען די זאַטע וועטשערע...

מוז אונדזער גאַנג זיין צו נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, אויס מינדערהייט! ארץ־ישראל — געוויס! קיין פראַגע נישט! אויסטראַליע — הלוואי. איך גלייב אַז ווען מען נעמט מיט פערציק יאָר צוריק אוגאַנדע, וואָלט מען היינט געווען אַ סך נענטער צו ארץ־ישראל אין אַ סך הינזיכטן. אָבער די פּראָבלעם איז נישט אין קריגן אַ טעריטאָ־ריע: מיר האָבן אין משך פון אונדזער לאַנגן גלות שוין געקענט האָבן אַ סך טעריטאָריעס, באשר מיר האָבן זיי נישט גענומען. אויב די ציוני ציון האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אוגאַנדע זיינען דאָך געבליבן די טעריטאָריאַליסטן. פאַרוואָס האָבן זיי נישט אויסגענוצט דעם אוגאַנדאַ־פאָרשלאָג? פאַרוואָס האָבן די יידן די ערשטע פאַר יאָר נאָך באַלפור דעקלאַראַציע גלייך נישט באַזעצט קיין מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל און עס וואָלט געווען געשאַפן אַ פאַקט? — מיר דאַכט זיך אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך נישט קיין פּאָליטישע פּראָבלעם נאָר

אַ נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע: צי זיינען מיר פעיק צו בויען אַ נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע? עס דאַכט זיך מיר אַז די סיבה פון אונדזער גלות ליגט אין אונדז גופא. מיר קענען זייער פיל אויפטאָן — אַמעריקע יוכיח, די פּיתום און רעמסס וואָס יידן האָבן דאָ אויפגעבויט, אָבער נאָר ווו אַנדערע הייבן אָן. אָן אַנדערע זיינען מיר הילפלאָז. אַלע אַנדערע פעלקער עמיגרירן צו לאַנד (נישט דווקא צו אַגריקולטור — אַגריקולטור פאַרנעמט וואָס וויַיטער אַלץ אַ קנאַפּערן אָרט), יידן פאָרן צו מענטשן. אַליין אָרגאַניזירן אַ לאַנד דאָס איז נישט פאַר אונדז געדאַכט. אַלע פעלקער אַז זיי עמיגרירן זוכן זיי אַן אָרט צוצופּאַסן צו זיך. יידן זוכן צו וועמען זיך צוצופּאַסן. יידן האָבן נישט קיין צוטרוי צו זיך און דערפאַר זיינען זיי נישט שעפעריש דאָרטן ווו זיי זיינען אַליין אָן אַנדערע. אַנדערע פעלקער־שטאַמען וואָס האָבן אימיגרירט אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע באַמיען זיך צו שאַפן אַן אָרט פאַר זייער פאָלקס־קאָלעקטיוו. די גרעסטע צאָלן יידן באַמיען זיך צו צעשפּליטערן אויף יחידים. מיר איז שוין איין מאָל אויסגעקומען צו לייענען אַזאַ אויסדרוק ווי „ניי־אוקראַניע" אין קאַנאַדע, מיינענדיק דערמיט סאָציאַל־קולטורעלע און פּאָליטישע איינקייט. שטחים, דערפאַר, קאָאָפּעראַטיוון (מיט באַיקאָט אויף יידישע קרעמערס פאַרשטייט זיך), מיט אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, כאָטש די קלוגע יידן האַלטן אין איין אָפּלאַכן פון די „גימעלעך" (גאַליציאַנער, געמיינט אוקראַינער). אומעטום און אַלע מאָל האָבן יידן דורך אָרץ פאַר די הערשנדיקע פעלקער, אָבער זיי זיינען מבטל די סובאָרדינירטע פעלקער), אַפילו נאַציאָנאַלע יידן, וואָלטן זיך פאַר אַן אויסדרוק „ארץ־ישראל אין קאַנאַדע" דערשראָקן אויף טויט. ערשטנס וואָלט מען עס אויפגענומען ווי אַ קאָנקורענץ צו ארץ־ישראל. יידן ווילן נישט און קענען נישט פאַרשטיין אַז בלויז די יידן וואָס קענען זייערע קיבוצים אין דער וועלט דער גאָרער פאַרוואַנדלען אין ארץ־ישראלס, — בלויז די יידן קענען און בלויז זיי וועלן אויסבויען אַ יידיש ארץ־ישראל. און אַלץ וואָס עס איז אין ארץ־ישראל פאַראַן געשאַפן יידישעס פון אַלע שאַטירונגען און פון

אַלע קאַלירן — אַלץ דאָס איז געשאַפן געוואָרן נאָר פון די וואָס האָבן אין גלות געלעבט אין אַ ארץ־ישראל של מעלה — אין אַ יידי־שער פאַרזיכיקער קולטורעלער גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט. בישטאָ און עס קען נישט זיין אין ארץ־ישראל קיין יידישקייט, וואָס עס איז נישט געירשנט פון גלות. אַל דאָס וואָס וואַקסט נישט פון גלות־יידישקייט, אַל דאָס וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין גלות, אין גלות־עקשנות און גלות־פעסטקייט און פאַרזיכיקער אויסגע־האַלטנקייט, — אַל דאָס איז פרעמד און נישט יידיש און „גלותדיק" נאָכמאַכעריש. ווילן עס יידן נישט פאַרשטיין און נישט וויסן, ווילן זיי נישט באַנעמען אַז אָדער אַכטונג צום קאָלעקטיוו פון פאָלק, אָדער עס מוז זיין פאַראַכטונג!

וואָלט אַ פסיכאָאַנאַליטיקער גרינג אויסגעפונען, אַז דאָס פאַר־פאַקן יידישקייט אין פעקלעך פאַר ארץ־ישראל באַהאַלט הינטער זיך נאָך אַ זאַך: דערפאַר זיינען מיר אויסער ארץ־ישראל פטור פון יידישקייט לגמרי. אויף אַ טראַגישן אופן ווערט ארץ־ישראל צו אַפּט עקספּלאָאַטירט ווי תירוץ זיך צו באַפרייען פון יידישקייט.

ווילן יידן נישט באַנעמען אַז נישט נאָר זיי קענען נאָר זיי מוזן אומעטום ווו זיי זיינען שאַפן אויסגעהאַלטענע יידישע קאָלעקטיוון. דער לאָזונג מוז זיין: ווילקע יידישע ארץ־ישראלדיקייט אומע־טום ווו יידן זיינען, יידישקייט און אויסגעהאַלטענע קאָלעקטיוון!

טעריטאָריאַליזם איז נישט קיין שטער פאַרן ציוניזם. בשום אופן נישט! פּאָליטיש ווייס איך נישט — איך פאַרשטיי זיך נישט אויף דעם געביט. אָבער איך ווייס אויף זיכער, אַז דער יידישער נצחון אין ארץ־ישראל ליגט גאָרנישט אויף דעם וועג פון פּאָליטיק. טשאַר־טערס, ווייסע און שוואַרצע פּאַפּירן, צוזאָגן און גוטע רעזאָלוציעס, אויפריכטיקע און אויסגענאַרטע חנדלעך צו אונדז וועלן קיין מאָל אונדז נישט שאַפן קיין יידישע ארץ־ישראל. דער גורל פון ארץ־יש־ראל ליגט אין דעם אויסגעהאַלטענעם און פעסטן אַקטיוון שעפערישן ווילן פון יידישע קאָלעקטיוון אין אַלע לענדער. דער ציוניזם וואָס איז אָפּגעגעבן אין אָרענדע צו די יידישע גלחים, ראַביים, זייט מוחל,

און זיי ווייסן אַז זיי זיינען גאָר אַמעריקאַנער, זיי געהערן צום אַמע־ריקאַנער פאָלק (?), מער נישט וואָס זייער „פּראָטעסטאַנטישער" סידור איז עטוואָס אַנדערש... אָט דער ציוניזם קען קיין א"י נישט פירן. זיין וועג איז גאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג. מיר ווייסן צו גוט וווהין עס האָט פאַרפירט שבתי צבי און אַלע אַנדערע איבער־רייסער מיט דער טראַדיציע. דעם אמתן ציוניזם שטערט נישט דער טעריטאָריאַליזם. אָבער דאָ קומט אַ שאַרפער אָבער. איך פאַרשטיי נישט צו וואָס דאַרף מען זוכן טעריטאָריעס? — איז פאַראַן ווייניק שטאַטן אין אַמעריקע, ווו יידן וואָלטן געקענט מאַכן אַ קאָנצענ־טרירטע מערהייט (אָדער אַ שטאַרקע מינדערהייט) מיט אַ שטאַרקער השפעה אויף דער געזעצגעבונג אין שטאַט? ווייניק שטעט אין אַמע־ריקע ווו יידן וואָלטן געקענט שאַפן אייגענע קוואַרטאַלן מיט אייגענע פאַרוואַלטונג און אויטאָנאָמע יידישע רעכט און מיט אַ יידישן שביידישן כאַראַקטער פון גאַנצן לעבן דאָרטן? וויפל יידישע תל־אביבס וואָלטן יידן געקענט אויפבויען אין ניו־יאָרק גופא ווען זיי וואָלטן געוואָלט? און וואָלטן מיר אַזוינס געהאַט, וואָלטן מיר מיט די געזעצן פון אימיגראַציע געווען זיכערער, וואָלטן מיר מיט ארץ־ישראל אויך געהאַלטן ווייטער.

און אַזוי אַרום איז די יידישע פּראָבלעם ביי היינטיקן טאָג און אונדזער חשבון מיט דער גוטער וועלט איינער און דער זעלביקער, אַן אינעווייניקסטער איז ער, אין יידישן פאָלק גופא, אין אונדזער פּסיכיק און אין אונדזער האַלטונג. מיר מוזן מאַכן אַ גוואַלטיקע רע־וויזיע. נישט מער מיטן פּנים צו דער וועלט, נאָר מיטן פּנים, מיטן האַרץ און מיט אַלץ מיט אַן אַנדער צו זיך אַליין. עס מוז אויפשטיין אַ נייע חסידישע באַוועגונג, נישט אין זינען פון רעליגיע נאָר אין זינען פון פאָלקיסטישקייט, וואָס זאָל פלאַנצן אַ שטאַרקע ליבע און דרך ארץ צו אַלץ וואָס פאָלקיש איז, צו אַלץ וואָס עס איז יידיש, וואָס עס שטאַמט פון יידישער טראַדיציע.

דערמאָנט איר זיך פייערבערגס „ביינאַכט"? — דער ייִנגל גייט און ווערט געריסן פון צוויי כוחות: דעם פּריצס פאַרכישפטע פידל

ציט אים אין איין וועלט אַריין און דער פאַרפייניקטער טאַטע קומט, גיט אים אין האַנט אַריין די פאַרלאָרענע קמיע, נאַ, גיי קיין אַמסטער־דאַם און לערן תורה און זיי אַ ייד... אונדזער פאַרלאָרענע קמיע איז — דער „אתה בחרתנו״... זאָלן יידישע אינטעליגענטן נישט חלשן פון אַט דער אַפּיקורסות מייַנער. זאָל מען זיך צוגעוווינען צו דעם געדאַנק: איטלעך פאָלק האָט זיין אייגנטימלעכקייט, זיין „מיסתורין״. זיין אתה בחרתנו, — און מיר דאַרפן און ווילן זיך האַלטן ביי אונדזע־רן. גאַר פשוט. כ׳ווייס: יידן זיינען קראַנק אויף אַן „אַנטי־אתה בחרתנו־קאָמפּלעקס״. ס׳איז נישט שווער צו זען פון וואַנען ער שטאַמט, פון וואָסערע דראַנגען. אַט די יידן דערשרעקן זיך פאַר דעם וואָרט „אתה בחרתנו״ אַזש ביז אויפשוידערונג. נאָר מער ווי רחמנות קען איך אויף זיי נישט האָבן. קיין מענטש קען אַן זעלבסטאַכטונג נישט לעבן און קיין פאָלק אויך נישט. דאָס נישט וועלן אָנער־קענען דעם אתה בחרתנו איז אין תוך אַ פאַרלאַנג אָפּצולייקענען דעם יידישן פאָלק. און אַזוי איז דאָס היסטאָריש געווען. עס קען נישט זיין קיין פאָלק־באַוווסטזיין, קיין ליבע צום פאָלק, קיין אחר־יות־געפיל צו אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָן יידן! עס מוז זיין אַ גע־טרייקייט צו אַל דעם פאָלקישן און דורך דעם — צום פאָלק.

אַט פון דעם מוזן אָנהויבן, ווי דער ציוניזם אַזוי אויך דער טע־ריטאָריאַליזם. אַלע פאַלש־משיחישע באַוועגונגען האָבן אָנגעהויבן פון נעגירן די יידישע פאָלקס טראַדיציע, און דאָס האָט זיי דערפירט צו פאַלש ווערן! מוז מען אָנהויבן פון דער פאַרקערטער זייט. דאָס איז אַ פּראָגראַם נישט פאַר פּאָליטיק און פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז קודם כל אַ פּראָגראַם פאַר דער היים, פאַר דער דערציונג, פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט, פאַר דער פאַרלעגעריי, פאַר די שרייבערס און פאַר אונדזער גאַנצן לעבן. עס מוז ווערן אונדזער גלויבן, דער גלויבן אין אונדזער קאָלעקטיוון „איך״ און אין זיין אייגנאַרטיקייט.

מיר מוזן שאַפן אַ חלוצים־באַוועגונג, חלוצים פון פאַרזיכיקער יידישקייט אומעטום וווּ מיר לעבן.

איך ווייס נישט ביז וואַנען עס וועט אין אַמעריקע זיך נאָך האַל־

טן די ווולגאַרע שמעלצטאָפּ־טעאָריע. שוין איצט האַלט זי זיך מע־רער מיט דעם כוח פון דער גרויספּראָדוקציע וואָס דאַרף האָבן אין גרויסע אוניפיצירטע קויף־מאַסע. אָבער זי פּלאַצט שוין. אויבן אין די אינטעלעקטועלע קרייזן איז אָנשטאָט איר געקומען דער לאָזונג „נאַציע פון נאַציעס" — וועגן אַ סימפּאַניע פון פעלקער אין אַמערי־קע מיט זייערע פאַרזיכיקע קולטורן. עטוואָס ענלעכס איז פאַראַן אין רוסלאַנד אין דער פּראַקטיק.

אין די אונטערשטע שיכטן צעשמעלצט זיך דער שמעלצטאָפּ אין אַ האַס און אין אַ ווילדן אַנטיסעמיטיזם וואָס קען אָננעמען זייער ווילדע פאָרמעס. אַ מיליאָן ראַבייס מיט זייערע גודוויל־פּראָגראַמען וועלן דעם גאַנג נישט ענדערן און דעם אַנטיסעמיטיזם נישט פאַר־מיידן. מיר דאַרפן זיין גרייט און מיר דאַרפן העלפן אַרויספירן אַמע־ריקע אויף דעם ערשטן וועג. עס איז אין אונדזערע לעבנס אינטע־רעסן! מיר דאַרפן האָבן חלוצים, וואָס זאָלן דאָ אין די אַמעריקעס וועלן און קענען בויען אויטאָנאָמע ראַיאָנען, יידישע שטעטלעך, נישט דווקא דערפער, קאָנצענטרירטע יידישע געגענטן מיט אַן אויסגע־האַלטענעם יידישן לעבנסשטייגער, מיט יידיש און מיט יידישע שולן וכדומה.

די חלוצים־באַוועגונג פאַר ארץ־ישראל איז איינער פון די שענסטע קאַפּיטלעך אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע. אָבער — כל זמן די חלוצים האָבן געקענט ברענגען אין ארץ־ישראל אויסער זייער ליבע צו ארץ־ישראל אויך די אָרגאַניש אַריינגעזאַפּטע דורות־דיקע יידישקייט, האָבן אָט די חלוצים שפּעטער ווען ארץ־ישראל ווערט שוין אַ זאַך אַ טאָגטעגלעכע, ווען דער „האָניק חודש" פון הייסער ליבע מוז זיך דאָך ענדיקן, געקענט אין ארץ־ישראל אַריינ־טראָגן דורותדיקע יידישקייט אין אַ געוויסער אויפלאַגע, מיט חסרונות. אָבער יידישקייט! אפילו מיט דער יידישלעכער נעגירונג פון יידישקייט. אָבער — איך טראַכט אָפּט — וואָס קענען און וואָס וועלן ברענגען קיין ארץ־ישראל חלוצים פון אַמעריקע: אָט, זייער ווונטש איז מקוים געוואָרן, זיי זיינען שוין דאָרטן. עס מוז קומען אַ באַ־שטימטע אַנטוישונג — די פאַנטאַזיע איז דאָך געווען רייכער פון

דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט. איז וואָס טראָגן זיי אַריין, וואָס גיבן זיי צו ארץ־ישׂראל? די דזשאַז־לידלעך, די קאָמיקס? צי וואָס? און אָט די דורותדיקע „הכשרה" אין נישט אין פאַרגלייך וויכטיקער ווי יעדער אַנדערע.

אָט לאָמיר זאָגן — דער אויסטראַליע־פּראָיעקט איז באַשטע־טיקט, יידן קענען נעמען קאָלאָניזירן זייער געביט. איז מי ומי ההולכים? ווער וועט בויען און ווער וועט איינשטעלן דעם יידישן כאַראַקטער דאָרטן?

מיט איין וואָרט: עס האָט זיך געענדיקט אַ תקופה, עס הייבט זיך אָן אַ תקופה. צי וועט זיך ערגעץ ווו איבערחזרן מעשה דייטש־לאַנד? — איך וויל נישט ספּעקולירן מיט די קאָשמאַר־מאָטיוון. מיר האָבן געלעבט צווישן די אַנדערע פעלקער, ווי זאַלץ צעלאָזט אין ימים. און מיר ווערן אַרויסגעשיידט פון דער „צעלאָזונג", מיר פאַלן אַרויס פון דער צעלאָזונג. זיכער וועט דער פּראָצעס אין איטלעכן לאַנד פאָרקומען אויף אַן אַנדער אופן — לויט דער פּסיכיק און כאַראַק־טער פון דעם „צעלאָזער־פאָלק".

די נייע תקופה, וועט זיכער זיין אַ תקופה פון פאַרזיכיקע פעל־קער, און מיר מוזן זיין גרייט דערצו. צי פאַר די לענדער ווו מיר זיינען איצט, צי פאַר ארץ־ישׂראל, צי פאַר דער אָדער יענער טערי־טאָריע — אַלץ איינס — מיר מוזן זיך גרייטן צו לעבן פאַר זיך, אומעטום פאַר זיך, אין אַלע לענדער און אין אַלע טעריטאָריעס, מעג עס אַלע פאַלשע נביאים פון היינט זייער שטאַרק נישט שטעקן, מוז עס אָבער זיין אַזוי און עס וועט אונדז גאָרנישט העלפן. סיידן עס וועט זיך געפינען ערגעץ אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד וואָס וועט זיך קוואַפּן אויף אונדזערע פעיקייטן צו אינדוסטריאַליזירן אַ לאַנד און עס וועט אונדז אַריינבעטן ביז... מען וועט אונדז דאַרפן — עטיאָפּיע, כינע — ווער ווייסט?

דאָס גרייטן זיך צו דער נייער תקופה דאַרף קודם כל זיין אַ גייסטיקע: מיטן פּנים צום אייגענעם פאָלק! אומעטום ארץ־ישׂראל־דיקע פאַרזיכיקייט! חלוצים פון אויסגעהאַלטענער יידישער פאַר־זיכיקייט!

ס'איז אַ שווערער וועג, אָבער ער איז דער איינציקער אומעטום!
נישט דאָס ערשטע מאָל נאַרן מיר זיך אָפּ אין דער נישט־יידי־

שער וועלט. מיר האָבן אַלע מאָל צופיל געגלייבט אין יענעם און גאָר צו ווייניק — אין זיך. און אַלע מאָל קומט אויס „המה רימוני" — זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט (איכה). אין דער אמתן איז דאָ אַ גרייז: נישט זיי האָבן אונדז אָפּגענאַרט, נייערט מיר זיינען אַלע מאָל געבליבן אָפּגענאַרט אין אַלע אונדזערע גלויבנס וואָס מיר האָבן זיך באַמיט איינצורײדן וועגן אונדזער גליק און רויקייט צווישן פעלקער.

געווען אַ צייט ווען מיר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט גלייבן אין דער אויפגעקלערטקייט, אין דער השכלה פון דער וועלט: והיה — און עס וועט זיין, אַז די וועלט וועט ווערן אויפגעקלערט און געבילדעט, וועלן דאָך די אויפגעקלערטע פעלקער שוין אונדז נישט האָסן, נישט פיינט האָבן און זיי וועלן אונדז ליב האָבן ווי אַ ברודער... און עס איז דער גלויבן צעגאַנגען ווי אַ רויך. האָבן יידן שפּעטער גענומען גלויבן אין דעמאָקראַטיע, ווי קען עס גאָר געמאָלט זיין אַז דעמאָקראַטישע פעלקער זאָלן באַגיין און דערלאָזן עוולות קעגן אונדז!... און — עס איז אָבער פּאָרט אַזוי. די דעמאָקראַטיע האָט די וועלט נישט אויסגעהיילט פון דער קראַנקייט „שינאת ישראל". האָבן מיר גענומען גלייבן אין סאָציאַליזם — ער איז דער אויסלייזער, ער וועט אויסלייזן די וועלט פון שינאת ישראל און אונדז — פון די רעזולטאַטן פון דער קראַנקייט. און עס זיינען אויפגעקומען סאָציאַ־ליסטישע רעגירונגג, וואָס זיי עסן אונדז ערגער ווי דער צאַר אַמאָל, און דרייסיק יאָר קאָמוניזם, וואָס איז יאָ געווען גענוג אָפּצורייסן דעם אַקטיוויסטן טייל פון יידישן פאָלק פון די איבעריקע טיילן פון זעלביקן פאָלק, דער פּעריאָד איז דאָך ניט געווען גענוג צו פאַרהיטן אַז פעלקער וואָס זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן גענוג אין קאָמוניזם זאָ־לן אויף אונדז, אויף אונדזערע ווייבער און קינדער ניט זעטיקן די שווי־דערלעכסטע מאָרד און סאַדיזם־אינסטינקטן, ווי נאָר מען האָט עס גע־קאָנט טאָן. ניט געווען און עס איז ניטאָ קיין תרופה אויסצוהיילן אַ וועלט פון שטאַרקע זיי זאָלן זיך ברידערן מיט אַ פאָלק פון שוואַכע. ניין,

איך גלייב ניט אין דער נבואה פון ישעיה וועגן דעם שלום צווישן דעם וואָלף מיט דער ציג! הגם, דער חלום איז אַזוי צויבערדיק זיס.

און אַלע די פאַרברידערונג־סגולות און אשר־יצרדיקע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור אויף דעם געביט וואָס יידן פּראַקטיצירן מיט אַזאַ גלויבן אין דעם — דאָס אַלץ האָט איין רעזולטאַט: דעם זעלביקן וואָס סען האָבן אַ בעטלערס זיך וועלן ברידערן מיט אַ מיליאָנער... אַ נדבה קען ער אפשר קריגן, אָבער מיר וועלן מיט נדבה־פריינדשאַפט צו אונדז קיין מאָל נישט קענען לעבן. אויס! געענדיקט! נישט די וועלט קענען מיר אויסהיילן פון אַנטיסעמיטיזם. מיר קענען און מיר מוזן אָבער זיך אויסהיילן פון צו זיין אָפּהענגיק פון אים. מיר — אַלע יידישע קיבוצים אויף דער גאָרער וועלט און אין אַלע לענדער דאַרפן זיך אַליין אָרגאַניזירן ווי נאַציאָנאַלע פאָלקס גרופּעס וואָס זיינען שוץ־פעיק! וואָס קענען זיך באַשיצן ווי אַ קאָלעקטיוו אין סאָציאַלן, אין עקאָנאָמישן און אויך אין ריין־פיזישן־זינען. און עס וועט זיין „אין סוף פון די טעג" ווען דאָס ציגעלע וועט ניט זיין אַזוי אומבאַשיצט, ווען וואָלף און וועלף וועלן ניט קענען אַזוי סתם, פון פאַרגעניגן־וועגן זעטיקן זייערע סאַדיסטישע־עראַטישע בלוטדאָרשטיקייטן אין ציגעלעס בלוט, — ערשט דעמאָלט וועט וועלט זיך אויסהיילן פון אַט דער קראַנקייט.

נאָוועמבער 1945

אויפסניי אָדער פון אָנהייב?

אַז איך האָב באַקומען די פאַרבעטונג אָנטייל צו נעמען אין א זשורנאַל, וואָס דאַרף אַרויסגיין אין דער חרובער אייראָפּע, אויף די חורבות פון יידנטום, — און זיין נאָמען זאָל זיין „אויפסניי", — האָט עס מיך עטוואָס געוווּנדערט: „אויפסניי בויען און שאַפן יידי־שע קולטור", „אַ בריק צווישן דעם נעכטן און דעם מאָרגן". עפּעס זיינען די ווערטער, די לאָגיק די גאַנצע, דער צוגאַנג צו די פּראָ־בלעמען פון יידישן לעבן אין דער וועלט, — עפּעס זיינען זיי פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך, נישט צו באַגרייפן. זיינען דאָס די וועגן פון אונדזער לעבן צווישן פעלקער?

ניין און ניין! נישט „אויפסניי", נאָר „בראשית" פון „אָנהייב". מען מוז אין גאַנצן בייטן די נאָרמען פון אונדזער לעבן, מען מוז אָנהייבן צו גיין אויף גאָר אַנדערע וועגן, נישט די וואָס אויף זיי זיי־נען מיר אַלע געגאַנגען פאַר דעם חורבן.

אונדזער לעבן און אונדזער קולטור־שאַפן אין אַלע לענדער פאַר היטלערן זיינען געווען געגליכן צו איינעם וואָס גייט צום שמד און האַלט אין איין שרייען „שמע ישראל". מיר האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַסימילירן, איינגלידערן זיך אין די פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט, און פאַר דעם קיום זשיפּנדיקן יידישן געוויסן האָבן מיר געפּראָוועט „ יידישע קולטור" — נישט אין די היימען, — אויף פאַרזאַמלונגען, אַ ביסעלע יידישן כריין צו דעם גרויסן שטיק חזיר

וואָס מיר האָבן געשלונגען מיט דעם פולן מויל. מיר האָבן צעשניטן דאָס יידישע פאָלק אויף שטיקלעך — וויפל לענדער, אַזוי פיל שפּראַכן און וויפל שפּראַכן יידישע קינדער ריידן אין די היימען — אַזוי פיל שטיקער צעבראָכן פאָלק זיינען דאָ. דער צווייטער דור אונדזערער פילט שוין זיין יידישקייט ווי אַ קליינעם צולאָג צו זיין קולטור, דער דריטער דור דאַרף זיך שוין דערמאָנען אַז ער שטאַמט פון יידן... און אָט דעם וועג צום אומקום האָבן מיר באַצופּט מיט „יידישער קולטור" — געדרוקטע פּאַפּיר, וואָס נאָר אַלטע לייענען, רעדעס אין זאַלן וואָס נאָר אַלטע הערן... און דאָס האָט ביי אונדז זיך גערופן קולטור.

און נאָך מער — איך בין זיכער, איך גלייב אין דעם, כאָטש מענטשן וועלן געווים פון דעם לאַכן, — איך גלייב באמונה שלמה, אַז ווען היטלער ימ"ש טרעפט אין אייראָפּע אַ שטאַרק אָרגאַניזירט יידנטום, מיט אַן אייגענעם יידישן סאָציאַלן לעבן, מיט אַ שטאַרקער פאָלקס־דיסציפּלין, גלייב איך, אַז היטלער וואָלט אין 1933 געהאַט די מפּלה נאָך איידער ער איז צו זיין מאַכט געקומען. ווען יידן אין פּוילן וואָלטן צו זייער שטאַרקער יידישער קולטור געהאַט אויך אַ שטאַרקע יידישע אָרגאַניזירטקייט און אַ שטאַרקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרזיכיקייט, וואָלטן די קליינע פּוילישע היטלערס פאַרגייער און רביים נישט געהאַט צוגעגרייט פּוילן דאָס לאַנד צו ווערן אונדזער בית עולם.

איך נעם אָן אין אַ וועלטלעך־קאַזאַלן זינען די אַלטע פאָרמולע פון „מפּני חטאינו" — מיר אַליין זיינען זייער פיל שולדיק אין אונדזער בראָך. נישט קעגן גאָט אין הימל האָבן מיר געזינדיקט, נאָר קעגן דעם גאָט פון אונדזער לעבן. די אומגליקן זיינען נישט קיין שטראָף, נאָר אַ תולדה פון אונדזער דעזאָרגאַניזירטקייט, פון אונדזער לאָזן אויף הפקר די פאָלקישע צעמענטירונג אין אַ גאַנצע יידישע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע איינִיקייט, אַ תולדה פון אונדזער נאַציאָנאַלער צעשאָטנקייט און צעברעקלטקייט. איז נאָך דער שווידערלעכער לעקציע הייבט מען אָן אויפסניי? הייסט מען איבערחזרן דאָס פריערדיקע?

און ווער האָט אונדז געגעבן די קלענסטע גאַראַנטיע, אַז דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען וועט זיך נישט איבערחזרן, קען זיך נישט איבערחזרן?

פאַרקערט, זיינען איצט די מעגלעכקייטן פאַר יידישע חורבונות אין פאַרשיידענע לענדער געוואָרן אַ סך מאָל גרעסערע. מען דער־ציילט, אַז אַ טיגער יאָגט זיך נישט שטאַרק נאָך מענטשן־פלייש כל זמן ער האָט קיין מענטשן־פלייש נישט פאַרזוכט. האָט ער עס אָבער באַטש איין מאָל פאַרזוכט, איז ער שוין להוט נאָך דעם. די וועלט פון צווייפיסיקע טיגערן האָט שוין „פאַרזוכט" אונדזער פלייש. געווען אַ צייט ווען מיר זיינען געווען פאַר די צוויי־פיסישע חיות פון דער וועלט בבחינת מענטש. אַז מען צעיושעט זיך שלאָגט מען דעם שוואַכן (און ווער איז שוואַך, אַז נישט ־ער ייד), איז מען אָבער רויק, האַלט מען דעם יידן פאַר אַ מענטשן. איצט איז אַנדערש. די וועלט מיט מענטשן האָט זיך שוין געוואַשן מיט זייף געמאַכט פון יידן, מען ניצט גרינסן פון פעלדער געמיסטיקט מיט אונדזער אַש, מען שלאָפט נאָך איצט אויף מאַטראַצן געמאַכט פון האָר פון אונדזערע מאַמעס, שוועסטער און טעכטער, מען חברט זיך און מען האָט רחמנות אויף די מענטשן וואָס האָבן אונדז געניצט אַנשטאָט מייז אין די לאַבאָראַטאָריעס... פאַר דער וועלט, פאַר דער גאַנצער וועלט זיינען מיר איצט אין דער נאָך־היטלער־תקופה אונ־טער דער מדרגה מענטש. אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אונדז קען זיך איבער־חזרן מיט מער גרינגקייט און מיט מער פרישקייט. די מאָראַלישע איינהאַלטער קעגן דעם זיינען אויף אייביק צעשטערט. האָבן מיר דען רעכט אין אַט אַזאַ וועלט זיך אומקערן צו דעם פרי־ערדיקן גאַנג פון אונדזער לעבן, אַנהייבן אויפסניי? דאַרפן מיר, קענען מיר, טאָרן מיר זיך פאַרלאָזן אויף דעם וואָס בלום איז ווידער מיניסטער? וואָס אין ענגלאַנד זיינען לייבאָריסטן אויבן און וכדומה? איז עס אונדזער נאַיווקייט אָדער אונדזער גרעסטע זינד? — איך מיין אַז דאָס צווייטע.

לאָמיר זען: איך האָב ביז איצט נישט באַמערקט, אַז עמיצער פון אונדזערע שרייבער, פון אונדזערע פאָליטיקער אָדער פאָרשער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף איין דערשיינונג — די גרעסטע פאַרניכטער פון יידן זיינען געווען דווקא מענטשן פון די פעלקער וואָס מיט זיי האָבן מיר געלעבט אין שכנות הונדערטער יאָרן. פּאָליאַקן, אוקראַ־

יִנער, ליטווינער, לעטן און ווייס־רוסן — די האָבן אונדז נישט אומ־
געבראַכט ווייל מען האָט זיי געהייסן, — זיי האָבן זיך געשפּילט און
פאַרווילט מיט אונדז, מיט אונדזער בלוט, מיט אונדזער לעבן און
טויט ווי אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ מויז, ווי צעיושעטע כוליגאַנעס
שפּילן זיך מיט אַ מיידל, וואָס זיי פאַרגוואַלטיקן ביז טויט. סעקס און
רציחה — דאָס זיינען צוויי אינסטינקטן, וואָס קענען חרוב מאַכן די
וועלט. עס איז פאַלש וואָס די לערנביכער פון פּסיכאָלאָגיע רעכענען
נישט צווישן די אינסטינקטן די רציחה. אָן דעם אינסטינקט וואָלט
קיין מלחמה נישט געווען. אַלע אַנדערע מאָטיוון פון מלחמה — די
פּאָליטיש־עקאָנאָמישע וכדומה זיינען פון סעקונדערן כאַראַקטער,
צוגעטראַכטע זיינען זיי, — דער מקור פון מלחמה איז דער לוסט צו
רציחה... וואָלטן פרויען געווען גענוג שטאַרק פיזיש צו קענען זיך
פאַרטיידיקן, וואָלט קיין כוליגאַן נישט באַפאַלן קיין פרוי זי צו
פאַרגוואַלטיקן. אָט פאַרוואָס פעלקער באַפאַלן אונדז כדי מיט אונ־
דזערע בלוט צו שטילן, צו זעטיקן זייער רציחה־אינסטינקט. אונ־
דזעד בלוט צו שטילן, צו זעטיקן זייער רציחה־אינסטינקט. אונ־
שוואַכקייט, צו אונדזער נישט קענען דערלאַנגען אין די ציין, האָט דער
רציחה־אינסטינקט אָפּט געדרעמלט ביי אונדזערע שכנים, ביז היט־
לער איז געקומען און אים געעפנט אַלע טירן. דער זעלביקער
אינסטינקט איז איצט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער. אַ אינסטינקט
שטאַרקט זיך דורך „פּראַקטיק”. אַלע פעלקער פון גאַר דער וועלט
זיינען איצט פאַר אונדז ווי יענע שכנים אונדזערע. נישט בעסער
„אַ גאַלגאַן פאַר מיר איז די וועלט שוין פון יאָרן” (ביאַליק). דאָס וואָס
איצט ברענט מען נישט אונדז (כאָטש מען באַציט זיך צו די דייטשן
שוין איצט בעסער ווי צו אונדז זייערע קרבנות), — דאָס קען גערעכנט
ווערן פאַר אַ הפסקה: איטלעכער אינסטינקט דאַרף זיך דאָך אָפּרוען.
רעכענען, אַז מיר זענען שוין איבערגעקומען די היטלער־עפּאָכע און
בעענדיקט — דאָס איז די גרעסטע נאַרישקייט און די גרעסטע נאַציאָ־
נאַלע זינד. מיר דאַרפן זיך ריכטן אויף נייערע אויפלאַגעס, און אין אַלע
לענדער. אין די אַמעריקעס זענען מיר נישט קיין האָר זיכערער איי־

דער אין דייטשלאַנד מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און אין אַ סך אַ מער געפערלעכער לאַגע איידער ביים צאַר אין רוסלאַנד.

דאָרטן, אין צאַרישן רוסלאַנד איז אַנטיסעמיטיזם, אויסנאַם־געזעצן, דיסקרימינאַציעס, פּאָגראָמען געווען פון דער רעגירונג, — דאָס פאָלק אָבער איז געווען קעגן דעם, אין זיין אַקטיוועד מערהייט. אין אַמעריקע איז עס פונקט פאַרקערט: די רעגירונג איז נישט אַנטיסעמיטיש, — און דאָס פאָלק מאַכט אַליין, שטילערהייט אויסנאַם־געזעצן, דיסקרימינאַציעס וכדומה. איך רעד שוין נישט פון היטלערישע אָרגאַניזאַציעס. און די רעגירונג אין אַ דעמאָקראַטיע מוז דאָך פאָלגן דעם פאָלק. איז עס אַ סך מסוכנדיקער ווי עס איז געווען אין רוסלאַנד. ווי זשע קען מען איצט קומען און אָנהייבן „אויפסניי” פון דאָרטן ווו מען האָט געלאָזן פאַר דער מלחמה? „איינגלידערן” זיך אין לעבן און פאַרבייסן מיט אַ לעק יידישער „קולטור”?

מיר איז אַנומלט אויסגעקומען צו זיין אויף אַ טאַנץ־פאַרוויילונג פון יוגנט. מיידלעך אין לאַנגע קליידער, מיט פריזירטע קעפּ, יינגלעך אין שוואַרצן, עלטערן שטאָלצע און נחתדיקע. איך בין געזעסן און מיר האָט מיט איין מאָל זיך אויסגעדאַכט: מען שערט אָפּ אַלע מיידלעך: מען דאַרף די האָר אויף מאַטראַצן צו מאַכן, מען רייסט פון זיי די קליידער — מען דאַרף דאָס פאַר בילכערע... און מענטשן, יאָ, מענטשן מיט בייטשן שטייען און קלייבן אָפּ ווי בעסער אויסצונוצן די קינדער: ווועמען אין שאַנד־הייזער פאַר סאָלדאַטן, וועמען אין לאַבאָראַטאָריעס אויף עקספּערימענטן און וועמען — אויף שקלאַפן־אַרבעט, און וועמען — אין אויוונס אַריין אין די זייף־פאַבריקן, אין די באַמיסטיקונג־פאַבריקן... ווער ווייס זי, די גרויסע פּראָגרעסירטע וויסנשאַפט, וואָס זי טראַכט נאָך פון אונדז צו מאַכן... מען האָט מיך גערופן זיך פאָטאָגראַפירן מיט די קינדער, מיט די אויסגעפּוצטע, יום־טובדיקע יונגע יידישע קינדער, וואָס טאַנצן און הולען, און זיי פילן נישט און זיי ווייסן נישט, וואָס ס׳וואַרט אויף אונדז אַלעמען... איך בין דעמאָלט אַזוי ווייט געווען פון דער טאַנצנדיקער יוגנט ווי ווייט עס איז טרעבלינקע פון אַמעריקע.

איז בכן נישט אויפסניי, נאָר „פון אָנהייב”. מיר מוזן איבער־

בויען אונדזער גאַנץ לעבן צווישן פעלקער אויף גאָר אַנדערע יסור־דות, אַזוי ווי קיין מאָל נישט פריער אין גלות.

ערשטנס — לאָמיר אויפהערן צו רעדן וועגן יידישער קולטור. מיר קענען נישט און מיר טוען נישט לעבן קולטורעל יידיש, ווען מיר לעבן נישט יידיש. לאָמיר זאָגן דעם אמת און נישט לייגן זיך אַליין, נישט ווען זיך אַליין סוגעסטירן און איינרעדן, אַז מיר קענען לעבן ווי גויים און קולטורעווען ווי יידן. גענוג מיט דעם שקר.

ווילן מיר יידישע קולטור, — דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ יידיש לעבן — גאָר פשוט. האָדעווען מיר אָבער אונדזערע קינדער אין די היימען און אין שולן איינגעגלידערט אין אַן אַנדער לעבן, דעמאָלט לאָמיר פאַרברענען אַלע אונדזערע „קולטורייען", לאָמיר בעסער זיך און די קינדער אָפּשמדן מיט איין מאָל איידער דער שמד זאָל זיך ציען צוויי־דריי דורות: קולטור אָן סאָציאַלער פאַרזיכיקייט איז אומ־מיגלעך.

דער צווייטער שקר וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן פון צווישן אונדז איז אָט די באַרימטע „איינגלידערונג"... דאָס איז דאָך אייגנטלעך די אַלטע יאַכנע, די זעלביקע אַסימילאַציע־גיריקייט פון פּאַריזער „סנהדרין", פון די משכילים אין דייטשלאַנד פון די „סליאַניע־זוכער" אין רוסלאַנד, — און וווּ נישט?

פאַרוואָס גלייבן מיר ווייטער און ווידער אין דער באַנקראָטיר־טער פירמע? — ווייל מיר ווילן נישט זיין קיין יידן. גאָר פשוט. און עס העלפט נישט! מוז מען איין מאָל און אויף שטענדיק זי אויסראָטן די אַסימילאַציע־גיריקייט אונטער אַלע נעמען. קיין לאַנד וויל אונדז נישט אַריינלאָזן, כאָטש אַ פאָלק אַ גאַנצעס וואָלגערט זיך אין לאַגערן. טאָמער האָבן יידן אויסגעבויט אַ היים אין ארץ־ישראל, קומען באַ־לעבאָטים און לאָזן נישט אַריינפאָרן אַהין ברידער און שוועסטער — אחד בעיר ושנים במישפחה. עס פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן די רציחה פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג פון ענגלאַנד אין פשוטן מענטשלעכן זינען. מיר זענען פאַר זיי מער נישט קיין מענטשן, קיין גלייכע צו זיי. מיט שאָף רעכנט מען זיך נישט. שאָף צווישן וועלף זענען מיר נאָך אין די צייטן פון תלמוד געווען.

— פון וואַנען אונדזער שוואַכקייט?

— נישט ווייל עס פעלט אונדז א מלוכה. מלוכות האָבן איצט קיין ווערט נישט. מיר זענען שוואַך צוליב אונדזער נישט אָרגאַנירט־קייט, צוליב אונדזער צעפּיצלטקייט. מיר האָבן געלעבט ווי א פאָלק כל זמן מיר האָבן געהאַט אַן אייגענע סאָציאַלע סטרוקטור. ווי נאָר אונדזער סאָציאַלע סטרוקטור איז געוואָרן אויס, זענען מיר אין אַלע לענדער געוואָרן אויס פאָלק, באַזונדערע יידן: פראַנצויזן, רוסן, ענג־לענדער פון יידישן אַפּשטאַם. זענען מיר שוואַך און מען קען אונדז שלאָגן. שלאָגט מען אונדז. און די לוסט צו שלאָגן וועט תמיד זיין: אַן אַלטע איינגעוואָרצלטע טראַדיציע. אין אַמעריקע וואַקסט אַ היט־לעריזם קעגן אונדז אין די געפערלעכסטע פאָרמעס. די מיטלען וואָס יידן נעמען אָן אין די אַמעריקעס, דאָס זוכן פריינדשאַפט ביי גוטע גויים מאַכט נאָך בולטער אונדזער שוואַכקייט און אונדזער אוממיג־לעכקייט צו זיין פאַר זיך און פאַרזיכיק. וואָס מער יידן „קויפן" זיך איין פריינדשאַפט, אַלץ שוואַכער ווערן מיר, אַלץ מער ווערן מיר אָפּ־הענגיק, און אויף איין איינגעקויפטן גוטן פריינד וואַקסן אויס צען שונאים, און אונדזער צוקונפט אפילו אין אַמעריקע ווערט אומזיכערער, אין אַלע אַנדערע לענדער — נישט בעסער.

מיר מוזן ווערן שטאַרקער. כדי צו ווערן שטאַרקער, דאַרפן מיר ווערן אומעטום אומאָפּהענגיקער, פאַרזיכיקער סאָציאַל און קול־טורעל. מיר מוזן איבערבויען אונדזער לעבן אין אַלע לענדער ווו מיר לעבן.

אין דער פאָרמולע פון בונד „אויף די ערטער" איז פאַראַן אַ געזונטער קערן: אַ פאָלק קען נישט און טאָר נישט לאָזן אויף הפקר, נישט באַוואָרנט און נישט באַשיצט זיינע פּאָזיציעס אין דער וועלט. ווען מיר זיין שוואַך און אומבאַהאָלפן ווי א פאָלק אין דער וועלט וועט אויך אין ארץ ישראל אונדזער קיום זיך נישט איינהאַלטן, אויב אפילו יידן וועלן דאָרטן באַווייזן נאָך גרעסערע ווונדער, ווי די וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן ביז איצט. די קליינע יידישע מלוכה וואָס וועט אין בעסטן פאַל געשאַפן ווערן וועט ביי דער גרעסטער העלדישקייט זיך נישט קענען האַלטן לאַנג. און איך גלייב באמונה שלמה, אַז ווען

יידן וואָלטן בשעתו זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אוגאַנדע און דאָרטן אויסגעבויט אַ פּאַרזיכיקן ישוב, וואָלטן מיר איצט געקאָנט ראַטע־ווען א סך יידן פון איראָפּע, און מיר וואָלטן א סך נענטער געווען צו אן אייגענער ארץ ישראל אויך. איך גלייב אויך אַז וואָלטן מיר געהאַט אין איראָפּע אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, אַזוינע קאָנ־צענטרירטע און פּאַרזיכיקע יידישע ישובים, וואָס וואָלטן אין 1933 זיך געקאָנט שטעלן אנטקעגן ווי אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ, וואָלט אויך היטלער צו זיין מאַכט נישט געקומען. ער וואָלט גלייך צעבראָכן זיינע נאָך שוואַכע ציינער. אונדזער אומגליק איז באַשטאַנען אין אונדזער דעזאָרגאַניזירטקייט, אין דעם אויספעלן פון פּאַרזיכיקייט אויף דעם סאָציאַלן, אויף דעם עקאָנאָמישן און אויף דעם ריין פיזי־שן געביט. אָבער דאָ לאָזט זיך אויס די גאַנצע טעאָריע פון בונד. ווי פּאַרזיכערט מען די יידן „אויף די ערטער". דער בונד וויל פון דעם נישט וויסן — דער סאָציאַליזם וועט קומען, און אַלץ וועט שוין זיין גוט. איך רייד שוין נישט וועגן דעם אומקום פון יידנטום ווי א פּאָלק אין רוסלאַנד. ווער קען אָבער גאַראַנטירן אַז אַפילו דאָרטן קען נישט, ביי דעם קלענסטן אויפברויז קומען צו פיזישער אויסראָטונג פון יידן? און דער סאָציאַליזם אין ענגלאַנד שוין דאָס צווייטע מאָל ווייזט אונדז אויך וויפל ער קען אונדז באַשיצן פון בייז. איך גלייב פּאַר־קערט, אַז די אָפּוועלאַזיקייט פון יידן, דאָס וואָס עס איז אַזוי גרינג צו שלאָגן יידן — מען דאַרף מיט זיי נישט מלחמה האַלטן, — מען קען זיי סתם שלאָגן אין גוטן מוט, דאָס דעמאָראַליזירט פעלקער, דאָס צעשטערט די האָפענונגען אויף דעם סאָציאַליזם: כל זמן יידן וועלן זיך אַליין נישט קענען באַשיצן פון אויסראָטונג אַן אָרגאַניזירטער מלחמה, קען דער סאָציאַליזם נישט קומען, וועט איטלעכער סאָציא־ליזם דעמאָראַליזירט ווערן.

קענען מיר ווערן סאָציאַל, עקאָנאָמיש און קולטורעל־באַוווסט־זיניק פּאַרזיכיק? — יאָ, מיר קענען. און אין א סך לענדער.

מען דאַרף נישט וואַרטן אויף דעם מען זאָל אונדז „געבן" טעריטאָריעס, מען טאָר נישט וואַרטן מען זאָל אונדז געבן אויטאָ־נאָמע רעכט צו זיין פּאַרזיכיק. טעריטאָריעס און רעכט גיט מען

נישט. מען דאַרף זיי אַליין נעמען, מען דאַרף זיי שאַפן. אויך דער סאָציאַליזם וועט נישט אויסגעקעמפט ווערן פּאָליטיש־דעמאָקראַטיש אָדער דיקטאַטאָריש. מען דאַרף דעם סאָציאַליזם שאַפן אין לעבן און ער וועט קומען.

און דאָ קומט דער גרויסער מוסטער פון יידישן ארץ ישראל. קיינער האָט יידן קיין ארץ ישראל נישט געגעבן, קיין אויטאָנאָמיע נישט געגעבן, קיין סאָציאַליזם דאָרטן נישט געגעבן, — זיי האָבן דאָס אַלץ אליין געשאַפן, אַליין גענומען, אַליין אויפגעבויט. פּאַפּיר־לעך, דעקלאַראַציעס, מעגן זיי זיין ווי פּאָמפּיעז געשאַפן, האָבן נישט קיין שום ווערט. פאַקטן האָבן א ווערט, נישט מער. און אין א סך לענדער וואָלטן מיר געקאָנט אויפבויען גרינגערע און פעסטערע ארץ ישראלס, זאָל זיין „ארץ ישראל של מטהס", איידער אין דער אמתער ארץ ישראל. אָן אַזוינע אָנשטרענגונגען, אָן אַזוינע קאַמפן און אָן אַזוינע געלט־מיטלען, איך וועל דאָ אָנרופן בלויז קאַנאַדע, די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

מען לאָזט נישט אַריין? און אין ארץ ישראל לאָזט מען דען יאָ אַריין? און מען דאַרף גאָר נישט וואַרטן ביז מען וועט ווערן גוט און פרום און מען וועט אַריינלאָזן יידן. איך וואַרט נישט אויף דעם. די יידן אין לענדער גופא קענען אויפבויען די ראַיאָנען ,די פּראָ־ווינצן און פאַרנעמען גאַנצע שטאַטן, גאַנצע פּראָווינצן, און זיי וואָלטן דעמאָלט געהאַט גאָר אַן אנדער דעה אויך אין פעדעראַלן מאַס־שטאַב. אין לענדער מיט איינגעוואָרצלטע דעמאָקראַטישע טראַדי־ציעס איז עס מיגלעך. און זיכערער וואָלטן „אַזוינע ארץ ישראלס" געווען געוויס. דער אַלגעמיינער כוח פון גאַנצן לאַנד וואָלט זיי געשיצט. און ווען די ערשטע קליינע פאַקטן פון אַזוינע יידי־שע פאַרזיכיקע ראַיאָנען וואָלטן געשאַפן געוואָרן, וואָלטן די לענ־דער אַליין געקומען צו הילף. קאַנאַדע געוויס. און די דעה וואָס אַזוינע יידישע ראַיאָנען וואָלטן געקאָנט האָבן אין פעדעראַלן מאַס־שטאַב וואָלט געשאַפן גאָר אַן אַנדער באַציונג צו יידן. זיי וואָלטן געקאָנט עפענען די טויערן פון די לענדער פאַר נייע יידן, פאַר אי־מיגראַציע.

פאַרוואָס האָבן יידן פון איין ברוקלין נישט געקאָנט אויפבויען קיין „תל אביב" אין די שטאָטן? מיט אַ ברייטערן פאַרנעם, מיט אַ גרעסערער עקאָנאָמישער פאַרזיכיקייט?

פאַרוואָס האָבן אין אמעריקע נישט געקאָנט געשאַפן ווערן קיין יידישע „עמקס"?

א סך גרינגער ווי אין ארץ ישראל, א סך איינגעפונדעוועטער ווי דאָרטן. די התחלה מוז זיין פון אָרטיקע יידן, שפּעטער וואָלט אי־מיגראַציע אויך געקומען. און וואָלטן מיר געהאַט אַ פאַרבאַנד פון אַזוינע יידישע ראַיאָנען, פון אַזוינע „ארץ ישראלס אין גלות" וואָלטן מיר געווען שטאַרקער אויף די דעמאָקראַטישע פאָרומס, אונדזער פאַרלאַנג וואָלט גאָר אַנדערש אויפגענומען געוואָרן פון די שטאַר־קע, פון די גרויסע; וואָלט מען פאַר אונדז געהאַט עטוואָס מורא; מען דאַרף מלחמה האַלטן, פאָגראָמירן סתם אַזוי קען מען נישט. וואָלט פון דער מורא געקומען אויך צו א דרך ארץ פאַר אונדז, און אונדזער קול וואָלט נישט געווען קיין קול קורא במדבר. מיר וואָלטן געהאָלפן געוואָרן. יאָ.

ווי מען קען דאָ גרינג אַרויסזען מאַך איך אַ שטיקל סינטעז פון „בונד" מיט דער הסתדרות. כ'ווייס: נישט דער חתן און נישט די כלה וועלן נישט זיין צופרידן מיט דעם שידוך. איך וויל צונויפפירן אַ וואָנט מיט אַ וואַנט. כ'וויל מאַכן אַ מין „הסתדרותזאַציע" פון יידישן לעבן אומעטום. ס'איז אַזוי. דאָס נישט וועלן איז נאָר א געוויסער קאָנסערוואַטיזם פון דענקען, אַ געוויסע יידישע עקשנות, נישט וועלן אָפּטרעטן פון מיין „קוצו של יוד". אָבער — קיין שום אַנדער וועג איז נישטאָ און קען נישט זיין. עס וואָלט געווען א משוגעת איצטער צו זאָגן „יציאת אַמעריקע", עס כאַפּט גאָר א שוידער ביים אָנ־שרייבן די ווערטער, אָבער ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז אַט די משוגעת וועט נישט ווערן אין אַ סכום יאָרן אַרום קיין שוידערלעכער פאַקט? דאַרף מען עס נישט באַצייטנס באַוואָרענען? אויסטראַליע, גוויאַנעס — אפשר, ווער ווייסט? אפשר וועלן זיי אַריינגעמען א צאָל יידן פון די איצט אויסגעוואָרצלטע, — און וואָס ווייטער?

און ארץ ישראל! — עס פאַרדריסט מיר אָפט וואָס מיר איז נישט

באַשערט צו זיין דאָרטן דווקא איצט, אין צייט פון טראַגישן קאַמף. אין די טאָג־צייטונגען זוך איך קודם כל די נייעס פון ארץ ישראל. איך בענק נאָך די טראָטואַרן פון יידישן תל־אביב, נאָך די יידישע אויטאָ־בוסן, נאָך די יידישע פעלקער, נאָך די הייזלעך פון עמק: איך בענק נאָך דעם לעבן שכולו יידן, איך בענק נאָך דעם וואָכעדיקן זונטיק נישט ווייניקער ווי נאָכן יידישן שבת. איך בענק נאָך די קינדער וואָס לעבן אין איין מאָניסטישער קולטור געשאַפן פון יידן. איך בענק נאָך אַ גלאָז „לעבן" פון אַ תנובה־קראַם, נאָך די שוועמלעך וואָס מען האָט דאָרטן קעגן דער נאַטור אויסגעהאַדעוועט. דאָך!

איך בוק זיך פאַר דער הסתדרות וואָס זי האָט, לויט מיין גלויבן, דאָס אַלץ געשאַפן — אַ לעבן שכולו יידן. און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם זע איך אויך די הסרונות, חסרונות וואָס קענען, חלילה, אומברענגען אַלץ און לאָזן אונדז ביי אַ צעבראָכענער קאָרעטע און דאָס וואָלט געווען די גרעסטע טראַגעדיע פאַרן גאַנצן פאָלק, מאָראַ־לישער אומקום, אויב נישט נאָך מער.

דער אבי אבות פון די חסרונות איז דאָס וואָס ארץ ישראל האָט זיך פון לכתחילה אָן אָוועקגעשטעלט ווי אַ „מדינת היהודים" וואָס דאַרף פאַרבייטן אַלע, אַלע גלותן.

מיט 50 יאָר צוריק האָט זיך עס געקאָנט אויסדוכטן פאַר ריכ־טיק, אָבער איצט טאָר מען מער אַזוי נישט דענקען. קליינע מדינות זענען נישט קיין שמירה מער פאַר קיין פאָלק, איבערהויפּט אַ יידישע מדינה אין אַזאַ ווינקל ווי ארץ ישראל, וואָס איז פון גאָט אַליין אָוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ ווינקל פון דער וועלט, וואָס „גרויסע" רייסן זיך אַרום פאַר אים דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דורך די אַרום טויזנט יאָר וואָס יידן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל ווי אַ פאָלק ווייס איך נישט צי זיי האָבן געהאַט איין יאָרהונדערט אַ רויקן און אַ זיכערן אויסער די בערך דריי הונדערט יאָר פון פערסישער הערשאַפט, ווען יידן האָבן נישט געהאַט קיין איי־גענע מדינה דווקא.

אָט דאָס שטרעבן צו פאַרבייטן אַלע גלותן מיט דער מדינת היהודים נעמט זיך נישט פון פּאָליטישע אויסרעכענונגען, נאָר פון

איין באקאנטן נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן שטריך אין כאַראַקטער פון ייִדן וואָס איך וועל דאָ אָנרופן — דאָס וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין. איך וועל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם ברייטער. (זע: א. גאָ־לאָמב, „געקליבענע שריפטן" באַנד דריי, זז' 208 און 233). אָבער אָט דער דראַנג איז בכוח אויך אין ארץ ישראל אָנצוטאָן גוואלדיקע צרות און צעשטערן דעם גאַנצן אויפבוי.

ווען איך בין געפאָרן אין 1938 פון ארץ ישראל קיין אַמעריקע, האָב איך געחלומט וועגן אַ גרויסן ייִדישן „בית לחם" אין קאַנאַדע, וואָס זאָל טראַנספּאָרטירן מעל קיין ארץ ישראל, און די וועט צאָלן מיט מאַראַנצן — צוויי ייִדישע שוועסטער־ישובים, פאַרזיכיקע סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע איינסן מיט אַ טענדענץ צו אַ פאַרבאַנד פון אַזוינע ישובים איבער דער וועלט ווי „אַן אנאָנימע ייִדישע איבער מדינה". יאָ, איך גלייב אַז די אַנטיסעמיטן וואָס האָבן אָט דעם טערמין „אַנאָנימע ייִדישע מלוכה" אויסגעטראַכט ווי אַ בילבול אויף אונדז, זיי זענען גערעכט: מיר דאַרפן עס שאַפן... איך האָב געחלומט...

אין אַמעריקע האָב איך דערזען דאָס ערנסטע, דעם טיפסטן גלות: ייִדן ווילן נישט זיין קיין פאָלק. איך האָב געפּרוּווט שרייבן („עין חרוד אין אַמעריקע" אין „ייִדישן קעמפער", 1938) ייִדן קענען זיין אַ פאָלק און זיי ווילן נישט. דאָ ליגט אונדזער גרעסטע טראַגע־דיע. מיר האָבן תמיד געהאַט דרך ארץ פאַר דעם ייִדישן גאָט און קיין מאָל נישט — פאַר דעם ייִדישן פאָלק. כל זמן מיר האָבן גע־גלויבט, אַז אַלץ וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט אייגנאַרטיקס איז למשה מסיני, האָבן מיר עס געהיט. ווי נאָר אָבער מיר האָבן בחוש געזאָגט אַז עס איז „הלכה לייִדן מייִדישקייט", האָבן מיר אַלץ פאַרוואָרפן.

דאַרפן מיר איבערדערציען דאָס פאָלק. איך גלייב נישט אין ווערבאַלער דערציונג. עס מוזן קומען מעשים, מוסטערן, דעמאָלט וועט עס דאָס פאָלק באַנעמען, פאַרשטיין און באַגרייפן. דאַרף מען דערצו האָבן חלוצים, פאַר אַ „ייִדישן ציוניזם" אין אַלע לענדער ווו עס לאָזט זיך.

ווער דאַרף זיך מיט דעם פאַרנעמען?

— עס דאַרפן אַלע. עס דאַרף דער „בונד". אויב ער וועט סוף כל סוף באַגרייפן אַז ער איז אַ ריכטונג אין יידישן פאָלק און נישט בלויז אַ פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי צווישן יידן. דער „בונד" לעבט איצט איבער אַ גוואַלדיקן קריזיס. אפשר וועלן די טיפערע דענקער פון „בונד" סוף כל סוף באַגרייפן זייער טראַגישן טעות אין משך פון דעם גאַנצן האַלבן יאָרהונדערט. אפשר.

עס דאַרפן זיך דערמיט פאַרנעמען די טעריטאָריאַליסטן. זוכט נישט קיין יידיקע טעריטאָריעס, וועגן אַזוינע ליגן אונטער דער באַז. קיין אַנדערע וועט מען סיי ווי נישט געבן, ווי אויסטראַליע האָט נישט געוואָלט געבן. און מיט רייד טאָר מען איצט נישט זיך פאַרנעמען.

עס דאַרפן זיך דערמיט פאַרנעמען די ציוניסטן אויב זיי ווילן האָבן אַ רעזערוואָר פון מענטשן און פון מיטלען פאַרן ארץ ישראל־דיקן ציוניזם.

און דעמאָלט וועגן עס וועלן געשאַפן ווערן די ערשטע מוסטערן פון אַזאַ „ארץ ישראל" אין גלות, דעמאָלט וועט אויך אַ סך העלפן די ווערבאַלע פּראָפּאַגאַנדע.

די גרעסטע שוועריקייטן זענען אינעווייניקסטע, פּסיכאָלאָגישע, אין יידן גופא. וואָלט די ארץ ישראלדיקע ארץ ישראל דאָ געקאָנט אַ סך ווירקן, אַ סך העלפן.

ביי איין תנאי: ארץ ישראל דאַרף באַנעמען אַז עם ישראל איז קודם לארץ ישראל, אַז קדושת העם איז גרעסער ווי קדושת הארץ, אַז די כוחות און די שאַפונגען פון פאָלק וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דאָס טראַגישסטע פאָלק אין דעם לענגסטן גלות, וואָס קיין פאָלק האָט נישט אַריבערגעטראָגן, אַז אָט די כוחות און די שאַפונגען זענען אויך די וואָס קענען און וואָס נאָר זיי וועלן אויסלייזן דאָס פאָלק פון זיינע גלותן. און די גלותן — מוז מען געדענקען, קענען זיין אויך אין ארץ ישראל...

איז עס אַ חלום? אַ פאַנטאַזיע פון אַן אויסגעמאַטערטן יידן?

— אויב יאָ, אויב עס איז אַ חלום, — איז „אין משיח לישראל" מער, נישטאָ קיין אויסלייז און וועט נישט זיין, חלילה.

און עס ווילט זיך מיר חלומען א זיסן חלום, אַז מיר וועלן אין גיכן בויען אין די אַמעריקעס יידישע שטעטלעך באַזירט אויף קאָאָ־פּעראַטיווער אינדוסטריע, אויף אינדוסטריעלער אגריקולטור — שטעטלעך מיט יידישע נעמען און א יידישן לעבן, מיט דווקא א יידי־שן שבת און נישט מיט דעם פרעמדן זונטיק, שטעטלעך מיט יידי־שע שולן, ווו מען לערנט אַלע לימודים אין יידיש. נישט נאָר אַ תל אביב, נאָר אויך א ניי־וואָלאָזשין, א ניי־סלאָבאָדקע און אַזוי ווײַ־טער. און די שטעטלעך פאַרבינדן זיך אין יידישע ראַיאָנען. פאַר־וואָס זאָל עס זיין נישט מיגלעך?! — איך זע נישט קיינע דרויסנדיקע שוועריקייטן. איך זע אינעווייניקסטע: יידן ווילן נישט, יידן וועלן נישט וועלן. אַ גרויסע חלוצישע אָנשטרענגונג פאָדערט זיך דאָ, אַן אָנ־שטרענגונג פון אַלע שיכטן פון פאָלק. און דאָ איז אונדזער טראַגע־דיע. איך זע תמיד פאַר זיך אַ צעבראָכענע קרישטאָלענע וואַזע. אַלע שטיקלעך אירע ליגן צעשאָטן אויף דער ערד, און די באַלעבאָסטע שטייט איבער די שטיקלעך און וויינט... אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס — און דערפאַר זענען מיר נישט אָרגאַניזירט! נישט אָרגאַניזירט ווי א פאָלק. אַזוי פיל פאַרטייען — און דערפאַר איז נישטאָ קיין איין ריכ־טונג צו דער גאַנצקייט פון פאָלק. ווער וועט די צעבראָכענע שטיקער פון דער וואַזע באַהעפטן צוריק? ווער קען די צעפּיצלטע יידישע פאַרטייען צונויפצעמענטירן?...

מיר האָבן געהאָפט אויף ארץ ישראל — דאָרטן שמידט זיך א פאָלק, נישט קיין פאַרטייען. ווערט אָבער אויך ארץ ישראל אויפ־געגעסן פון אינעווייניק פון די רייסערייען, פון פאַרטייען און ריכ־טונגען, פון דער דיסציפּלינלאָזיקייט. אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין גלות — איז פאַראַן אין ארץ ישראל. און אַנדערש קען דאָס נישט זיין: א פאָלק קען בויען אַ לאַנד, פאַרקערט גייט עס נישט. דאָס האָט נאָך אחד העם מיט אַריבער פופציק יאָר צוריק געזאָגט. און ער איז געווען גערעכט. און צעריסן, צעפליקט ליגט דאָס יידישע ארץ יש־ראל קעגן דער אָפענער מויל פון נאָפט־גיריקע אימפּעריאַליסטן, פון פאַנאַטישער, בלוטדאָרשטיקייט פון היטלערישע „סעמיטן". כדי צו זיין פאַראייניקט, מוז מען טראָגן אין האַרצן איינע און די זעלביקע צענטראַלע אידעע, פאַראייניקטן גלויבן, איין און דעם זעלביקן באַ־

וווסטזיין, דעם נאַציאָנאַלן „איך" פון פאָלק אין זיין גאַנצקייט און אין זיין אייביקייט. כדי צו זיין אַ גאַנץ פאָלק אין סאָציאַל־פּאָליטישן, אין עקאָנאָמישן זינען, מוז מען, מוז איטלעכער יחיד פון פאָלק טראָגן אין האַרצן דאָס באַוווסטזיין פון גאַנצן פאָלק. איטלעכער ייד דאַרף אין האַרצן אָפּשפּיגלען די גאַנצע יידישקייט ווי אַ קליינער טראָפּן שפּיגלט אין זיך אָפּ די גאַנצע זון. ווען איטלעכער טראָפּן האָט אַלע אייגנשאַפטן פון וואַסער, קען פון די טראָפּנס ווערן אַ ים. אָבער אַז די טיילכעלעך פון דעם זעלביקן וואַסער (מאָלעקולן, רופן עס די פיזיקער) רייסן זיך איינס פון דעם אַנדערן, איז עס שוין נישט קיין וואַסער, נאָר א דאַמף וואָס צעטראָגט זיך אין דער לופט און נישטאָ מער קיין וואַסער.

וואָס איז די גאַנצקייט פון אַ פאָלק? — זיין קולטור, זיין גייסטיקער אינהאַלט. און א סך מערער די „קולטור שבעל פּה" איידער די „קולטור שבכתב". אָט דאָ ליגט די גאַנצע פּראָבלעם, די צוקונפט פון פאָלק און זיין קיום.

וואָס צעברעקלט אונדז?

א) לענדער. מיר זענען צעשאָטן איבער אַלע לענדער, און עס ציט אַ יידן צום לעבן פון איטלעכן לאַנד מער ווי צו זיין אייגענעם פאָלק. ציט די שפּראַך, ציען די נעמען, ציען די זיטן און מנהגים. איז אונדזער יאַנקעלע געוואָרן א יאַקאָוו, און יאַקוב, און זשאַק, און אַ דזשייק, און אַ כאַקאָבאָ. במילא איז שוין קיין יאַנקעלע נישטאָ מער. די רעליגיע? כל זמן די רעליגיע אונדזערע איז געווען אַן אינטעגראַלע און זי האָט אַרומגענומען אַלץ מיט וואָס יידן שיידן זיך אָפּ פון נישט־יידן — אַלץ: די שפּראַך און די נעמען און די מאכלים און די יום־טובים, איז די רעליגיע געווען די פאַרבינדונג, דער רייף וואָס נעמט אַרום אַלע יידן פון גאָר דער וועלט ווו זיי זאָלן נישט זיין.

איז אָבער די רעליגיע געוואָרן א „רעליגיע שבכתב" — א טייל פון לעבן, אַ צערעמאָניע עטלעכע מאָל אין לעבן, און זי נעמט נישט אַרום דאָס גאַנצע לעבן, איז זי געוואָרן אויס פאַרבינדעריק, נישט מער דער צעמענט וואָס העפט צונויף די באַזונדערע געאָגראַפישע טיילן פון פאָלק. אַז די רעליגיעזע יידן גופא אַליין טראַכטן

שוין גאַרנישט פון יידישן פאָלק אין זיין גאַנצקייט. איטלעכער פאַר זיך, פאַר זיין שטיקעלע עולם הבא (און אַפט גאָר פאַר פּשוטער עולם הזה דורך דער רעליגיע, זאָל נישט אויסגערעדט זיין).

ב) פרעמדע „געטער" — האַלטן די יידן פון סטאַלינען און יע־נע, פאַרקערט, פון עטלי. קענען זיי דען לעבן צוזאַמען? זאָגט אַליין. אין תוך אַריין איז דאָ די דאָמינאַנטע נישט דאָס יידישע פאָלק. מען געפינט שוין א תירוץ ווי אַזוי צונויפצובינדן דעם גלויבן אין דעם פרעמדן געץ מיט די פּראָבלעמען פון יידן, כל זמן עס זענען נאָך דאָ יידן, און מען דאַרף רעדן מיט יידן, צו יידן. אין תוך אָבער איז דאָ דאָס יידישעס צוגעבייט מיט שוואַכע פאַרשטריגעס. און מען אַנט־לויפט פון יידנטום ווי נאָר עס איז פאַראַן אַ פּריוואַטע מיגלעכקייט.

ג) לאַנדסמאַנשאַפטן, גרופּעס, פּערזענלעכע אַמביציעס. עס ווילט זיך גאָר נישט רעדן פון דעם... און דער יונגער דור, אויסגע־האָדעוועט ווי מאַלפּעס, נאָכקרימער און נאָכמאַכער איז אין גאַנצן אַן אימיטאַציע, פון אַלעמען, פון איטלעכן, פון יעדער פאָלק און אויס. יוצא. יתגדל ותקדש. איז די ישועה ווו? וואָס קען ראַטעווען?

מען דאַרף באַפרייען די יידן פון זייערע פרעמדע געטער, פרעמ־דע אידעען, פרעמדע באַוווסטזיינס און מען דאַרף אין יידן איינפלאַנצן דאָס געפיל פון פאָלקישער גאַנצקייט און אינטעגראַלקייט, דאָס איז יידישקייט. מען דאַרף געבן דעם פאָלק א יידישע דערציונג. און דאָס איז לגמרי נישט בלויז שולן. עס איז אַ גאַנצער קאָמבינאַט פון א סך עלעמענטן וואָס דאַרפן איבערבויען דאָס לעבן פון יידן אין די היימען און אין גזולשאַפט. וואָלט דאָ געדאַרפט געשאַפן ווערן א צענטראַ־לע יידישע אָרגאַניזאַציע פאַר קולטור און דערציונג איבער דער גאַ־רער וועלט, פאַר חלוצים פון נייע יידישע ישובים אומעטום ווו מען קען... ווו נעמט מען כוחות אויפצוּוועקן יידן צו שאַפן א יידיש פאָלק? ווו?

ווען מיר עפּעס באַווייזן אויף דעם געביט איידער די וועלט, די ציוויליזירטע וועלט וועט אונדז אויפעסן ווי וווּרשטעלעך? וועט אונדז אַלעמען אויסנוצן צו מיסטיקן די פעלדער, אויף זייף און אויף אַלץ וואָס די גרויסע ציוויליזאַציע וועט אויסטראַכטן?

דעצעמבער 1946

גלות, גולה, גאולה

פאַרשיידענע יידן — פאַרשיידענע משיחים.
די באַגריפן גלות און גולה.
פאָלק אין גלות און גלותדיק פאָלק.
וואָס מיינט גלות.
גלות הגוף און גלות הנפש (שכינתא בגלותא).
באַטשע שווייג אין צווייטן גילגול.
צי איז אַזוי גרינג פּטור צו ווערן פון אַנטיסעמיטיזם.
פאַלשער אָפּטימיזם — יידן וואָס גלייבן אין „די וועלט".
יידן וואָס גלייבן אין „פּראָגרעס".
נאַיוועד ציוניזם.
פאַר זיך פּריוואַט זענען יידן נישט קיין אָפּטימיסטן.
צו דער פּסיכאָלאָגיע פון פאַלשן אָפּטימיזם.
די יחידישע דאָמינאַנטע — דאָס פעלן פון אַ כלל־דאָמינאַנטע.

:: :: ::

מיר אַלע שטרעבן צו גאולה, עס איז דער אלגעמיינסטער אידעאַל. אָבער וואָס איז אַזוינס די גאולה? אין וואָס באַשטייט זי און וואָס איר אינהאַלט? — וועגן דעם דאַכט זיך, האָט מען זיך ביי אונדז נישט גענוג צונויפגערעדט, איז פאַר דעם פרום־רעליגיעזן יידן די גאולה באַשטאַנען אין ביאת המשיח און דערמיט וועט זיך

ענדיקן אַל דאָס וואָס עס שלעכט און שווער אויף דער וועלט — אויף די ביימער וועלן וואַקסן „ציביקעס מיט לילקעס". אַפילו די טעאָרעטישע קשיות, אַלע אידעישע שווערקייטן וועט אליהו הנביא פאַרענטפערן, און עס וועט ווערן א גן עדן אויף דער וועלט; „צדי־קים יושבים ועטרותיהם בראשם" מען זיצט זיך און מען האָט הנאה פון דער געטלעכער שיין (מזיוו השכינה), וואָס וועט מירצעשעם זיין צעגאָסן איבער דער וועלט דער גאָרער אָט ווי „די וואַסערן באַדעקן דעם ים" (ישעיה). און עס פאַרשטייט זיך אַז די הויפט מחותנים וועלן זיין מיר, אם ירצה השם... ווער דען אַז נישט מיר?

זאָגט דער פרומער סאָציאַליסט: — עס וועט „מיט דער מאַ־שינס הילף" קומען דער סאָציאַליזם... ער וועט קומען... עס איז נישט קיין פראַגראַם ווי צו לעבן אין דער אידעע, מיט דער אידעע, לויט דער אידעע, עס איז א גלויבן; מען האָט אמונה, אַז עס וועט שוין קומען דער סאָציאַליזם מירצעשעם, און ער וועט קומען דער סאָציאַ־ליסטישער משיח נישט אויף אַן אָרעמען אייזעלע פון מקיים זיין זיינע מצוות אין לעבן, נאָר אויף די רייטוועגענער פון מלחמה צווישן קלאַסן, א רויטער איז ער, פון בלוט אין קאַמף דאַרף ער ווי די מינערוואַ אַרויסשטייגן... נישט דורך „כולו זכאי" קומט ער... וואָס כולו? ווען וועלטאל? אַז בסך הכל איז דאָס גאָר „איך שטיי מיט א מעסער אין האַנט דו שטייסט מיט אַ מעסער אין האַנט — היינט איז קלאַסן־קאַמף" (קולבאַק), די וועלט איז צעטיילט אויף דעם קלאַס פון כולו חייב און פון כולו זכאי און די קלאַסן שלאָגן זיך. איבער דעם טויטן גוף פון דעם כולו חייב א דערשטיקטן אין ים פון זיין אייגענעם בלוט וועט קומען דער כולו זכאי מיט זיין בלוטיקער שווערד אין פאַרבלוטיקטער האַנט... און אַז אָט דער גוטער און כו־לו זכאידיקער משיח וועט אי"ה שוין קומען, וועט שוין במילא, פאַרבייגייענדיק אויך קומען די גאולה אונדזערע, פאַר דעם יידישן פאָלק.. ניין, נאָר פאַרן פראָלעטאַריאַט, ווייל קיין יידיש פאָלק איז דאָך נישטאָ...

דער רעליגיעזער משיח קומט צו יידן און ער לייזט אויס במילא די גאַנצע וועלט. דער סאָציאַליסטישער משיח קומט צו דער וועלט

און אונדז לייזט ער אויס פאַרבייגייענדיק.

וואָס פאַר אַן אָרט דאָס יידישע פאָלק פאַרנעמט ביי די גלוי־בערס — אַזאַ גאולה שטעלן זיי זיך פאַר פאַר אים...

און אין וואָס באַשטייט זי אַט די „במילאדיקע גאולה"? — דער אידעאַל איז — „שטיל, רויק און בכבודיק לעבן" (ד"ר ד. גלאָבוס אין טאָג, 9 פעברואר 1946). זאָלן זיי זיך לעבן אין אַמעריקע צי אין אנדערע לענדער און האָבן אלע טאָג זייער פרישע „בולקע מיט פוטער" און נישט מורא האָבן פאַר פאָגראָמען וכדומה... דער אי־דעאַל איז אונדז באקאנט פון פרצעס א העלד וואָס זיין אידעאַל איז נישט געגאַנגען ווייטער פון אַט דער בולקע מיט פוטער. אַז יידישע יחידים וועלן קיין מאָל נישט קענען לעבן „שטיל און רואיק" צווישן אַנדערע פעלקער כל זמן דאָס יידישע פאָלק וועט נישט זיין אָרגאַ־ניזירט ווי א פאָלק צווישן פעלקער — דאָס וויל מען נישט וויסן, וויל ווייטער פון יחידים־יידן וואָס מען שלאָגט (און נאָר אין דעם איז די פראַגע) כאַפט נישט זייער השגה.

:: :: ::

איז וואָס פאַרט מיינט „גאולה"?

אַט דאָס וואָרט אין קעפּל איז דער היפוך צו די ערשטע צוויי. גאולה איז דער אנטיטעזיס צו די באַגריפן „גלות און גולה". כדי צו באַגרייפן דעם פולן אינהאַלט פון גאולה, דאַרף מען צוערשט באַ־נעמען דעם אינהאַלט פון די ערשטע צוויי ווערטער.

דאָס וואָרט „גולה" ווערט אין יידיש נישט גענוצט און עס איז אַ שאָד. מיר האָבן צוויי פאַרשיידענע באַגריפן און עס זענען בייטיק צוויי ווערטער. אין העברעיש ווערט דאָס וואָרט „גולה" באַנוצט אי־בערהויפּט (ווייט נישט אומעטום) צו באַצייכענען — דאָס פאָלק וואָס אין גלות. „גלות" הייסט דער סכום יורידישע, געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און אויך סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וואָס איך זיי לעבט די „גולה" — דאָס פאָלק וואָס איז אין גלות. אין לאָגיק וואָלט מען געזאָגט: „גלות" איז דער אינהאַלט פון דעם באַגריף „גולה" איז דער פאַרנעם זיינער.

און זאָל עס דאָ גלייך געזאָגט ווערן: נישטאָ אַזאַ מיאוסע זאַך ווי גלות איז, אָבער נישטאָ אַזאַ גרויסע זאַך ווי די גולה וואָס איז שטאַרקער פון גלות. גאַר די פאַראַכטונג אונדזערע צום גלות, גאַר די אכטונג און יראת הכבוד צו דער גולה. גאַר די שינאה און האַס און ווידערגעפיל צום גלות — גאַר די ליבע און גאַר די מיטלייד אונדזערע צו דער גולה. און אַזוי האָט אונדז געלערנט דער האַר־ציקסטער נביא — ירמיהו: ער האָט מער ווי אַנדערע באַקלאָגט און באַוויינט דעם גלות, — און אין דער זעלביקער צייט איז עס ער געווען דער ערשטער גלויבער, דער ערשטער צעמענטירער פון דער גולה, וואָס זי דווקא, אָט דאָס פאָלק וואָס איז פאַרטריבן אין גלות, זי וועט אויפבויען צוריק די פאַרזיכיקייט פון פאָלק און נישט דער טייל פון פאָלק וואָס איז געבליבן יחסנדיק זיצן אין דעם היימ־לאַנד, אין ארץ ישראל און זיך איבערנעמען „מיר זענען דאָס העַ־ברעישע פאָלק"...

ב.

און אַזוי האָט געזאָגט די ידישע געשיכטע:

אלע מאָל ווען יידן האָבן עפּעס אויפגעבויט א פאַרזיכיקייט, א דערלייזונג פון גלות — צי אין אייגענעם היימלאנד, צי — נאָך מער גבורה — אן אייגענע היימישקייט אפילו אין טעריטאָריעלער און פאָליטישער פרעמדקייט — אלע מאָל האָט עס געבויט די גולה, דאָס פאָלק אין גלות.

נישט ארץ ישראל האָט ווען עס איז אויפגעבויט דאָס יידישע פאָלק, נאָר תמיד פאַרקערט, תמיד האָט די גולה געשטרעבט און זי האָט עס א סך מאָל געוויזן די גבורה זיך צו באַפרייען פון גלות — אין ארץ ישראל אָדער אפילו ערגעץ אנדערשוואו, אין אנדערע לענ־דער, אונטער אַנדערע הערשער. דאָס האָט נישט איין מאָל אויפ־געטאָן די גולה — דאָס פאָלק אין גלות אָבער בשום אופן נישט דאָס גלותדיקע פאָלק. נאָר וועגן דעם אונטערשייד וועלן מיר נאָך רעדן ווייטער.

אָט דעם כוח פון גולה האָט געוווסט און געפילט דער יידישער נביא. דאָס האָט גוט געוווסט און אנדערש פאָרמולירט די גמרא (סוכה כ׳ א׳). און דאָס האָט אויך געוווסט אחד העם אין זיין באַרימטן „ארץ כי תחרב... עם כי יחרב״ (אמת מארץ ישראל).

די גולה — זי איז דאָס שעפעריש יידיש פאָלק, וואָס איז גובר אַלע גלותן.

— וואָס איז פאָלק?

— נישט דער סכום מענטשן וואָס געהערן צו דעם פאָלק אין דער געגעבענער צייט. יידיש פאָלק איז לגמרי נישט אידענטיש מיט דעם סכום יידן אויף דער וועלט פאַר היטלערן אָדער איצט, נאָך היטלערן.

אַ טייך איז נישט דער סכום טראָפּנס וואַסער וואָס פליסן אין דעם געלעגער אין דעם געגעבענעם מאָמענט. זיי וועלן דורכפליסן און נישט אומקערן זיך מער צו דעם זעלביקן אָרט, — און דער טייך איז אייביק. מענטשן שווימען דורך זייער קורץ לעבן, — און דאָס פאָלק איז אייביק...

טייך — דאָס איז דאָס כסדרדיקע שטראָמען פון וואַסערן אין זעלביקן געלעגער, דאָס כסדרדיקע שווענקען, רוישן, פלייצן די זעלביקע ברעגן, דאָס כסדרדיק איבערחזרן די זעלביקע מעשים, די זעלביקע פירונגען, דעם זעלביקן שטייגער. וואַסערן קומען און וואַסערן גייען — און דער טייך איז אייביק ווייל אייביק און כסדרדיק, אָן אויפהער איז דער זעלביקער שטייגער פון אַקטיוויקייט פון אַלע וואַסערן וואָס ירשענען זיך נאָך אַנאַנד.

מענטשן קומען אויף און פאַרגייען און דאָס פאָלק איז אייביק, ווייל אייביק און כסדרדיק, אָן אויפהער איז דער זעלביקער שטייגער פון לעבן און אַקטיוויקייטן אין אַלע כסדרדיקע דורות, וואָס ירשענען זיך נאָך אַנאַנד.

— פאָלק איז כסדרדיקער המשך און אָנאויפהעריקע טראַדיציע אין לעבן פון דור צו דור פון אייביק און ביז אייביק.

— גולה איז פאָלק אין גלות, הגם אין גלות — און דאָך פאָלק:

— אייגנאַרטיק פאַר זיך, אין זיך, אָפּגעהיט דעם אייגענעם כאַראַק־

טער,דעם אייגענעם גייסטיקן „איך", אָט ווי בוימל אין וואַסער וואָס קען זיין סוספענדירט, צעבערעקלט אין אַ עמולסיע, — אָבער בשום אופן נישט צעלאָזט... אוודאי איז בעסער בוימל ריינער, קאָנצענטרירטער, אָן וואַסער. אָבער נאָך שטאַרקער איז דער כוח פון דעם בוימל וואָס אַפילו אין דער סוספענדירטער עמולסיע זענען זיינע טראָפּנדלעך יעטווידער פאַר זיך — ריינער בוימל און זיי, איטלעכער באַזונדער, מישן זיך נישט אויס מיטן וואַסער, וואָס דאָס איז די מערהייט אין, כלי, הגם עס איז די מערהייט, כאָטש צעזייט און צעשפּרייט, צעשאָטן און צעברעקלט, — אָבער דאָך גאַנץ און איינהייטלעך, אָבער דאָך „שלא שם חלקנו כהם וגורלנו בכל המונם", כאָטש געדריקט און געפּלאָגט, — אָבער דאָך „והבדילנו מן התועים, טאַטענו". דאָס איז זי — די גולה, דאָס פאָלק אין גלות.

ג.

און וואָס איז גלות?

— די גמרא דעפינירט עס קלאָר און דייטלעך — :שיעבוד מלכיות", — אָפּהענגיקייט פון אַנדערע, (סנהדרין צא' ב'). דאָס זעלביקע חזרט איבער דער רמב"ם. ווען אַ פאָלק לעבט מיט נאָרמען וואָס עס שטעלט אליין אליין איז עס פריי, ווען עס מוז זיך אָבער צופּאַסן צו נאָרמען וואָס אַנדערע שטעלן איין פאַר זייערע צוועקן — דעמאָלט איז דאָס פאָלק אין גלות.

קומט צוגיין דער נאַיווער ציוניסט און זאָגט: ווען איך לעב אין ווילנע צי אין לאָנדאָן איז דאָס גלות, לעב איך אָבער אין ארץ ישראל און האָב צו טאָן מיט די אַראַבער, מיט די ענגלענדער, צי מיט די טערקן, — דעמאָלט בין איך נישט אין גלות. גלות — גאולה זענען בכן דאָ אַ פראַגע פון געאָגראַפיע, אַזאַ סגולה האָט שוין דער באָדן פון ארץ ישראל, אָט דאָס קליין, שמאָל פּאַסיק לאַנד ביי דעם מיטללענדישן ים, אז ווי מען טרעט נאָר ארויף אויף דעם ווערט מען שוין פריי פון גלות... נאָר די יידן אין ארץ ישראל ווייסן אז עס איז וויט נישט אַזוי.

— פלעגן די יידן אין דייטשלאַנד זאָגן נאָך גאָר נישט לאַנג, אַז גלות — דאָס איז פאַראַן פאַר די „אָסט-יודען", ביים צאַר ניקאָליי

אין רוסלאַנד, אָבער נישט ביי זיי אין „זייער" דויטשלאַנד, וואָס זיי האָבן אַזוי שטאָלצירט מיט דעם און מיט זיין קולטור... (זאָל מען מיר מוחל זיין פאַר דעם זאַלץ אויף די וווּנדן).

— קומען איצט, אין מיטן פון דעם בלוטיקסטן פאַר אונדז יאָר־הונדערט, יידן אין אַמעריקע (זייט מיר מוחל — „אַמעריקאַנער יידן", נישט „יידן אין אַמעריקע") און זיי דרינגען אַרויס, אַז גלות דאָס איז דאָרטן אין „יוראָפּ". אָבער נישט ביי זיי אין „זייער" אַמעריקע, וואָס איז דאָך אַזאַ גרויסע דעמאָקראַטיע, און „זי האָט דאָך געהאַט אַזוי־נע גרויסע לייט — און וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן ,און לינקאָלן און רוזוועלט, און... און...! „אָ, וויפל מאָל און אין ווּיפל לענדער יידן האָבן שוין אָט דאָס גלות־לידל געזונגען! וויפל מאָל יידן האָבן בוגד געווען אין גולה און גענומען שפּרינגען קדוש פאַר די באַלעבאַטים־פעלקער.

דערמאָנט זיך נאָר ווי ביי שלום אשן אין זיין „קידוש השם" קריגן זיך די יידישע פּרנסים, און איטלעכער גלייבט און גרייסט זיך מיט זיין פּריץ...

— „גלות איז דאָרטן ווו מען שלאָגט, ווו מען שלאָגט נישט איז נישט קיין גלות". און וואָס עס איז שייך צו די אַלע באַדינגונ־גען וואָס מאַכן פון יידן דעם „בעסטן" שלאָג־אָביעקט? — דאָס ווילן אָט די דאָזיקע קלוגע אָבער שטאַרק קורצזיכטיקע יידן נישט וויסן. און אפשר איז עס נישט קיין פראַגע פון היסטאָרישער קורצזיכטי־קייט, עס איז אַ סך מער אַ פראַגע פון פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישן כאַ־ראַקטער — עס פעלט אויס מוט און ווילן צו קעמפן און צו שאַפן פאַר זיך אַזוינע לעבנספאָרמען, וואָס זאָלן מאַכן דאָס שלאָגן אומ־מעגלעך, עס איז נישטאָ אַזאַ מעגלעכקייט אין פאַרשטעלונג... יידן זענען אַזוי איינגעלעבט אין גלות, אַזש איינגעליבט אין אים, אַז זיי זעען אים פון וווייטן, אָבער נישט אויף זיך, נישט אין זיך...

„ווי טרויעריק! — שרייבט אַ ייד — קאָלעגע גאָלאָמב זאָגט אונדז אָפּ יעדע האָפענונג אויף א שטילן, רויקן בכבודיקן לעבן". פאַר מיין השובן אָפּאָנענט איז דאָס אויספעלן פון אָט דעם דער גאַנצער גלות. אונדזער לעבן, די שטילקייט, רויקייט און בכבודיקייט

פון אונדזער לעבן זענען אָפּהענגיק פון יענע, פון פעלקער וואָס זיי מאַכן די געשיכטע, פון זייער פריינדלעכער באַציִונג צו אונדז און אויב זיי האָבן אונדז פיינט איז פאַר אונדז טרויעריק, אויסזיכטסלאָ־זיקייט. „דערנידערונגען, רדיפות אונטערדריקונגען, פאָגראָמען, קאָלכאויוונס״... — נאָר דאָס זעט ער, גאָלאָמב, פאָרויס „אויב מען ווערט אָן דעם גלויבן אין דער גוטסקייט פון דער וועלט״: מיר זענען ווי אָרעמע פאַראַליזירטע בעטלערס וואָס זענען אָנגעוויזן נאָר אויף דעם חסד פון פעלקער, וואָס מוזן דאָך ווערן גוט און פרום און אָנ־פילן זיך מיט ליבע און אַכטונג צו אונדז. אַזוי גלייבט ד״ר גלאָבוס און אַזוי גלייבן אָן א שיר יידן. מען גלייבט אין באַלעבאָס, אין הער־שנדיקע גויים... דאָס איז גלות, שיעבוד מלכיות.

...איז געקומען גאָלאָמב און האָט געוואָלט צעברעכן, נעבעך, אָט דעם „גאָט״ — דעם גלויבן אין די גוטע גויים... „ווי טרויעריק!״ — שרייט אויס ד״ר גלאָבוס. ווי גלותדיק — וועל איך צוגעבן. ווי גלותדיק, ווען א פאָלק הענגט אָן זיין גורל אָן דעם גוטן ווילן פון אַנדערע. אָט דאָ אין דער גלותדיקער פסיכיק ליגט דער אייביקער חורבן אונדזערער. דער גלות האָט דאָ אויפגעגעסן די גולה...

— איר זייט אַ גרויסער פעסימיסט — זאָגט מיר א פריינד נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט יענעם אַרטיקל מיינעם. עס קומט דאָך אויס — טענהט ער צו מיר — אַז אַלע האָבן און וועלן אונדז פיינט האָבן, טאָ וואָס איז אונדזער האָפענונג?

— איך בין נישט קיין פעסימיסט, — האָב איך געענטפערט — איך שטרעב צו גאולה, איך גלייב אין דער גאולה, — און זי וועט קומען דעמאָלט ווען מיר וועלן אויפהערן צו זוכן זי ווי בעטלער וואָס בעטן נדבות ביי יענעם. משיח וועט קומען ווען יידן וועלן אים אויס־האָדעוועט אין זיך און ביי זיך גופא.

— א סך דעפיניציעס פאַר גלות: איטלעכער זעט אין דעם וואָרט דאָס וואָס אים פעלט. איך נעם אָן די דעפיניציע פון תלמוד — גלות איז שיעבוד מלכיות — אָפּהענגיקייט. און פון דעם איז די ערגסטע, די שעדלעכסטע, די אומגליקלעכסטע — די פסיכאָלאָגיש־מאָראַלי־שע אָפּהענגיקייט — דאָס לעבן מיט יענעמס געוויינהייטן, מיט יע־

נעמס לשונות, דאָס וואַרטן אויף פרעמדע חסדים, דאָס וואַלגערן זיך ווי אַ בעטלער ביי יענעם און ציטערן ער זאָל חלילה נישט קוקן קרום און נישט וועלן אַרויסטרייבן... ווי ווייט מיין פריינד און דער ד"ר גלאָבוס זענען נאָך איצט, נאָך היטלערן פון דער „אויטאָעמאַנציפּאַציע"!

ה.

ווען אַ מענטש בויט זיך אויס אַ היים צו לעבן דאָרטן לויט זיינע געוווינהייטן און לויט זיינע קאַפּריזן — איז דאָס היים. מוז אָבער אַ מענטש זיך איינלעבן אין נאַרמען וואָס עמיצער אַ צווייטער שטעלט איין איז דאָס תפיסה נישט היים, איז דאָס געטאָ, איז דאָס גלות. און ווען יידן האַלטן אין זוכן פרעמדע שפּראַכן, פרעמדע נעמען, פרעמדע נאָרמען, זיטן, פרעמדע גוטסקייט, פרעמד לעבן — איז דאָס דער ערגסטער גלות.

ווייל עס איז פאַראַן „גלות הגוף" און „גלות הנפש". מען מען לאָזט נישט וווינען ווו מען וויל, מען לאָזט נישט טאָן וואָס מען וויל — דאָס אַלץ איז גלות הגוף — פיזישער, יורידישער, עקאָנאָמישער גלות. מען צווינגט אַרויף אויף עמיצן שווערע באַדינגונגען. דאָס איז גלות הגוף. ערגער איז ווען אַ מענטש שפּאַרט זיך אַליין אין אַ תפיסה, ווען ער בויט זיך אויס אַ שטוב און זעצט אַריין אין איר עמיצן וואָס זאָל איבער אים הערשן, דען ער קען נישט לעבן אָן דעם אַז עמיצער זאָל איבער אים נישט באַפעלן און נישט הערשן און נישט דיקטירן ווי צו לעבן... און עס זענען פאַראַן אַזוינע טיפּן. נאָך אין חומש האָט משה געוואָרנט קעגן די קראַנקע, פאַרפאַלענע קנעכט, וואָס ווען מען לאָזט זיי פריי, שרייען זיי „אהבתי את אדוני, לא אצא חפשי" — איך קען נישט און איך וויל נישט זיין פריי... דאָס איז גייסטיק־מאָראַלישע קנעכטשאַפט, אונטערטעניקייט, אַ גיריקייט צו פאָלגן עמיצן, צו ווערן דיקטירט — אָן אומפעיקייט צו זיין פאַר זיך און צו לעבן לויט אייגענע ניגונגען... ביי רוסישע און ווייסרוסישע פויערים האָב איך אמאָל געזען אַ דערשיינונג ענלעך צו דער: וואָס מער און וואָס שטאַרקער דער מאַן שלאָגט די ווייב

— אַלץ מער איז זי צו אים צוגעבונדן. מיר, די מאָדערנע יידן, ליידן אויף אָט דער קראַנקהייט, אויף גלות הנפש. דאָס איז די „קנעכט־שאַפט אין פרייהייט" לויט אחד העמען. און דער גלות איז דער ערגסטער: ווען אַ מענטש איז געשמידט אויף גוואַלט אין קייטן, קען ער כאָטש זיך באַמיען זיי צו רייסן ווען אָבער ער האָט פרייע נישט קיין געשמידטע הענט וואָס זענען אָבער אַטראָפירט, — וואָס קען ער טאָן מיט זיינע „פרייע" הענט?

פון דעם דריטן חורבן אָן, פון דער אַזוי גערופענער עמאַנציפּאַציע אָן, ווען יידן זענען געוואָרן פריי פון צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, איז אָט דער קנעכטישער דראַנג נאָצולויפן און נאָכצומאַכן איטלעכן ווער נאָר עס איז שטאַרק און קען שלאָגן, געוואָרן די גרונט־שטרעמונג ביי יידן. עמאַנציפּירטע יידן האָבן אַליין חרב געמאַכט דאָס „יידיש פאָלק אין גלות", מען האָט צעשטערט אַלע גייסטיקע געביידעס וואָס די גולה האָט אָנגעבויט אין משך פון לאַנגע יאָרהונ־דערטער, מען האָט צעשמעטערט אַלע גייסטיקע פעסטונגען (וואָס זיי זענען תמיד די שטאַרקסטע קעגן דרויסנדיקע פיינד) און, זינ־געדיק און טאַנצנדיק האָט מען זיך געלאָזט אין אַטראָפירנדיקן, דעמאָראַליזירנדיקן גלות הנפש. געדענקט: נישט „אַסימילאַציע" בייערט מאָראַלישע אונטערטעניקייט און קנעכטישע נאָכלויפעריי איז דאָס, נישט באַפרייאונג איז דאָס געווען, נאָר די העטלעכסטע פאַר־שקלאַפונג פון דער נשמה. די גולה האָט פאַקטיש מבטל געמאַכט דעם גלות. הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָבן יידן געלעבט אונטער פרעמדע סאָציאַלע און יורידישע יאָכן, כמעט צוויי טויזנט יאָר האָט מען פיזיש געדודפט און געשלאָגן, — און דאָס פאָלק האָט מיט אינעווייניקסטן שטאָלץ, מיט גייסטיקן כוח געקאָנט נישט נאָר איבערטראָגן די קלעפּ, נייערט מבטל זיין לגמרי דעם שלעגער מיט זיין שלאָגן און אויסבויען פאַר זיך אַ גייסטיקע „היים", א לעבן וואָס קיינע שלעגער אין דער וועלט האָבן נישט געקאָנט און זיי וועלן קיין מאָל נישט קענען צעשטערן, חרב מאַכן. רעשטלעך פון אָט דער גולה האָבן געקעמפט אין די געטאָס אין פוילן. זיי זענען אָבער נישט געווען אין דייטשלאַנד, ווייל דאָרטן האָבן די יידן אַליין חרב

געמאַכט די גולה נאָך אין די טעג פון מענדלסאָנען. אין פראַנקרייך האָבן עס די מיזרח־יידן געבראַכט מיט זיך דעם קעמפערישן גייסט פון גולה.

זיצט א יידיש פאָלק אין אַמעריקע... (איך האָב ווידער זיך טועה געווען: נישט קיין פאָלק איז עס, נאָר אַזאַ אָדער אַ צווייטע צאָל באַזונדערע יידן... זיצן גרויסע צאָלן יידן אין אַמעריקע) און האָט דאָ נישט געשאַפן קיין גולה. גלות איז דאָ אַ סך, (און עס וועט, מירצעשעם, זאָרגט זיך נישט — זיין נאָך מערער,) נאָר מען וויל עס נישט זען. דיסקרימינאַציעס קעגן יידן אין שולן, אין געשעפטן, אין פאַבריקן, אַנטיסעמיטיזם אין דער אַרמיי און אין געזעלשאַפט, הונדערטער אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס פירן זייער פראָפּאַגאַנדע איבערן לאַנד, — און יידן מאַכן זיך נישט זעענדיק. כל זמן מען לאָזט נאָך אימיטירן דעם באַלעבאָס און לעבן א אימיטירט לעבן, כל זמן מען לאָזט אַ יידן זיין פריי און נישט באַהעפט צום יידישן קאָלעקטיוו, — כל זמן א ייד האָט די דאָזיקע „גליקן" — זעט ער נישט און וויל נישט זען די וואָלקנס איבערן קאָפּ וואָס האַלטן אין איין ווערן געדיכטער... א מאָדערנער ייד דערפילט דעם גלות ערשט דעמאָלט ווען מען צווינגט אים צו זיין אַ ייד. איז דער שווערסטער גלות, דער טראַגישסטער — דער גלות פון די יידן אין אמעריקע, ווייל ער איז דער טיפסטער, אינעווייניקסטער — גלות הנפש.

„זעט! די קייטן פון גלות זענען נישט אויף אייך, נאָר אין אייך. ווילט איר — צערייסט איר דעם גלות" (הלל צייטלין ז"ל, ציטירט פון „זאַמלביכער" 6). אָבער ביי גלות הנפש איז אַטראָפירט דער ווילן, און מיט אַן אַטראָפירטן ווילן קענען די שטאַרקסטע הענט גאָרנישט אויפטאָן.

טענהן יידן — „מיר און די וועלט" און זיי ווילן איבערצייגן אַז אָט דאָס אימיטירט לעבן פון יידן אין אַמעריקע הייסט „געניסן פון דער וועלט"...

נעבעך! אַזוי מן הסתם טראַכטן געבאָרענע בעטלערס וואָס זיצן ביי אַ רייכן קלויסטער. מען טרעט זיי אויף די פיס, מען וואַרפט אויף זיי רעשטלעך ציגאַרעטן, עמיצער וואַרפט אין דער אויסגעשטרעק־

טער האַנט אַריין אַ קליינע מטבע און אַן אַלטע פרומע גויה גיט נאָך אפשר אַמאָל אַ שמייכל... און די בעטלער זיצן און טראַכטן: וואָס פאַר אַ גוטע וועלט עס איז, וויפל שייגע קאַרעטן מיט אויסגעפוצטע מענער און פרויען, און זיי, די בעטלער, זענען אין מיטן פון אָט דער וועלט, אוי, ווי גוט! אַ מחיה...

און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אָט דער בעטלערישער „מיר און די וועלט"? — איר געדענקט דאָך געוויס דעם הייליקן מאַרטירער, דעם גרויסן, גרויסן מורנו ורבינו ר' באַנטשע שוויג, וואָס פרץ האָט אים פאַר אונדז פאַרגעשטעלט. האָט אָבער פרץ נישט דערציילט אונדז זיין ביאָגראַפיע ביזן סוף. וועל איך דאָ דאָס ממלא זיין:

ויהי — און עס איז געווען, אַז דער הייליקער מאַרטירער האָט אַרויסגעזאָגט פאַר דעם בית דין של מעלה זיין גרויסן ווונטש — אַ בולקע מיט פוטער, און דער סניגור האָט זיך פאַרשעמט, דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט און די מלאכים האָבן אַראָפּגעלאָזן די אויגן (עד כאן פרץ), האָט דער אב־בית־דין אַ שפיי געטאָן ר' באַנטשען אין פּנים אַריין, אים געטאָן אַ בריקע און מיטן כוח פון אָט דער בריקע איז ער געפלויגן מיט דער פרישער בולקע מיט פוטער אין מויל איבער ימים... און גאָט האָט געהייסן — אַלע טאָג אַ פרישע בולקע מיט אַ סך פוטער אים געבן און מער נישט. און ר' באַנטשע אין צווייטן גילגול גייט אַרום אין זיין בולקע־מיט־פוטערדיקן גן עדן (אַ דיקן ציגאַר האָט ער אויך) און איז שטאָלץ ביי זיך — נו, ווער איז אַ חכם?... און בלינד איז ער ר' באַנטשע אין זיין גליק: ווייטער פון זיין בולקע מיט פוטער זעט ער נישט. „שטיל, רויק און בכבודיק" קייט ער אַז אַלע זאָלן זען זיין פעטע בולקע און דער צעשמאָלצענער פוטער מיט נחת צוזאַמען רינט אים פון דער זאַטער מאָרדע — נו, ווען איז גוט אויף דער גרויסער וועלט?... און טויב איז ער און ער הערט נישט דאָס קרעכצן פון סניגור, דאָס בייזע הירזשען פון קטיגור און דאָס קרעכצן פון די מלאכים — די בולקע מיט פוטער האָט אַלץ פון אים פאַרשטעלט. אָט דאָס איז דען גן עדן פון אלע באַנטשעס...

ענגלענדער זאָגן „מיר און די וועלט", מיינען זיי דערמיט — הערשן איבער דער וועלט, צופּאַסן אַלץ צו זיי, אויסנוצן אַלץ פאַר זיי. יידן זאָגן „מיר און די וועלט" און זיי מיינען: נאָכלויפן נאָך גוטע באַלעבאַטים (און אַז זיי זענען שלעכט, דאַרף מען איינרעדן זיך און אַלעמען אַז זיי זענען גוט...), ווערן באַהערשט פון אַלעמען, פּאָלגן און זוכן צו געפעלן אַלעמען, זוכן חן און לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן, קויפן א גוט וואָרט פאַר געלט און לעבן מיט חסדים דורך דער הינטערטיר אַרויס. איז דאָס אויך אַזאַ מין אינהאַלט פון „מיר און די וועלט", דער יידישער נוסח, אָך און וויי צו אונדז און צו אָט די יידן פון „מיר און די וועלט"!

און דאָס איז דערפאַר וואָס די מענטשן האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן, פאַרלאָרן דעם באַגריף „גולה", מען פילט נישט און מען שפּירט נישט דעם זינען, דעם מהות פון דעם וואָרט וואָס מען פלעגט רופן „גלות השכינה". און אַז דאָס פעלט, בלייבט דער פיזישער גלות פון אַזוי פיל און אַזוי פיל משהס אָדער יאַנקלס. איז נו, וועלן פון די משהס ווערן מאָריסעס און פון די יאַנקלס — איוואַנס און יוצא! מען זעט דעם גלות פון יידן אָבער מען זעט נישט און מען וויל נישט זען דעם גלות פון יידנטום. און מען וויל נישט זען און מען מאַכט זיך בלינד און מען רעדט זיך איין, אַז כלומרשט וועלן יידן קענען האָבן אַ קיום אָן יידנטום און אָט פון דאַנען שטאַמט דאָס ווולגאַר געוואָרענע לידל „מיר און די וועלט" — דריי מיליאָן, צי צען מיליאָן יאַנקעלעך דאַרפן זיך אַריינקוועטשן צווישן הונדערט פופציק מיליאָן איוואַנעס, אָדער דזשאָנס און כואַנס וכדומה.

מיר שרייבן נאָך יידיש, מיר רעדן נאָך וועגן יידישקייט און יידנטום — על פי געוווינהייט. מיר רעדן וועגן יידישער קולטור, און מיר ווילן זיך און אנדערע איינרעדן אַז עס איז מעגלעך אַ יידישע קולטור אָן אַ יידיש לעבן, אַז מען קען לעבן ווי גויים און קולטורע־ווען ווי יידן. אפשר וויסן מיר דאָס, נאָר מיר פאַררעדן זיך אַליין, ווייל מיר האָבן נישט קיין מוט צו זאָגן אָפן זיך און אַנדערע דעם גאַנצן אמת — „מיר באַמיען זיך צו זיין די לעצטע יידן און מיר באַמיען זיך אַז אונדזערע קינדער זאָלן שוין זיין פּטור פון דעם „פּע־

קל". מען רעדט פון יידישער קולטור אָן אַ וואָסער עס איז באַזיס, אָן אַ זאָרג אז די קינדער זאָלן עס דאַרפן האָבן אין לעבן.

כדי יוצא צו זיין פאַר דעם אייגענעם געוויסן.

און וואָס נאָך טרויעריקער, איך האָב אָט די יאַלעווע רייד וועגן קולטור געטראָפן אויך נאָך דעם חורבן.

ז.

און ווייל דער גאַנצער און אינטימסטער אידעאַל איז אַריינלעבן זיך איינציקווייז צווישן גויים, דעריבער איז געוואָרן טרויעריק און אומעטיק אויפן האַרצן ווען מען האָט איבערגעלייענט מיין אַרטיקל וועגן אונדזער חשבון מיט גאָר דער וועלט — מיט די „גוטע" פעל־קער מער ווי מיט די שלעכטע. און עס איז געקומען א חשובער שריי־בער און זיך גענומען צעטרייבן די וואָלקנס פון „פעסימיזם". און די רעדאַקציע פון „טאָג" האָט באַצייטנס אַנאָנסירט; אַז עס וועט קומען אַ וויכטיקער אַרטיקל. און אַ קעפּל האָט די רעדאַקציע געגעבן מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות. „מ'קען פטור ווערן פון אַנטי־סעמיטיזם...". כמעט אין נוסח „זייט אייך נישט מיאש!" און אָט דער אַרטיקל פאַרדינט אַ טיפערן אַנאַליז — ער איז דאָך דער אידעען־גאַנג פון כמעט אַלע יידן אין אַמעריקע.

איז גייען מיר כסדר:

די גרעסטע מכה אין יידישן לעבן פאַר די גאַנצע צייט פון גלות איז „פאַרשטייט זיך — אַנטיסעמיטיזם" — אַזוי שרייבט ד"ר גלאַ־בוס, און עס איז שוין פאַלש. די גרעסטע מכה איז אונדזער אָפּהענ־גיקייט פון אַנטיסעמיטיזם, אונדזער ווילן אויסהיילן די וועלט פון אים אַנשטאָט זיך צו באַמיען באַפרייען זיך פון צו זיין אָפּהענגיק פון אים.

ווייטער — צי איז אַנטיסעמיטיזם אַ ביאָלאָגישע אָדער סאָציאַ־לע ירושה? איך האָב זיך אויסגעדריקט אז „מיטן לשון פון ביאָלאָג־גיע וואָלט איך געזאָגט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ דערשיינונג אַ גע־נאָטיפּישע". עס פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז אַ מעטאַפאָרע. קיינער

האָט נישט געזען די גענען פון אַנטיסעמיטיזם. אָבער דער כאַראַק־טער פון פעלקער איז זיכער אויך נישט פאַרבונדן מיט באַזונדערע גענען (די ביאָלאָגישע עלעמענטן פון ירושה) און דאָך זענען זיי שטענדיקע און גיבן זיך איבער בירושה לאַנגע דורות.

אין פעדאַגאָגיק געהער איך צו די „אָפּטימיסטן" וואָס גלייבן אַז די ביאָלאָגיש־געירשנטע אייגנשאַפטן זענען אַ סך ווייניקער מאָס־גיביק איידער די סאָציאַל־געירשנטע, און טאַקע דערפאַר קען מען דורך דערציונג אויפטאָן נישט אין פאַרגלייך מערער ווי מען מיינט. נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגן דעם ברייטער צו רעדן. ס'איז גענוג דאָ זיך צונויפצורעדן אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ סאָציאַל־דערוואָרבע־נע אייגנשאַפט. מיר ווייסן איצט נאָך פאַוולאָווס פאָרשונגען פון די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן פון געוווינהייטן, און מיר ווייסן אויך אַז „אַ געוווינהייט איז — די צווייטע נאַטור". הײַנט אַזאַ געוווינהייט וואָס גיט זיך איבער אין פּראָצעס פון סאָציאַלער ירושה אַזוי פיל דורות!! דעם ערשטן פּאָגראָם אין רוסלאַנד האָבן מיר געהאַט אין יאָר 1025 אין קיעוו, דורך דער גאַנצער רוסישער געשיכטע איז דורכגעוועבט דער „געראַנגל מיט דעם זשידאָווין". און אַזוי מן הסתם אויך בײַ אַנדערע אייראָפּעישע פעלקער, וואָס איך בין נישט באַהאַוונט מיט זייערע פאָלקס־ליטעראַטורן. אַ צייט פריער האָבן מיר געהאַט פּאָ־גראָמען נאָך אין אַלעקסאַנדריע. און פילאָן און יוסף פלאַוויוס האָבן שוין געהערט זיכער צו אַן „אַנטידעפימיישן־ליגע" און געשריבן בײַ־כער קעגן אַנטיסעמיטיזם. און עס האָט געהאָלפן ווי אַ שיר המעלות קעגן שדים. איז אָט האָט אונדז אַ וועלט מיט גוים פײַנט שוין א קימא לן מער ווי צוויי טויזנט יאָר. און אַ געוווינהייט וואָס מער מען איבט זי, אַלץ מער שטאַרקט זי זיך, און די גוים האָבן זייער פײַן פּראַקטיצירט זייער שינאה צו אונדז, און זי איז געוואָרן די נאַטור. זאָל זיין די צווייטע, אָבער ווער איז דאָס אַזוי לייכטזיניק צו וועלן איינרעדן יידן אז מען קען דורך האָקוס־פּאָקוס מיטלען פּטור ווערן פון אַנטיסעמיטיזם? ווער טאָר עס נעמען אויף זיך אַזאַ זינד צו מאַכן גרינג דאָס האַרץ? לאָמיר געדענקען: אַ קאַץ האָט פײַנט א מויז ווייל זי פרעסט זי פון אייביק אָן. אַ וואָלף ווערט אויפגערייצט ווען ער

זעט שוואַכע שאָף און אין אַ גוי וועקט זיך אויף עטוואָס ענדעכס ווען ער האָט די געלעגנהייט צו שלאָגן א יידן. „די הענט קראַצן זיך" זאָגט אַ רוס. פאַרוואָס האָבן אונדז פיינט א סך פעלקער, פרעגט מיך פר׳ ד"ר גלאָבוס. — גאָר פשוט: ווייל זיי האָבן אונדז געשלאָגן. מ ר זענען געווען ביי אַלעמען אין הענט און אַלע זיי האָבן אויף אונדז שטאַרק פראַקטיצירט זייער האַס און שינאה. צי זענען קאָמוניסטן פריי פון אַנטיסעמיטיזם, ווייס איך נישט, איך ווייס אָבער אַז יונגע אוקראַינער פון סאָוויעטן־רוסלאַנד, וואָס זענען געוואָקסן אין א קאָמוניסטישער אַטמאָספער האָבן גאַנץ „גוט" געהאָלפן היטלערס באַנדעס אין זייער יידן־געיעג. און געהאַט דערביי הנאה ווי פון אויספירן אינסטינקטן בכלל, איך ווייס זייער גוט, אַז נישט נאָר רעאַקציאָנערן נאָר אויך אַזוינע אידעאַליסטן ווי עס זענען געווען די רוסישע דעקאַבריסטן האָבן צווישן זיך געהאַט אַ גענוג גרויסן פראָצענט אַנטיסעמיטן (צווישן זיי אויך איינעם פון יידישן אָפשטאַם — גריגאָרי פערעץ). די „נאַראָדנאָוואָלצעס" אין רוסלאַנד זענען גאָר נישט געווען ווייט פון פאָגראָמען אויף יידן. מען האָט אַפילו פאַרשפרייט אַנטיסעמיטישע פלוג־בלעטער, ווי עס האָט ערגעץ וועגן דעם עדות געזאָגט ד"ר זשיטלאָווסקי ע"ה (מיט יאָרן צוריק געלייענט אין „צוקונפט"). ערגעץ האָט זיך טאָלסטאָי אַליין אויך מתוודה געווען אַז פון לכתחילה (פון דער נאַטור, אַזוי צו זאָגן) האָט ער פיינט אַ ייד, און ער דאַרף אין זיך באַקעמפן, איינהאַלטן די שינאה. ווי די „ליבעראַלע און פראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע נישט־יידן זענען לפי ערך פריי פון אַנטיסעמיטיזם" ווי ד"ר גלאָבוס וויל זיך, נעבעך, איינרעדן — דאָס האָבן מיר געזען זייער פיל אין דער צייט פון דער מלחמה און נאָך מער זעען מיר עס איצט ווי די דעמאָקראַטישע פעלקער באַציען זיך צו אונדז, צו די אומגליקלעכסטע קרבנות און ווי מען באַציט זיך צו די דייטשן. אַז פראָלעטאַריער זענען פריי פון אנטיסעמיטיזם דאָס איז פאַר מיר אויך אַ נייעס: איך האָב עס געזען גענוג אין פוילן און אַנדערשוווּ אויך. פרעגט די יידן אין די לאַגערן צי די היינטיקע באַלעבאַטים באַציען זיך צו זיי אַ סך בעסער ווי די דייטשן,

פרעגט, צי האָבן זיי נישט געהערט פון די דעמאָקראַטישע פריינד אונד־דזערע, אַז היטלער האָט געלאָזן צו פיל יידן...

עס איז אָן אַנדער זאַך: פאַראַן צייטן ווען מענטשן און אויך פעל־קער האַלטן זיך איין און פאַראַן פאַרקערט צייטן ווען מען לאָזט זיך ווויל גיין, מען לאָזט אָפּ די מאָראַלישע איינהאַלטערס, — און די שינאה גייט אַרויס אָפן און פריי. נישט קיין אויסנאַם אין שינאה צו יידן, נאָר נישט אַלע ברענען אונדז מיט איין מאָל, אין איין צייט. אין מאָ־מענטן פון מאָראַלישער דערהויבונג ברידערט מען זיך מיט אונדז, מען באַמיט זיך גובר צו זיין די געוירשנטע שינאה, אָבער נאָר אין אַזוינע מאָמענטן פון מאָראַלישער דערהויבונג און נישט מער. פּר׳ ד״ר גלאָבוס רעכנט אויס אַ צעטל פיינע מענטשן וואָס זענען געווען פריי פון אַנטיסעמיטיזם. איך קען צו יענעם צעטל צורעכענען נאָך עטלעכע ווי, למשל, וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, ווי דער רוסישער סטו־דענט וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין זשיטאָמיר בעת אַ פּאָגראָם פאַרטיידיקנדיק יידן. נאָר וואָס זאָגן די אויסנאַמען? גאָרנישט. פאַראַן מענטשן וואָס זענען גובר אין זיך אויך אינסטינקטן, און קיין כלל קען מען פון דעם נישט מאַכן.

ד״ר גלאָבוס שרעקט מיך אָפּ דערמיט וואָס ער פאַרשרייבט מיך אין אַ צעטל פון רעאַקציאָנערן, אָבער דאָס באַווייזט דאָך גאָר־נישט: רעאַקציאָנערן טראָגן הויזן, בכן דאַרפן מיר זיך באַמיען צו גיין אנדערש?

אַנטיסעמיטיזם, בכן, איז גאָרנישט אַזוי אָפּהענגיק פון אנשטענ־דיקייט. איך גלייב אַז צווישן די אָפענע און איבערהויפּט צווישן די פאַרבאַהאַלטענע אַנטיסעמיטן זענען פאַראַן זייער פיל אנשטענדיקע מענטשן.

קען מען אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם דורך דערציונג? — זיכער נישט. אַזאַ איינגעוואָקסענע, איינגעפלאָנצטע געוווינהייט פון טויזנטער יאָרן קען מען בשום אופן נישט אויסהיילן דורך גע־וויינלעכער דערציונג, אפילו מיט די בעסטע לערערס, מיט די בעס־טע ביכער. פאַרקערט, קען עס אַמאָל נאָך אַרויסרופן פאַרקערטע רעאַקציעס.

זיכער קען מען די וועלט אויסהיילן פון אַנטיסעמיטיזם! ווי אַזוי? — מען דאַרף מאַכן אַז די וועלט זאָל לכל הפחות הונדערט יאָר נישט קענען פּראַקטיצירן דעם אַנטיסעמיטיזם.

דעמאָלט וועט פון אים אפשר ווערן אן „אויסגעלאָשענער רע־פלעקס", ווי פּאַוולאָוו רופט עס אָן. אפשר וועט די וועלט זיך אָפּ־געוווינען פון אים. מיט געוויינטלעכער דערציונג קען מען אויף דעם געביט אויפטאָן נישט מערער וויפל מען טוט אויף מיט אויפקלערונג קעגן רייכערן ביי קינדער, קעגן סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט. פּונקט פאַרקערט — אַט די אַלע „גוד־וויל"־מאַכערייקעס האָבן תמיד אַ טאָפּלטע ווירקונג: פון איין זייט קלערן זיי עפּעס אויף פּאָר דעם באַוווסטזיין פון אַ טייל מענטשן; פון דער צווייטער זייט אָבער ווירקן זיי אויף דעם אונטערבאַוווסטזיין פון א סך מער מענטשן און רופן אַרויס צו אונדז אַזאַ בערך באַציונג ווי ביי גוטע מענטשן צו... אַ בעטלער: מען גיט א נדבה (כל זמן מען איז פיינע און אנשטענדיקע מענטשן) אָבער האַלטן אים פאַר אַ גלייכן מיט אונדז — דאָס קיין מאָל נישט. איז אַט די גאַנצע אַרבעט פון אַלע קאָמיטעטן — יצא שכרו בהפסדו — עס ברענגט מער שאָדן ווי נוצן. און בכלל, ווו, מיינט ד"ר גלאָבוס וועט מען קענען געפינען אַזוי פיל לערערס וואָס זאָלן וועלן און קענען איבערדערציען פעלקער? א חלום, ברידער! עס חלומט זיך א ניסימדיקער משיח: ער וועט קומען, אויסהיילן די וועלט פון אַזאַ מין איינגעגעסענער קרענק... די פּראָבלעם איז גאָר אויף אן אנדער פּראַנט: נישט אויסהיילן די וועלט פון אנטיסעמי־טיזם, נאָר אָרגאַניזירן אונדזער לעבן אַזוי, אַז די וועלט זאָל פאַר־שפּאָרן צו פּראַקטיצירן אויף אונדז ווי איר אַנטיסעמיטיזם אַזוי אויך איר „אַנטי־אַנטיסעמיטיזם" — מוחל אויך די נדבהדיקע גוטסקייט און די צוגעוואָרפענע פריינטשאַפט און דעם בעטלער־שמייכל.

דאָס איז א סך גרינגער און רעאַלער ווי אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם ביי גאָר דער וועלט.

נאָר די מענטשן פון ד"ר גלאָבוסעס שניט — זיי גלייבן נישט אין זיך, אין יידישן פאָלק, זיי האָבן נישט אין זיך דעם קאָמפּלעקס

גולה, זיי שטעלן זיך נישט פאָר אַז מיר ווי אַ פאָלק קענען שטיין אויף אייגענע פיס און לעבן אומאָפּהענגיק, — מוזן זיי דאָך גלייבן אין אַ „וועלט" מיט אירע גוטסקייטן און האָפן, אַז מירצעשעם די גאַנצע וועלט וועט אונדז נעמען ליב האָבן, וואָרום והא ראיה — אַט די דעמאָקראַטיעס זענען דאָך בעסער צו אונדז... פאַרקערט — וואָס מער מיר בעטן זיך ביי דער וועלט, וואָס מער מיר וואַרטן, — אַלץ שטאַרקער און אַלגעמיינער ווערט דער אַנטיסעמיטיזם, און נישט נאָר דאָס, — דער אַנטיסעמיטיזם איז דער וואָרצל פון אַלע אַנדערע צרות און רשעותן אויף דער וועלט — מען הייבט אָן מיט אונדז און די מגפה פאַרשפּרייט זיך. מיר האָבן עס גוט געדאַרפט אויסלערנען אין דער צייט פון היטלער הרשע. מיט אַנטיסעמיטיזם שפּייזט זיך דער אשמדאי פון דער וועלט און אויף אונדז דרעסירט ער אויס אַלע אַנדערע בייזע אינסטינקטן. פון אונדז הייבט זיך אָן דער אומגליק פון דער וועלט, און מיר זענען בלויז דער ערשטער קרבן.

נאָר אַז מען האָט נישט קיין אמונה אין זיך, אין דעם אייגענעם פאָלק, ליגט מען ווי אַ פאַראַליזירטער פאַרלאָזענער אין מיטן די גאַסן פון אַלע וועלטן און מען וואַרט ווער וועט רחמנות האָבן און צוטראָגן אַ טרונק וואַסער. רעדט מען זיך איין אַ באַבסקע רפואה, אַז אָפּשפּרעכעניש קעגן אַנטיסעמיטיזם... עס דוכט זיך מיר צומאָל, אַז אַט די שרייבערס ווייסן אַליין, אַז דאָס אָפּשפּרעכן אַנטיסעמיטיזם איז אַ נאַרישע איינרעדעניש, נאָר וואָס? דער עולם גלייבט אין דעם, איז זאָל ער גלייבן און זאָל „דאָס קינד נישט קלאָגן — זייט, ליבע לייענער, רויק, נישקשה; זיצט יידן און שפּילט ווייטער אין אייערע קאָרטן, האָדעוועט ווייטער אייערע קינדער מיט אַן אַטראָפּירטן ווילן און גלויבן אין זיך — נישקשה — נישקשה — דער אַנטיסעמיטיזם וועט אַריבערגיין, און דעמאָלט וועלן יידן (נישט דאָס יידיש פאָלק!) קענען לעבן אויף דער וועלט (ס'הייסט — צעשאָטן און צעאיינצלט) „שטיל, רויק און בכבודיק" — מען וועט קענען מאַכן פּאַרטיעס, בע־לער, מען וועט קענען האָדעווען בלויז דאָקטוירים און אינזשעניערן און מען וועט זיי גערן נעמען אין פאַבריקן, מען וועט לאָזן אַלע או־

ביוערסיטעטן אָפּן פאַר אַלע יידן און עס וועט שוין גוט זיין... נאָר טרויערט נישט, יידן, זייט זיך נישט מיאש...

אָט דאָס איז דער אומגליק, די אייביקע צרה מיט די „גוטע בנביאים" פון אַלע דורות, וואָס האַלטן איין אין באַרויקן „שלום, שלום" — עס וועט זיין גוט און שרעקט אייך נישט, יידן.

מזל טוב אייך, יידן! — האָט די רעדאַקציע פון „טאָג" אָנגעזאָגט אידע לייענער פון פּאַרויס, — אַ ישועה, אַ גליק! ד"ר גלאָבוס האָט אַ תרופה געפונען קעגן אַנטיסעמיטיזם, אַ רפואה בדוקה: מען דאַרף דאַרטן אַ קלייניקייט עפּעס, מען דאַרף איבערדערציען די מענטשן, און איינס, צוויי, דריי — אויס מיטן אַנטיסעמיטיזם...

דערמאָנט עס מיר אַ מעשה מיט מאָטקע כאבאד — ער האָט זיך פאַרוועט מיט דעם ווילנער שטאָט־באַלעבאָס ר' וועלוול אַפּאַטאָוו, אַז ער וועט אַראָפּציען די לבנה אויף דער ערד, מערנישט איין קלייניקייט: ר' וועלוול זאָל זיך שטעלן אויפן טיש און פאַרטשעפּען מיט דער קאָטשערע די לבנה. ווי נאָר אָט די קלייניקייט איז געמאַכט, — גיט ער איין צי און פאַרטיק — ער האָט די לבנה...

מער נישט וואָס מאָטקע האָט עס געמאַכט אַ וויץ, — דאָ אָבער האָבן די רעדאַקציע און דער שרייבער דאָס געמיינט זייער ערנסט — דאָס איז שוין א סך ערגער. איבערדערציען די מענטשהייט, נישט מער... אַראָפּציען די לבנה מיט אַ קאָטשערע איז שוין גרינגער פון דעם. דערווייל זעען מיר אַז דרייסיק יאָר קאָמוניסטישע סביבה און דערציונג האָבן נישט אויסגעוואָרצלט ביי דער אוקראַינישער יוגנט די פּאָטענציעלע פּאָגראָם־גרייטקייט; דערווייל זעען מיר אַז די ענגלישע לייבאָריסטן און זעלנער פון פאָלק האָבן זיך יאָ „איבערדערצויגן": זיי האָבן זיך אַ סך נענטער אַ רוק געטאָן צו דער אַקטיווער שינאת ישראל; דערווייל זעען מיר אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם זייער געשטאַרקט הן אין זיין פאַרשפּרייטונג און אַזוי אויך אין זיין אַקטיווקייט. מיט איין וואָרט:

דער „דערוואָרבענער רעפלעקס" — די איינגעגעסענע געוווינהייט פון אַנבאַליקע דורות ביי אַלע פעלקער האָט דורך דער „פּראַקטיק"

און כסדרדיקער איבערחזורונג זיך געשטאַרקט און איז נאָך טיפער אַריינגעדרונגען אין כאַראַקטער פון פעלקער.

קוקט זיך צו צו דער באַציונג פון אַמעריקאַנער מענטשן איצט, נאָך דער מלחמה צו דייטשן און צו יידן, קוקט זיך צו און שאַצט אָפּ די באַציונג צום נעכטיקן גרויסן שונא און צום „פאַרגעסנעם פריינד" מיטבירגער און מיטקעמפער, — קוקט זיך צו און גלייבט נאָך אַלץ אין זייער מעגלעכקייט איבערצודערציען די וועלט און דורך דעם אויסהיילן די וועלט פון דעם אייביקן, זאָל זיין נישט ביאָלאָגישן, נאָר סאָציאַל־געירשנטן געפיל, וואָס איז שוין געוואָרן דורך דער רעליגיע, דורך דער טראַדיציע, כמעט דורך דער גאַנצער קולטור אַ גרונט עלעמענט פון כאַראַקטער. מען דאַרף באמת קענען גלייבן אין דעם: אַט דער גלויבן איז פאַר זיך אַ גוטער אָביעקט פאַר אַ גרונטיקער פסיכאָלאָגישער פאָרשונג. איך האָב זיך דאָ נאָר אויף איין מאָמענט אָפּגעשטעלט.

ח.

צי בין איך אַ פעסימיסט?

— ווי פאַר וועמען: פאַר די וואָס לעבן מיטן גלויבן אין גלות און זיי וואַרטן אויף ישועות ונחמות פון די גוטע הענט פון „דער וועלט" — פאַר די בין איך דער גרעסטער פעסימיסט: אויס מיט דעם גלויבן אין אַ רויק, שטיל און בכבודיק לעבן פון צעשפּליטערטע, צעאייַנצלטע יידן צווישן די אַנדערע פעלקער פון גאָר דער וועלט! איך גלייב נישט און איך קען נישט פאַרשטיין ווי מען קען גאָר גלייבן.

אָבער פאַר זיך בין איך פונקט פאַרקערט, אַן אָפּטימיסט: איך גלייב באמונה שלמה נישט אין גלות נאָר אין גולה, איך גלייב אַז דאָס יידיש פאָלק, אָרגאַניזירט אין זיך מיט אַ גלויבן אין זיך וועט מוחל זיין „דער וועלט" די נדבה־גוטסקייט און אַזוי אָרגאַניזירן זיין לעבן, אַז מיר'ן פאַרשפּאָרן צו וואַרטן און צו גלייבן אין דעם יושר און גוטסקייט, וואָס קען זיך באַזירן נאָר אויף מאָראַלישער אָנשטרענגונג

פון פעלקער, בעת די שינאה אין אירע אַקטיוווסטע פאָרמעס איז שוין צונויפגעפלאָכטן מיט אינסטינקטן.

אַ פעסימיסט איז דער וואָס גלייבט נישט אין זיך און איז „אָפּ־טימיסטיש" אויפן חשבון פון „גוטע און פרומע לייט"... אָך און וויי צו אַזאַ אָפּטימיזם! אָך און וויי צו אַזאַ גלויבן אין יענעמס גוטסקייט!

ט.

יידן וואָס גלייבן אין „פּראָגרעס".

פאַראַן אַנדערע יידן וואָס האַלטן, אַז, אמת, די גאַנצע וועלט איז טאַקע ווערט אויפן פייער, נאָר עס איז אָבער פאַראַן אַ „פּראָגרעסיווע" וועלט, און אָט דאָ איז משיח, פאַר דער גאַנצער וועלט און אויך פאַר אונדז, פאַר יידן. אין תוך אַריין איז דאָ דאָס וואָרט „פּראָגרעס" נישט פּינקטלעך. מיינען מיינט מען עטוואָס אַנדערש, עטוואָס מער באַשטימטס, נאָר צוליב אָן עין הרע נוצט מען דאָס אַלגעמיין וואָרט, אָט פּונקט ווי אַ ציטעריק קינד רופט מען „אַלטער" אָדער „אַלטע". אַזוי מיינט מען אויך דאָ מיטן וואָרט „פּראָגרעס" עפּעס באַשטימטס. אַלע אימ־פּעריאַליזמען זענען שלעכט, איין אימפּעריאַליזם איז פּראָגרעס, אַלע מלחמות זענען שעדלעכע, די וואָס איין לאַנד פירט זענען פּראָגרע־סיווע און הייליקע; אַלע רעגירונגען טוען שלעכטס, איין רעגירונג נאָר — וואָס זי טוט איז גוט און שיין, פּראָגרעסיוו און ריין. גאָט איז דער גאָט, און אין רויטן פּאַלאַץ זיצט זיין נביא וואָס טראָגט פּראָגרעס, וואָס ער טוט איז גוט, ער איז גערעכט און זיין מישפּט איז גערעכט.

און די יידן האָבן טענות — די גאַנצע וועלט איז שלעכט פאַר יידן און נאָר איין לאַנד טוט אונדז גוטס און האָט אונדז אין זינען; פון דער גאַנצער וועלט האָבן מיר נאָר צרות, די גאַנצע וועלט האָט אונדז פיינט און ווינטשט זיך פון אונדז פּטור צו ווערן, נאָר אָט דאָס איין לאַנד אין דער וועלט ווינטשט אונדז גליק און נאָר פון דאָרטן וואַרט אונדז גליק און גוטס... און דערפאַר דאַרפן מיר דינען און

העלפן אָט דעם פּראָגרעסיוון לאַנד מיט אַלץ וואָס נאָר מיר קענען.

עס איז אויך דער זעלביקער גלויבן אין דער וועלט, נאָר אַ מאָדיפיצירטער. און לאָמיר זען ווי דאָס איז ריכטיק און אויסגע־האַלטן — יידן זוכן כסדר אין וועמען צו גלייבן. האָבן יידן מיט הונ־דערט און אַ פופציק יאָר צוריק גלויבט און געהאָפט אַז די גליקן וועלן קומען פון דער „אויפגעקלערטער" וועלט. וואָרום ווי קען זיך פאָרן שינאת ישראל מיט אויפגעקלערטקייט? און דעריבער „לאָ־מיר זיין אויפגעקלערט", לאָמיר גיין צוזאַמען מיט דער אויפגעקלער־טער וועלט, טראָט אין טראָט מיט „דער שפּאַנענדיקער מענטשהייט"... און די אויפגעקלערטע וועלט האָט אונדז געוויזן: יאָ, עס קען זיך זייער גוט פאָרן אויפגעקלערטקייט מיט אַנטיסעמיטיזם, און נאָך ווי עס קען! האָבן יידן גענומען גלייבן אין דעמאָקראַטיעס, נו, די וועלן זיכער און קלאָר אונדז באַפרייען פון אַלע צרות, און דעריבער — הוראַ! לאָמיר דעמאָקראַטעווען צוזאַמען מיט דער וועלט. האָבן די דעמאָקראַטיעס באַוויזן אַז מען קען זיין דעמאָקראַטן און אונדז לאָזן אויף הפקר, און פאַרהאַקן פאַר אונדז טיר און טויער, און אָנרייצן אויף אונדז אַלע בייזע צווייפיסיקע הינט און וועלף. נו, איז — אַז עס איז נישטאָ אין וועמען אַנדערש צו גלייבן, גלייבן יידן אין דעם פּראָגרעס פון דער „פּראָגרעסיווער" וועלט.

צי באַציט זיך צו אונדז די פּראָגרעסיווע וועלט בעסער ווי די דעמאָקראַטישע? — לאָמיר זען. — זיבן יאָר האָט היטלער זיך אײַנ־דיעקעוועט איבער אונדז, און די פּראָגרעסיווע וועלט האָט אויף דעם רעאַגירט נישט בעסער ווי די דעמאָקראַטישע וועלט. ס'הייסט — זי האָט גאָרנישט רעאַגירט, די טירן פון איר לאַנד נישט געעפנט פאַר די געיאָגטע. נישט זייער עסק. און אַז דייטשלאַנד איז שוין געווען אין מלחמה און געמאָרדעוועט יידן אנגרא ווי קיין פאָלק און קיין לאַנד נישט פריער, און די פּראָגרעסיווע וועלט האָט זיך געהנדלט מיט היטלערן און האָט נישט געפונען פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן אין „זיינע" יידישע ענינים... פּונקט ווי די דעמאָקראַטיעס האָט אויך דאָס פּראָגרעסיווע לאַנד קיין וואָרט אויך שפּעטער נישט געזאָגט וועגן היטלערס רציחות אויף יידן, נישט געוואָרנט אים, אַ סך ביר־

גער פון פּראָגרעסיוון לאַנד האָבן אַקטיוו געהאָלפן היטלערן אין זיין אויסראָטן די יידן. מיר הערן נישט איצט אַז צווישן די וועמען מען מישפּט איצט אין רוסלאַנד זאָל זיין כאָטש איינער וואָס זיין זינד זאָל זיין אַקטיווער יידן־מאָרד. אַזאַ מין עבירה פיגורירט נישט אין קאָדעקס, כאָטש אַזוינע בירגער זענען געוויס פאַראַן אין די טויזנ־טער. כמעט אַלע געבליבענע אין אייראָפּע יידן בלאַנדזשען און וואַנ־דערן איבער וועגן און אומוועגן און זוכן אַן אָרט כאָטש אין לאַגערן, — צי האָט די פּראָגרעסיווע רעגירונג אָנגענומען מיטלען צו העלפן בעסער ווי די דעמאָקראַטישע, בעסער ווי גאָרנישט? איך זע נישט קיין אונטערשייד, אַלע לענדער און אַלע רעגירונגען האָבן זיך צו אונדז באַצויגן נישט ערגער כל זמן עס איז געווען אַ פּאַסיקע סיי־טואַציע, איך זע נישט צום באַדויערן קיין שום פּרינציפּיעלן אונ־טערשייד צווישן דער באַציונג פון די דעמאָקראַטיעס צו אונדז און צווישן דער באַציונג פון דער „פּראָגרעסיווער" רעגיי־רונג. במילא זע איך נישט קיין שום פּרינציפּיעלע אוממעגלעכקייט, אַז ביי אַ געהעריקער סיטואַציע זאָלן מיר דערקלערט ווערן פאַר איין שטיק קאָנטררעוואָלוציע, וואָס מען דאַרף ליקווידירן *). מיר וויסן פון אַ לאַנד וואָס האָט לאַנגע יאָרן נישט געוואָלט וויסן פון אַנטיסעמיטיזם, — ביז עס איז נייטיק געוואָרן צום פּאָליטישן רומל. קיינע גאַראַנטיעס טאָר קיינער פאַר קיינעם נישט געבן.

און זאָלן דאָס וויסן זיין אַלע די יידן וואָס גלייבן אין דער „וועלט": אָט דאָס וואָס זיי אַלע רופן „וועלט", און וואָס אַן דעם קענען זיי נישט פאָרשטעלן זיך קיין יידיש לעבן, — זאָלן זיי וויסן און געדענקען: גאָר די וועלט, אַלע פעלקער און אַלע בירגער פון אַלע לענדער האָבן הנאה פון שלאָגן, און פון שלאָגן יידן נאָך מער. און אויב עס גייט דורך אַ צייט און צייטן און מען שלאָגט נישט, — איז דאָס נאָר דערפאַר וואָס זיי האַלטן זיך איין, אָדער זיי פוילן זיך,

*) דאָס חנחדלען די אַראַבער, דעם אַמבאַסאַדאָרס וויזיט ביים מופטי קענען זיין גוטע אָנזאָגער פון אַזאַ פּאָליטיק.

אָדער עס שטייט נישט אָן, אָדער מען וויל זיין גוט. אָבער ווי און ווינד איז צו דעם וואָס דאַרף לעבן אויף דער אחריות פון דעם צווייטנס יצר טוב. די וועלט, די גאַנצע, אַלע פעלקער האָבן גענדז פיינט, און אַלע מאָל ווען אַ פאָלק ווערט אויפגערעגט פון עפּעס וואָס עס זאָל נישט זיין — אַלע מאָל זענען מיר און אַלע מאָל וועלן מיר זיין דער שעיר לעזאזל. און אַלע איבערבעטאַכצן, און אַלע מתנות וואָס מיר גיבן דעם הערשנדיקן פאָלק כדי מען זאָל צו אונדז זיין גוט קענען און וועלן העלפן נישט מער ווי די מתנה וואָס דער ערש־טער יעקב האָט געשיקט צום ערשטן עשון... איי, וואָס? — איר ווילט זיך איינרעדן פייגעלעך אין בוזעם, איר ווילט זיך איינרעדן אַז עס איז ליכטיק אין מיטן דער נאַכט, אַז עס איז וואַרעם אין קעלטסטן טאָג, — טוט עס. איך האָב געזען אַן אלט מיידל וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז זי גייט צו דער חופה מיט אַ יונגן חתן און זי האָט זיך געקושט מיט דער... לופט. מאַלע, וואָס יידן קענען זיך איינ־רעדן, מאַלע וואָס יידן ווילן זיך איינרעדן! אָרעמע בעטלערס נאָך אַ טראָפּן גוטסקייט פון דער רשעותדיקער וועלט!

— פון וואַנען נעמט זיך אָט דער גלויבן?

עס איז שוין אַזוי די טבע ביי יידן: אַז מען גלייבט נישט אין זיך, מוז מען דאָך גלייבן אין עמיצן אַ צווייטן. טראַדיציאָנעלע יידן פלעגן גלייבן אין גאָט, די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע האָט עס אויך נישט — זי האָט פון רעליגיע נאָר אויף ווייפל עס העלפט איר באַ־לעבאַטעווען ביי יידן, איבער יידן. אין יידן גלייבט מען נישט. ציו־ניסטן אין אַמעריקע גלייבן אויך נישט אין יידישן פאָלק — קיינער נישט. און אַז מען גלייבט נישט אין זיך, מוז מען גלייבן אין אַ צווייטן. אין עפּעס גלייבט איטלעכער מענטש. האָבן יידן שוין איבערגע־גלויבט אין אַלע פעלקער, אין די „געטער" פון אַלע פעלקער. און איטלעך מאָל ווען עס איז דאָ עפּעס אַ נייעס אויף דער וועלט, גע־פינען זיך אַ כך יידן וואָס גלייבן אין דעם. און מען גלייבט נישט ווייל עס איז „גוט פאַר יידן" — הייבט זיך גאָר נישט אָן — דאָס אינטערעסירט צום ווייניקסטן די יידיישע גלייבער. אין פּאָלעמיק טראַכט מען שוין צו דעם „יידישן מאָטיוו". יידן אין ענגלאַנד זע־

צען געווען פאַרליבט אין טשווירטשילן, יידן אין אַמעריקע זענען פאַרקאַכט אין „זייער" אַמעריקע. איך האָב געזען יידן פאַרקאַכטע און פאַרגלייבטע אין פוילן אפילו איצטער! אפילו ווען זיי זענען פאַרטריבן און פאַריאָגט און יעדער אָנדענק מוז, דאכט זיך, דערמאָנען זיי טייכן פיין און ימים דערנידערונג און אָקעאַנען שאָוויניסטישן סאַדיזם. כ'האָב געזען יידן פאַרליבטע אין קאַנאַדע, פאַרגלייבטע אין מעקסיקע, און — איך מיין — אַז אַלע יידן גלייבן אין... זייערע באַלעבאַטים. עס איז אַ מין געצנדינערײַ. (עס דוכט זיך מיר אַז אויך פאַרצייטן איז דאָס אָפּווייכן פון יידן צו „די געצן פון די שכנים" געווען נישט קיין רעליגיעזע באַוועגונגען נייערט אַט אַזוינע ווי הײַנט אָפּווייכונגען צו פרעמדע פעלקער). יאָ, ווען אַ מענטש צי אַ גרופּע מענטש טראָגן זייער גלויבן און זייער ווילן און זייער שטרעבונג אין זיך, אין די אייגענע כוחות, אייגענע אויסזיכטן, אייגענע פאַרווירקלעכונגען — האָבן זיי זייער אייגענעם גאָט. ווען אָבער מענטשן גלייבן אין עפּעס וואָס עס איז אויסער זיי, אויסער זייער גייסט און אויסער זייער פאַרמעסט — דינען זיי צו פרעמדע געצן. מיר יידן זענען, צום אומגליק, די גרעבסטע געצנדינער אויף דער וועלט.

מיר גלייבן אייביק אין פרעמדע געצן.

בכן איז די פּראָבלעם פון אונדזער גאולה נישט אין „דער וועלט", נאָר אין אונדז אַליין, אין דעם אָרגאַניזירטן ווילן פון פאָלק. מיר מוזן זיך ווענדן צוריק צו אויטאָעמאַנציפּאַציע נישט נאָר בנוגע צו דעם צאַרישן רוסלאַנד, נאָר לגבי אַלע פעלקער, אַלע לענדער, ווי דעמאָקראַטיש זיי זאָלן נישט זיין

און פון דער צווייטער זייט שטייען די נאַיווע ציוניסטן און האַלטן אין איין אריינטענהן מיט מיר: דאָס איז דאָך ידוע, אַז די יידן אין גלות גייער אונטער — אַלע, אומעטום, אין אלע לענדער. יידן ווערן אויס יידן און נאָך עטלעכע דורות — און עס וועט מער נישט זיין קיין יידיש פאָלק — אויס. און דעריבער איז אויס מיטן גלויבן אין גלות, אויס מיט אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן גולה. עס בלייבט נאָר ארץ ישראל און מער גאָר נישט. איי, דאָס וואָס יידן האָבן דאָך געלעבט ווי א גולה דריי מאָל אַזוי לאַנג איידער אין ארץ ישראל,

— איז דאָס אויך קיין ראיה נישט: פאַרשטייט איר, אין מיזרח איי־ראָפּע האָבן יידן געהאַט כמו אַ טעריטאָריע, זענען זיי געווען כמו אין ארץ ישראל. איצט אַז די יידן זענען נישט אין אַזאַ מין טעריטאָריע, איז אויס מיטן יידישן פאָלק אומעטום אַחוץ ארץ ישראל. קלאָר, קורץ און שאַרף. מער נישט וואָס די טעאָריע איז פאַלש פון ביידע זייטן.

ערשטנס האָט ארץ ישראל קיין מאָל נישט איינגעהיט די יידן פון אַסימילאַציע. אין משך פון ערשטן בית המקדש איז גע־גאַנגען א כסדרדיקער שטראָם פון אַסימילאַציע אין ארץ ישראל גופא, און ער איז געווען א סך שטאַרקער ווי די אַסימילאַציע אין גלות. אויף דעם האָבן געקלאָגט די נביא״ם אַלע, און זיי זענען גע־ווען א מינדערהייט. דאָס זעלביקע איז אויך פאָרגעקומען אין דער צייט פון צווייטן בית המיקדש. נאָכן חורבן זענען יידן געבליבן אין ארץ ישראל נישט אין קיין קליינער צאָל און זיי... האָב זיך אַסימילירט נישט ווייניקער ווי אין א סך אַנדערע לענדער. נאָך 400 יאָר נאָכן חורבן זענען יידן געווען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. אַ סך מאָל זענען יידן עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיי זענען דאָרטן ביסלעכווייז אַסימילירט געוואָר. די העלעניזאַציע און ראָמאַניזאַציע אין ארץ ישראל פון די חשמונאים ביזן חורבן זענען אַ באַווייז אַז קיין תרופה קעגן אַסימילאַציע איז ארץ ישראל פאַר זיך בשום אופן קיין מאָל נישט געווען און זי איז אויך איצט נישט.

טעריטאָריע? — אויב טעריטאָריע איז א שמירה, — זענען אין ניו־יאָרק פאַראַן מער יידן וויפל עס איז געווען אין כמעלניצקיס צייט אין דער גאָרער וועלט אפשר. נו, איז יידנטום דערמיט געראָ־טעוועט? זענען דווקא אין דעם פריצישן פוילן יידן געווען צעשאָטן איבער הייפן, צעפיצלט איבער קרעטשמעס, ווייט איין ייד פון צווייטן מיילן־מיילן ווייט. און א מייל דעמאָלט איז געווען מער ווי איצט הונדערט מייל. און האָבן דען יידן אין מערב אייראָפּע בעת דער עמאַנציפּאַציע פאַרלאָרן זייער „טעריטאָריע”? פאַרוואָס האָט א פלייץ געטאָן מיט אַסימילאַציע?

צי קען אין גלות נישט וואַקסן און שטאַרקן זיך קיין יידיש־קייט? כזב ושקר: אַלע מאָל, דורך דער גאַנצער געשיכטע איז יידיש־

קייט געשאַפן געוואָרן אין גלות און איז ווי אַזאַ געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל. משה האָט געשאַפן יידישקייט אין וואנדער, און אין מדבר. אין ארץ ישראל איז די יידישקייט געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, איבערהויפּט אין מלכות ישראל וו עס איז דערגאנגען צו א פולשטענדיקער אַסימילאַציע, נישט ווייניקער ווי דאָס איז געווען אין דער מאָדערנער צייט אין איטאַליע, למשל. ארץ ישראל האָט נישט פאַרהיט דאָס יידיש פאָלק פון אַסימילאַציע. ביז עס איז געקומען דער גלות בבל אוו דאָרטן איז אויסגעשמידט געוואָרן א פעסטע און דויערנדיקע יידישקייט, וואָס זי, די געבראַכטע פון גלות איז פאַר־פלאַנצט געוואָרן אין ארץ ישראל, און ווייטער זענען אַוועק כּסדרדי־קע אַסימילאַציע־שטראָמען. און דווקא איז דאָס געווען דאָס גלות־לאַנד בבל וו יידישקייט איז אויסגעשמידט געוואָרן אויף אייביקע דורות.

היוצא לנו מדברינו — דאָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם אַז ארץ ישראל, דאָס לאַנד ווי אַזאַ דארטן האָט א קמיע קעגן אַסימילאַציע־אונטערגאנג איז איין גרויסער היסטאָרישער ליגן. אין משך פון גאנצן גלות זענען אין ארץ ישראל געווען גרעסערע און קלענערע קיבו־צים, און זיי זענען לגמרי נישט פאַרהיט געווען פון אונטערגאנג.

איך בין שוין לאנג פון ארץ ישראל און איך וואַג נישט צו שרייבן אַ שלעכט וואָרט אויף דעם דאָרטיקן ישוב, אָבער פון אייני־קע פרעסע־אַרטיקלען איז צו זען אַז אויך היינט איז פאַראַן אין ארץ ישראל אַן אַסימילאַציע. פאַראַן קרייזן און גרופּעס וואָס עס ציט זיי צו פרעמדס אפילו דאָרטן. און אנדערש קען דאָס נישט זיין: זענען דאָך די יידן די זעלביקע וואָס אומעטום און די נאַציאָנאַלע כאַ־ראַקטער־שטריכן בייטן זיך גאָר נישט אַזוי.

נישט ארץ ישראל האָט געשאַפן יידישקייט און נישט ארץ ישראל וועט שאַפן יידישקייט. נייערט דער „עם ישראל" איז עס מסוגל צו מאַכן פון דעם לאַנד וו ער בויט יידישקייט אַן „ארץ ישראל". בראשית — פון אָנהייב מוז זיין דער שעפער — דאָס פאָלק ישראל אין זיין פאָלקישקייט. פּראַקטיק ווערט דער געדאנק אַרויסגעזאָגט אין גמרא: נישט דאָס אָרט גיט כבוד פאַר דעם אָרט,

דען אַזוי געפינען מיר ביי דעם באַרג סיני, כל זמן די שכינה איז געווען אויף אים, איז ער געווען הייליק. האָט זיך די שכינה אָפּגע־טאָן פון אים, האָט זיך אויך זיין הייליקייט אָפּגעטאָן פון אים" (תענית כא' ב'). אָט דאָ איז אַרויסגעבראַכט דער טראַדיציאָנעלער יידישער צוגאנג אין זיין גאַנצער נעגאַציע צו מאַטעריאַליסטישער הייליקייט. און דאָס איז אויך שייך צו ארץ ישראל. די וואָס ווילן זיך איינרעדן: נישטאָ קיין יידישקייט אין גלות און ארץ ישראל וועט שאפן א ניי יידיש פאָלק, די זענען כופר בעיקר, דען אָן דעם פאָלק אין גלות, אָן יידישקייט וואָס איז אויסגעשמידט אין גלות וועט קיין ארץ ישראל נישט געשאפן ווערן, נישט אויסהאלטן, קיין קיום נישט האָבן. אָן דער גולה קען נישט זיין קיין גאולה.

די ערשטע גרופּע — „די וועלט־יידן", וואָס זיי זענען פּרינ־ציפּיעלע גלותיסטן און די צווייטע גרופּע — די „ארץ ישראליסטן" —ביידע גרופּעס האָבן א צד השווה — ביידע גרופּעס לייקענען אין דער „גולה", ביידע גרופּעס זוכן עפּעס א ישועה אויסער דער אָרגאַ־נישער יידישקייט, וואָס זי און נאָר זי האָט אויפגעהאלטן דעם שע־פערישן קיום פון פאָלק פאַר דער גאנצער צייט. אָט זיי, די ביידע גרופּעס זענען די „פעסימיסטן" — זיי גלייבן נישט אין די אינע־ווייניקסטע כוחות פון פאָלק, און זיי זוכן אָן „אָנשפּאַר" ערגעץ אָן אַ זייט: די אין דער „וועלט" אַך און ווי צו איר און צו איר הילף, און די אַנדערע גלייבן און האָפן אין „לאַנד".

:: :: ::

ווער עס האָט געזען די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל פאַר דער תקופה פון דעם „השומר" (נישט פאַרבייטן מיטן „השומר הצעיר") און פאַר די חלוצים, דער ווייסט אַז אין די עטלעכע צענד־ליק יאָר איז דאָס ווערק פון די בילויים דעגענערירט געוואָרן, דער ווייסט אַז למשל, אין זכרון יעקב האָבן די אַראַבישע איינוווינער גע־פאָדערט שטים רעכט אויפן סמך פון זייער בלוט־פריינדשאפט מיט די יידישע גרינדער פון דער קאָלאָניע... און נישט בעסער איז געווען פאַר דער ערשטער מלחמה די לאַגע אין די איבעריקע אלטע קאָלאָ־ניעס. איך ווייס נישט צי איז דאָרטן געווען מער יידישקייט ווי־

אין אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס... דאָס האָט די דריטע עליה געבראַכט א נייעם שטראָם יידישקייט פון גלות און אָפּגעטשוכעט די כמעט פאַרחלשטע קאָלאָניעס...

און ביידע גרופּעס — אידעיש אזוי ווייט פון אַנאַנד פירן אין איין ריכטונג — צו אַטראָפיע פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און במילא צום אומקום. ביידע אָט די ריכטונגען די „גלותיסטן", וואָס זיי האַלטן נישט און דאַרפן נישט קיין יידיש פאָלק אין גלות, די וואָס ווילן בלויז אַז די בירגער פון יידישן אָפּשטאַם זאָלן קענען „לעבן רויק, שטיל און זיכער" צווישן אַנדערע בירגער; און אזוי אויך די ציוניסטן וואָס האַלטן אַז אין גלות איז במילא אוממעגלעך אויפצו־האַלטן א יידיש פאָלק אין זיין גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט — ביידע ריכטונגען פירן אין איין ריכטונג — צו אַטראָפיע פון יידישער שעפערישקייט און באַוווסטזיין און, במילא, צום אונטערגאַנג פון דער גולה. אָבער אַן דער גולה קען נישט און עס וועט נישט זיין קיין גאולה.

די ערשטע ריכטונג, די פּרינציפּיעלע גלותיסטן, וואָס גלייבן אין „דער וועלט", די וואָס האָפן אַז די וועלט וועט זיי לאָזן סוף כל סוף עסן זייער בולקע מיט פּוטער רויק און שטיל (אָן טומל וועגן יידן), די שטרעבן צו פאַרוואַנדלען דאָס יידיש פאָלק פון אַ דיסציפּלינירטער גולה אין אַן ערב־רב — בירגער פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס מען לאָזט זיי לעבן מיט אַלעמען גלייך, מען שיקאַנירט זיי נישט און מען דיסקרימינירט זיי נישט צוליב זייער אומגליקלעכן יידישן אָפּשטאַם. גלייבן זיי אין דעם נישט דערפאַר ווייל די וועלט און די פירונג פון דער וועלט גיט זיי רעכט און מעגלעכקייט צו גלייבן אין דעם. ניין, זיי גלייבן ווייל עס ווילט זיך זיי גלייבן, זיי ווילן זיך איינרעדן, כאָטש אַלע פאַקטן זענען קעגן. מען וויל נישט זיין מער קיין יידן, מען וויל נישט קיין גולה, קיין אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט יידיש פאָלק. איז דאָס אַן איינרעדעניש, אַן אויטאָסוגעסטיע, ווייל מען וויל זיין אין גלות, עס ציט צו זיין צווישן אַנדערע, אויסמישן זיך, נאָכמאַכן, איינ־רעדן זיך אַז עס איז קיין אונטערשייד נישטאָ צווישן אונדז מיט די באַלעבאַטים. „אויף וואָס פאַר א וואָגן דו זיצסט, אַזאַ לידל דאַרפסטו

זינגען"... אויס מיטן יידישן פאָלק ווי אַזאַ, אויס מיט דער גולה, לאָ־מיר צעגיין צווישן פעלקער ווי זאַלץ אין וואַסער און א סוף!

און דער דראַנג צו דעם, צו דער „מיתת נשיקה" פון אַ פאָלק איז אַזוי שטאַרק, אַז מען ווערט בלינד און טויב, מען זעט נישט און מען וויל נישט זען, אַז — „די וועלט" וויל נישט און זי וועט נישט אונדז אַריינגעמען אין זיך, אַז מען אַסימילירט אונדז נישט, און אויב יאָ, אפילו, — קומט א צייט ווען מען מייקעט אונדז אַרויס, ווען מען וואַרפט אונדז אַרויס פון צעלאָזונג...

ווי ווייט דער יידישער געדאַנק אין אַמעריקע איז נאָך היינט פון ל. פינסקערס אויטאָעמאַנציפּאַציע! — זייער ווייט. מען האַלט נאָך אין איבערזינגען די אַסימילאַציע־לידלעך וואָס די מערב־אייראָפּעישע יידן האָבן געזונגען מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק...

און אָט קומען די נאַיווע ציוניסטן און זיי שפּילן אויף דער זעלביקער פידל — נישטאָ קיין גולה אין גלות, עס קען נישט זיין קיין גולה אין גלות, אונטערגאַנג, אונטערגאַנג, אונטערגאַנג... אָט אַזוי זינגט מען אַן אַלט לידל. און אויב די גולה גייט דאָך סיי ווי אונטער, טאָ צוליב וואָס זאָלן מיר נישט טאָן וואָס עס גלוסט זיך? מעגן מיר דאָך אַליין בידים אונטערגראָבן אַלע עלעמענטן פון גולה, זאָל זיין אַן ערב רב און נישט קיין פאָלק: „אהא, מיר האָבן דאָך געזאָגט אַזוי" — נישטאָ קיין יידיש פאָלק, נישטאָ קיין גולה אין גלות, אויס! וואָלטן נאָך כאָטש אָט די דאָזיקע אַנטיגלותיסטישע צעשטערער פון גולה אַליין געגומען און אוועק קיין ארץ ישראל, צו זיין דאָרטן אַ טייל פון דעם אָרגאַניזירט פאָלק, אין דאָך נישט, זייער לאָגיק איז דאָך אַ פאַרקערטע: דאָס יידישע פאָלק וועט זיין דאָרטן, און זיי וועלן דאָ זיין... אין דעם ערב רב...

אונדזערע פאַרשפּעטיקטע קאָסמאָפּאָליטן און „נאַציאָנאַליסטן פאַר יענעם" — ביידע פירן צו אַטראָפיע פון גולה און במילא פון דער שעפערישקייט פון יידישן פאָלק צו זיין אומקום. די וואָס באַפרייען זיך אַליין פון יאָך פון יידישקייט אין גלות, די וואָס זענען יוצא מיט דער יידישקייט פון ארץ ישראל — ביידע ריכטונגען זענען שמד־ריכטונגען נישט אין רעליגיעזן זינען נאָר אין זינען פון נאַציאָנאַלן קיום

און נאַציאָנאַלער שעפערישקייט, וואָס נאָר זי קען אויך ארץ ישראל אויפבויען. שמד און אומקום! און אַפילו די יידישע רעליגיע קען דאָ נישט העלפן. כל זמן די יידישע רעליגיע האָט כולל געווען אַל דאָס אייגנטימלעכע ביי יידן, כל זמן נאָר די יידישקייט איז געווען פאַר־הייליקט, רעליגיעז, כל זמן אַפילו מאכלים, זיטן, בגדים און אַלץ מיט אַן אַנדער, כל זמן אַלץ וואָס מאַכט דאָס לעבן פון יידן אנדערש, אייגנ־אַרטיק — אַלץ איז געווען אַ טייל פון רעליגיע, — כל זמן דאָס איז געווען האָט רעליגיע אויפגעהאַלטן יידנטום: אָפּגעהיט יידישקייט — אָפּגעהיט יידנטום.

ווען אָבער רעליגיע איז געוואָרן א זאַך פון גאָטעסדינסט און אומ־אָפּהענגיק פון דעם גאַנצן לעבן־שטייגער: מען קען זיין א רב און האָ־דעווען קינדער אין ענגליש, מען קען לעבן ווי אַלע גוים און דאוונען פון אַ יידישן סידור, — פון דעם מאָמענט אָן האָט רעליגיע גאָרנישט צו טאָן מערער מיטן קיום פון פאָלק. און פראַנקפורטער יידישקייט איז דער מוסטער: אין רעליגיע פרום „ווי די קאָטשערע" און אין לעבן — גאָר ווי דייטשן.

און דער סימן איז שעפערישקייט: איטלעכער קיבוץ, אָדער איט־לעכער דור וואָס פּראָדוצירט אייגנטימלעכס, יידישעס אויף וואָסער געביט עס זאָל נישט זיין — אין ליטעראַטור, אין קונסט, אין געזעל־שאַפטלעכקייט, אין וויסנשאַפט, איטלעכע גרופּע וואָס שאַפט עפּעס ווי אַזאַ באַזונדערע גרופּע, ווי יידן — איטלעכע גרופּע אַזאַ העלפט דעם קיום פון פאָלק. אָבער איטלעכע גרופּע אָדער די גרעסטע צאָל גרויסע לייט — יידן וואָס שאַפן נישט ספּעציפיש, האָבן מער נישט קיין שייכות צום יידישן פאָלק אויב אַפילו איטלעכער פון אָט די גרופּעס איז פאַר זיך א הייסער ייד. א מיליאָן איינשטיינס וואָס שטייען אין אין פרעמדע אוניווערסיטעטן זענען דאָך נישט קיין צושטייער פאַרן יידישן פאָלק, און איין קליינע שולכל מיט עטלעכע לעדערס יאָ! טויזנט גרויסע שרייבער־יידן וועלטבאַרימטע, נאָבל־לאורעאַטן, גרויסע לייט וואָס יידן נעמען זיך איבער מיט זיי, זענען גאָרנישט ווערט פאַר דעם יידישן קיום, פאַר דער אייביקייט פון יידישן פאָלק, — און איין קליין נאַיוו פאָלקסלידל וועגט זיי אַלעמען אַריבער. הכלל: מיליאָנען יידן־

יחידים ווי גרויס און וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין זענען נישט קיין פאָלק, א מנין יידישע פורמאנעס, קצבים, יידישע גנבים, סאמע אונ־טערוועלט נאָר מיט אַ ספּעציפישן קאָלעקטיוו־יידישן אייגנטימלעכן פיר און שטייגער, — זיי זענען יאָ אַ פאָלק.

איז נישט רעליגיע ווי אַזאַ, נישט דער נאַיווער ציוניזם, וואָס ווייסט נאָר אַז ארץ ישראל איז אַלץ און ווייטער גאָרנישט. נישט די „וועלט" מיט איר גוטסקייט און געוויסן, מיט איר דעמאָקראַטיע און מיט איר „פּראָגרעס" — נישט דאָרטן איז די גאולה פאַר יידן.

„געפינסט מיך דאָרטן נישט מיין שאץ!"

יאָ

...איז דאָך דאָס פּעסימיזם... און יידן ווילן פריילעך זיין?

יאָ, עס איז פּעסימיזם! אָבער פאַראַן אַן אָפּטימיזם וואָס איז סם המות, אַן אָפּטימיזם וואָס נאָך אים קומט דער אייביקער „מנה, מנה תקל ופרסין". דאָס איז דער אָפּטימיזם פון די פאַרברעכערישע נאַ־ראָנים, דער אָפּטימיזם פון גאָרנישט נישט טאָן און וואַרטן אז די גאולה זאָל קומען פון ווייטן, דאָס איז דער אָפּטימיזם פון הפקרדיקע קאָרטן־שפּילערס, וואָס ווילן פאַרהולען די לעצטע טעג, פאַרטויבן זיך און נישט זען דעם מאָרגן, דאָס איז דער אָפּטימיזם פון די אייביקע פאלשע נביאים — עסט און טרינקט און הולעט און זויפט און זאָל אייך נישט אַרן פאַר דעם מאָרגן, אכול ושתה כי מחר נמות. דאָס איז דער אָפּ־טימיזם וואָס איז ערגער פון אַלע פּעסימיזמען.

און פון וואַנען נעמט ער זיך? — דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פּסי־כאָלאָגישע פראַגע.

איטלעכער ייד פאַר זיך האָט זיך פיינט צו פאַרלאָזן אויף אָט דעם פאַלשן אָפּטימיזם. בנוגע נאָר צו כלל־פּראָבלעמען זענען יידן אָפּטימיסטן נישט אויסצוהיילן. איטלעכער ייד באַזונדער איז א חכם, דאָס יידנטום איז שרעקלעך נאַריש. איטלעכער ייד פאַר זיך איז זיי־ער פעיק און שעפעריש, דער כלל יידן — פאַסיוו און „אָפּטימיס־טיש" אומשעפעריש.

ווען איך באַמי זיך אַריינצוטראַכטן אין אָט דעם קנויל פּראָ־

בלעמען, דוכט זיך מיר אַז מיר וועלן קענען קומען צו אַ פּסיכישן וואָרצל פון דער דערשיינונג.

פאַראַן אין דער פּסיכאָלאָגיע אַ באַגריף „דאָמינאַנטע" — אַ געביט וואָס ער דאָמינירט אין מוח. ווען אַ מענטש צווינגט זיך נישט און קיינער צווינגט אים נישט, און די געדאנקען פון אָט דעם גע־ביט באַהערשן זיין מוח, נישט ווייל ער וויל טראַכטן פון זיי, נאָר ווייל ער קען זיך פון זיי נישט באַפרייען, — אָט די געדאנקען זענען עס די דאָמינאַנטעס. און איטלעכער מענטש האָט זיך זיינע דאָמי־נאַנטעס. פון דעם איז אָפּהענגיק אויך דער דערפאָלג פון א מענטשן אין זיין טעטיקייט און אין לעבן בכלל. עס קען נישט זיין קיין דער־פאָלג אויף געביטן וואָס זענען נישט קיין דאָמינאַנטעס אין מוח. אַ דאָקטאָר וואָס דאַרף זיך צווינגען צו טראַכטן פון זיין פאַך ווען ער איז פריי, וועט קיין מאָל נישט זיין קיין גוטער דאָקטאָר. א לערער וואָס זיינע לערערישע פּראָבלעמען „קריכן אים נישט אין קאָפּ" כּסדר און אָן אויפהער אַפילו ווען ער איז נישט אין קלאַס, — אַזאַ לערער וועט בלייבן א פאַרטאָטש אַפילו ווען ער האָט פּראַקטיק פון צענדליקער יאָרן. א סוחר וואָס פאַרגעסט זיינע געשעפטן נאָכן פאַר־שליסן ס׳געשעפט וועט נישט האָבן קיין דערפאָלג — און אַזוי כּסדר. דערפאָלג — אויפטוען, אויסגעפינסן, צוטראַכטונגען — דאָס אַלץ איז מעגלעך נאָר אין געביטן וואָס דאָמינירן ביי דעם מענטשן.

יב

ביי אַלע פעלקער איז דאָס כּללישע דאָמינירנדיק איבער די יחידישע אינטערעסן. אין משך פון לאַנגע דורות אָרגאַניזירט כּלל־לעבן זענען די כּלל־אינטערעסן געוואָרן די דאָמינאַנטע ביי איטלעכן פּרט. אין פוילן איז פוילישקייט א שטרעבונג פון איטלעכן פּאָליאַק, שמעקט דעם רוס אומעטום זיין רוסלאַנד און אַלדאָס רוסישעס. און אַזוי ביי אַלע אַנדערע מענטשן פון פעלקער מיט לענדער. עס איז אַ רעזולטאַט פון דורות־דערציונג. די לעצטע צייטן איז עס געוואָרן נאָך מער אַן ענין וואָס מען זאָרגט שטאַרק דערפאַר. די גאַנצע דער־ציונג, דער שול־וועזן און אַלערליי אַנדערע אונטערנעמונגען האַלטן

אין איין פלאַנצן אין די מוחות די כלל־דאָמינאַנטע. דערצו נאָך איז דאָס כללישע ביי זיי אַלעמען פאַרבונדן מיט קאָנקרעטע, מאַטעריע־לע פאַרשטעלונגען — לאַנד, מדינה.

ביי יידן איז עס אַנדערש: בראשית אין די ערשטע צייטן פון אָרגאַניזירן דאָס יידנטום אין די אוראַלטע צייטן, אין דער צייט פון די פריערדיקע תנך־טיילן האָט אויך ביי יידן דאָס כללישע אַריבער־געוועגט דאָס יחידישע, און די דאָמינאַנטע איז געווען דאָס פאָלק, דעם פאָלקס אינטערעסן האָבן גומר געווען, שטאַרקער געווען פאַר די אינטערעסן פון איטלעכן אינדיווידו באַזונדער.

אין די צייטן אָבער פון צווייטן בית המקדש, ווען דער קאָלעקטיוו פון יידישן פאָלק איז רעפּרעזענטירט געווען דורך דער ניטבאַ־ליבטער מלוכה, האָט זיך אָנגעהויבן א גרוואַלט־ריס אין דער פסיכיק פון יידן — דער יחיד האָט ביסלעכווייז אין באַוווסטזיין פון איט־לעכן יידן גובר געווען די אינטערעסן פון כלל. „אבות אכלו בוסר, ושיני בנים תקהינה?!", „איש בחטאו ימות" און אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס יידיש לעבן, דאָס יידישעס, די יידישקייט האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן זיך אָנשפּאַרן אויף די יחידישע אינטערעסן אַנשטאָט וואָס פריער איז יידישקייט אָפּגעהיט געוואָרן לשם די אינטערעסן פון כלל יידן: יידישקייט פאַר דעם יידנטום. איצט האָט מען גענומען אַלץ מער און מער זוכן אין יידישקייט די אינטערעסן פון יחיד, פון פרט, פאַרוואָס עס לוינט איטלעכן יידן באַזונדער אָפּצו־היטן יידישקייט.

אַזוי אַרום איז אויפגעוואַקסן די גאַנצע פאַרשטעלונג וועגן שכר ועונש פּריוואַט פאַר איטלעכן יידן באַזונדער, פריער איז עס אין תנ"ך קיין מאָל נישט דערמאָנט — זאָלסט טאָן גוטס און אָפּהיטן יידישקייט כדי עס זאָל זיין גוט דיין פאָלק. איצט איז די פאָרמולע געוואָרן: פיר זיך אויף ווי א ייד כדי דו זאָלסט קריגן דיין פּריוואַטן לוין.

איי וואָס? — עפּעס איז נישט אַלע מאָל דער גוטער באַלוינט, עס איז אויסגעוואַקסן אין די מוחות פון יידן די פּראָבלעם „רשע וטוב לו" — איז צוגעקומען א גוואַלטיקער קאָרעקטיוו. דער שכר

זעונגש קומט אויף יענער וועלט, נאָכן טויט, דאָרטן איז דער גערעכ־טער משפט, דאָרטן איז דער גן עדן און דער גיהנום, און דאָרטן פירן זיך די פריוואטע חשבונות פון איטלעכן יידן באַזונדער כדי יעדער איינער זאָל דאָרטן באַקומען זיין פריוואַטן לוין ווי ער האָט פאַר־דינט אין זיין פירונג און האַלטונג אויף דער וועלט: גרייט זיך אָן אין פרוזדור כדי זאָלסט געניסן אין טרקלין". די אינטערעסן פון כלל, פון פאָלק ווי אַזאַ, זיין „עולם הבא", זיין צוקונפט, זיין זיכערקייט, זיין רואיקער המשך אין אַ „גן עדן" — דאָס אַלץ האָט אויפגעהערט צו דאָמינירן אין די מוחות פון יידן. און עס זענען געווען די פרו־שים וואָס זיי האָבן אַריבערגעפירט יידישקייט פון די רעלסן פון כלל אויף רעלסן פון ריין יחידישע אינטערעסן. די מלוכה — צו־ערשט די פרעמדע, דאָן די כלומרשט אייגענע וואָס עס האָבן איינ־געשטעלט די חשמונאים האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקע נעגאַציע, און אַזוי ווי זי, אָט די פאַרהאַסטע מלוכה האָט עס סימבאַליזירט דעם יידישן כלל, האָבן די פרושים אין זייער אייביקן און כסדרדיקן זאָר־גן פאַרן קיום האומה זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אָפּצוטיילן יידיש־קייט פון כלל: נישט דער ציבור מיט זיינע קהלשע אינטערעסן צוויי־גען דיך אָפּצוהיטן יידישקייט, נאָר דיינע פריוואַטע אינטערעסן. איז עס אַ מאָדנער פאַל אין דער געשיכטע: אָפּהיטן דעם כלל דורך זיין אַנולירונג. טאַקע ווי עס דריקט זיך אויס די גמרא „עס טרעפט אַז דאָס מבטל זיין אַ תורה איז איר באַגרינדונג (ערובין סד'). — זיי האָבן זיך גענומען באַפעסטיקן יידישקייט דורך אַנולירן איר כללישן זינען. פון דאַנען איז מען געקומען צום באַגריף פון „השג־חה פרטית" — גאָט פירט די חשבונות פון די מיצוות און עברות פון איטלעכן יידן באַזונדער. איטלעכער באַקומט זיין פריוואַטן און באַזונדערן לוין און שטראָף פאַר זיין יידישקייט; די אייביקייט פון יידנטום איז נישט באַזירט אויף המשכדיקייט אין פאָלק פון דור צו דור, נאָר אויף אינדיווידועלער תחית המתים; וואָס די פרושים האָבן פאַרטיידיקט קעגן די אַסימילאַטאָרישע פרומאָקעס פון דער פיק־סירטער תורה און מער נישט — די צדוקים. די פרושים האָבן זייער ציל דערגרייכט, זיי האָבן די אינטערעסן פון קיום האומה (און דאָס

איז געווען זייער איינציקער אידעאַל) איינגעוויקלט אין די אינטע־רעסן פון פרט. אָבער דאָס האָט געקאָסט זייער טייער, אפשר צו טייער: אין די מוחות פון יידן איז לגמרי אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער זינען פאַרן כלל ווי אַזאַ. איטלעכער ר׳ ישראל האָט טאַקע ריגאָריש געהיט אַלע די אייגנטימלעכקייטן וואָס זיי האָבן געשאַפן דעם כל ישראל, אָבער אין דער פסיכיק, אין זיין טראַכטן און פילן איז די דאָמינאַנטע געווען ווידער און אָבער נאָר דער ר׳ ישראל אַליין מיט זיינע פּריוואַטע שטרעבונגען צו גליק אויף דער וועלט און נאָך מער — אויף יענער וועלט. פון קיום האומה ווי אַזאַ האָט מען נישט גע־טראַכט, נישט צוליב דעם האָט אַ ייד געטאָן מיצוות, זיך געהיט פון עברות און איז גרייט געווען צו גיין אויף מסירת נפש. דאָס איז געווען די פּריוואַטע געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט פון איטלעכן יידן צו זיין גאָט, אָן דער פאַרמיטלונג פון דעם פאָלק ווי אַזאַ. די תורה, אַז „בעסער מיט כל ישראל אין גיהנום איידער אַליין אין גן עדן״ אָדער אַז „כרת, פאַרשניטן ווערן פון כלל ישראל איז די גרעס־טע שטראָף״ דאָס האָט געלערנט אין דער גאָר נייסטער צייט שוין פרץ (אין „צווישן צוויי בערג״ און „וואָס אמאָל ווייניקער״). פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור קען איך זיך נישט דערמאָנען עפּעס ענלעכס צו דעם. און אָט די נייע תורה ווילן נישט די היינטיקע צדו־קים — די פרומע לייקענער אין דער שעפערישקייט פון עם ישראל און זיי ווילן אנערקענען נאָר דאָס וואָס עס איז איצט אַ תורה שבכתב און נישט מער, זיי ווילן נישט וויסן פון דער איצטיקער תורה שבעל פה און בכן זענען זיי היינט צו טאָג כופר בעיקר.

און אַזוי איז עס געגאַנגען דורך לאַנגע דורות — דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין זכות פון יידן־יחידים. קיין גייסטי־קע דאָמינאַנטע, קיין ציונג און שטרעבונג צום יידישן פאָלק און צו אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש און פאָלקסטימלעך איז נישט געווען ביי יידן און עס איז איצט אויך נישטאָ. און ווען אין יחידישן לעבן האָט ביי יידן דער עולם הזה גובר געווען דעם עולם הבא, איז די גאַנצע ענערגיע, שעפערישקייט, דערפינדערישקייט, אַלע טראַכטונ־גען און געדאַנקען — דער גאַנצער גייסט איז פאַרנומען מיט די

יחידישע אינטערעסן, זיי זענען די דאָמינאַנטע אין מוח, — און אויף דעם געביט ווייזן יידן טאַקע אַרויס אַ סך פעיקייטן.

גאָר אַנדערש איז עס אָבער מיט די כלל־אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק ווי אַזאַ: זיי פאַרנעמען אין מוח פון אַ יידן קיין אָרט נישט, נישטאָ אַזאַ דאָמינאַנטע ביי יידן. מען רעדט וועגן דעם יידישן פאָלק, — אַ סך ווייניקער אָבער טראַכט מען וועגן אים... צום מאָל שטרענגט מען זיך אָן צו טראַכטן וועגן דעם, אָבער נישטאָ קיין מזל־ברכה אין געדאַנקען וואָס מען שטרענגט זיך צו טראַכטן וועגן זיי. זייער אָפט איז אויך די אַרבעט וואָס ווערט געטאָן פון יידן לטובת הכלל סטימולירט לגמרי נישט מיט די אינטערעסן פון כלל ישראל, נישט זיי ברענגען צו אַקטיווקייט. אָט פאַרוואָס עס זענען פאַראַן ביי יידן אַזוי ווייניק עוסקים בצרכי ציבור לשמה, און אַפילו אויך די באמת געטרייע און איבערגעגעבענע טוער לטובת הכלל, זעען על פי רוב נאָר זייער קליינעם ווינקל און נישט דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט און אַלע זיינע פראָבלעמען. דעם גאַנצן קאָמפּלעקס.

„יידיש פאָלק" איז פאַראַן אין די מיילער, אָבער נישט אין די מוחות און נישט אין די הערצער. און אויף אַ געביט וואָס האָט נישט קיין דאָמינאַנטע אין מוח קען נישט זיין קיין דערפאָלג, קען נישט זיין קיין אינטואיציע, קיין שעפערישקייט — קיין מזל ברכה. אָט פאַרוואָס עס איז ריכטיק דאָס ווערטל „איטלעכער ייד באַזונדער איז קלוג און פעיק און דאָס גאַנץ יידיש פאָלק אין נאַריש" ביי אַנדערע פעלקער ווערט דער קאָמפּלעקס „פאָלק" מיט אַלע זיינע אינטערעסן אַריינגעהאַמערט אין די מוחות דורך דער אַלגעמיינער צוואַנג־דער־ציונג מיט אירע צוגעשפּיצטע פּראָגראַמען, דורך דער פּאָליציע און דורך דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט, איבערהויפּט מיליטער און גוואַל־דיקע אַפּאַראַטן פון פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג. און מתוך שלא לשמה בא לשמה — ביסלעכווייז נעמט עס זיך אָן און עס ווערט אַ דאָ־מינאַנטע אין די מוחות, אויב נישט ביי אַלע בירגער, איז דאָך ביי אַ גרויסן טייל.

אַנדערש איז דאָס ביי אונדז, יידן. ווי געזאָגט האָט קיין זאַך און קיין פאַקטאָר נישט באמת זיך איינצופלאַנצן די פאָלק דאָמי־

נאַנטע אין די מוחות פון יידן. אַלץ איז געווען אָנגעבונדן אָן דער עגאָיסטישער פריוואַטער דאָמינאַנטע פון איטלעכן יידן באַזונדער. האָט אַ ייד געקענט טאָן פאַר זיין גאָט אַלץ, גאָרנישט פאַר זיין פאָלק.

אין די מאָדערנע יידישע קרייזן איז די זאַך נאָך ערגער: מען לעבט זיך אַריין אין די דאָמינאַנטעס פון דעם לאַנד, פון דעם הערשנדיקן פאָלק. אל דאָס יידישעס אפילו דאָס וואָס איז איינגעוויקלט אין יחידישע אינטערעסן — אַל דאָס הערט אויף צו שפּילן א וואָסער עס איז ראָל. עס איז שוין נישט קיין פראַגע פון דאָמינאַנטעס, — עס פאַלט בכלל אַרויס פון באַוווסטזיין. נאָר דרויסנדיקע פאַקטאָרן און גאָר נישט קיין איינגענעמע האַלטן אין איין דערמאָנען אָן דעם „יידישן פאָלק" וואָס מען געהערט צו אים נישט ווילנדיק. וויל מען עס פאַרגעסן, באַמיט מען זיך צו פאַרגעסן, צו פאַררעדן. געווען צייטן ווען מען האָט אָפן אַרויסגעזאָגט אָפן געפריידיקט און פריידיק געדרשנט, אַז מען איז שוין פטור פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס צרות וואָס נאָר דאָס האָט מען געזען אין דעם באַגריף „יידיש פאָלק". מער נישטאָ די צייטן פון אָפענעם גרייסן זיך מיטן פריי ווערן פון יידנטום און פון יידישקייט. אָבער דער דראַנג איז פאַראַן, ער איז געבליבן. זאָרגט מען פאַר דעם יידישן כלל ווי מען זאָרגט... פאַר אַ פרעמדן יתום, וואָס האָט זיך צוגעטשעפעט און מען קען פון אים נישט פטור ווערן... און אין די אינטימע ווינקעלעך פון גייסט זוכט מען אויסוועגן, „מאין יבא עזרי?" — ווי ווערט מען פטור פון דעם באַדאַרף צו זיין צוגעבונדן צום קאָלעקטיוו יידן! ווי און וווהין אַנטלויפט מען פון יידנטום... און אין פאַרצווייפלונג כאַפּט מען זיך אָן אָן אַ שטרוי — די וועלט וועט זיין גוט צו אונדז, און עס וועט נאָך גוט זיין"... אָט דאָס דער פסיכאָלאָגישער מקור פון דעם גלויבן אין דער וועלט בעת אַלע לאָגיקס און אַלע פאַקטן זאָגן, שרייען דאָס פאַרקערטע. און ווי אַמאָל האָבן די נביאים געוואָרנט זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף קיינעמס פריינדשאַפט, זיך נישט אָנצושפּאַרן און נישט אָנלענען זיך אויף דעם צעבראָכענעם שטעקן וואָס צעלעכערט נאָר די האַנט פון דעם וואָס טוט די נאַרישקייט זיך אָנצושפּאַרן אויף דעם, פּונקט אַזוי איז היינט אויך דער חוב פון איטלעכן וואָס זיין האַרץ איז נאָך נישט דורכגע־

לעכערט פון פאַלשן, ליגנערישן כלומרשטן אָפּטימיזם פון האָפן אויף אַ „גוטער וועלט”, פונקט ווי די נביאים אַמאָל אַזוי מוז מען היינט שרייען אין די טויבע אויערן פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרמאַטערט פון בעלער „אין צייט פון מגפה”, פאַרנומען מיט פּאַראַדן, „הערט אויף! אַלע אייערע האָפענונגען מוזן פאַרלאָרן גיין, וועלן פאַרלאָרן גיין... נישקשה — אַלע יידן וואָס האַלטן אין איין זינגען און טאַנצן לכבוד דער „גוטער וועלט”, אַלע זיי ווייסן גאַנץ גוט דעם ווערט כל זמן עס האַנדלט זיך וועגן פּריוואַטע ענינים, אָבער דאָ אין ענינים פון כלל ישראל איז גוט אַ תירוץ פאַר די בענטש ליכט אויך. איבער־הויפּט נאָך ווען דער גאַנצער קאָמפּלעקס יידיש פאָלק איז אַסאָצי־יירט מיט אַזוי פיל אומגערנקייט, אומווילן, קריטיק און מיט ווילן צו אַנטלויפן פון אים.

און אַ סימן — אַלע די וואָס לאָזן דעם גורל פון כל ישראל אי־בער פאַר דער גוטסקייט פון דער „וועלט” אַלע זיי האָדעווען זייערע אייגענע קינדער מחוץ די גייסטיקע ראַמען פון יידישן פאָלק. — דאָס איז דער לעצטער פייגן בלאַט פון דער נאַקעטער חרפה פון אָט דעם אומגליקלעכן גלויבן אין דער וועלט...

באַמערקונג:

נאָך דעם ווי די אַרבעט איז שוין געווען אויסגעזעצט האָב איך געפונען אין „אויפן שוועל” אַ בייזן, שטאַרק ירגזונדיקן בריוו אין רעדאַקציע קעגן „גאָלאָמבס חשבונות מיט דער וועלט”, — „וואָס ווילן זיי פון אונדז? אַאַז”וו”. דער בריוו קומט אַזש פון חיפה, ארץ־ישראל. איך וואָלט אַזאַ יידן אין חיפה געעצהט צופאָרן מיט דער באַן וואָס גייט פון חיפה אויף צמח איינע־צוויי קליינע סטאַנציעס, אַראָפּ־גיין און צופוס זיך דורכשפּאַצירן איבער די צעשאָטענע אין עמק יידישע דערפלעך. זאָל דער ייד דאָרטן לערנען דעם „קליינעם” אונ־טערשייד צווישן דעם ווי יידן לעבן —

א) איטלעכער ייד באַזונדער שטייט אַליין פאַר (אָדער קעגן) דער וועלט: אין שטוב — די דינסט, די שכנים, די נישט פריינד־לעכע גאַס; אין געשעפט די פרעמדע קונים מיט זייערע נייגונגען און

מיינונגען, קאַפּריזן און פאַרלאַנגען; אין דערציִונג פון די קינדער — די פרעמדע אידעאַלן, שטרעבונגען און אויסרעכענונגען, די פרעמדע קולטור און פרעמדע טראַדיציעס. און אַזוי אויף אַלע טריט און שריט, דאָס גאַנצע לעבן — באַזונדערע טראָפּנס אין א פרעמדן ים, און אין קאָפּ כסדר „מה יאמרו הגויים”.

און פאַרקערט, ב) פּריוואַט, איטלעכער ייד אין זיין גאַנצן פּריוואַטן לעבן, אין שטייגער, אין דערציִונג, — אומעטום נאָר ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע. — און לגבי דער וועלט טרעט אַרויס נישט קיין סכום באַזונדערע יידן, — נייערט איין אָרגאַניזירטער, מיט איין ווילן געשמידטער גאַנצער יידישער קאָלעקטיוו... דאָס ערשטע איז גלות, דאָס צווייטע איז גולה. דאָס אַלץ.

אַ יאָ, ס'איז אַן אונטערשייד? אַ ייד פון חיפה וואָס האָט נאָך דערצו אַ חוש צו טעריטאָריאַליזם בכלל וואָלט אַזוינע זאַכן געדאַרפט אַליין פאַרשטיין און פאַרשפּאָרן זיך נעבעך אויפצורעגן און שרייבן אַזוינע בעסדיקע בריוו אין די רעדאַקציעס.

אַפּריל 1946

גלות, גולה, גאולה

לאַמיר רעזומירן:

1.— נישטאָ מער קיין אמונה אין קיין איין גלות. **מיר מוזן קאַטעגאָריש איבעררייסן אונדזער לעבן אין אַלע גלותן.**

2.— **פון אייביק אָן האָט דאָס יידישע פאָלק ליב זיך צוצוהערן צו די פאַלשע נביאים וואָס זאָגן צו „שלום, שלום" און עס איז נישטאָ** און עס קען מער נישט זיין קיין שלום פאַר דעם יידישן **פאָלק כל זמן ער וועט זיין צעזייט און צעשפּרייט צווישן פעלקער, צעשאָטן און צעשליידערט איבער לענדער. יעדער איינרעדן אַנדערש איז דער גרסטער פאַרברעך קעגן דעם פאָלקס מאָרגן.**

3.— **נאָך מער:** דער גלות פון יידן איז אַ שטער פאַר דער גאולה פון דער וועלט: **מיר דינען פאַר גאַר דער רשעות פון דער וועלט פאַר דער רויטער טוך וואָס דאַרף צערייצן די בלוטדאַרשטיקייט, אויף אונדז האָדעוועט מען די טייוולאַנישע אינסטינקטן און פון אונדזער שוואַכקייט און אומאָרגאַניזירטקייט צינדט זיך אָן דער פייער איבער גאַר דער וועלט; מיט אונדזער אומבאַהאָלפנקייט צעברעכט די רשעות אַלע מאָראַלישע איינהאַלטערס אויף דער וועלט בכלל.** כל זמן מיר וועלן זיך נישט אויסלייזן, וועט די וועלט זיך נישט קענען אויסלייזן.

אָבער פון אַלע אידעען וואָס צירקולירן איצט ביי יידן נעמט קיין איינע נישט אַרום די גאַנצע פּראָבלעם. אָפּגערעדט פון די **אַלע פּרינציפּיעל־גלותיסטע טעאָריעס, איז אויך די גאולה־אויפפאסונג צו פּרימיטיוו און אויבערפלאַכיק.**

—ב—

גלותן זענען פאַראַן פאַרשיידענע: — פּאָליטישער, טעריטאָ־ריעלער, פיזישער, עקאָנאָמישער, יורידישער און עס איז פאַראַן אַ גייסטיקער גלות, פון דער נשמה, אַ גלות־השכינה. און אָט דער גלות איז דער שווערסטער, דער ערגסטער, — פון אַלע גלותן קען מען זיך ראַטעווען, פון דעם גלות מוז מען זיך אויסהיילן, — און גייסטיקע קראַנקייטן זענען די שווערסטע. מיט גאולת הארץ איז נאָך ווייט נישט דערגרייכט די גאולת העם, און כל זמן דאָס פאָלק איז נישט אויסגעלייזט פון זיין גייסטיקן גלות, קען מען קיין מאָל נישט זיין זיכער מיט דעם וואָס עס שאַפט זיך אין ארץ ישראל: דער גלות־השכינה טראָגט זיך אַריבער אויך אין ארץ ישראל און פאַרסמט די אויפטוען דאָרטן. וועט די גולה נישט זיין מאָראַליש פעסט, — וועט ארץ ישראל קיין מאָל נישט זיין זיכער. דער פּראָגנאָז פון „גאולה איז אומעטום, אין אַלע צעשפּרייטונגען פון גלות, אומעטום ווו עס וווי־נען און ווו עס לעבן יידן. די וואָרצלען פון גאולה ליגן אין דער גולה. און ווייטער —

ארץ ישראל ליגט אין אַ שלעכטן ווינקל פון דער וועלט. אין משך פון דער גאַנצער געשיכטע איז אָט דאָס קליינע לענדל א שפּיל אין די הענט פון די „גרויסע", און די יידישקייט פון ארץ ישראל איז אַלע מאָל אָפּהענגיק פון אָט דעם שפּיל. יידן האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן און מאַכן דאָס לאַנד אומאָפּהענ־גיק, יידן האָבן קיין מאָל נישט געקאָנט האַלטן דעם גורל פון ארץ ישראל אין זייערע אייגענע הענט אַליין. אַלע מאָל ווען די יידן זענען געווען כלומרשט זעלבשטענדיק אין ארץ ישראל, האָבן זיי נישט געהאַט קיין מנוחה־שעה צוליב דער פּאָליטיק פון די „גרויסע", פון די הערשנדיקע לענדער אין די געגעבענע תקופות. און איצט וועט זי־כער זיין נישט בעסער, נאָר ערגער: די וועלט איז „געוואָרן קלע־נער" און אין דעם פּאָליטישן שפּיל זענען אַריין אויך די ווייטערע לענדער. אַלע מאַכטהאָבער פון גאָר דער וועלט האָבן אריינגענומען ארץ ישראל אין זייער פּאָליטיק אַריין, די גליקלעכסטע און די רו־

איקסטע און די שטילסטע צייט האָבן יידן געהאַט אין ארץ ישראל דווקא ווען זיי זענען דאָרטן געווען נישט קיין פּאָליטישע באַלעבאַטים, נאָר זיי האָבן בלויז געהאַט דאָרטן אַ קולטור־אויטאָנאָמיע. איך מיין די צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט פון נחמיה ביז אַלעקסאַנדער מוקדון. אין משך פון אָט דער צייט איז דאָס יידנטום אין ארץ ישראל אויסגעוואַקסן פון אַ קליינער און אָרעמער געמיינדע צו אַ פאָלק צוריק; עס איז אָנגעוואַקסן כוח פאַר דעם חשמונאים־פּאַר־מעסט. די חשמונאים זענען געווען געוויס די גרעסטע העלדן אין דער יידישער געשיכטע, — אָבער די רעזולטאַטן פון זייער העלדישקייט האָבן גאָר נישט געבראַכט קיין גרויסע נוצן דעם יידישן פאָלק און זיין זעלבשטענדיקייט. אַן ענלעכע רויקע און שעפערישע תקופה האָבן יידן געהאַט אין א צווייטן לאַנד אָן פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט נאָר מיט אַ ברייטער און גוט אָרגאַניזירטער אויטאָנאָמיע. איך מיין בבל אין דער צייט פון תלמוד און די גאונים.

דאָרטן האָבן מיר געהאַט אַן אָרגאַניזירטע גולה, און אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק קען זיכער אָט די גולה קאָנקורירן מיט די אויפטועו פון ארץ ישראל. אַנדערש ווי דער רייכער און פּאָליטיש שטאַרקער ישוב פון יידן אין אַלקעסאַנדריע של מצרים, אַנדערש ווי דער גלאָררייכער ישוב פון יידן אין שפּאַניע אין דער „גאָלדענער תקופה״, אַנדערש ווי די שטאָלצע ישובים אין מערב אייראָפּע נאָך דער עמאַנציפּאַציע און אַנדערש ווי דער שטאָלצער און רייכער יידישער ישוב אין היינטיקער אַמעריקע. אַנדערש ווי די אַלע ישובים, אָבער נישט אַנדערש ווי דער מיזרח־אייראָפּעישער ישוב שפּעטער, האָט בבל געשמידט די יידישע אייביקייט, געשאַפן יידישקייט און אָפּגעלאַגערט אויף לאַנגע דורות נאָך דעם ווי דער ישוב אַליין איז שוין אונטערגעגאַנגען.

ארץ ישראל איז טיף פאַרבונדן מיט עם ישראל פון אברהם אבינו אָן און ביז היינט. עס וואָלט געווען נאַריש און פאַרברעכעריש צו לייקענען אָט דעם „ברית בין הבתרים״. אָבער — נישט ארץ ישראל קען שאַפן זיעם עם ישראל נאָר פאַרקערט אַ שעפעריש עם ישראל איז בכוח צו בויען אן ארץ ישראל אַפילו נישט אין די ראַמען פון

געאָגראַפישן לאַנד ישראל. דאָס לאַנד ישראל אָן אַ שטאַרק שעפערישן פאָלק ישראל האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין קיום און יידן האָבן דאָרטן דעגענערירט נישט בעסער ווי אַנדערשווו.

—ג—

באַמיט זיך מיין פריינד ישראל עפרויקין, דער מיטן שאַרפן מוח און טיף פילנדיקן יידישן האַרץ צו באַווייזן אַז יידן האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון ארץ ישראל, אַז יידן האָבן תמיד גע־קעמפט צו דערגרייכן ארץ ישראל („אידישער קעמפער, פסח־נומער תש"ו און „יידישע וועלט"). פריער פאַר אים האָט עס באַוויזן דער היסטאָריקער בן־ציון דינאבורג. קיינער קען עס נישט לייקענען און קיינער טאָר עס נישט לייקענען! אָבער — צי האָבן די אייביקע אָנ־שטרענגונגען געפירט צו דויערנדיקע רעזולטאַטן? צי האָבן די קאַמפן אָן אויפהער פאַר ארץ ישראל אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק? אָדער — כל זמן דאָס פאָלק האָט אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען גע־שמידט זיין אייביקייט, האָט אין האַרץ פון פאָלק געפלאַמט די בענק־שאַפט צו ארץ ישראל ווי צו דעם סימבאָל פון זיין אייביקייט?

נאָך מערער: נישט געקוקט אויף דער גוואַלדיק גרויסער עמאָ־ציאָנעלער צוגעבונדנקייט פון פאָלק ישראל צום לאַנד ישראל, נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע עליות קיין ארץ ישראל, — דאָך איז עס יידן קיין מאָל נישט געלונגען אויפצושטעלן אין יענעם לאַנד אַ מער־דויעריקן ישוב וואָס זאָל זיין בכוח צו קאָנקורירן מיט אַנדערע ישו־בים פון דער גולה אין פאַרשיידענע גלותן.

און איצט איז דער ענין ארץ ישראל נאָך שווערער, נאָך פאַר־פלאָנטערטער — נישט די רשעותדיקע וועלט וועט אונדז לאָזן באַ־קומען ארץ ישראל: נאַפט און יידיש בלוט — וואָס איז וויכטיקער פאַר זיי? נישט דאָס לאַנד וועט קענען אויפהאלטן דעם קיום פון פאָלק אין דער וועלט.

דער וואָס פאַרוואַרלאָזט דאָס פאָלק אין אַלע זיינע צעשפּריי־טונגען פאַרלאָזנדיק זיך אויף ארץ ישראל, דער איז א כופר בעיקר, דער גייט אין די וועגן פון שבתי צבי. דווקא אין נאָמען פון ארץ

ישראל, דווקא אין נאָמען פון יידישער אייביקייט מוז מען שמידן די גולה, מוז מען דאָס גלות־יידנטום אַריבערפירן אויף גולה־נאָרמען. מען טאָר נישט איינוואָרפן קיין אַלטן בית מדרש כל זמן דער נייער איז נאָך נישט אויסגעבויט. נאָר אַ שטאַרקע גולה וועט קענען אויס־קעמפן און וועט קענען איינהאַלטן א יידישע ארץ ישראל. דער וואָס שטעלט אַ דיאַגנאָז: עס גייט אונטער דער גלות, זאָל לעבן ארץ־יש־ראל! — דער גראָבט אונטער אויך די פונדאמענטן פון אַ יידישן ארץ ישראל. דער דעוויז מוז זיין: אַ שטאַרק, אַ שעפעריש יידיש פאָלק מיט ארץ ישראל, א שעפעריש פאָלק אומעטום און אין ארץ ישראל. שטעלט קיין מאָל ארץ ישראל קעגן דער גולה — דאָס איז דער וועג פון אַלע פאַלשע משיחים; שטעלט ארץ ישראל און די גולה קעגן דעם גלות, — און פון דעם וועט אויסוואקסן די גאולה. וואָלטן מיר געהאַט אַן אָרגאַניזירט פאָלק אין גלות, וואָלטן מיר גע־האַט א גולה, — וואָלט אונדזער חורבן נישט אַזוי גרויס געווען, וואָלטן מיר געקאָנט א סך ראַטעווען.

לאָמיר זאָגן אַז יידן וואָלטן נישט אָפּגעוואָרפן דעם אוגאנדע־פּראָיעקט מיט פערציק יאָר צוריק, וואָלטן יידן געהאַט אַן אייגענע טעריטאָריע דאָרטן, — וויפל וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען! וויפל נענטער וואָלטן מיר געווען צו ארץ ישראל איצט! און נישט נאָר די ציוניסטן זענען שולדיק — ווו זענען געווען די נישט־ציוניסטן? די טעריטאָריאַליסטן און אַלע אַנדערע יידן?

די נייע טעריטאָריאַליסטן זיצן מיט לאַנדקאַרטעס אין די הענט און זוכן טעריטאָריעס. זיכער! איטלעך אָרט ווו מען וואָלט געקאָנט ראַטעווען יידן פון די לאַגערן און פון פוילן וואָלט געווען א ישועה, אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זוכן צו ראַטעווען באַצייטנס דעם גלות־אמעריקע אויפן אָרט כל זמן עס איז נאָך צייט? די יידן אין אַמעריקע גייען אונטער: נאָך אַ דור און נאָך א דור און פון יידן אין אַמעריקע וועט בלייבן נישט מערער וויפל עס איז געבליבן פון אַלעקסאַנדריע של מצרים. דער דריטער, דער פערטער דור יידן אין די אַמעריקעס זענען יידן נאָר פאַר די שונאים, — פאַר זיך, אין זיך, אין באַוווּסטזיין זענען זיי שוין נאָר אמעריקאנער, — און דעמאָלט

ווען דער יידישער באַוווסטזיין איז שוין אין גאנצן אָפּגעשוואכט, — דעמאָלט וועט זיי באַפאַלן די גאַנצע שינאה פון אַרום, און זיי וועלן אויפגעגעסן ווערן, די אַמעריקאַנער וועלן די מלאכה קענען נישט ערגער פון די דייטשן און פון אַנדערע... און אויב נישט איצט — איז ווען?

—ד—

די צוקונפט פון אַמעריקאַנער פעלקער קען גיין אויף צוויי וועגן: אָדער אַמעריקע וועט זיך נעמען אויפן וועג פון „אַ נאַציע פון נאַציעס" אָדער זי וועט דערטרונקען ווערן אין אַ מבול פון דעמאָ־ראַליזאַציע צו וואָס עס פירט די פאַלשע טעאָריע פון „שמעלץ־טאָפּ". פעלקער און שטיקלעך פעלקער וואָס באַפעלקערן אַמעריקאַנער שטעט פאַרלירן זייער קולטור, זייער טראַדיציע, זייערע איינהאַלטנ־דיקע נאָרמעס. קיין נייע „אַמעריקאַנער" קולטור וואָס זאָל צאַמען און האַמערן וואַקסט נישט אָן, — פון קולטורלאָזיקייט וואַקסט קיין קולטור נישט אַרויס, — און דעמאָלט וועט דער ערשטער קרבן זיין דער יידישער גלות אין אַמעריקע. אויף רחמנות טאָר מען נישט וואַרטן און קיין כוח ביי די וואָלן וועלן יידן אויך נישט זיין, — וועלן במילא יענע „אַמעריקאַניזירטע" יידן זיין דער גרינגסטער קרבן פאַר די ווילדע אינסטינקטן פון די צעווילדעוועטע אַנדערע בירגער פון לאַנד. נישט בעסער און נישט באַשיצטער ווי עס זענען געווען די געראַמאַניזירטע יידן אין דייטשלאַנד. אָט איז די צוקונפט פון יידן אין די אַמעריקעס. ס'איז נישט קיין גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, — עס איז אַ פאַקט, וואָס דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלעמען, וואָס ווילן זיך נישט איינרעדן קיין פייגעלעך אין בוזעם. און אָן דעם יידנטום אין אמע־ריקע וועט זיך קיין יידישע ארץ ישראל אויך נישט קענען האַלטן אויב אַפילו אַזאַ וועט זיין געשאַפן.

די וועלט גייט פון איין קאַטאַסטראָפע צו אַ גרעסערער, פון איין מלחמה צו אַ שרעקלעכערער. די וויסנשאַפט „פּראָגרעסירט", די מאָרד־אינסטרומענטן ווערן טאָטאַלער, חורבונות פּראָגרעסירן, זיי ווערן קאָסמישער, גאָר די וועלט שטייט אין קאַן חרוב צו ווערן אין

„פראָגרעס" פון וויסנשאַפטן און ציוויליזאַציע. און דער ערשטער טיפסטער חורבן איז געקומען אויף יושר, גערעכטיקייט וכדומה „בטלנישע נאַרישקייטן", וואָס מיר יידן האָבן אמאָל געטרוימט אויס־צולערנען די וועלט. נישטאָ קיין האָפענונג מער אויף דעם. מינערוואַ קען אַרויפּטויכן פון ים, פון ים בלוט און פרעכן אומרעכט וועט קיין יושר נישט אַרויסקומען, פון שלעכטס קען קיין גוטס נישט אויס־וואַקסן, און פאַרפלייצונגען פון רשעות, קענען נישט איבערלאָזן קיין זאמען פון גערעכטיקייט, אין מבולס פון רציחה מוז דערטרונקען ווערן דער אַלטער, נאַיווער יידישער „לא תרצח". ווען דער גייסט פון אדום צעגיסט זיך איבער אַלע וועלטן, — קען דער גייסט פון יעקב קיין תקומה נישט האָבן... דער מאָרגן פון גאָר דער וועלט שיינט אויף אין ימען בלוט און פייער און חורבונות און אין רשעות. און אין אַט דער „וועלט פון מאָרגן" איז אונדזער גורל נאָך מער באַשטימט און נאָך קלאָרער, — סיידן מיר זאָלן אַליין אויפבויען אונדז אַ מאָרגן, אומאָפּהענגיק, אַדער ווייניקער אָפּהענגיק, אַ נאַציאָנאַלע פאַרזיכער־קייט, אַן אינדול אין אַט דער וועלט. פון אַלע חורבונות איז דער גרעסטער דער חורבן פון מאָראַל, די אָפּשאַפונג פון אַלע עטישע איינ־האַלטערס: אַלץ קענען מיר און אַלץ מעגן מיר. וואָס גרעסער דאָס „מיר קענען" — אַלץ הפקרדיקער איז דאָס „מיר מעגן". אַמעריקע וועט נישט זיין בעסער. וואָלט געווען אַ האָפענונג אַז אַמעריקע וועט זיך לאָזן אויפן וועג פון אַ נאַציע פון נאַציעס, און איטלעך פאָלק וועט שטאַרקן זיין טראַדיציאָנעלע קולטור, וועט אַט די קאָלעקטיווע טראַדיציע שאַפן און שטאַרקן די מאָראַלישע איינהאַלטער און נישט דערלאָזן די הפקרדיקע ווילדקייט זאָל זיך צעוואַקסן. וועט אָבער אַמעריקע גיין אויף איר אַלטן וועג פון „איין לאַנד — איין פאָלק", וועט די קולטורלאָזע „לעב אַ טאָג־הפקרות" הרוב מאַכן אויך די רעשטלעך פון מאָראַלישע איינהאַלטערס... און דער ערשטער קרבן פון אַט דער הפקרות וועלן זיין מיר, — און וואָס שוואַכער עס וועט זיין די יידישקייט אין די יידן פון יענעם דור, אַלץ שווערער וועט זיין דער טראַגישער אומקום און אַלץ הילפלאָזער וועלן זיין די קרבנות. ואם לא עכשיו אימתי.

און פאַרוואָס זאָלן יידן אין אַמעריקע זיך נישט באַמיען צו שאַפן אַ יידישע אָרגאַניזירטע מערהייט, אַ געזעצגעבערישע מער־הייט אין איינעם, אין צוויי שטאַטן? פאַרוואָס זאָלן יידן נישט וועלן איצט נאָך אָרגאַניזירן אין איינעם אין צוויי ווינקלעך פון גרויסן לאַנד אַ נאָרמאַלן פאָלקס לעבן?

ה

וואָס הייסט אַ נאָרמאַל פאָלקס לעבן?

אַ נאָרמאַל פאָלקס לעבן באַשטייט פון אַ פולער קולטור־ציר־קולאַציע.

וואָס הייסט עס?

אין דער נאַטור בכלל גייען פּראָצעסן אין קרייזן. למשל: עס דעמפּן זיך אויס וואַסערן פון אָקעאַנען אין דער לופט אַריין, זיי פאַלן אַראָפּ אין פאָרעם פון רעגן און אַנדערע אַטמאָספערישע אָפּזאַצן און זיי באַפרוכפּערן די ערד כדי צוריק אַראָפּצורינען אין די אָקעאַנען אַריין. דאָס איז אַ פולע צירקולאַציע פון וואַסערן אויף דער ערד. דאָס אָרגאַניש לעבן באַשטייט איבערהויפּט פון אַ שטאָפן־צירקו־לאַציע אין אָרגאַניזם, בלוט צירקולירט אין אַלע געוועבן, אָרגאַנישע שטאָפן שאַפן זיך פון אומאָרגאַנישע כדי צוריק שפּעטער אומצוקערן זיך צו אומאָרגאַנישע און אַזוי אומעטום אין דער גאַרער נאַטור.

אַ פאָלק איז אַן „איבעראָרגאַנישער אָרגאַניזם" (פּראָפ' בעכ־טערעוו), און זיין לעבן דאַרף נאָרמאַל אויך גיין אין אַן ענלעכן קרייז:

דעם פאָלקס געוויטלעך לעבן אין היים און אין גאַס, אין שטוב און אין געזעלשאַפט, דאָס האַנדלען און וואַנדלען, דער פיר און דער שטייגער, דאָס לשון און העוויות, די פאָרמען פון עסן און די מאכ־לים — דאָס אַלץ איז דאָס אָרגאַניש אייגנטימלעכע פון איטלעכן פאָלק, דאָס איז זיין „תורה שבעל פה" ווי די תלמודיסטן האָבן עס אָנגערופן און וואָס נאָך זיי האָבן געזען אין דעם דעם עיקר פון פאָלקס קיום.

און עלעמענטן פון אָט דעם פאָלקס שטייגער הייבן זיך אויף, זיי ווערן דורך יחידים־שעפער קריסטאַליזירט און פאַרוואַנדלט אין

קונסט, אין וויסן, אין טעאָריעס, אין מוזיק, אין פּאָעזיע, אין ליטע־ראַטור און זיי מוזן זיך צוריק אומקערן אין געוויינטלעכן טאָג־טעג־לעכן לעבן פון פאָלק כדי אים צו באַפרוכפּערן. נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין קולטור אין א פאָלק וואָס לעבט מיט פרעמדע נאַר־מעס, וואָס מאַכט נאָך אַ פרעמדן שטייגער. דאָס איז די פולע קול־טור־צירקולאַציע אין לעבן פון אַ פאָלק. ביי יידן אין אַמעריקע פעלט דער באַזיס: מען דרוקט ביכער, מען גייט אין טעאַטער, מען מאַכט געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס, אָבער דאָס אַלץ קערט זיך נישט אום צוריק אין שטוביק לעבן אַריין. מען מאַכט אין אַמעריקע אַ „תורה שבכתב", אָבער עס ווערט נישט צוריק פון דעם קיין „תורה שבעל פה". ווערט אין די טיילן פון פאָלק ווו די צירקולאַציע פעלט אַ גאַנגרענע. אַלע אַנדערע פעלקער דראָט עס מיט קולטורלאָזיקייט און דער קרבן פון דעם וועט זיין נישט דאָס אייגענע פאָלק נאָר תמיד אַ צווייטס. מיר יידן זענען דווקא אין אַמעריקע דער קראַנקער און דער קרבן. דאָס איז אונדזער גורל דורך דער גאַנצער געשיכטע אין אַלע ישובים, ווו מיר צעשטויבן זיך אויף באַזונדערע יחידים אָן אָן אָרגאַניזירטן כלל לעבן, אָן אָן אייגנטימלעכן, ספּעציפישן, אָפּזונ־דערנדיקן לעבן, אָן אָן אייגענעם לשון און שטייגער. ביז היינט האָט דער כלל קיין אויסנאַם קיין מאָל נישט געהאַט ,און... וואָס וויי־טער, וואָס מער די טעכנישע ציוויליזאַציע פּראָגרעסירט, — אַלץ ערגער וועט זיין אונדזער גורל. אַנדערש קען עס נישט זיין און אַנ־דערש וועט עס נישט זיין, וויפל די „גוטע נביאים" זאָלן נישט טרייסטן און נישט באַרויקן דאָס פאָלק.

לעבן איז אַן אָנשטרענגונג פון ענערגיע. און לעבן פון א קאָ־לעקטיוו — נאָך מערער. קאַמף פאַרן קיום פון כלל איז נישט וויי־ניקער ביאָלאָגיש ווי דער קאַמף פאַרן קיום פון יחיד. פאַרן יידישן כלל — נאָך מערער און מערער: מיר לעבן אין אַ וועלט פון שינאת עולם לעם עולם, אונדז איז נאָך שווערער און נאָך מער אָנשטרענ־גונג איז נייטיק.

דער יחיד שעפּט זיין ענערגיע פון דעם כסדרדיקן מעטאַבאָליזם (פון דער כסדרדיקער צירקולאַציע פון שטאָפן אין אָרגאַניזם). פאַר־

אַ מענטשן — אַ פּסיכאָלאָגישן אָרגאַניזם איז נאָך נייטיק גייסטיקע
ענערגיע, גלויבן אין זיך, מוט און דרייסטקייט. פאַר אַ קאָלעקטיוו
איז דאָ די גייסטיקע פאַרבינדונג. ווען די קולטור־צירקולאַציע איז
גאַנץ, שעפּן די נייע דורות די גייסטיקע ענערגיע פון איר: די שאַ־
פונג וואָס איז נייטיק איינצוהאַלטן די אייגנטימלעכקייט אין די גייס־
טיקע פאַרזיכיקייט גיט די שאַפונג פון דער גייסטיקער ענערגיע,
דעם „פּאָטענציאַל”. דער גלויבן און מוט אין קאָלעקטיוון „איך” קו־
מען פון דעם לעצטן טייל פון דער צירקולאַציע — פון דעם אַריינ־
דרינגען פון די קולטור־פּרוכט אין לעבן אַריין. ווען די קולטור ציר־
קולאַציע אין פאָלק איז נישט גאַנץ, באַקומט נישט דער קולטור־
באָדן צוריק זיינע זאַפטן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, ווערט ער־
אָרעם און הערט אויף צו פּראָדוצירן. די פּרוכט זיינע פוילן אין די
קראָמען, אין די לאַגערן און ער קען מער נישט שאַפן. דאָס יידישע
לעבן אין די אַמעריקעס איז אָט אַזאַ אויסגעצערטער באָדן, אָן זאַפטן,
אָן שעפערישער ענערגיע. ווילד־גראָזן און מיסט־גראָזן צעוואַקסן זיך
אויף אים און זיי דערשטיקן די רעשטלעך פון געוועזענער קולטור.
די מענטשן זענען דאָ, דורות וואָס שטאַמען פון יידן וועלן זיין, נאָר
קיין יידיש פאָלק וועט שוין נישט זיין, קיין יידיש לעבן וועט נישט זיין,
קיין יידישע שעפערישקייט אויף קיינע געביטן. — אויס! מער נישט
— צרות יידישע וועלן בלייבן, ווייל די צרות קומען דאָך פון אַנדערע
און פאַר זיי זענען גייסטיק אויסגעצערטע יידן נאָך אַ בעסערער
אָביעקט, יידן מוטלאָזע, יידן אָן גלויבן אין זייער יידישקייט, אָן אַ
זינען און אָן אַ וויסן פון זייער יידישקייט — אַזוינע יידן זענען נאָך
ווערלאָזער, שוצלאָזער און מען קען גרינגער איבער זיי זיך איזדע־
קעווען. און דאָס איז דער קלאָרער היסטאָרישער גורל פון איטלעכן
יידישן קיבוץ אָן אַ גאַנצער קולטור־צירקולאַציע. קלאָר און פּשוט ווי
צוויי מאָל צוויי.

—ו—

ווער זשע זאָרגט אין אַמעריקע פאַר דער גאַנצקייט פון דער
קולטור־צירקולאַציע ביי יידן? — קיינער נישט. אַלע יידן האָבן

שטומערהייט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו זיין די „לעצטע יידן". אַז מען לאָזט, טאָ פאַרוואָס נישט? די גאַנצע פּסיכיק פון אַלע יידן איז שוין אַזוי געבויט און אומעטום וווּ מען לאָזט נאָר באַמיען זיך יידן צו זיין די לעצטע יידן, באַמיען זיך יידן צו „באַפרייען" די קינדער פון „יידישן יאָך" און מען צעברעכט די גאַנצקייט פון קולטור־צירקולאַציע. באַקומען באַקומט זיך דאָס פאַרקערטע: די צרות בלייבן און קיין כוח זיך קעגנצושטעלן זיי, אויסמיידן זיי, איבערצוטראָגן זיי איז נישטאָ. די וועלטלעכע יידן זענען פּשוט מבטל גאָר די יידישקייט אין נאָמען פון דער וועלטלעכקייט, וואָס זיי פאַרשטייען פאַלש (בכיוון) און זיי איז גוט אין הפקרות. דער קלענער טייל פון ציוניסטן וואָס באַמיט זיך אַריינצופירן יידישקייט אין זייערע היימען באַגייען אַ גוואַלדיקן טעות: דער געזעץ פון גאַנצער קולטור צירקולאַציע הייסט — פון לעבן אין תורה און די תורה צוריק אין לעבן. זיי בעגירן אָבער די תורה פון לעבן, פון פאָלקס לעבן און זיינע שאַפונגען, — און בכן — קען זייער יידישקייט נישט העלפן דעם קיום האומה אין אַמעריקע.

נאָך ערגער איז דאָס מיט דער אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע. אין פלוג האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז אָט די זענען דאָס די שומרי מסורת, די טראַדיציע־געטרייע יידן ווי זיי אַליין האָבן ליב זיך צו טיטולירן. צום באַדויערן איז עס נאָר אַ טעות. עס איז אַ גרויסע נפקא מינה פון אַמאָליקע פרומע יידן ביז די היינטיקע אָרטאָדאָקסן. איך רעד שוין נישט וועגן די „אָרטאָדאָקסן" וואָס אַליין זענען זיי מחלל שבת און עסן טרפות און פירן זייערע הייזער אויף ענגליש צי אויף שפּאַניש און אין נאָמען פון רעליגיע טרייבן זיי פּאָליטיק און ווילן געוועלטיקן איבער יידן און זענען גרייט צו צעברעכן דאָס פאָלק ישראל אויף פיצלעך נאָר זיי זאָלן האָבן די ממשלה. איך רעד וועגן די איבעריבעטיקע אָרטאָדאָקסן היינט. אויך זיי האָבן רעדוצירט יידישקייט ביז צו אַ מין קאַראַימישן האַלטן נאָר פון תורה שבכתב און לייקענען אין דער גאַנצער תורה שבעל פה פון היינט. אַן אַמאָליקער פרומער ייד האָט מקפּיד געווען אויף אַלע דייטשע מינהגים און זיטן — אַלץ וואָס יידן טוען כדי צו זיין אַנדערש און אייגנטימלעך איז

געווען פאַר אים הייליק. גאָר די יידישקייט איז פאַר זיי געווען רעלי־גיע, הייליק. היינטיקע אָרטאָדאָקסן, פאַרקערט, ווילן אַז גאָר די רע־ליגיע איז כולו יידישקייט, און נישט מער. אָרטאָדאָקסן קענען צו־נויפפאָרן ביי־יאָר בעלער מיט מיקווה, ישיבות מיט הכּבמות פון גויים. קענט איר זיך פאָרשטעלן א פרומען יידן פון פריערדיקן דור אין רוסלאַנד למשל מיט רוסיש אין דער היים? און היינט אין די אַמעריקעס האָט איר עס כסדר. יידישקייט איז כסדרדיקע שעפע־רישקייט פון יידישן גייסט. און די אָרטאָדאָקסיע לייקנט און וויל נישט אַנערקענען קיין זאַך וואָס דער יידישער גייסט שאַפט נייעס. אַ פרומער, אַ גאַנצער ייד איז דער וואָס גלייבט, אַז „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני" — אַלץ וואָס אַ גוטער תלמיד שאַפט אין יידישן גייסט איז אַזוי הייליק (טייער, וויכטיק) ווי דאָס וואָס משה האָט געקראָגן אויפן באַרג סיני, און „יפתח בדורו כשמו־אל בדורו" — און ביאַליקס אַ פּאָעמע, און פרצעס הסידות, און טו־ביה דער מילכיקער דאַרפן אין דעם זינען זיין פאַר אים נישט ווײ־ניקער יידישקייט ווי דאָס וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון קדמונים. און די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע לייקנט אין דעם. טאָ מיט וואָס זענען זיי אַנדערש פון די קאַראַימער בשעתם? פון די צדוקים אַמאָל, וואָס זייער יידישקייט איז פאַרדאַרט געוואָרן און אָפּגעשטאָרבן? און נישט קיין אַנדער גורל וואַרט אויך פאַר דער היינטיקער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, וואָס איז טויט און האָט נישט קיין שעפערישן גייסט אין זיך. בייך, נישט זיי זענען „שומרי מסורת" — די היטער פון טראַדי־ציע! טראַדיציע איז שעפעריש, פושט צורה ולובש צורה, זי האַלט אין וואַקסן און אין כסדרדיקן באַנייען זיך. „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש"— עס קען נישט זיין קיין לערנען אָן נייע שאַפונגען. די „תורה איז געגליכן צו געוויקסן וואָס פרוכפערן זיך און מערן זיך". דאָס ווילן נישט די היינטיקע אָרטאָדאָקסן. זייער יידישקייט איז אַ טויטע, אַ באַלזאַמירטע און אין איר איז נישטאָ קיין קולטור־צירקו־לאַציע, מיט איר קען קיין פאָלק נישט לעבן און ממשיך זיין זיין קיום. די פראַנקופרטער אָרטאָדאָקסישע יידן אין דייטשלאַנד זענען געווען אויפריכטיק פרום, אָבער קיין שעפערישקייט איז ביי זיי

נישט געווען, זיי האָבן שפּראַכלעך און שטייגעריש געלעבט ווי דײַטשן, — און זיי זענען נישט פאַרהיט געווען פון אַסימילאַציע. קראָקעווער פרום־חסידישע שטריימל־יידן מיט זייערע פאַרפּוילישטע טעכטער אין די היימען און די נישט פרומע, וועלטלעך־יידישע יונגעלייט אין אַ ווילנע — ווו איז געווען מער שעפערישע יידישקייט? — דריי מיניגים קראָקעווער שטריימל יידן פאַר איין קאָמוניסטישן שוסטער יצחק וויטנבערג מיט זיין מסירת נפשדיקן לעבן און טויט!

ניין, נישט די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע איז די טרעגערין פון דער יידישער טראַדיציע אין איר שעפערישקייט, און נישט אין איר איז אונדזער המשך, דער המשך פון פאָלק, יידישקייט, שעפערישע יידישקייט איז אין זיך טראַנספאָרמירנדיקער טראַדיציע, אָבער נישט אין פיקסירטער רעליגיע. יידישקייט איז א טאָטאַלע אנדערשקייט און פאַרזיכיקייט פון די לעבעדיקע יידן לגבי דעם הערשנדיקן פאָלק וואָס צווישן אים לעבן די יידן. סעקטאַנטישע אַנדערשקייט פון דער דאַוון־צערעמאָניע אַליין ביי אַ דראַנג צו ביוועלירן אַלדאָס איבעריקע אין לעבן — דאָס איז ווייט נישט קיין יידישקייט, און נישט דאָס קען אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק.

—ז—

אין די לעצטע יאָרן האָבן א סך וועלטלעכע אינטעליגענטן גענומען רעדן וועגן תשובה טאָן, צוריק צום יידישן גלויבן און צו דער יידישער רעליגיע. עס איז אַ גרויסער ענין: די יידישע אינטעליגענץ איז אַוועק פון דער טראַדיציע, אַוועק פון יידישקייט, געזוכט אומעטום גאַנצקייט, געזוכט פאַר זיך אַ גלויבן — און נישט געפונען. איז דווקא דער בעסערער טייל געקומען צוריק. א פאָר דורות האָבן אַזוי געבלאָנדזשעט. דער גרעסטער טייל איז אַוועק צו ווייט, די צענטראַפּוגאַלע קראַפט האָט זיי און זייערע קינדער אָפּגעריסן לגמרי פון דער יידישער אַרביטע, פון יידישן לעבן, און קיינער איז פון זיי נישט געקומען צוריק. אַ קליינער טייל איז נאָך אַלע אנטוישונגען געקומען צוריק. אָבער צו וואָסער פּונקט טרעפן זיי צוריק? עס איז כמעט אוממיגלעך אַז אַ זאַך וואָס איז אַרויס פון איין פּונקט זאָל צוריק טרעפן

אין זעלביקן פּונקט. אַלץ — אַלץ שטראַמט, אַלץ ענדערט זיך, און קיין פּינקטלעכער צוריק איז אויך דאָ נישט מעגלעך. האָט ד"ר נתן בירנבוים זיך אומגעקערט צו דער אָרטאָדאָקסיע באמת, האָט פּרץ זיך צוריקגעקערט צו אַ גאַנצער יידישקייט וואָס ער אַליין האָט אויס־געחלומט אין קונסט, — צום באַדויערן נאָר אין קונסט —. האָט ביאַליק געחלומט צו גיין צו די יידן וואָס זענען „שומרי מצוות" און איז באַרויקט געוואָרן צווישן די וואָס האָבן זיך אַרומגענומען מיט אַ נייעם שווערן „שולחן ערוך" פון נייע מצוות און עבירות. כאָטש ווייט נישט מיט אַלע פּונקטן פון אָט דעם שולחן ערוך איז ער געווען מסכים, איז אים דאָך דאָ געווען א סך וואַרעמער ווי צווישן הפקר־פרייע יידן וואָס האָבן אויף זיך קיינע מצוות און קיינע עברות.

מיינען אַנדערע יידישע זוכנדיקע אינטעליגענטן צו געפינען אָט די גאַנצקייט אין דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, אָבער עס איז א טעות און זיי וועלן זיך מוזן אנטוישן — נישטאָ ביי דער אָרטאָדאָקסיע קיין שעפערישע יידישקייט, קיין לעבעדיקע יידישקייט, עס איז אַ טויטער בר מינן פון יידישקייט, אַ שטיקל פון דעם פאַרבאַלזאַמירט און אָפּ־געהיט ווי א טויטער גוף. איך דערמאָן זיך א ראש חודשדיקע מינחה אין א שול אין ווענעציע. מען האָט געדאַוונט פרום, מיט א נוסח, — אָבער דאָס אַלץ איז געווען א טויטע יידישקייט אַזוי טויט ווי טויט עס זענען די שטיינער וואָס זענען געבליבן פון אַנדערע פעלקער. איך האָב געזען פאַרשטיינערטע יידישקייט, א מצבה נאָך א יידישקייט וואָס האָט אַמאָל געלעבט. נישט דאָס איז די יידישקייט וועגן וועמען ביאַ־ליק שרייבט:

אויב דו ווילסט קענען די דערבאַרמדיקע מאַמען
וואָס האָט די טרערן פון איר עלנט קינד צונויפגעזאמלט,
און אָפּגעהיט די טריט זיינע מיט גרויס רחמנות;
און ווען ער קערט זיך אום אונטער איר באַלטן, אַ פאַרשעמטער,
צעבראָכן, מיד, — טוט זי אים אָפּווישן די טרערן,
פאַרדעקט אים מיט איר פליגל און פאַרשלעפּערט אים אויף
אירע קני...
(אויב דיין נשמה וויל)

בכן — די אינטעליגענטן וואָס קומען פון אַנטיטעזיס און זיי זוכן דעם סינטעז פון יידישקייט, — זיי וועלן אים ביי דער אָרטאָ־דאָקסיע נישט געפינען. דער סינטעז קען נישט זיין גלייך צום טעזיס, וואָס פון אים איז מען אַרויס אַ מאָל. דער סינטעז מוז איצט געפונען ווערן — ער איז נישטאָ קיין פאַרטיקער, און די אינטעליגענץ וואָס זוכט דעם וועג צו זיך, דאַרף אָט דעם סינטעז בויען פון זיך, פאַרקערפערן אין מעשים און אין לעבעדיקע אינסטיטוציעס די פאָר־שטעלונגען וועגן דער אייגענער, היימישער און סינטעטיש גאַנצער יידישקייט, וואָס זיי טראָגן ביי זיך אין די הערצער. סוף מעשה במח־שבה תחילה — גאָר די יידישקייט ווי די נביאים האָבן שפּעטער געגומען פאַרקערפּערן אין מעשים, מקיים צו זיין אין לעבן מיט איין הויפּט קריטעריום: מאַכן דאָס יידיש לעבן איינהייטלעך איבער דער גאָרער צעשפּרייטונג און מאַכן דאָס אַנדערש, אייגנטימלעך־פאַרזי־כיק און אָפּגעשיידט פון אַלץ וואָס אַרום. זיי האָבן זיך נישט באַמיט צו קאָפּירן דאָס געוועזענע, דאָס אָפּגעלעבטע. האָבן זיי געענדערט, האָבן זיי נייע אויפגעשטעלט, מחדש געווען, פאַרהייליקט זאַכן און פאַרקערט באַזייטיקט (דן געווען לגניזה), האָבן זיי באַזייטיקט טעאָלאָ־גישע פילאָסאָפיע, — יידישקייט, הייליקע יידישקייט איז נישט אין אידעען, נישט אין אַבסטראַקציעס און נישט אין פאָרמולירונגען, נייערט אין מעשים און אין איינגעשטעלטע נאָרמען פון לעבן, וואָס אין צייט פון סכנה פאַר יידישקייט איז יהרג ולא יעבור אַפילו פאַר אַן „ערקתא דמסאנא" (אַ מינהג ווי צו פאַרשנורעווען אַ שוך). אָט דאָס איז געווען דער סינטעז, וואָס עס האָבן אויפגעבויט אין יידישקייט יענע „אינטעליגענטן" וואָס האָבן אויך דורכגעמאַכט אַזאַ וועג: דער טעזיס פון בית המיקדש קולט, פון אים צום נביאישן אַנטיטעזיס,— און זיי, — ערשט די פרושים — האָבן געשאַפן דעם סינטעז.

אַן ענלעכע אויפגאַבע שטייט אויך היינט פאַר די היינטיקע יידי־שע אינטעליגענטן וואָס זוכן זייער וועג צו גאַנצער יידישקייט. נאָר נישט צו דער אָרטאָדאָקסיע, נישט צוריק — נישט דאָרטן איז שע־פערישע יידישקייט!! !

—ח—

מיט אַ צייט צוריק האָט זיך איבער דער יידישער פרעסע אין די שטאָטן דורכגעטראָגן אַ שטורעם: ד"ר ל. פינקלשטיין פון דעם שעכטער סעמינאר אין ניו יאָרק האָט אין אַ רעפעראַט ארויסגעבראכט אַז אין אַמעריקע גייט אונטער יידישקייט. ער האָט שפּעטער זיינע וואָרענונגען איבערגעחזרט אין אַן אַרטיקל אין דעם העברעישן „הדואר"...

און מען האָט אין די יידישע צייטונגען וועגן דעם גערעדט און געשריבן ביז עס איז געוואָרן אויס נייעס, און — מיט אַלטע זאַכן וועט מען דאָך נישט קאָרעמענען די לייענער. דער ענין איז אָבער אַ צו ערנסטער, מען זאָל כּון אים מאַכן אַ צייטווייליקן אינטערעס, אַ צייטונגס טעמע.

קודם כל — די טעמע איז דאָך נישט קיין נייע, — יידישע שרייבערס און רעדנערס האָבן דאָך שוין וועגן דעם געשריבן און גערעדט אין משך פון יאָרן, האָט מען דאָך שוין געוואָרנט, געשריבן, געלאַרעמט, אין אַלע גלאָקן געקלונגען, — און פאַרוואָס האָט זיך דער יידישער עולם און די פּרעסע ערשט איצט אָפּגערופן? פאַרוואָס האָבן די ביזאיצטיקע וואָרענונגען און געשרייען נישט גערירט נישט די יידישע צייטונגסשרייבערס און נישט די לייענערס? פאַרוואָס האָט זיך דער עולם אָפּגערופן ערשט איצט, ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט זיך? איז עס בלויז אַ צופאַל? אַ מזל אַזאַ — „הכּל תּלוי במזל, אַפילו ספר תּורה שבהיכל"? — ניין, די סיבה איז דאָ אַ פּשוטערע און אַ טראַגישערע: ביז איצט האָבן די וואָרענונגען געשריבן מיט ווייטאָק און מיט בלוט שרייבערס און רעדנערס וואָס נוצן יידיש, — און צי האָט איר געזען אַז אַמעריקאַנער יידן זאָלן האָבן דרך ארץ פאַר זאַכן אין יידיש, אויב אפילו זיי אַליין רעדן יידיש? ד"ר פינקלשטיין ווען ער וואָלט געווען אַ יידיש רעדנדיקער ייד, וואָלט ער זיכער אויך נישט געהאַט קיין בעסערן קבלת פּנים. און דאָ ליגט איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פון דעם אונטערגאַנג... אָבער נישט דאָס בין איך דאָ אויסן.

פינקלשטיין האָט נישט גענומען די פּראָבלעם אין איר גאַנצער טראַגישער טיפקייט: — עס גייט אונטער נישט נאָר יידישקייט, — עס גייט גייט דאָך צוזאַמען מיט דעם אויך אונטער דאָס יידנטום.

נישט קלאָגט אויף דעם אומקום פון יידישער קולטור, — מען דאַרף וויינען און שרייען אויף דעם חורבן פון יידישן פאָלק. און דער אונטערגאַנג קומט פאָר אין עטלעכע מדרגות: אונטערגאַנג פון יידישקייט מוז פירן צו דעקולטוריזאַציע בכלל. פון דאַנען מוז ווי אַ דירעקטע תולדה קומען דעמאָראַליזאַציע. די ווייטערדיקע תולדה איז כּאַציאַלע דעגענעראַציע אין קאַמף פאַרן קיום און צום סוף מוז קומען די לעצטע מדרגה — פשוט פיזישער אומקום צי אין פאָרמען פון פּאָגראָמען, צי אין פאָרמע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן פּאַראַליז און במילא צעקוועטשט ווערן אָן בלוט.

צו דעם האָט זיך פינקלשטיין נישט דערערדט, בכל אופן אין זיין געדרוקטן אַרטיקל אין „הדואר". ווילט זיך פשוט אויסשרייען וואָס קלאָגט איר אויף די האָר, אַז דער קאָפּ איז אין סכנה!

ווען אַ געלערנטער יידישער פּראָפעסאָר איז געקומען באַגריבּן אַזאַ טרויעריקן פאַקט, האָט ער געדאַרפט קומען באַלאָדן מיט אַלע געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס. און וויפל יידישע קיבוצים זענען שוין ביי אונדז אומגעקומען? האָט דער ד"ר פינקלשטיין נישט געבראַכט קיין איין מוסטער, וועל איך נעמען די דרייסטקייט אים עפּעס דאָ אויפצווייזן: עס זענען אונטערגעגאַנגען פּרוכטלאָז אַלע די יידישע ישובים וואָס האָבן גענוצט די שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק. עס זענען געבליבן און געלאָזט יורשים, ווען אַפילו מען האָט זיי אומגעבראַכט, אַלע די ישובים וואָס האָבן גערעדט אַ באַזונדערע שפּראַך אָפּצוטיילן זיך פון דעם הויפּט פאָלק אין לאַנד.

פרעגט זיך וואָס טוט ד"ר פינקלשטיין און אַלע וואָס האַלטן און העלפן אים, וואָס טוען זיי פאַרן אויפהאַלטן אין אַמעריקע די ספּעציפישע שפּראַך וואָס שיידט אָפּ יידן ווי אַ באַזונדער פאָלק פון הערשנדיקן פאָלק אין לאַנד?...

איך שטעל די פראַגע און איך וויס: זיי טוען גאָרנישט, פאַרקערט — זיי העלפן זי באַגראָבן, פאַרגעסן. זיי גראָבן אַליין אונטער

די וואָרצלען פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע און שרייען אַז זיי ווילן ראַטעווען. איך ווייס: ד"ר פינקלשטיין איז אַן אַמעריקאַנער און ער וועט זיך נישט דערלויבן צו פאַרלירן זיין אויטאָריטעט מיטן רעדן אָדער שרייבן יידיש. און אַט דאָ טאַקע ליגט דער שעדלעכסטער מי־קראָב פון אונטערגאַנג. מען רופט אים — דער ביטול צו זיך אַליין, נאַציאָנאַלע „עגאָפאָביע". די וואָס קענען פון דער קראַנקייט זיך נישט באַפרייען, קענען נישט ראַטעווען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג. — דאָקטאָר, הייל זיך אַליין!

און ווייטער. ד"ר פינקלשטיין איז געקומען ווי אַן עכטער אַמע־ריקאַנער און האָט גלייך די פּראָבלעם אָריבערגעפירט אויף דער שפּראַך פון ציפער. רעדט מיט אַן אַמעריקאַנער וועגן אַ פּערזאָן, וועט ער גלייך אייך ענטפערן „ער איז ווערט..." ס'הייסט זיין באַנק־ביכל באַטרעפט. אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד איז געווען דער פּאַספּאָרט וויכטיקער פאַרן מענטשן גופא, און אין אַמעריקע איז עס לעולם דער עיקר דאָס באַנק־ביכל און דער מענטש איז די הוספה צו דעם ווי די נייטיקע אונטערשריפט צום טשעק. קומט צו אַן אַמעריקאַנער מיט עפּעס אַן אידעע, וועט ער אייך גלייך פרעגן, „האָו מאַטש?" — וויפל קאָסט עס. און ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך דאָך, — איז ד"ר פינקלשטיין גלייך געקומען מיט אַ סמעטע — פופצן מיליאָן דאָלאַר, און דאָס איבעריקע „לאָז עס צו מיר, און איר באַדאַרפט זיך מער נישט" — זאָגט זיך עס אויף דעם אַמעריקאַנער יידיש...

קען זיין אַז דער ד"ר פינקלשטיין איז אַ גרויסער געלערנטער און זייער אַ גוטער ייד, נאָר קיין קולטור־פּסיכאָלאָג איז ער זיכער נישט. וואָרום

לא זו הדרך — אויב אפילו ד"ר פינקלשטיין וועט מיט זיין סעמינאַר פּראָדוצירן רביים אַן צאָל, ענגליש רעדנדיקע סינאַגאָ־גאַלע „פּריטש־האָלדערס" וואָס קאָפירן די פּראָטעסטאַנטישע גלחים, — וועט פון דעם אַלעם קיין אייו ציגל אין אונדזער קיום נישט צו־קומען. ד"ר פינקלשטיין איז, דאַכט זיך, אַ פּאַבמאַן אין תלמוד, ווייס ער זיכער די פלוגתא אין פסחים פ"ז: ר' יוחנן זאָגט — די פעסטונג איז די תורה און די טורעמס זענען די תלמידי חכמים. און רבא

זאָגט — די פעסטונג דאָס איז די כנסת ישראל, דאָס אָרגאַניזירטע יידנטום און די טורעמס — דאָס זענען די שולן און די לערנהייזער.

דער חשובער פּראָפעסאָר האַלט קענטיק ווי ר' יוחנן, — אָבער די געשיכטע האָט געפּסקנט ווי רבא. דער אונטערגאַנג פון יידנטום אין אַלעקסאַנדריע של מצרים, די פרוכטלאָזיקייט פון שפּאַנישן יידנטום, דאָס אָפּדאָרן פון יידנטום אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, די אָפּשוואַכונג פון יידישקייט אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד אין אונדזערע טעג באַווייזט קלאָר און דייטלעך, אַז

וויפל עס זאָלן נישט זיין תלמידי חכמים — געלערנטע יידן, וויפל יידישע וויסנשאַפט עס זאָל נישט פּראָדוצירט ווערן — זענען זיי נישט די פעסטונג און נישט די טורעמס אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. און באמת: מען זאָל צונויפקלייבן צענדליקער טויזנטער געלערנטע יודאיסטן ווי דער רוס קאָקאָווצעוו, דער פראַנצויז רענאַן, דער דייטש דעליטש, וועט דען דערמיט קענען האָבן אַ קיום דאָס יידיש פאָלק?

מוזן מיר זאָגן אַז גערעכט איז רבא: עס איז נייטיק אַ „כנסת ישראל" — אַן אָרגאַניזירט יידנטום וואָס האָט אין לעבן, אין די פאָרמען פון לעבן אייגנטימלעכס, ספּעציפישעס און — לערנהייזער, — נישט פון פּראָפעסיאָנעלע רביים, נאָר לערנהייזער פאַרן גאַנצן פאָלק, — כדי איינצוהאַלטן און אָפּצוהיטן אָט די ספּעציפישקייט די יידישע, איינהיטן און איינהאַלטן די יידישע שטייגערישקייט. אַן דעם וועלן קיין הונדערט מיליאָן נישט העלפן, נישט נאָר פּופּצן, — מיט דעם זענען די פּופּצן מיליאָן אויך נישט אומבאַדינגט נייטיק. אַ קלייַנער מנין יידן פשוטע, נישט קיין געלערנטע, נאָר וואָס לעבן יידיש, דענקען יידיש קריגן זיך און שילטן זיך אין יידיש — איז מערער קיום פון יידנטום איידער גאַנצע לעגיאָנען געלערנטע יידן, וואָס אין לעבן שיידן זיי זיך נישט אונטער פון די נישט יידישע שכנים זייערע־און דער סימן איז שעפערישקייט אין פאָלק. דערציילט וואָלף יונין אַז אין משך פון יאָרן זוכן האָט ער נישט געפונען קיין איין יידיש פאָלקס ליד וואָס זאָל שטאַמען פון אַמעריקע („יידישע קולטור", מאַי

1946). אַט דאָ ליגט די וועלקונג און איינדאַרונג פון יידישקייט וואָס מוז ברענגען צום אומקום פון יידנטום.

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָס ווייזט, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרגאַניש יידיש לעבן אין אַמעריקע.

קולטור־לעבן פון אַ פאָלק איז נישט אָפּצוטיילן פון זיין אָרגאַנישן לעבן, און איטלעך אָרגאַניש לעבן אויף דער וועלט באַשטייט פון אַ צירקולאַציע, פון אַ קרייזלויף. מעגן דאָס נישט וויסן אַלע פאַרשטעלטע און אָפענע אַסימילאַטאָרן, מעגן זיי דאָס נישט וועלן וויסן, אָבער יידן פון ד"ר פינקלשטיינס שניט האָבן עס נישט געטאָרט נישט וויסן. ד"ר פינקלשטיין וואָס איז געקומען מיט אַ פאַרטיקן רעצעפּט, האָט געדאַרפט קומען מיט אַ טיפערן אַנאַליז פון אַלע היסטאָרישע פּרעצעדענטן. און דעמאָלט וואָלט עס אויך פאַר אים קלאָר געוואָרן: די געזעצן פון יידישן קיום אויף דער וועלט דורך דער אייביקייט קען מען דאַכט זיך פאָרמולירן אַט אַזוי:

א) דער יסוד פון קיום איז דער גאַנצער קרייז פון דער קולטור־צירקולאַציע אין לעבן פון פאָלק.

ב) כדי דאָס צו דערגרייכן מוז קודם כל זיין ביים פאָלק אַ באַזונדערע שפּראַך, נישט די שפּראַך פון הויפּטפאָלק. נישט וויכטיק איז דער יחוס פון דער אייגענער שפּראַך, וויכטיק איז איר עובדה, וואָס זי שיידט אָפּ דאָס יידיש פאָלק פון דעם הערשנדיקן הויפּטפאָלק. דורך דער גאַנצער געשיכטע איז דער געזעץ אַלע מאָל אָן אויסנאַם באַרעכטיקט: אַלע ישובים וואָס האָבן גענוצט אַ באַזונדערע שפּראַך, זענען געוועזן שעפעריש און פּרוכטבאַר; אַלע ישובים וואָס האָבן גענוצט די מלוכה־שפּראַך זענען עקרדיק אונטערגעגאַנגען. דער בעסטער מוסטער איז דער פּראָטאָטיפּ פון דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע, דער אמאָליקער ישוב אין אַלעקסאַנדריע, וואָס איז היסטאָריש אַזוי ענלעך צו דער יידישער אַמעריקע היינט.

ג) כדי די קולטור־צירקולאַציע זאָל זיין גאַנץ, דאַרף דער יידישער קיבוץ אָפּהיטן אייגנטימלעכע פאָרמען אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ד) כדי אַ פאָלק זאָל קענען פירן זיין פאַרזיכיק לעבן דאַרף עס

האָבן אין זיך א גענוגנדיקע דאָזע פון נאַציאָנאַלן „אתה בחרתנו", און דאָס קען איינגעפלאַנצט ווערן נאָר דורך אָפּהיטן די אייגענע אייגנטימלעכקייט. די צוויי פונקטן ג' ד' זענען א פאַרענדיקטער קרייז אין זיך.

ה) די שטאַרקייט און זיכערקייט פון פאָלקס קיום איז לגמרי נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל געלערנטע מענטשן, וואָס עס פאַרמאָגט. פאַרקערט איז עס: פעלקער ווערן געבאָרן ווען זיי האָבן לגמרי נישט קיין געלערנטע אינטעליגענץ און זיי שטאַרבן אָפּ דווקא ווען זיי האָבן א סך אינטעליגענטן. אַזוי איז מיט אַלע פעלקער. און נאָך ריכטיקער איז עס מיט אַלע יידישע קיבוצים איוף דער וועלט: זיי קומען אויף ווי עמאַרצישע מיט אן אייגנטימלעכער פאַרזיכיקייט און זיי קומען אום מיט גרויסע צאָלן געבילדעטע נאָכמאַכערס פון פרעמדס.

ו) כמעט אַלע מאָל ווען יידן זענען געווען א שעפעריש־אַק־טיווער קאָלעקטיוו האָבן זיי געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט סובאָרדינירטע פעלקער, אָפּגעטיילט געאָגראַפיש און פּאָליטיש פון דעם הערשנדיקן פאָלק. אַזוי איז עס געווען פון דעם גרויען אוראַל־טערטום און ביז דעם קולטור שעפערישן מיזרח־אייראָפּעישן קיבוץ די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער.

אין דירעקטער שכנות מיט דעם הערשנדיקן פאָלק — פאַר־לירן יידן תמיד זייער אייגנטימלעכקייט און זיי אַסימילירן זיך. אַזוי איז עס געווען אין ארץ ישראל און אַזוי איז אַלע מאָל אין גלות.

סיידן — די יידן זענען געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש אָרגאַניזירט ווי א באַזונדערער קאָלעקטיוו און ערשט ווי אַזאַ גאַנצער און באַ־זונדערער אָרגאַניזם איז ער אונטערגעוואָרפן דעם הויפּט־פאָלק.

אַזוי איז עס געווען אין דעם גליקלעכסטן און דעם שעפערישס־טן גלות וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט — אין גלות בבל אין צייט פון תלמוד און די גאונים. אַזוי איז עס אויך געווען אין איי־ראָפּע ביז דער עמאַנציפּאַציע און אַזוי איז עס געווען אין רוסלאַנד, אין פוילן און אַנדערשוו ביז דער ערשטער מילחמה.

די עמאַנציפּאַציע האָט אין ערגעץ נישט געבראַכט קיין דויערנ־דיקע רויקייט פאַר דעם יידישן ישוב. זי האָט אָבער אומעטום גע־

בראָכט צעפאַלונג, צעברעקלונג פון יידישן קאָלעקטיוו אויף באַזונ־דערע יחידים, זי האָט אַטאָמיזירט און צעשטויבט דאָס יידנטום און קיין פאָלק קען נישט האָבן קיין קיום ווען עס איז נישט אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצקייט, אין אַ קאָלעקטיוו.

אָט זענען די געזעצן פון יידישן קיום אָדער אונטערגאַנג, און ווען אַ יידישער געלערנטער, נישט קיין פּאָליטיקער, נעמט זיך צו דער הייליקער עובֿדה צו וועקן דעם געוויסן פון אַ פאָלק, — דאַרף ער קומען נישט מיט סוֹמעס, נאָר מיט פּרינציפּן.

על שלושה דברים — אויף דריי יסודות האַלט זיך דאָס יידישע לעבן, דאָס לעבן פון יידנטום — אויף אייגענער, פאַרזיכיקער קול־טור־צירקולאַציע, אויף פאַרזיכיקער שפּראַך, אויף פאַרזיכיקן שטיי־גער אין לעבן. דאָס מוז באַגלייט און געשאַפן ווערן דורך דריי זאַכן: דורך שטאָלצער אַכטונג צו זיך, צום אייגענעם אָפּשטאַם — אתה בחרתנו, דורך אַ גענוגנדיקער שאַפונג פון פאַרזיכיקייט־ענערגיע (דאָס קענען זיין אַנדערש און נישט נאָכגיין נאָכן שטראָם), דורך אַ ווילדיקער צוציונג צום אייביקן און אַלוועלטלעכן כלל. מיט טויזנט ראַבאַיס מער אָדער ווייניקער — נישט אין דעם איז דער כוח און נישט אין דעם איז דער קיום פון פאָלק. אָט די וועגן וואָס ד״ר פינקל־שטיין האָט זיי אויסגעקליבן — זיי זענען

געזייט און נישט געשניטן,
געפלאַנצט און נישט געזאַמלט די פּרוכט...

און אַזוי אַרום וואַקסט אויס פאַר דעם יידנטום אין אַלע לענ־דער ווו יידן זענען איין גרויסע אויפגאַבע: אַריבערגיין פון גלות־נאָרמען אויף גולה־נאָרמען.

—ט—

לאָמיר נעמען אַ דוגמא: איך ווייס אַ שטאָט אין אַנגלאָ־סאַק־סישער קאַנאַדע מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון אַ זיבעצן טויזנט מענטשן און אַ פראַנצויזישער פון אַן ערך צען־צוועלף טויזנט איינ־ווינער. האָבן די פראַנצויזן פאַר זיך אויסגעבויט אַן אייגענע פאַר־שטאָט איבער דעם טייך, זיי האָבן דאָרטן אַן אייגענע שטאָט־פאַר־

וואַלטונג, אייגענע נעמען פון די גאַסן, זייער שטאָט־פאַרוואַלטונג באַ־שטימט די שטייערן און גיט אויס די שטייערן ווי זי באַשטימט, די שטאַטישע שולן זענען אייגענע, פראַנצויזישע. אַ גרויסער פראַנצוי־זישער שפּיטאָל, וואָס איז אָפן פאַר אַלעמען, אָבער ער איז אין זיין פירונג און אין זיין ווירטשאַפט דאָך פראַנצויזיש, איצט האָט די פאַרשטאָט אויסגעבויט אַן אייגענע פראַנצויזישע ראַדיאָ־סטאַנציע. מיט איין וואָרט — עס איז אַ פראַנצויזישער אינדזל אין דעם ענגלישן ים. זאָל, לאָמיר זיך אַ ווײַלע פאָרשטעלן, קומען אַמאָל צו אַ פּאָגראָם, וועט ער במילא פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מלחמה: אַן אָרגאַניזירטער אָנפאַל, אָבער אויך אַן אָרגאַניזירטע פאַרטיידיקונג איז פאַרטיק. און יידישע קינדער האָבן זיך זייער אָפט געוווּנדערט פאַרוואָס פראַנצויזי־שע יוגנט רעדט צווישן זיך נאָר פראַנצויזיש אַפילו אין דעם ענגלישן אוניווערסיטעט, אַפילו ווען זיי זענען אַנגעשטעלט אין אַלגעמיין־ענגלישע אַנשטאַלטן.

און ווי לעבן אין דער זעלביקער שטאָט די אַנדערטהאַלבן מאָל מער יידן?

— די אימיגראַנטן פון ערשטן דור ווינען נאָך מער ווייניק צוזאַמען. דער צווייטער דור און די רייכערע פון ערשטן דור שוין נעמען דירות נאָר אין אַנדערע, נישט־יידישע ראַיאָנען, נישט אָפּגע־מאַכטערהייט מיידט מען אויס צו זיין צוויי יידישע מישפּחות צו נאָנט איינע צו דער צווייטער. יידישע באַלעבאַטים פון גרויסע הייזער מיידן אויס צו פאַרדינגען דירות צו יידן... צו נעגערס און צו יידן. און צווישן די יידישע באַלעבאַטים וואָס בויקאָטירן יידן קען מען גע־פינען גאַנצע קאָך־לעפל אין קאָנגרעס און אַנדערשוו. די פראַנצויזן האַנדלען און אַרבעטן אַ גאַנצן אַרבעטס־טאָג אין אַלגעמיינעם גע־שעפט־צענטער, די היימען אָבער באַמיט מען זיך צו האָבן באַזונ־דער, צווישן אייגענע. כמעט אַזוי פירט זיך אויך די גרויסע אוקראַי־נישע באַפעלקערונג אין שטאָט. נאָר די יידן באַמיען זיך זייערע היימען צו האָבן צווישן נישט יידן. די קריסטן אַנטלויפן פון די פאַרייִדיש־טע ראַיאָנען און יידן לויפן זיי נאָך. עס איז נישט קיין אַנטיסעמי־טיזם, — עס איז אַ נאַטירלעכער פאַרלאַנג ביי נאָרמאַלע מענטשן צו

וועלן זיין, לעבן צווישן אייגענע. איך האָב פּאַר דעם אויף די קריסטן קיין שום פאַריבל נישט. די טראַגעדיע איז מיט די יידישע נאָכלויפערס. נאָך קענטיקער איז אָט די יידישע קראַנקייט אין די זומער רעזאָרטן. דאָרטן איז דאָס גוישע אַנטלויפן און דאָס יידישע נאָכלויפן נישט נאָר טראַגיש, נאָר אויך קאָמיש, טרויעריק נאַריש, פאַטאַל אומגליקלעך.

באַקאַנטע גוים טענהן אָפן: וואָס לאָזט איר אונדז נישט זיין פּאַר זיך, איר האָט צוגענומען פּאַר זיך דעם זומער־רעזאָרט א... מיר האָבן אָפּגעטראָטן און זיך געשאַפן אַ צווייטן, — וואָס זשע לויפט איר איצט נאָך? גיי דערצייל די גוים א מעשה מיט אַ יידישער עגאָפאָביע, וואָס טרייבט זיי זיך צו פאַרשטעלן און צו שפּילן א ראָלע פון נישט יידן א גאַנצן לעבן, יידן יאָגן זיך און האַלטן זיך גרויס מיט ענגלישע באַקאַנטע און פריינד, מען רייסט זיך צו זיין מיטגלידער דווקא אין ענגלישע קלובן. און אַז גאָט העלפט נישט אויף דעם אַלעם באַנוגט מען זיך מיט דעם וואָס מען מאַכט פּאַר גוים די אייגענע קינדער, כדי צו קענען פאַרגויישן די היימען. ווען איך האָב אַמאָל געפּרוווט פאַרלייגן עטלעכע יידישע רייעלעסטעטניקעס, באַקאַנטע יידישע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע טוערס זיי זאָלן אויסבויען א יידישן קוואַרטאַל אין שטאָט, — האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף... א פּסיכיאַטאָר איז פּאַר מיר אויך ווייניק.. אויף אַ גאַנצע יידישע דערציונג מיט די אַלגעמיינע לימודים אויך אין יידיש ווייס איך נישט צי עס וואָלטן זיך אין שטאָט געפונען א צוויי בעלנים, אין יידישע טאָג־שולן לערנט אַ קליינער פּראָצענט פון די יידישע קינדער אין שטאָט. אויך די עלטערן בענקען נאָך דער צייט ווען זייערע קינדער וועלן שוין גיין צוזאַמען מיט די ענגלישע קינדער. אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, אַז מען וויל זיי זאָלן האָבן אַן אָנזען מוז מען האָבן א גויישן גאַסט, און צוליב אָט דעם גאַסט מוז מען דאָך שוין רעדן נאָר ענגליש. איך דערמאָן זיך אַ גרויסע פּראָטעסט פאַרזאַמלונג קעגן די דייטשן און אַלע יידן האָבן געהאַלטן פאַר אַ חוב צו קומען אויסדריקן זייער פּראָטעסט און ווייטאָק. איז די פאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט געוואָרן דווקא אין א גויישן זאַל (נישט באַקוועם צום פאַרבעטן גוים

אין אַ יידישן זאַל), דער נאָמען אָפיציעל איז געווען פּאַטריאָטישע פאַרזאַמלונג... די רעדנער זענען געווען אַלע גויים, דער איינציקער יידישער רעדנער האָט געדאַרפט אומבאַדינגט רעדן ענגליש און האָט געדאַרפט נאָר רעדן וועגן דער געטרייקייט פון די יידן צו קאַנאַדע.

די פּראָווינצן האָבן זיך איינגעאָרדנט ווי אַ גולה. די יידן האָבן אַליין פאַר זיך אויפגעשטעלט אַ גלות, ווען זיי האָבן געקאָנט נישט ערגער פון די פּראָווינצן האָבן פאַר זיך אויך אַ גולה.

פאַראַן אַ צווייטע שטאָט מיט אַ סך אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זייער גרינג געקאָנט האָבן אַן אייגענעם יידישן שולוועזן אַ מלוכהשן, און די יידן שטרענגען זיך אָן צו זיין איינגעבעטענע, נישט געוונטשענע שכנים אין דעם פּראָטעסטאַנטישן שולוועזן אבי נישט צו האָבן קיין באַזונדערן, קיין יידישן. אַ טייל יידן בויען אין דער זעלביקער שטאָט יידישע שולן, אָבער אויך זיי ציטערן אימת מוות פאַר „סעגרעגאַציע" — אָפּזונדערונג... און וואָס מער זיי באַמיען זיך נישט אָפּצוזונדערן, אַלץ מער דערעסן זיי, אַלץ שטערן זיי די אַנדערע אָפּצוהיטן זייער ווילן צו זיין פאַר זיך. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די ראַבאַיס איז דאָך זיך צו פריינדלען מיט גוטע גויים. און מען פריינדלט זיך, אדרבא, פאַר וואָס נישט. אָבער דאָס גופא שאַפט ביי די אַנדערע אַ געפיל, אַ באַציונג ווי צו אַ בעטלער, וואָס איך גיב אים אַ נדבה...

—י—

ווייזט זיך אַרויס: יידן וואָלטן אין די שטאַטן און אין קאַנאַדע געקאָנט גרינג זיך איינאָרדענען אין אייגענע שטעט, דערפער, ראַיאָנען מיט אַן אייגענער אָנפירונג. וואָס וואָלט געפעלט ווען עטלעכע הונדערט טויזנט פון די פאָר מיליאָן יידן אין ניו יאָרק אָרדענען זיך איין אין אַ באַזונדערער שטאָט לעבן ניו־יאָרק; נאָר מיט אייגענער פאַרוואַלטונג און אייגענעם שטייגער, מיט יידישע שטייערן, מיט יידישע שולן, מיט אַ יידישן שבת? ווער וואָלט זיי געשטערט? היינט ווער רעדט נאָך אַז אַט די יידן וואָלטן געשאַפן אַ מערהייט אין אַ שטאַט? און דאָס איז אין אַנדערע שטאַטן גאָר נישט קיין שווערע

זאַך... וואָלטן יידן אין אַט דעם שטאַט געקאָנט האָבן אַן אייגן לעבן, אַן אייגענע געזעצגעבונג אין די ראַמען פון אַט דעם שטאַט, און ווי אַזאַ זאָגן א דעה אין פעדעראַלן מאַסשטאַב. איך זע, אַז אייניקע לייענערס קוועטשן מיט די פּלייצעס: וואָס, אַן ארץ־ישראל וויל ער מאַכן אין אַמעריקע?!...

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס נישט? וואָלט עס נישט אין אמעריקע געווען גרינגער און מעגלעכער אין די ראַמען פון דער דעמאָקראַטיע איידער אנדערשוו? פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס האָבן געקענט הייפּעלעך מאַרמאַנען, סובאָטניקעס און אַנדערע יאָ זיך איינאָרדענען אַזוי און פאַרוואָס קענען עס נישט יידן?

און וואָלט אַט אַזאַ יידישע „גולה" אין אמעריקע נישט געקאָנט זאָגן א סך אַ מער וואָגיק וואָרט ווי יידן זאָגן איצט מיט פרעמדע איינגעבעטענע מיילער? און וואָלט דען אַזאַ „גולת ישראל אין אמעריקע" נישט געקאָנט א סך שטאַרקער שטיצן דעם ארץ ישראל אויפבוי? און וואָלט דען אַזאַ גולה נישט געקאָנט ראַטעווען גרויסע צאָלן יידן פון אייראָפּעיִשן גיהנום גאָר אין אַנדערע מאָסן און אויף אַנדערע פאָרמען? וואָלט דען די פּראָגע פון יידישער אימיגראַציע אין די אַמעריקעס נישט געווען גאָר אַנדערש, ווען איינער אָדער צוויי שטאַטן פאָדערן זייער רעכט אריינצונעמען אימיגראַנטן?

מיר האָבן פריער געשילדערט די צוקונפט פון יידן אין די אַמעריקעס גאָר נישט אין ראָזע פאַרבן. אָבער — ווען יידן האָבן אַן אָרגאַניזירטע, טיף באַוווסטזיניקע מערהייט אין די געזעצגעבערישע אָרגאַנען פון איין אָדער פון צוויי שטאַטן, — דעמאָלט בייט זיך דאָס גאַנצע בילד, דער גאַנצער פּראָגנאָז איז דעמאָלט גאָר אַן אַנדערער... די צוקונפט פון יידן אין אַמעריקע איז דעמאָלט געזיכערט, און ווייט נישט נאָר אין אמעריקע...

...„וואָס וויל ער? אַן ארץ ישראל אין אַמעריקע? — נו יאָ, איך זע נישט פאַרוואָס מען דאַרף זיך אַזוי דערשרעקן. טאָקע אַזוי — אַן ארץ ישראל אין אַמעריקע און נישט בלויז דאָ...

אין ארץ ישראל האָט מען די יידן נישט געגעבן גאָרנישט סיידן די האָבן אַליין גענומען. קען דאָך געמאָלט זיין אז אנדערשוו וואָלט

געווען נאָך גרינגער צו נעמען... זיצן די טעריטאָריאַליסטן אין ניו־יאָרק און אין לאָנדאָן מיט לאַנדקאַרטעס אין די הענט און זיי זעען נישט אין אַז די פּראָבלעם איז נישט אין דער טעריטאָריע, — אין דעם פאָלק וואָס דאַרף פון דער טעריטאָריע מאַכן אַ יידיש לאַנד, אַ היים. וואָלטן מיט פערציק יאָר צוריק געווען מחוץ פון די ציוניסטן בענוג באַגייסטערטע בויערס פון אַ יידישן לאַנד, וואָלטן יידן היינט געהאַט זייער היים־לאַנד אין אוגאַנדע. וואָלטן יידן אין די אַמעריקעס געהאַט דעם ווילן און דעם דראַנג צו אַן אייגענעם לעבן, צו אַ פאַרזיכיקן לעבן, וואָלטן זיי שוין לאַנג פון זיך אויסגעטיילט די ביי־טיקע חלוצים וואָס זאָלן פאַרוואַנדלען וואָסער עס איז ווינקל פון אַ אַמעריקע אין אַ יידיש לאַנד.

נימצא אַז דער גלות איז אויף אונדז נישט נאָר אַרויפגעוואָרפן בייערט מיר יידן טראָגן אים אין זיך, מיט זיך. מיר בויען אונדזער לעבן גלותדיק ווען מיר וואָלטן אים געקענט בויען אויך גולהדיק. ריכטיק, צען מאָל ריכטיק איז די אַלטע פאָרמולע פון „מפני חטאינו גלינו". נישט אין רעליגיעזן זינען. עס איז נישט קיין פראַגע פון פאַרברעכן און שטראָף, — עס איז אונדזער קראַנקייט, די „גלות־קראַנקייט". ווען נישט זי וואָלטן מיר געקאָנט אויסבויען נישט איין יידיש לאַנד.

פאָרנדיק פון ארץ ישראל מיט יאָרן צוריק איבערן אַטלאַנטיק צו אַ קאַנאַדער פּאָרט, האָב איך אין שיף געחלומט וועגן אַ פאַרבאַנד פון אַזוינע יידישע ראַיאָנען איבער דער וועלט... ווען איך בין אַראָפּ אין דער ערשטער שטאָט און געזען די יידישע יוגנט, וואָס קען בלויז חלומען וועגן קריגן ערגעץ אַ שטעלע, אַ דזשאָב, ווו מען זאָל מוחל זיין דעם חטא וואָס מען איז געבאָרן געוואָרן פון יידן, ווען איך האָב דערזען אַז די יוגנט קען אין קאָלעקטיוו גאָר נישט שאַפן, גאָר נישט אויפטאָן פאַרזיכיק, דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען ווי ווייט מנחם מענדליש מיינע חלומות זענען.

אין אַזוינע ריין יידישע ישובים וואָלט געקאָנט זיין אַ גאַנצע און פולע קולטור־ציר־קולאַציע אין לעבן, און דער קיום פון פאָלק וואָלט געווען געזיכערט... נישט ווייניקער ווי אין אַן אייגענעם לאַנד.

אַזוינע ישובים דאַרפן לגמרי נישט זיין דווקא אַגריקולטורישע בלויז. עס קענען זיין אינדוסטריעלע ישובים, דער עיקר איז דאָ נישט אַזוי די עקאָנאָמישע איינאָרדענונג, נאָר דער נאַציאָנאַלער באַוווסט־זיין, אַז מען גייט בויען אַ יידישן ישוב, אַ יידישע שטאָט, אַ יידיש דערפל לשם ולשמה איינצואָרדענען דאָס לעבן יידיש־פאָרזיכיק, אויס־געהאַלטן... ניי־ווילנע, ניי־וואָלאָזשין... אַזוינע ישובים וואָס זאָלן אויסהאַלטן אַלע פרינציפן פון יידישן קיום ווי עס איז אַנגעוויזן גע־וואָרן פריער.

עס איז אַ פראַגע אַ באַזונדערע ווי איינצואָרדענען די היימלאָזע יידן. פאַר זיי מוז מען זוכן אָרט און אפשר ערטער. אָבער עס איז א צווייטע פראַגע ווי איבערצובויען דאָס יידיש לעבן דאָרטן וווּ זיי לעבן. עס איז אַ פראַגע נישט קיין פּאָליטישע, נאָר א ריין נאַציאָ־נאַל־פּסיכאָלאָגישע. מיר נייטיקן זיך אין א מחנה חלוצים וואָס זאָלן דעם פאָלק ווייזן א מוסטער, א דוגמא ווי אַזוי יידן דאַרפן בויען זייער לעבן אין לענדער ווי א פאָלק און נישט ווי צעשאָטענע באַ־זונדערע חיהלעך וואָס זוכן באַזונדערע נאָרעס איטלעכע באַזונדער.

יאָ, ארץ־ישראל איז א ווונדערבאָרער מוסטער ווי יידן דאַרפן בויען זייער לעבן אומעטום וווּ נאָר עס לאָזט זיך.

—יא—

אונדזער חשבון מיט דער וועלט איז א פאַטאַלער. ער איז נאָך ערגער ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט ווען איך האָב אים געשריבן.

דער פראַגנאָז אויף דער צוקונפט איז נאָך ערגער און נאָך שוואַרצער.

און זאָלן אויף מיר די פאַלשע נביאים אין כעס זיין — מיר זענען מחויב צו זאָגן דעם פאָלק דעם פולן אמת. פאַרשאָלטן איז דער וואָס פאַרשלעפערט דעם אומרו פון פאָלק מיט זיסע חלומות ווען זיי זענען ליגן און צביעות.

די שורות ווערן געשריבן אין טעג ווען דער טעלעגראַף צע־טראָגט טענדענציעזע, צענזורירטע ידיעות פון ארץ ישראל וועגן פאַרצווייפלטן, אומגליקלעכן קאַמף וואָס אַנטוישטע, אָפּגענאַרטע

ברידער זענען פּראָוואָצירט צו פירן קעגן דער „געזעצלעכער" מאַכט. כ׳ווייס נישט — קען זיין אַז מען טאָר עס נישט, קען זיין עס איז א גילגול פון דעם סיקריקן־קאַמף קעגן רוים, וואָס האָט דערנענ־טערט דעם חורבן. קען זיין, פאַרקערט, אַז גערעכט איז טשוירטשיל מיט זיין ווערטל „בעסער שטאַרבן אויף די פיס איידער לעבן אויף די „קני"... איך ווייס נישט, און איך וויל נישט זאָגן קיין מיינונגען ווען איך טראָג נישט קיין ביקס און קיין ביקס איז נישט אָנגעשטעלט קעגן מיין ברוסט.

איין זאַך ווייס איך אָבער קלאָר: אַט דעם קאַמף האָט פּראָוואָ־צירט די גרויסע דעמאָקראַטיע, וואָס מיר האָבן אַזוי געגלויבט אין איר. זי, די צביעותדיקע ליגנערקע, וואָס שפּילט זיך מיטן מופתי אין כאַפּערלעך, וואָס געפינט אָבער יידן צו מישפּטן צום טויט, זי, וואָס ברידערט זיך איצט שוין מיט נאַצים און וואָס קען זיך אין האַרצן נישט מוחל זיין וואָס זי האָט געשטערט היטלערן פאַרענדיקן זיין „יידן־פּראָגראַם"!

נישטאָ קיין שטאַרקע פעלקער היינט, אין צייט פון אַטאָם־באָמ־בעס, אָבער אָרגאַניזירט מוז זיין איטלעך פאָלק. דער כוח פון אָרגאַ־ניזירטקייט איז אויך א כוח. קיין מאָל וועלן יידן נישט האָבן קיין קיום ווען עס וועט נישט זיין קיין יידנטום. אין אַלע לענדער אין איי־ראָפּע גייט אַ איבערשיכטונג פון באַפעלקערונג אין ריכטונג פון מאָנאָ־נאַציאָנאַלע געביטן, מען באַמיט זיך צו באַפרייען זיך פון מינדערהיי־טן. די טשעכישע אויפריכטיקע דעמאָקראַטן האָבן דאָס געזאָגט אָפן: אָדער זייט טשעכן אָדער גייט פון אונדז. ווען יידן וועלן אין אַט דער וועלט בלייבן צעברעקלטע יחידים מחוץ פון רעכטלעך אָרגאַניזירטע און קולטורעל זעלבשטענדיקע יידישע קיבוצים, — איז זייער גורל געחתמעט, אויב אַפילו זיי וועלן זיין נומעריש, אין צאָלן גאַנץ גע־דיכט ווי אין ניו יאָרק היינט.

נאָר אין אַזוינע, פאַרזיכיקע, אָפּגעזונדערטע קיבוצים אָרגאַני־זירט דורך באַוווסטזיניקער חלוצישער שעפערישקייט קען געמאָלט זיין דער קיום פון יידן אין אַמעריקע ווי אויך אין אַנדערע לענדער.

פֿאַר דער מלחמה האָב איך געשריבן „עין חרוד און אַמעריקע" (יידישער קעמפֿער 1939) און דאָרטן אָנגעוויזן, אַז דער איינציקער אויסוועג פֿאַר יידן אין אַמעריקע איז — בויען „עין הרודס" אין אַמעריקע. איצט איז עס נאָך בולטער און קלאָרער — דער אַנטי־סעמיטיזם שטאַרקט זיך פֿון טאָג צו טאָג, די דעמאָראַליזאַציע וואַקסט אין לאַנד און אין אַרמיי, איבערהויפּט אין אָקופּאַציע־אַרמיי, פֿון פֿאַסיזם באַציזם ביז אַקטיוון — ווער ווייסט ווי ווייט עס איז?! דיסקרימינאַציעס וועלן שטייגן אין גרויסע מאָסן. קעמפֿן קעגן דעם מיט מישפּטים — געוויס, זיכער... אָבער נישט פֿון דעם קען קומען די ישועה. אין וואַרשע אַמאָל נאָך האָבן יידן אויסגעקעמפֿט 4 (פֿיר) קאָנדוקטאָרן אין טראַמווייַ. אַ גרויסער ניצחון...

נישט אַזוי דאַרף גיין דער קאַמף. מען לאָזט נישט יידן אין אוניווערסיטעטן, — בויען יידן אייגענע אוניווערסיטעטן, און מען זעט אַז קיין יידיש גראָשן זאָל נישט אָנקומען אנדערשווו. מען גיט יידן קיין אַרבעט נישט, — גייען יידן און שאַפֿן קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען פֿאַר יידישער יוגנט און מען בויט אויף אַ יידיש לעבן...

קריכט נישט אויף געוואַלט צו יענעם, אַז יענער וויל זיין אַליין, אַן אייך, און... אפשר האָט ער טאַקע אויך רעכט צו זיין אַליין! ווער שטערט יידן צו בויען צוליין אויך פֿאַר זיך שולן, אוניווערסיטעטן, פֿאַבריקן, קעמפּס, דערפֿער און שטעט?

„יציאת אַמעריקע" — אַ שפּילכעלע דאָס צו זאָגן!... ווען? וווהין? ווי אַזוי? נישט געדאַכט זאָל די שעה ווערן! אָבער אויב די יידן אין אַמעריקע וועלן בלייבן אָט אַזוי דעזאָרגאַניזירט און צעשפּליטערט ווי זיי זענען איצט, — וועט יענער אומגליק זיכער קומען, און וואָס מער מיליאָנען יידן וועלן אויסגעבן אויף די „גוד־וויל־שפּילן", — אַלץ גיכער וועט דער חורבן קומען. דער גלות מוז אומקומען. אין אַמעריקע וועט ער נישט דויערן קיין אַכט הונדערט יאָר ווי אין פּוילן. מוז מען דעם גלות איבערמאַכן, מען מוז אין גלות שאַפֿן אַ גולה — אַ פֿאַרזיכיק יידיש לעבן, זאָל זיין פֿון קליינע גרופּעס, דערפֿלעך, שטעטלעך, ראַיאָנען מיט אַן אייגענער עקאָנאָמיק,

מיט אַן אייגענעם שטייגער לעבן און אייגענע נאָרמעס. נאָר אַזאַ גולה איז בכוח אויפצוהאַלטן דעם גלות און צו ברענגען די גאולה.

—יב—

מיר מוזן דערצו האָבן קאַדרען חלוצים, באַוווסטזיניקע, באַגייסטערטע, מוטיקע און גלויביקע. דערצו איז נייטיק אַ געהעריקע דערציונג. די דערציונג דאַרף געבן נישט אַזוי וויסן פון יידישקייט, ווי איינגעלעבטקייט און וויליקייט.

קיינע פון די סיסטעמען וואָס זענען איצט טעטיק איז נישט גענוג.

די וועלטלעכע דערציונג האָט נישט קיין אידעאַל פון א יידישן אויפבוי — חסרון נומער איינס. זי איז אין תוך אַריין א קליינע בראַדעווקע וואָס מען קלעפּט צו צו אַ גויישן פּנים, כדי זי זאָל שפּעטער אראָפּפאַלן. די דערציונג פירט נישט צו קיין נאָרמאַלער קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק, במילא איז זי נישט שעפעריש.

די ציונסטש־העברעישע דערציונג טויג נישט ווייל זי גייט אין גאַנצן פאַרביי דעם לעבעדיקן פאָלק מיט זיין אין אים לעבעדיקע אייגענע קולטור. גיט אָט די דערציונג א ווערבאַלן נאַציאָנאַליזם, אַן איינגערעדטן, סוגעסטירטן און פאַקטישע אָפּגעריסנקייט און אָפּפרעמדונג.

טויג נישט די רעליגיעזע דערציונג ווייל זי לייקנט און וואַרפט אָפּ אויף דעם אופן פון די צדוקים און קאַראַימען גאָר די היינטיקע תורה שבעל פה, — אַן איר איז אוממעגלעך א קולטור־צירקולאַציע.

און אַ פּשיטאַ אַז עס טויג נישט די דערציונג פון ד״ר פינקלשטיין און די זייניקע. זייער דערציונג דינט צו צוויי געטער — צום ענגלישן — דעם גרויסן און רייכן, וואָס עס דינט זיך צו אים אַזוי גערן, און צום יידישן אָרעם געוואָרענעם יורד־גאָט וואָס מען רוקט אים אַלץ ווייטער און ווייטער אין אַ ווינקעלע, און מען וואַרפט אים נישט אַרויס נאָר צוליב אַן אַלטן סענטימענט... זייער יידישקייט איז אַ יתום אין אַ פרעמדער שטוב, וואָס מעג זיך האַלטן נאָר אויף

אַזוי פיל אויף וויפל ער שטערט נישט די בעלי בתים... מיט אַזאַ דער־ציונג קען מען נישט אויסהאָדעווען קיין גייסטיקע פאַרזיכיקייט, וואָס אָן איר קען נישט זיין קיין דראַנג צו סאָציאַל־קולטורעלער פאַרזי־כיקייט אין וואָסער לאַנד מען זאָל געאָגראַפיש נישט וווינען.

און ווייל עס איז אין יידישן לעבן נישטאָ קיין פּאַרטיקע ריכטונג דאַרף די אידעע פון רעאָרגאַניזירן דאָס יידיש לעבן אויף גולה־פּרינציפּן ערשט איצט שטעלן אירע ערשטע טריט.

איך וויל האָפן אַז יידן וואָס גלייבן באמונה שלמה אין קיום פון יידישקייט, — די וועלן באַגרייפן די זאַך אין איר גאַנצער ברייט. אַ זאַך וואָס מיר האָבן פאַרשפּעטיקט צום אומגליק אויף אַ פּאָר דו־רות, אָבער בעסער שפּעטער אידער קיין מאָל נישט.

מיר ווילט זיך דוכטן, אַז דעם געדאַנק קענען אויפנעמען ציו־ניסטן ווי נישט־ציוניסטן — אַלע יידן וואָס קוקן אויף יידן ווי אויף אַ פאָלק מיט אַן אייגענעם גורל, מיט אַן אייגענעם און געמיינזאַמען חוב צו בויען אַליין זייער מאָרגן, דעם מאָרגן פון אַ גאַנצן אָרגאַני־זירטן פאָלק!

חלוצים פאַר איין אייגן, פאַרזיכיק לעבן פון יידישע ישובים אומעטום וווּ זיי לעבן! — דאָס איז דער געשריי פון טאָג.

מאַי 1946.

פאַרזיכערן די צוקונפט פון יידן אין אמעריקע

איך ווייס — יידן אין אמעריקע ווערן זייער אויפגערעגט ווען מען דערמאָנט זיי אַז זייער קיום אין אַמעריקע איז לגמרי נישט זיכער, און דער וואָס וואגט עס צו זאָגן אָפן ריזיקירט צו קריגן געטאַדלט ווי אַ שוואַרצער נביא, אַ גיפט־מישער און נאָך אַזוינע נעמען. די יידישע קאָמערציעלע פּרעסע דרוקט זעלטן אַרטיקלען פון אַזאַ כאַראַקטער — מען קען דאָך נישט זיך צעקריגן מיט אַלע „קאָסטאָמערס".

דאָס איז אָבער זייער נישט קיין קלוגע פּאָליטיק; ווייל מען דערגרייכן דאָס בעסטע, דאַרף מען זיך באַוואָרענען קעגן דעם ערגסטן, ווילט מען שלום — דאַרף מען זיין גרייט זיך צו שלאָגן; ווילט מען זיין באַוואָרנט פון בייז, — דאַרף מען זיך אָט דאָס בייז קלאָר פאָרשטעלן און פאָרויסזען, כדי עס אויסצומיידן באַצייטנס. די יידן אָבער אין אמעריקע מיינען, אז די וואָס דערמאָנען זייער אומזיכערקייט, מיינען עס סתם זיי אויפצורעגן, זיך רייצן מיט זיי, — און זיי ווערן אין כעס.

איבעריקס — דוכט זיך מיר, אַז אָט דער אויפגערעגטער כעס נעמט זיך ביי די אַמעריקאַנער יידן נישט פון זייער פעסטער זיכערקייט אין זייער קיום אין אַמעריקע. אַזאַ זיכערקייט איז לגמרי נישט צו זען און נישט צו באַמערקן. פאַרקערט ווייזט זייער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, זייער זוכן פריינד און גוטע פריינד, זייער יאָגן זיך נאָך אַ גוט וואָרט פון אַ גוטן גוי — דאָס אַלץ ווייזט, אַז זיי

— די יידן אין אַמעריקע — זענען שוין גאָר נישט זיכער ביי זיך מיט זייער צוקונפט אין אַמעריקע. דאָס נישט וועלן רעדן און טראַכטן פון דעם האָט גאָר אַן אַנדער פּסיכישן מקור: א גוי, אַז ער אימי־גרירט קיין אַמעריקע, ווערט ער „אָפּטימיסטיש" זיכער מיט זיין קיום — ער איז אַן אַמעריקאַנער און כל זמן עס איז דאָ אַן אַמעריקע — גאַראַנטירט זי אים און זיינע קינדער אויף דורות. ביי יידן איז עס פאַרקערט: מיט איטלעכן דור וואָס יידן לעבן אין די שטאַטן, ווערט אַלץ זייער זיכערקייט שוואַכער, נאָר מען וויל וועגן דעם נישט רעדן: „כ'מיין, וואָס העלפט דאָס רעדן און דאָס שיטן זאַלץ אויף די ווונדן, אַז ווי קען מען העלפן?" דאָס איז שוין נישט קיין אָפּטימיסטישע זי־כערקייט, עס־איז א פּעסימיסטישער פאַטאַליזם. עס קייקלט זיך אַ מענטש וואָס איז געפאַלן באַרג אַראָפּ, ער האָט שוין געזען, אַז ער קען זיך נישט אָפּהאַלטן, נישט אויפשטעלן זיך, — און ער מאַכט שלום מיט זיין גורל: סיי ווי קען ער דאָך בעסער נישט מאַכן! מען דערציילט, אַז מענטשן פאַרמישפּטע צום עלעקטרישן שטול באַמיען זיך זייער לעצטע נאַכט צו פאַרברענגען פריילעך, זאָרגלאָז, אָפּהולען די לעצטע נאַכט: סיי ווי, און וואָס קען מען מאַכן, און וואָס ווילט איר שיטן זאַלץ אויף די ווונדן און וואָס קאַרקעט איר ווי די בייזע ראָבן — מיר ווייסן אַליין אויך אַז עס איז שלעכט און ביטער, טאָ לאָזט כאָטש דערווייל, איידער עס קומט די שלעכטע שעה, — לאָזט זיך אויסלעבן און פאַרביטערט נישט די מינוטן כל זמן מען קען נאָך לעבן...

אָט דער „פּעסימיסטישער אָפּטימיזם" — דאָס איז שוין א פאַרברעכן, און אפשר גאָר א קראַנקייט. דאָס ווערטל „פאַר דעם מאָר־גן זאָל גאָט זאָרגן" איז אפשר אונדזער גרעסטער אומגליק; „נאָך מיר — אַפילו דער מבול" — דאָ ליגט די פּסיכישע סיבה פון אונדזערע צרות: מענטשן האָבן אָנגעוואָרן יעדן גלויבן אין זיך, א פאָלק אַ גאַנצס האָט אָנגעוואָרן זיין אייגענעם ווילן און מען איז גע־וואָרן צו מיליאָנען שטויבעלעך וואָס ווינטן טראָגן זיי אַרום...

אין איין זאַך זענען יידן אין אַמעריקע גערעכט — דער וואָס זאָגט א', דאַרף זאָגן ב' — ער דאַרף אָנווייזן אַ וועג פון פּאָזיטי־

ווער אַרבעט. ווער עס וויזט אָן אויף דעם בייז, מוז אויך וויזן א וועג ווי אַזוי אים אויסצומיידן. דאָס טאַקע ווילן מיר דאָ פּרובירן צו טאָן. נאָר צוערשט א קורצן דיאַגנאָז פון דער לאַגע: מען קען דאָך נישט היילן קיין קראַנקייט כל זמן מען ווייסט נישט די דעטאַלן פון דער קראַנקייט.

—ב—

דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע שטאַרקט זיך פון יאָר צו יאָר. ער האָט אין אמעריקע אן אנדער כאַראַקטער איידער ער האָט געהאַט אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָרטן איז דער אַנטיסעמיטיזם איינגעשטאַנען איבערהויפּט אין די מלוכה־קרייזן, די דעמאָקראַטישע טיילן פון דער געזעלשאַפט זענען געווען פריי פון אַנטיסעמיטיזם. ריכטיקער — זיי זענען שוין לגמרי נישט געווען פריי פון דער אַלגעמיינער קראַנקייט, נאָר היות ווי אַנטיסעמיטיזם איז געווען אָן אָרגאַנישער טייל פון צאַריזם, און זיי האָבן דאָך געקעמפט קעגן פּאַרהאַסטן צאַריזם, — האָט מען שוין במילא באַקעמפט אויך דעם אַנטיסעמיטיזם. פּונקט פּאַרקערט איז עס איצט אין סאָוועטן־רוסלאַנד און אויך אין אמעריקע. מען האָט זיך געביטן מיט די ראָלן: די רעגירונג מיידט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם און די געזעלשאַפט האָט אים אין גראַנדיעזע דאָזעס. די שטילע און פאַרשטעלטע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן, דאָס ווייכן פון יידישע ראַיאָנען זענען בולטע סימנים פון אָט דעם געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, שוין נישט רעדנדיק וועגן די אָפּענע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען.

אויב די רעגירונג אין א דעמאָקראַטישן לאַנד מאַכט נישט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, איז עס זיכער, אַז די רעגירער גייט אין יידישע שטימען, כאָטש אין האַרצן זענען זיי גאָרנישט אַזוינע יידנפריינד, למשל — רוזוועלט.

אָט דער כוח פון יידישע שטימען איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם יידישן באַוווסטזיין פון די יידן און צו זייער אָרגאַניזירטקייט אין לאַנד. עס דאַכט זיך מיר אַז די וואָגיקייט פון די יידן אין לאַנד איז אין דער

צייט פון דער ערשטער מלחמה געווען שטאַרקער ווי אין דער צייט פון דער צווייטער מלחמה, כאָטש די צאָל יידן אין לאנד איז יעמאָלט געווען א סך קלענער. מיט דער אָפּשוואַכונג פון יידישן באַוווסטזיין ביי די ווייטערדיקע דורות יידן אין אמעריקע ווערט אַלץ גרעסער די סכנה, אַז די רעגירנדיקע קרייזן זאָלן פאַרלירן דעם מאָטיוו פון יידישע שטימען און זיי וועלן נאָכגיין דעם געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, כדי צו געפעלן דער געזעלשאַפט און זיי וועלן נישט האָבן קיין שום אַנדער געזעלשאַפטלעכן כוח וואָס זאָל דעם אַנטיסעמיטיזם איינהאַלטן, איינהאַמעווען.

אַזוי אַרום האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין אמעריקע טענדענצן צו וואַקסן און אריינגיין אויך אין מלוכה־סיסטעם. מען דאַרף ווייניק וואָס טראַכטן און דופן אויף דעמאָקראַטישע און גלייכהייט־טראַדיציעס פון די גרויסע אמעריקאנער וואָס האָבן די דעמאָקראַטיע געגרינדעט. — די טראַדיציעס פון שינאה און האַס צו אונדז זענען שטאַרקער.

מען קוקט אויף אונדז אין אמעריקע ווי אויף אַ באַשעפעניש פון אַ נידעריקער מדרגה. דאָ האָט היטלער נישט מחדש געווען גאָר־נישט. לאָמיר דעם פונקט גענויער עטוואָס אויפקלערן.

די פּריצים און פּריצטעס אין רוסלאנד פלעגן זיך פאַר זייערע פּויערים גאָרנישט שעמען. פּריצטעס, צאַרטע דאַמען, פלעגן זיך לאָזן וואַשן פון זייערע לייבקנעכט; די פּויערים זענען פאַר זיי געווען ניט־דעריקער פון דער בחינה מענטש. דאָס זענען געווען א מין בהמות אויף צוויי פיס. ס'איז געווען א גרויסער אויפטו פון דעם פּריץ טור־געניעוו, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַז אייגנטלעך האָבן אויך פּויערים נשמות (אין זיינע „נאָטיצן פון אַ יעגער"). אַזוי פאַרנעמט דער פּויער אין דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור נישט מער אָרט ווי אַן אַנדער מעבל עפּעס.

אזוי האָבן געקוקט די פּאַרצייטיקע רוימער אויף זייערע קנעכט, — און אַזוי האָבן אויך די אַמעריקאַנער פון דרום־שטאַטן געקוקט אויף די נעגערס. ס'טרעפט — אַ באַלעבאָס האָט אמאָל ליב דאָך אויף זיין הונט. פאַר קיין גלייכן מענטשן האָט ער אָבער דעם אונ־

טערטעניקן זיינעם נישט געקאָנט האַלטן. אזוי, קענטיק, באַציט זיך איטלעכער הערשער צו די וואָס זענען אים אונטערטעניק. די באַציונג פון פריץ צו פויער ווי צו א נידעריקער באשעפעניש האָט זיך אין תוך אַריין נישט געענדערט ביז דער רעוואָלוציע: די פסיכישע איינשטעלונגען ענדערן זיך נישט צוגלייך מיט די סאָציאַלע. זיי זענען א סך דויערנדיקער. שוין לאנג ווי די נעגערס זענען יורידיש גלייכע בירגער פון אמעריקע צוגלייך מיט די ווייסע. יורידיש — אפשר, אָבער אין פסיכיק פון אַמעריקאנער איז נאָך ווייט די נאָרמע פון גלייכקייט נישט אריין.

די יידן זענען אין א סובאָרדינירטער לאַגע א סך לענגערע צייטן. פעלקער זענען אין משך פון יאָרטויזנטער געווינט צו צאַפּן יידיש בלוט, און — יידיש בלוט איז פאַר זייער טראַדיציע א פליסיקייט א סך א ביליקערע איידער בלוט פון אנדערע מענטשן. לידיצע מיט עטלעכע הונדערט טשעכן האָט אויפגערודערט א וועלט,— די קאַלך־אויוונס פאַר יידן — שוין לגמרי נישט.

היטלער איז נאָר געווען קאָנסעקווענטער: מען מאַכט דאָך זייף פון בהמות־פעטס, פון זייערע פעל מאַכט מען דאָך לעדער! מען עקספערעמענטירט דאָך איבער בהמות און חיות, — זענען יידן נישט בעסער. וואָלט די וועלט, די דעמאָקראַטיעס, די וויסנשאַפטלער און אַלע אַנדערע „פּראָגרעסיווע", פאָרויסגייענדיקע עלעמענטן אין דער מענטשהייט אויף יידן געקוקט אנדערש, — וואָלט בשום אופן היטלער אפילו מיט זיין גאַנצן שטאַב עס נישט געקאָנט דערגרייכן. און היטלער האָט דער וועלט געגעבן א פּראַקטישע לעקציע — יידן שטייען אויף נישט קיין העכערער מדרגה... און די „וועלט", זייט מיר מוחל, פאַרן אויסדרוק, — האָט די לעקציע אויפגענומען. יידן נאָך דער מלחמה זענען אין די אויגן פון דער אַזוי גערופענער מענטשהייט א סך נידעריקער ווי זיי זענען געווען פאַר דער מלחמה.

אין היינטיקער וועלט איז פאַראַן אן איינגעפלאַנצטע און שטאַרקט אַנטוויקלטע אַנטיפּאַטיע צו יידן, א פסיכישע דערוויטערונג, א מין געפיל וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן עקל, נאָר איך וויל דאָ דאָס וואָרט נישט באַנוצן.

דער געפיל איז ביי די אַמעריקאַנער גרעסער און שטאַרקער ווי ער איז געווען ביי די רוסן אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָרטן זענען יידן טראַדיציאָנעל געווען צווישן פריץ און פויער. אויב פאַרן פריץ איז דער ייד געווען אַ נידעריקערע באַשעפעניש, איז ער פאַרן פויער עס לגמרי נישט געווען. נאָר אין צייטן פון אויפטרייסלונג, ווען די בלוטדורשטיקייט פלעגט זיך אָנצינדן ביים פויער, ווען דער כעס און האַס צום פריץ פלעגט זיך אָנצינדן, — און היות ווי צום פריץ צו־קומען איז געווען נישט גאָר גרינג, — איז דער ייד געווען דאָס כפרה־הינדל. אין צייטן רויקע, פּאַרקערט, האָט דער פויער נאָר גע־האַט אַ געוויסן יראת הכבוד פאַרן יידן, אַ דרך־ארץ. האָט דער פוי־ער אין פּוילן און רוסלאַנד געהאַט דרך ארץ פאַר דעם יידן, וואָס איז נישט קיין פריץ, און דאָך לעבט ער „כמעט ווי אַ פריץ" — ביי אים אין שטוב איז ריין, ער טרינקט נישט און שלאָגט נישט זיין ווייב; ער איז נישט קיין פריץ, און איז דאָך אַ „געלערנטער", אַן אָרעמאַן כמעט אַזוי ווי אַ פויער, — און געלערנט כמעט ווי אַ פריץ... דאָס איינגעהאַלטענע יידישע לעבן, דאָס אָפּהיטן שבת, דאָס זיצן און לערנען — דאָס אַלץ האָט ארויסגערופן דרך ארץ צום יידן. די כל נידרי־נאַכט מיט איר מיסטעריע פלעגט אַריינטרייבן אין אַ ציטער ווייט נישט נאָר די יידן אין שטעטל, נאָר אויך אַלע גויים. אַט דער דרך ארץ האָט דורכגענומען נישט נאָר די פויערים, נאָר אויך טיילן פון פּרינצנטום. די פּוילישע שרייבערין עליזאַ אָזשעשקאָוואַ פון גראָדנע, אין האַרץ פון יידישן לעבן האָט עס באַוויזן אין אירע דער־ציילונגען פון יידישן לעבן. אין רוסלאַנד איז דאָס געווען וולאַדימיר קאָראָלענקאָ אין פּאָלטאַווע, וואָס האָט אויסער אַלגעמיינע הומאַנישע מאָטיוון אין זיין יידן־פריינדשאַפט אַרויסגעוויזן אַ געוויסע באַוווּנ־דערונג פאַר דעם אייגנאַרטיקן אויסגעהאַלטענעם יידישן לעבן און שטייגער. די באַציונג האָט טיילווייז געהאַמעוועט די שלאַג־אינס־טינקטן פון די גויים. בכל אופן — אין צייטן רויקע, ווען „עשיר־גוי" איז נישט געווען „צעיושעט".

לאָמיר זיך דערמאַנען אונדזער אַלטן פריינד טביה דעם מיל־כיקער. אוודאי קומט די „האַמאַדע" צו אים: מען דאַרף דאָך מאַכן אַ

פּאָגראָם — די נאַטשאַלסטווע פּאַרלאַנגט, — אָבער „טעוועל" איז דאָך פּאַרט עפּעס אַנדערש.

אַט דער דרך ארץ איז געווען א גוואַלטיקער סאָציאַלער פּאַקטאָר אין יידישן לעבן. נישטאָ פון אים קיין שמץ אין דעם יידישן לעבן אין מערב אייראָפּע נאָך דער צרהדיקער עמאַנציפּאַציע, נישטאָ פון אים קיין זכר אין אַמעריקע, און — מיר דאַכט זיך — נישט געבליבן פון דעם קיין קליין רעשטל אפילו אין היינטיקן רוסלאַנד: —

די ניוועלירונג פון יידן, דאָס אויסגלייכן זייער לעבן מיט דעם אַרומיקן האָט אומעטום פּאַרמינערט די אַכטונג צו זיי פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און במילא אָפּגעשוואַכט די איינהאַמער, די איינהאַלטער פון די אַנטיפּאַטיע־געפילן צו אונדז. מיט אַנדערע ווערטער: די עמאַנציפּאַציע האָט נישט געפירט צו אַ פּסיכישער אויסגלייכונג פון יידן מיט די גוים, — זי האָט נאָר פּאַרמינערט די יידישע אייגנטימלעכקייט (דערצו האָבן יידן געשטרעבט!) און זי האָט אָבער נישט פּאַרמינערט אויף קיין האָר די אַנטיפּאַטיע צו אונדז, נאָר זי פרייער געמאַכט.

אין אַמעריקע איז די אַנטיפּאַטיע צו יידן אַן אינעווייניקסטע, זי איז נישט פּאַרבונדן מיט אויסברוכן פון האַס אין מאָמענטן פון סאָציאַלער אויפרודערונג, זי איז א פּערמאַנענטע, אַ שטענדיקע, אַ גלייכמעסיקע, אַן כוואַליעס אַרויף און אַן איינצושטילן זיך.

איז אין זיינע ביזנעס האַנדלט אַן אמעריקאַנער מיט אַלעמען „ביזנעס איז דאָך קודם לכל" ביים אַמעריקאַנער, וועט ער האַנדלען נישט נאָר מיט יידן. נישטאָ קיין מיגלעכקייט אַז אַן אַמעריקאַנער זאָל זאָגן „פון קריסטוסעס שונאים וויל איך נישט אפילו קיין ריווחדיקע פּרנסות" (אַ ווערטל פון דער רוסישער קייסערין יעליזאַוועט). ביים אַמעריקאַנער הענדלער און ביזנעס פּאָלק איז דאָך דער „קאָסטאָמער אַלע מאָל גערעכט", — מעג מען האַנדלען מיט יידן, פּאַרדינען פון זיי, געבן זיי צו פּאַרדינען. אָבער — געענדיקט די ביזנעס, — איז אַ גוטן טאָג: פּאַר קיין שכן וויל ער נישט דעם יידן. ער אַנטלויפט פון ראַיאָן ווו עס איז געוואָרן „צו פיל יידן", ער אַנטלויפט פון אַ זומער־דעזאָרט ווו יידן האָבן זיך „איינגעענאַדזשעט" — ער וויל

זיין צווישן זייניקע. ער וועט פֿאַרקויפֿן צו יידן זיינע סחורות, ער וועט קויפֿן ביי יידן אויב עס וועט אים לוינען, אָבער האַלטן יידישע אָנגעשטעלטע וויל ער נישט. ער וועט שוין פֿון אונטער דער ערד אויסטראַכטן תירוצים, כדי נישט אריינקומען אין קאָנפֿליקט מיט די דעמאָקראַטישע געזעצן פֿון לאַנד.

אין די רוסישע אוניווערסיטעטן האָט די מלוכה איינגעשטעלט פּראָצענט־נאָרמעס, און די פּראָגרעסיווע פּראָפֿעסאָרן פֿלעגן אָפּט זיי נישט אָפּהיטן. אין אַמעריקע ווייסט די רעגירונג נישט פֿון קיי־נע פּראָצענט נאָרמעס פֿאַר יידן, נאָר די אוניווערסיטעטן אַליין האָבן שטילערהייט איינגעשטעלט אַזוינע נאָרמעס, קעגן די געזעצן. עס איז שוין געוואָרן א נישט־געשריבענע טראַדיציע וואָס איז שטאַר־קער פֿון די געשריבענע געזעצן. און יידן אין אַמעריקע האָבן שוין כמעט שלום געמאַכט מיט דעם, בכל אופן —

עס איז אַ סך גרינגער צו קעמפֿן קעגן אָפֿענע און פֿאַרשריבענע געזעצן איידער קעגן איינגעגעסענע טראַדיציעס וואָס זענען פֿאַרדעקט און באַהאַלטן אונטער טויזנטער תירוצים.

און אַזוי אויף אַלע געביטן פֿון לעבן.

דער נישט־ייד זעט אין דעם יידן אין אַמעריקע גאָרנישט עפּעס אַזוינס ער זאָל פֿאַר דעם דרך ארץ האָבן: חזיר עסן קען ער אַליין בעסער, ענגליש רעדן — אויך. פֿאַר קיין אייגענעם וויל ער אים נישט אנערקענען בשום אופן, זעט ער נאָר א קאָנקורענט אין יידן און נישט מער. פֿאַרקערט — דער טראַדיציאָנעלער יאַנקי, דער וואָס מיינט אָפּצוהיטן די אַלטע טראַדיציעס פֿון לאַנד, קוקט אויף די גרויסע שטעט אין לאַנד, אויף דער טעכניק און אויף די פֿאַרווייליונ־גען ווי אויף עפּעס וואָס צעשטערט זיין „אַמעריקאַנער" טראַדיציע. און ער זעט אין דעם די שולד פֿון דעם אייביקן שעיר לעזאזל — דעם יידן. די געזעצטע און געלאַסענע אַמעריקע זעט אין יידן א מקור פֿון אַמעריקאַנער צעלאָזנקייט. די יונגע צעלאָזענע אַמעריקע גייט אויף די וועגן פֿון אַנדערע לענדער: מען מאַכט זיך פֿריילעך מיט שלאָגן יידן אין די גאַסן, מען פֿאַרשוועכט בית־עולמס, שולן, בתי מדרשים, מען לאָזט קיין יידישע קינדער קיין גאַס נישט דורכגיין...

— „אַט ווייס איך פון וואָס מען מאַכט אַ וועזן!" מאַכן זיך יידן נישט וויסנדיק און זיי ווילן נישט וויסן, — עפּעס שקצים צי כוליגאַנעס האָבן אַ שטיף געטאָן, אָבער דאָס איז נישט אַמעריקע! גיט ער צו דער אַמעריקאַנער ייד מיט שטאָלצער זיכערקייט.

דאָס איז אָבער יאָ אַמעריקע!

עס איז באַקאַנט אַז יידן זענען מבטל די נגישות קעגן זיי כל זמן מען לאָזט זיי נאָכמאַכן און אימיטירן. און זיי טרייסטן זיך אומזיסט: אַט די כוליגאַנעס און ווילדע שקצים — זיי זענען אַמעריקע! אַמעריקע פון מאָרגן. אַט דער מינהג זיך פריילעך צו מאַכן מיט שלאָגן יידן וואָס האַלט זיך אין איינשטעלן אין אַמעריקאַנער שטעט דערמאָנט שטאַרק דעם אַלטן מינהג אין מיטלעלטערלעכן פוילן, ווען סטודענטן פון קראָקעווער אוניווערסיטעט פלעגן צוליב פריילעכקייט וועגן זיך פאַרווײַלן מיט שלאָגן יידן, דאָס האָט דאָרטן געהייסן „קאַזובאַלעץ". מער נישט וואָס עס איז נישט אויף איין טאָג אין יאָר, נאָר מען מעג עס אַלע טאָג.

די אַלע אַנטיסעמיטישע טענדענצן האַלטן אין וואַקסן. יידן טרייסטן זיך: צו פּאָגראָמען איז נאָך ווייט, און נאָך מיר מעג אפילו א מבול קומען! — און דאָס איז דער גרעסטער פאַרברעכן קעגן זיך, קעגן די אייגענע קינדער, קעגן דעם מאָרגן פון יידנטום און אַזוי פיל יידן אין אַמעריקע. עס איז אויך אַ סך מער ווי דער גורל פון גאַנצן יידנטום אין אַמעריקע, — עס איז דער גורל פון יידישן פאָלק בכלל איצט אָפּהענגיק פון דעם גורל פון אַמעריקאַנער יידנטום. אויב דער גורל פון יידנטום אין אַמעריקע וועט אַוועקגיין אין די טענדענצן וואָס מיר האָבן געמאָלט פריער, איז דערמיט געחתמעט דער גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. לאָזן די זאַכן גיין ווי זיי גייען און זיך מאַכן נישט וויסנדיק פון אַט די טענדענצן הייסט — זעלבסטמאָרד פון אַ פאָלק.

די מיטלען וואָס אַמעריקאַנער יידן נעמען אָן קעגן אנטיסעמיטיזם זענען די זעלביקע וואָס האָבן באַנקראָטירט אין אייראָפּע און זיי האָבן אויך אין אַמעריקע נישט געגעבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. דאָס זענען אַלץ מיטלען דרויסנדיקע: מען זוכט גוטע פריינד און

פאַרטיידיקער — פּערזאָנען און גרופּעס פון אַרום, מען אַפּעלירט צו זייער אנשטענדיקייט און פיינקייט און מיר באַמיען זיך איינצוקויפן חן אין זייערע אויגן מיט אַלע מיטלען, און מיר ווילן זיי זאָלן זיך פאַר אונדז אָננעמען.

די מיטלען קענען נישט ברענגען קיין גוטע רעזולטאַטן און פאַרקערט שעדיקן זיי. זיי צעשטערן דעם גלויבן אין זיך אַליין. אַ ישוב פון אָן אַן עין הרע צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן אין איין שטאַט האָט נישט געקאָנט און נישט געפּרוּווט קיין מאָל ארויסצוטרעטן אין זיין גאַנצקייט, און קליינע צעשפּליטערטע גרופּעס זוכן אַלץ טירן צו וועמען צו גיין בעטן און מען זוכט שתדלנים. אַזאַ צעטרענצלען און צעברעקלען דעם אייגענעם כוח, כדי זיך צו פאַרלאָזן און זיך צו פאַרזיכערן אויף די „צעבראָכענע שטעקנס״ פון גוטע פריינד, דאָס איז געגליכן צו איינעם וואָס זאָל זיך אין אַן אַנפּאַל פון משוגעת אָפּהאַקן די אייגענע פיס, כדי צו זוכן גוטע מענטשן זאָלן אים טראָגן. דאָס איז פשוט אַ טראַגעדיע!

און צווייטנס, אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע איז נישט קיין פאַרטעיש־אידעאָלאָגישע, זי איז א סך מער א פּערסאָנעלע, די פאַרטייען זענען מערער אַן אַפּאַראַט צו העלפן די אָדער יענע פּרזאָנען צו ווערן פּראָפעסיאָנעלע פאַרשטייער פון פאָלק. עס איז א מין ביזנעס. אַלץ איז ביזנעס: אין אייראָפּע האָט מען געהאַלטן פאַר אַ הרפּה צו זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער ספּאָרטסמאַן. געזעלשאַפטלעכע שפּילער פלעגן האַלטן בידעריקער פון זייער כבוד מיט אַזוינע צו שפּילן. אין אַמעריקע איז פּראָפעסיאָנעלער ספּאָרט די באַרמע. אַזוי איז אויך מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. און דאָ שפּילט א ראָלע וואָס עס לוינט זיך בעסער. קיין איין דעפּוטאַט וועט נישט זיין אַזוי באַריש און זיך איינרייסן מיט די מיינונגען וואָס הערשן אין גאַס — ער וועט דאָך נישט גיין פאַרלירן זיין קאַריער! אַזוי איז עס מיט סענאַטאָרן, מיט קאָנגרעס־לייט און אַזוי אויך מיט איינפלוסרייכע שרייבער פון די גרויסע צייטונגען. עס וועט נישט זיין קיין ליגן און אויך נישט קיין באַליידיקונג צו זאָגן אַז פּאָליטישע סימפּאַטיעס מעסטן זיך אין אַמעריקע ווי פּאַפּירן אויף דער בירזשע — ווי עס לוינט זיך. כדי

יידן זאָלן קענען האָבן אויף זייער זייט ווירקנדיקע פאַקטאָרן פון דער נישט־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, דאַרף מען מאַכן עס זאָל זיי לוינען, און עס איז נישט קיין פראַגע פון געלט, פון אָפּצאָלן פאַר אַרויסטריטן, פאַר אַרטיקלען, פאַר אינטערווענצן. נישט בלויז אַ פראַגע פון געלט, — עס איז פיל מער א פראָבלעם פון געזעלשאַפטלעכע שטימונגען. וואָס ווייטער וועט אַלץ שווערער ווערן צו קריגן „יידן־פריינד". עס וועט זיין נישט קיין פאָפּולערע זאַך, און פאָליטיקער וועלן זיך נישט וועלן מיאוס מאַכן.

אין די שטאַטן מיט אַ גרויסער און געדיכטער יידישער באַפעלקערונג זענען די יידישע שטימען גופא אַ וויכטיקער פאַקטאָר צוזוציען פאָליטיקער און זשורנאַליסטן. צוויי מיט א האלבן מיליאָן בירגער אין ניו־יאָרק, הונדערטער טויזנטער יידן אין אנדערע קלענערע שטעט — דאָס קען זיין א גוואלדיקער כוח אין דער פאָליטיק פון אַ דעמאָקראטישן לאַנד... עס קען זיין, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? — ווען די יידישע שטימען זענען יידישע, ווען די יידן שטימען לויט די יידישע אינטערעסן אָרגאַניזירט און באַוווסטזיניק. קומען מיר צוריק צו דעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן אַריין. מיט אַנדערע ווערטער — אונדזער פאָליטישער כוח אין דער דעמאָקראַטיע בכלל איז אָפּהענגיק נאָר פון דער אינעווייניקסטער יידישער אָרגאַניזירטקייט און פון דעם באַוווסטזיין פון יידן אין אַמעריקע. דאָ און נאָר דאָ, אין דער באַציונג פון יידן צו יידישקייט און צו יידנטום ליגט דער גורל פון יידן אין אמעריקע און במילא פון יידן אין דער גאָרער וועלט.

— נישט די דעמאָקראַטישע געזעצן פון לאַנד זענען און נישט זיי קענען זיין א גאַראַנטיע פאַר אונדז און פאַר אונזערע רעכטלעכע מיגלעכקייט; צו לעבן: ווען פעלקער קומען אין קאָנפליקטן מיט זייערע געשריבענע געזעצן, — ווערן די לעצטע טויטע פאַפּירלעך. — נישט די געזעצלעכע טראַדיציעס אין לאַנד זענען אַזאַ גאַראַנטיעס וואָקסן (און נאָר נישט פאַמעלעך!) אָן אין דער געזעלשאַפט אַנדערע לעבנס־טראַדיציעס, און זיי זענען שטאַרקער.

— נישט די עטיש־בירגערלעכע איינגעפלאַנצטע געוווינהייטן קענען אונדז באַוואָרענען: זיי זענען סיי ווי רואינירט.

בלייבט נאָר איין און איינציקער כוח, וואָס נאָר אויף אים קענען יידן אין אמעריקע זיך פאַרלאָזן, אויף אים נאָר קענען זיי זיך פאַר־זיכערן. און דאָס איז איינער און אַליין דער נאַציאָנאַל־מאָראַלישער באַוווּסטזיין און די אָרגאַניזירטקייט פון די יידן אין אמעריקע

דאָס איז פון אייביק אָן געווען דער זינען פון דעם צאָרנדיקן נביאישן וואָרענען צו יידן: גלייבט נישט אין קיינע פרעמדע גע־טער, פאַרלאָזט זיך נישט אויף פרעמדע פריינד. עס איז קיין מאָל נישט געווען קיין רעליגיעזער ענין, — עס איז אַלע מאָל געווען נאָר פּראָ־בלעם פון נאַציאָנאַלן קיום, — און היינט איז עס נישט אַנדערש.

ווי אַזוי שאַפט מען אָבער אָט די בייטיקע אָרגאַניזירטקייט און ווי אַרום פלאַנצט מען איין דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין?

— דאָ קומען מיר צוריק צו אַן אַלטער אינעווייניקסטער פּראָ־גע — עס איז אַ פראַגע פון יידיש־נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן. די גאַנ־צע יידישע געשיכטע דערציילט אונדז: יידן האָבן אויסגעהאַלטן אַלץ דאָרטן ווו זיי האָבן איינגעהיט זייער באַזונדערע שפּראַך און זייער נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירטקייט.

דאָרטן אָבער ווו יידן האָבן איבערגענומען די שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק, דאָרטן האָבן יידן נישט אויסגעהאַלטן און זענען אונטערגעגאַנגען אָדער פון צרות אָדער פאַרקערט — פון צו גוטן לעבן, אָן צרות.

דאָרטן ווו יידן זענען געווען נאָר בירגער פון לאַנד, דאָרטן זע־נען יידן קיין יידן נישט געבליבן. נאָר דאָרטן ווו יידן האָבן געהאַט אַן אָרגאַניזאַציע ווי יידן, און איטלעכער ייד האָט געמוזט אָנקומען צו דער יידישער אָרגאַניזאַציע, נאָר דאָרטן זענען יידן אויסגעשטאַנען און אויפגעהאַלטן יידישקייט לדורות. צוויי תנאים: יידיש לשון און אָרגאַניזאַציע.

עס איז אין גרונט פאַלש די מיינונג, אז צרות האָבן אויפגעהאַל־טן יידישקייט. עס איז א אילוזיע. דער שעפערישסטער גלות איז גע־ווען אין בבל אָן צרות, אָן ספּעציפישע יידישע צרות. אַלט רומייניע,

פאַרקערט — רייך אין צרות און נישט שעפעריש. אין עסטרייכישער גאַליציע — בערך אָן צרות און יאָ שעפעריש. דאָ ווי אין בבל אמאָל זענען געווען יידיש לשון און יידישע געמיינשאַפט.

ווי שאַפט מען אין אמעריקע לעבנסבאַדינגונגען פאַר דעם יידישן לשון און ווי שאַפט מען אָרגאַניזירטקייט?

עס איז זיכער איינע פון די שווערסטע אויפגאַבעס, אָבער נישט אוממעגלעך. די שפּראַך אַסימילאַציע אין אמעריקע איז זייער ווייט אַוועק, און זי איז א רעזולטאַט פון אָפּגעלאָזנקייט און פון אויספּעלנדיקן אָרגאַניזירטן לעבן. עס פעלט איינגעשפּאַרטע עקשנותדיקע אויסגעהאַלטנקייט אפילו ביי די וואָס רופן זיך נאַציאָנאַליסטן. אויך ביי די וואָס רופן זיך פרומע יידן.

יידישע רעליגיע און ציוניזם האָבן דאָ געשפּילט אַ שעדלעכע ראָלע. יידישע רעליגיע נוסח אַמעריקע האָט געפּסקנט, אַז מען קען זיין „פרום" אַפילו ווען מען איז אַסימילירט. נוסח פראַנקפורט אין דייטשלאַנד. דערמיט האָט מען אַנולירט די יידישע שעפערישקייט און די יידישע אייגנטימלעכקייט.

ציוניסטן מיינען אַז דער כוח פון ארץ ישראל איז גענוג פאַר קיום האומה, און דאָס איז שבתי צבי אין דער פולער מאָס. דער ביטול צו יידיש ווי צום גלותדיקן שאַפן בכלל האָט געכשרט די אַסימילאַציע און מתיר געמאַכט די אָפּגעלאָזנקייט: מען קען זיין נאַציאָנאַלע יידן אויך אָן יידיש".

אין אַן ענטפער אהרן צייטלינען קרעכצט אָפּ דוד פּינסקי (מאָרגן זשורנאַל, 1 סעפּט' 1946) אַז וואָס קענען מיר טאָן, מיר ווילן, נאָר עס לאָזט זיך נישט, עס רעדט זיך ענגליש. בערך אַזוי. אָבער דער גאַנצער אַרטיקל דערמאָנט די מעשה מיט יענעם יושבניק וואָס ליגט אין וואַרעמען בעט און קרעכצט אויף דעם אָרעמען גייער אין קאַלטן דרויסן, וואָס קלאַפּט אין טיר, אָבער ער פוילט זיך אויפצוהייבן זיך עפענען די טיר. האָבן אָט די יידישע שרייבער און נאַציאָנאַלע טוער אַ סך געטאָן כדי איינצוהיטן יידיש אין זייערע היימען? האָבן זיי אַנטוויקלט די פולע נייטיקע ענערגיע אויף דעם געביט? ארץ ישראל לאָזט זיך אויך נישט נעמען, — קומען זיי אויך אָפּ מיט אַ קרעכץ?

האָט מען געשאַפן א נעץ פון אמתע גאַנצע יידישע שולן? האָט מען זיך באַמיט צו אָרגאניזירן א אמת־נאַציאָנאַלע באַוועגונג פאַר יידישן לשון? אין סכום פון די מיטלען פאַר דעם יידישן קיום אין אמעריקע (אויף דער גאַנצער וועלט!) איז יידיש לשון א שטאַרקערער פאַקטאָר ווי ארץ ישראל. יאָ — עס איז אַזוי, כאָטש פאַר אַ סך וועט עס אויס־קומען אַ שרעקלעכע אפיקורסות, אָבער אַזוי איז דער אמת: יידישע אייגנטימלעכקייט, אָפּגעהיטע אַנדערשקייט איז דער אב און ארץ ישראל איז די תולדה — נאָר אַזאַ אָפּגעשיידטער שפּראַכלעך פאַרזי־כיקער יידנטום וועט אויפבויען אַן ארץ ישראל. אַן ארץ ישראל וואָס נישט די יידישע אייגנטימלעכקייט פון דורות וועט זיין זיין טאַטע, — וועט במילא קיין „ארץ ישראל" נישט זיין, אויב אפילו עס וועט אויפגעבויט ווערן. אַן ארץ ישראל אפילו אין בעסטע סיטואַציעס וועט נישט אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט, און אַן אַזאַ באַוווסטזיניקן יידישן פאָלק איבער דער וועלט וועט דער שטאַרקסטער ארץ ישראל נישט אויסהאַלטן קיין איין האַלבן יאָר־הונדערט.

פאַר וועמען דאָס איז איצט נישט קלאָר, דער איז אַ בלינדער אָדער אַ פאַרפירטער נאַציאָנאַליסט נוסח שבתי צבי. ארץ ישראל ליגט אין א ווינקל וואָס האָט אַלע מאָל געלאָקט די „גרויסע" און איצט נאָך מער. די קאָנקורענץ צווישן די גרויסע איז אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון דער ציוויליזאַציע געווען געווענדט אין דעם ווינקל, און היינט — נאָך מערער. בלויז א שטאַרק וועלט־פאָלק ווי יידן קענען זיין (ווען זיי וועלן עס פאַרשטיין און פאַרלאַנגען) וועט קענען איינ־האַלטן א יידיש ארץ ישראל.

אויך דער גורל פון א יידישן ארץ ישראל איז אָפּהענגיק פון אָנגעשטרענגטן און באַוווסטזיניקן „יידישקייט־פּאָטענציאַל" פון יידן אין אמעריקע. וואָס מער די יידן אין אַמעריקע וועלן זיין גאַנצע און שעפערישע יידן, אַלץ שטאַרקער וועט זיין דאָס יידישע ארץ ישראל, אַלץ זיכערערער וועט זיין די יידישע היים דאָרטן. וואָס מער יידן אין אַמעריקע וועלן איינהיטן זייער אייגנטימלעכע שפּראַך און זייערע זיטן מיט אַן אָנגעשטרענגטן ווילן איינצוהיטן זייער אייגנטימלעכ־

קייט און זייער אנדערשקייט, אַלץ זיכערער וועט זיין דאָס יידישע ארץ ישראל אין ארץ ישראל. ארץ ישראל קען זיך האַלטן בלויז אויף דער יידישקייט פון יידן אין אַמעריקע. נימצא — אז ארץ יש־ראל איז אָפּהענגיק פון די פּאָזיציעס פון יידיש אין אמעריקע; דער וואָס וויל עס נישט פאַרשטיין, — דער איז לכתחילה אַן אַסימיליאַ־טאָר, א שבתי צביניק און ארץ ישראל איז פאַר אים א הכשר, אַן אויסרייד זיך דאָ צו אַסימילירן און אַוועקגיין פון יידישקייט.

נאָך מער — דאָכן העברעיש וואָס אין זיין נאָמען וואַרפט מען דאָס אָפּ דאָס לשון פון פאָלק האָט קיין יידישן טעם נישט, און האָט נישט קיין שעפערישן כוח (דען שאַפן הייסט ארויסברענגען די פּאָ־טענצן וואָס זענען אין פאָלק אָנגעזאמלט פון דורות). און דאָס איז גערעדט געוואָרן ווען מען לערנט אים שוין אויס, אָבער וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון די וואָס וואַרפן אָפּ יידיש צוליב העברעיש לערנען זיך טאָקע אויס העברעיש כדי עס באַנוצן?

תולדה נומער צוויי: אַן יידיש־לשון און אייגנטימלעכער יידיש־קייט איז פאַרלאָרן אויך העברעיש און אין בעסטן פאַל איז עס נישט שעפעריש. אימפּאָטענט נאַציאָנאַל.

איז דער אַלגעמיינער סך הכל:

— דער קיום פון יידישן פאָלק און אַלע זיינע האָפענונגען, זיין פיזישע זיכערקייט אויף גאָר דער וועלט, זיינע אספּיראַציעס אויף אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן קיום אין אַ היים — אלץ מיט אַן אנדער איז אָפּ־הענגיק פון דער אנטוויקלטער און אויסגעהאַלטענער באַוווסטזיניקער יידישקייט ביי די יידן אין אמעריקע.

— עס לאָזט זיך נישט, זאָגט איר?

— און ארץ ישראל לאָזט זיך דען יאָ?

אלא, דער תירוץ איז: אַן אָנגעשטרענגטער ווילן פון א ציבור, פון אַ פאָלק קען דערגרייכן דאָס וואָס עס לאָזט זיך נישט אויך.

ווי אַזוי?

דאָ קומען מיר צום עיקר.

:: :: ::

עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ גרויסער פאַרבאַנד פאַר „יידיש־

קייט" אין אַמעריקע. יידישקייט נישט אין זינען פון יאַלעוועך סו־נאַגאָגאַלער רעליגיע, נאָר פאַר שעפערישער המשכדיקייט פון דעם אייגנטימלעכן אין יידישן פאָלק.

אָנהייבן פון די היימען.

1. אין יעדער היים אַזאַ דאַרף אויסגעראַמט ווערן יעדער שפור פון פרעמדע לשונות מיט די קינדער. פון געבאָרן אָן דאַרף די מוטער און דער פאָטער רעדן צום קינד נאָר יידיש. און נישט נאָר רעדן, — זינגען פאַרן קינד, דערציילן אים נאָך איידער עס הייבט אָן צו פאַרשטיין עפּעס. פונקט ווי רעליגיעז זענען שעדלעך פרעמדע געטער, אַזוי זענען נאַציאָנאַל שעדלעך פרעמדע שפּראַכן. און איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פון לעבן.

2. עס טאָרן נישט אַריינגעבראַכט ווערן קיין שפורן פון פרעמדע יום טובים.

3. און פאַרקערט איז נייטיק אַריינצופירן א שטייגער פון יידישע יום טובים אין די היימען — שבת, יום־טוב. זיי דאַרפן נישט זיין קיין קאָפּיע פון „זיידנס" שבת און פון זיין יום־טוב. דאָס איז פאַלש, און איטלעכע פאַלשקייט גיט זיך נישט איין, און זי דערציט נישט. עס דאַרף זיין אַן אויסדרוק פון דער יידישקייט, וואָס מען גלייבט אין איר. דער פרייטיקצונאַכט, למשל, מיט געזאַנגען נישט דווקא רעליגיעזע, מיט ליכט נישט דווקא געבענטשטע, מיט „זאָגעכץ" פון ליטעראַטור־פראַגמענטן נישט דווקא פון סידור. און — דער עיקר — מיט שבתדיקע מאכלים, טראַדיציאָנעל־יידישע. און אַזוי כסדר.

4. דערצו איז נייטיק, אַז יידן זאָלן זיך באַמיען וווינען אין שכנות — יידישע קוואַרטאַלן.

שפּעטער דאַרף קומען אומבאַדינגט א יידישער קינדער־גאָרטן מיט אַ סך פאָלקלאָריסטי מאַטעריאַל.

און נאָך שפּעטער — אַ גאַנצע יידישע טאָג־שול ביז אין די העכערע קלאַסן.

מיר דאַרפן ווערן פרום. נישט רעליגיעז, נאָר נאַציאָנאַל פרום.

מיר דאַרפן עס טאָן נישט צוליב דעם חלק עולם הבא, וואָס איטלעכער ייד וועט קריגן אין גן עדן דערפאַר נאָך זיין טויט, אויף יענער וועלט.

בייערט — פאַר דער צוקונפט פון די קינדער (אויך עולם הבא, אָבער אויף דער וועלט, אויף דער וועלט פון לעבעדיקע!), פאַר דער עלית נשמה נישט פון די געשטאָרבענע, נאָר פאַר דער עלית נישמה פון די לעבעדיקע, פון די וואָס דאַרפן לעבן, וואָס דאַרפן שאַפן דעם „עולם הבא" פון לעבעדיקן פאָלק פון לעבן. זאָרגן מיר נישט פאַר דעם עגאָיסטישן ווילזיין פון אונדז נאָכן אינדיווידועלן טויט אין אן אויסגעטראַכטן „גן עדן" נאָר, מיטן גלויבן, אַז דורך אַט דער אויסגעהאַלטענער יידישקייט וועט די קינדער זיין גרינגער צו שאַפן א „גן עדן" אויף דער וועלט.

און דער עיקר — מען מוז זיין „פרום", אויסגעהאַלטן, מיינט עס, מיט א „לשם יחוד", מיט כוונה דורך דעם זוכה צו זיין צו פאַר־פעסטיקן דעם קיום פון פאָלק בכלל און פון די קינדער בפרט.

מיר דאַרפן נישט פאַנאַנדערטיילן די געירשנטע יידישקייט בין קודש לחול: דאָס רעליגיעזע איז הייליק און וואָס עס איז נישט רעליגיעז — איז מינדערוועראיק. אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין לאַנגער געשיכטע געשאַפן, אַלץ מיט וואָס דאָס פאָלק האָט געלעבט און דורכגעלעבט, געטראָגן און דורכגעטראָגן, — אַל־דאָס איז אונדז טייער, ליב, — און דאָס מיינט הייליק. מיר דאַרפן אומקערן די „גזלה", וואָס די פאָרשטייער פון א דרויסנדיקן (נישט אין נשמות פון לעבעדיקע יידן) גאָט האָבן דאָס פאָלק באַגזלט און עס אָפּגעשריבן אויף דעם חשבון פון יענעם גאָט, וואָס איז אין די הימ־לען, אויסער דעם שעפערישן גייסט פון לעבעדיקן פאָלק אין זיין שעפערישער גאַנצקייט. אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן איז דעם פאָלקס און נישט גאָטס. (אויב מען טיילט פאַנאַנדער צווישן פאָלק און גאָט. פאַר מיר זענען ביידע באַגריפן — איינס און דאָס זעל־ביקע.)

איינס פון די צוויי: אָדער איר זייט רעליגיעזע יידן (נישט קיין אַמעריקאַנער פון יידישן גלויבן), דאַרפט איר אין אייער יידישער רעליגיע אַריינגעמען גאָר די שאַפונגען פון יידישן גייסט, אויב אפילו עס איז נישט אַריינגערעכנט אין שולחן ערוך צי אין חיי־אדם. „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני".

און אויב איר זייט וועלטלעכע, דאַרפט איר קענען גאָר דאָס רעליגיעזע אייגנטום ווי נאַציאָנאַל־וועלטלעכע אוצרות. אַזוי צי אַזוי מוז מען זיין גאַנצע יידן.

:: :: ::

אָבער אַט דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק. אמת, אַזוינע עטלעכע צענדליק טויזנט יידן אין ניו־יאָרק, — און עס וואָלט געווען א פּראַקטיקער מוסטער פאַר אַנדערע יידן. אָבער עס איז ווייט נישט גענוג צו פאַרזיכערן דעם קיום פון יידנטום אין אַמעריקע. דאָס האָבן מיר געזאָגט אין אייראָפּע, איז טאַקע יידישקייט נישט אונטערגעגאַנגען, אָבער דאָס יידנטום איז נישט אויפגעהיט געוואָרן, — און מיר טראַכטן וועגן קיום פון יידנטום נישט ווייניקער ווי וועגן יידישקייט.

עס וואָלט געווען א וויכטיקע שטודיע פאַרוואָס אין גאַנצן משך פון גלות האָבן יידן נישט באַמיט זיך צו שאַפן פיזישע זיכערקייט פאַר יידן דורך סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאַרזיכערקייט, דורך שאַפן געדיכטע אייגענע טעריטאָריעלע איינסן. אַלע פעלקער זוכן לאַנד פאַר זיך, — יידן זוכן פעלקער. דאָ וואָלט אַזאַ שטודיע אונדז פאַרפירט צו ווייט. דער עיקר איז וואָס יידן אין אַמעריקע דאַרפן, מוזן באַצייטנס זען צו שאַפן פאַר זיך אַזוינע „פיזיש געזיכערטע נאַציאָנאַלע היימען" אין אַמעריקע גופא. עס דאַרף גיין נישט קיין עמיגראַציע פון אַמעריקע, נאָר אַן איבערגרופּירונג אין לאַנד גופא. יידן דאַרפן אויפבויען טאַקע אין אַמעריקע יידישע שטעט, יידישע שטעטלעך יידישע ראַיאָנען מיט אַן אויסגעהאַלטנעם יידישן כאַראַקטער. דאָ דאַרפן זיך צוזאַמענקומען יידישער קאַפּיטאַל מיט יידישער אַרבעט פאַר אַ נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג. איך זאָג „שטעטלעך" און נישט דערפער, ווייל עס איז לאַוו דווקא אַגריקולטור אין צענטער פון אַזוינע ישובים. קאָלעקטיווע פאַבריקן זענען נישט ווייניקער וויכטיק, און אויב אַגריקולטור איז דווקא אין א אינדוסטריעלן פאַרנעם. די ישובים, און נאָך בעסער — די ראַיאָנען דאַרפן זיין בכוח:

1. נישט צו זיין אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם מיט זיינע דיסקרימינאַציעס. אַט די אומאָפּהענגיקייט וועט שוין במילא אָפּשוואַכן דעם אַנטיסעמיטיזם מערער ווי

אַלע מיליאָנען וואָס יידן אין אַמעריקע גיבן אויס אויף „גודוויל" און גוטע פריינדשאַפט מיט קריסטן.

2. זיי דאַרפן זיין עקאָנאָמיש געזונט פאַרזיכערט און גייסטיק־קולטורעל געזונט באַוווסטזיניק צו קענען לעבן און שאַפן פאַר זיך. און צום סוף

3. פיזיש געזונט שטאַרק זיך קענען פאַרטיידיקן ווען מען וועט עס דאַרפן.

עס איז געזונט ווען איין צענטחלק פון א ניו־יאָרקער יידנטום זאָל אַזוי לעבן, — און יידנטום אין אַמעריקע וועט זיין באַוואָרנטער מער ווי צען ניו־יאָרקס. עס וואָלט שוין ניט געקומען קיין נויטווענדיקייט פון פיזישער פאַרטיידיקונג.

נאָך דער מלחמה וועט צוריק קומען די יידישע אַרבעטסלאָזיקייט אין אַמעריקע, די דיסקרימינאַציע פון יידישער אַרבעט אויף אַלע געביטן, און נאָך אין אַ שטאַרקערער פאָרעם ווי זי איז געווען פאַר דער מלחמה: דער אַנטיסעמיטיזם איז שטאַרקער. און ביי אַ געהעריקער נאַציאָנאַלער אַגיטאַציע וועט זיך געפינען דער נויטיקער מענטשן־מאַטעריאַל. מען דאַרף נאָר געדענקען, אַז אַן אַ קאָנצענטרירטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און אָן דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַלער פאַרזיכערקייט אין לאַנד גופא איז די גאַנצע אונטערנעמונג גאָר ניט מער ווי קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. מיט דעם אידעאַל איז די אונטערנעמונג — אַ היים, אַ זיכערקייט. אין אַ לאַנד וואָס איז פעסט דעמאָקראַטיש קען אַזאַ יידישער ווינקל מיט א קאָנצענטרירטן ישוב, מיט אַ קאָנצענטרירטן באַוווסטזיין, און מיט אַן אויסגעהאַלטענעם שטייגער אין לעבן ווערן אויך א דעמאָקראַטיש־פּאָליטישער כוח מיט זיינע קאָנצענטרירטע און דיסציפּלינירטע שטימען, צוערשט אין אייגענעם שטאַט, און שפּעטער — א סך מער.

אַזאַ ווינקעלע וואָלט „אַפּעווינט" די אַקטיווע אַנטיסעמיטן פון פּראַקטיצירן זייער אַנטיסעמיטיזם. העכסטנס וואָלטן זיי געבליבן ביים רעדן. אַזאַ ווינקעלע וואָלט געוויזן א וועג פאַר יידן אין שטעט איבערן גאַנצן לאַנד, און אויך אין קאַנאַדע און אין אַנדערע לענדער, — און

דאָס לעבן פון יידן וואָלט געוואָרן נישט ווייניקער זיכער ווי פון אַנ־דערע פעלקער.

דער קיום פון יידן איז געזיכערט אין אָרגאַניזירטן יידנטום, — אָן אָרגאַניזירט יידנטום קען אויפגעבויט ווערן נאָר ביי אַ פעסטער, אָרגאַניזירטער און אויסגעהאַלטענער יידישקייט.

וועט מען זאָגן: „ס'איז דאָך אָן ארץ ישראל".

וועל איך ענטפערן: נו, יאָ! פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס נישט קיין ארץ ישראל? איינס דעם צווייטן וועט נישט שטערן. העלפן יאָ, שטערן נישט — מאָראַליש, פּאָליטיש, מיט מענטשן־מאַטעריאַל. שטערן בשום אופן נישט.

וועט עס זיין א מין „ארץ ישראל דאַמעריקע"?

יאָ, הלוואי! אָן אַ ירושלים דליטא, אָן א ירושלים דפוילן וכדומה וואָלט קיין מאָל נישט געשאַפן געוואָרן קיין ירושלים דארץ ישראל.

און אַזוי אויך וועט אָן אַן „ארץ ישראל דאַמעריקע" קיין מאָל קיין יידישער ארץ ישראל אין ארץ ישראל קיין קיום נישט האָבן.

עס וועט שטערן יענעם „ציוניזם" וואָס טענהט אַז קיין יידיש פאָלק אויף דער וועלט איז גאָר נישטאָ. עס איז בלויז פאַראַן אַ העב־רעישע באַציע אין ארץ ישראל און מער נישט. אַי — מען שלאָגט יידן אויף דער וועלט, — וועלן זיי זיך אם ירצה השם אַסימילירן און פּטור אַן עסק. אָט דעם פאַרזעעניש וועט עס טאַקע שטערן, און הלוואי זאָל עס אים שטערן! דאָס איז דאָך דער חוצפּהדיקער שבתי צבי פון אונדזערע טעג, וואָס מען מוז אים צעשטערן ווי א קרעבס אויפן אָר־גאַניזם פון יידישן פאָלק.

דעם אמתן ציוניזם וועט עס נישט שטערן.

דעם טעריטאָריאַליזם וואָס זוכט טעריטאָריעס וועט עס טאַקע שטערן, אָבער דעם טעריטאָריאַליזם וואָס וויל בויען טעריטאָריעס וועט עס העלפן.

אויב דער בונד מיינט זיין „דאָיזם" אין דעם זינען, וועט עס אים העלפן, און ער וועט קענען העלפן און אַליין אויפגעריכט ווערן. מיינט ער עס נישט, — זאָל ער ווייזן זיינע פּלענער פון זיכערקייט. זיינע אַלע ביזאיצטיקע פּלענער זענען סיי ווי געווען באַנקראָט.

די הפקר־דיקע אַסימילאַציע, אָן אַ אידעע, אָן אַ זינען און אָן אַ חשבון וועט פאַרלירן איר חוצפּה. די אויגן פון יידן וועלן געעפנט ווערן און זיי וועלן דערזען דעם ריכטיקן וועג. עס וועט זיין אַ מקום מיקלט פאַר די וואָס וועלן עס דאַרפן, אויב מען וועט דאַרפן.

זו הדרך — דאָס איז דער וועג, דער איינציקער וועג ווי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון יידנטום און פון יידן אין אַמעריקע, און במילא אויף דער גאַרער וועלט. קיין אנדער וועג איז נישטאָ. און אויב עס וואָלט געווען, וואָלט מען אים נישט געדאַרפט. און דווקא אין אַזאַ דעמאָקראַטישן לאַנד ווי אַמעריקע קען מען עס שאַפן בע־סער און גרינגער ווי ערגעץ אנדערשוווּ.

דעמאָקראַטיע פאַר זיך גאַראַנטירט אונדז גאָר נישט, און זי קען אמאָל זיין ערגער פאַר יידן ווי אַ דיקטאַטור (בעת די געזעל־שאַפט איז אָנגעלאָדן מיט אנטי־יידישע שטימונגען). דעמאָקראַטיע אָבער מיט אַ פעסטער יידישער אָרגאַניזירטקייט לאָזט אָט די אָרגאַ־ניזירטקייט אנטוויקלען, זי אויפבויען, און דאָס איז זייער וויכטיק! ווייט נישט אַלע לענדער אין דער וועלט קען מען עס אָנטרויען.

דער גורל פון יידן, פון יידנטום ליגט אין די הענט פון די יידן גופא.

לאָמיר נישט זוכן קיין רעטונג ביי קיינעם, נאָר ביי זיך אַליין, דורך זיך אַליין. אַ ברייטע אגיטאַציע און אויפקלערונג אין דער ריכ־טונג — דאָס איז די אויפגאַבע פון די וואָס רעדן צום פאָלק, וואָס שרייבן פאַרן פאָלק.

קען זיין אַז אונטער דער זון זענען פאַראַן נאָך לענדער ווו יידן וואָלטן זיך געקענט איינאָרדענען אויף אַזאַ אופן. אויף דעם ערשטן אָרט שטעל איך קאַנאַדע.

ווען מיר איצט פאַרשפּעטיקן די מיגלעכקייט, קען זיין שפּע־טער צו שפּעט: ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז איז נישט מיגלעך איינצואָרדענען זיך שעפעריש, און דער חלף וועט נישט וואַרטן. אם לא עכשיו — אימתי.

מיי 1947

ארץ ישראל און די הסתדרות

אָנגערעגט צו דער טעמע האָבן מיך די וואַלן צום צוויי־און־צוואנציקסטן קאָנגרעס. אָבער דווקא דערפאר וואָס די וואַלן זענען שוין לאנג אַריבער, און קיינע פּאַרטעיִשע אַגיטאַציעס און קאַמף זענען שוין איצט נישט צוגעמישט, דווקא דערפאר האָף איך, אַז איך וועל זיין אָביעקטיווער און גערעכטער.

פאַר דער היסתדרות פלעגט מען רעדן וועגן קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל, וועגן בויען דאָרטן יידישע לאנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

איצט מעג מען שוין אויסזאָגן בפה מלא, אַז יענע קאָלאָניעס זענען געווען א פולשטענדיקער דורכפאַל און ווען נישט די דריטע עליה מיט דער היסתדרות שפּעטער וואָלט שוין פון יענער קאָלאָניזאַציע גאָרנישט אָדער ווייניק וואָס געבליבן. די קאָלאָניעס האָבן אויסגעזען אין ארץ ישראל נישט אנדערש ווי די קאָלאָניעס אין צאַרישן רוסלאנד אין ווילנער געגנט (פּאַנאַשישאָק, לייפון, קאָזאָקישאָק) אַ סך ערגער ווי די רייכע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע. אין ארגענטינע איז מן הסתם נאָך איצט פאַראַן מער יידישעד באָדן ווי אין ארץ ישראל, אָבער יענע קאָלאָניעס קען איך נישט. איך קען אָבער די עטלעכע יידישע קאָלאָניעס אין קאנאדע, וואָס אַלע זענען אונטערגעגאנגען אָדער זיי האַלטן אין אונטערגיין און זיי האָבן נישט קיין שום נאַציאָנאלן ווערט. איין קאָלאָניע „יידנברידזש" (יידישע בריק, אין צפון פון דער פּראָווינץ סאסקעטשיוואַן) האָט זיכער מער לאַנד ווי

צען יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, און זי האָט שוין אין 1939 געהאַלטן אין גסיסה. די יוגנט האָט נישט קיין שום אידעאַל צו זיצן אין קאָלאָניע און צו האָרעווען שווער, זי צעלויפט זיך אין די שטעט. נאָך דער יוגנט גייען אַוועק אויך די עלטערע און זיי לאָזן איבער אויף הפקר צענדליקער יאָרן פּיאָנערן אַרבעט, מי, אידעאַליזם און געטרייקייט (זע „אָקסן און טראַקטאָרן" פון דעם אַלטן יידנברידזשער קאָלאָניסט מ. אושיכקין, פאַרלאַג „איקוף").

פאַרוואָס?

— יידן זענען הונדערטער יאָרן געווען אָפּגעריסן פון דער ערד און מיט די מיטלען ווי מען קאָלאָניזירט, למשל, אוקראַינער אין קאַנאַדע קען מען קיין יידן נישט קאָלאָניזירן. געווען ביי טייל יידן אַ דראַנג צו ערדאַרבעט, אַ פאַרלאַנג זיך אָפּצורייסן פון קראָם און האַנדל, האָט מען אַוועקגעלייגט די אַלע יונגע כוחות און מען האָט זיך טאַקע צו עפּעס דערשלאָגן. אָבער וואָס ווייטער? — די שטאָט ציט צו זיך, איבערהויפּט די קינדער, אז קיין נאַציאָנאַלער אידעאַל פון אַ גאַנצער נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט איז דערביי נישטאָ? צעלויפט זיך די יוגנט אין די שטעט און אויס.

די קאָלאָניעס אין קאַנאַדע זענען געבויט ווי פּאָר גוים — באַזונדערע פאַרמעס ווייט איינע פון דער צווייטער, שווער צו האָבן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, די קינדער פאַרברענגען מיט שקצים און שיקסעס וואָס זענען אַרום. עלטערן זעען און ציטערן פאַר געמישטע חתונות. אַנטלויפט מען אַליין פון די פאַרמעס, פון די אַוועקגעלייגטע יאָרן מי און אַרבעט, פון די אויסגעבויטע היימען, מיט צעבראָכענע הערצער, אָבער מען לויפט און די קאָלאָניעס בלייבן ליידיק און זיי גייען אַריבער צו אנדערע פעלקער. און דאָ, אין קאַנאַדע האָט די רעגירונג זייער געהאָלפן, געגעבן לאנד אומזיסט, הילף און אינסטרוקטאָרן! און דאָך איז גאָרנישט געוואָרן.

אין ארץ ישראל איז מיט די קאָלאָניעס נאָך געווען ערגער: זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויסהאַלטן. געאַרבעט האָבן אַראַבישע אַרענדאַטאָרן מיט די פּרימיטיוושטע מיטלען און מעטאָדן פון פאַרצייטן, אָן באַוואַסערונג, וואָס אנדערשווו דאַרף מען עס נישט.

פאַר דעם יידן איז עס לגמרי נישט געווען גענוג.

ערד פאָדערט געדולד, אויסגעהאַלטנקייט אָדער הונדערטער יאָרן געוווינהייטן. די יידן האָבן עס נישט געהאַט צו ערד. און די ערד האָט קיין חיונה אויך נישט געגעבן. האָט מען געלעבט אויפן חשבון פון באַראָן, האָבן אַראָבער געלעבט אויף דעם יידישן באָדן — זיי דאַרפן נאָר א פּיטע (ענלעך צו די מעקסיקאַנער „טאָרטיאַס"). האָבן יידן זיך געמאַטערט, געזוכט גליקן, געשריבן ווענדונגען צום באַראָן, צו די ציוניסטישע פאָנדן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זיין אַק־טיוו און מען איז געווען אין כעס אויף אַלע יידן אין דער וועלט פאַר־וואָס מען העלפט ווייניק... האָט מען ספּעקולירט מיט באָדן־האַנדל. האָט מען זיך פאַרקוקט אויף דעם באַראָנס פראַנקרייך און מען האָט געמיינט רייך צו ווערן פון וויין. האָט דער באַראָן אויסגעבויט די גרויסע מאָדערנע קעלטערן אין ראשון לציון און זכרון יעקב. האָט אחד העם געזוויטאָקט וואָס מען גייט בויען ארץ ישראל אויף „ אַ שי־כורן בודזשעט". ערגער איז אָבער געווען — די מעשה מיט דעם ברודער אליהוס טינט אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס". נישט געווען ווו אהין צו טאָן די אָנגעמאַכטע ווייַנען, — און מען האָט די גוטע ווייַנגערט־נער געמוזט אויסרייסן, כדי צו זייען כאַטש אַ שטיקל ברויט. דער באַראָן האָט געצאָלט פאַרן רייסן אויך... האָט מען שפּעטער דערזען אַז עמיצער האָט איין מאָל געמאַכט גוט מיט מאַנדלען, איז גאַנץ ארץ ישראל פאַרפלייצט געוואָרן מיט מאַנדל־פּלאַנטאַציעס. איז גע־קומען א זשוק, א שעדיקער און האָט אוועקגעהרגעט אלע מאַנדל־ביימער — און אויס מיט די גליקלעכע חלומות. האָט שפּעטער איין מאָל באַגליקט מיט טאַבאַק, זענען אַלע קאָלאָניסטן געוואָרן טאַבאַק־פלאַנצער, און — מיטן רויך איז אַוועק נישט דער טאבאק, נאָר די האָפענונגען אויף די גליקן פון אים. דער טאַבאַק אַליין איז פאַר־פוילט געוואָרן נישט קיין פאַרקויפטער.

דערווייל איז מען אַלץ ווייטער געקראָכן אין חובות און קיינע פאָנדן האָבן נישט געקאָנט העלפן. די געזאמלטע יידישע געלטער זענען ביסלעכווייז דורך די יידישע קאָלאָניעס געפלאָסן אין די פאַר־גראָבענע ליימענע קריג פון די אַראַבישע דערפער פאַר ערד, פאַר

אַרבעט, פאַר הינער, מילך און גרינסן און פאַר ספּעקולאַטיווער מעקלעריי פאַר ערד (זע אחד העם אין אַ סך ערטער, ענין טיאָמקין, דער צעפאַל פון די „בני משה"). זעענדיק די קאָלאָניעס אין פאַר־היס־תדרות־תקופה געווען אַ קאַנאַל פאַר יידישע געלטער אין אַראַבישע קעשענעס אַריין.

די קינדער — אַראַביזירט. — כסדר מיט זיי אין פעלד, אין שטוב, אין מאַרק. איבערגענומען די זיטן פון אַט די שכנים, אַנגע־שטעקט זיך מיט דעם לעוואַנטינישן פראַנצויזיש, וואָס עס האָט אַזוי געטריי געפלאַנצט אין גאַנצן נאָענטן מיזרח פאַר יידישע געלטער די אַליאַנס איזראַעליטאַ (שפּעטער אויך די דייטשישע יידן זייער דייטש דורך דעם „הילפס־פאַריין").

דער גלות האָט אין אַלע דורות געפלאַנצט אַ בענקעניש נאָך ארץ ישראל, האָט די בענקעניש געטריבן יידן קיין ארץ ישראל. לאַכט נישט פון „בנימין השלישי" — עס איז דער דראַנג פון אַלע דורות יידן. מען לאַכט נישט פון אַ פאָלקס בענקעניש און חלומות! איז עס געווען אָן „ארץ ישראל של מעלה". די קינדער אָבער פון א"י, די קאָלאָניסטישע זין און טעכטער האָבן געלעבט אין אָן „ארץ־ישראל של מטה" מיט ווילדע אַראַבער, אין אַ פאַרטריקנטן פאַר־וויסטן לאַנד (אָן אַנטוישטער, אַנטלאָפענער חלוץ האָט אין רוסלאַנד אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן פון ארץ ישראלדיקן לעבן מיטן נאָמען „אַ־פּאָלאָגיאַ זעמליאַ" — דאָס אָפּגעברענטע לאַנד) אָן וואַסערע עס איז באַקוועמלעכקייטן, אָן מינימאַלער אָרגאַניזירטקייט. האָט זיי פּאַ־ריז, פראַנקרייך און אייראָפּע בכלל א סך מערער געצויגן ווי ארץ ישראל. די דערציונג אין די שולן פון אַליאַנס האָט נאָך דערצו גע־האָלפן א סך. האָבן די קינדער געקוקט אויף זיך ווי אויף דערונטער־דיקע. ביי די עלטערן, ביי די קאָלאָניסטן גופא איז אויך דער אידע־אַל אָפּגעקילט געוואָרן. ארץ ישראל של מטה האָט אָפּגעקילט די ארץ ישראל של מעלה וואָס מען האָט געבראַכט מיט זיך פון גלות.

אַ מערכה, וואָס די שטעט אין ארץ ישראל (אייגנטלעך קליינע שטעטלעך — ירושלים אַליין האָט געהאַט אַרום פופציק טויזנט איינ־וווינער) האָבן נישט געקאָנט אבסאָרבירן מער יידישע שטאָט־לייט.

אויך די פריערדיקע איינוווינער פון די שטעט האָבן דאָך געלעבט מער פון חלוקה איידער פון אייגענער פרנסה. איז אין תוך אַריין נישט געווען קיין גרויסער חילוק צווישן די פריערדיקע חלוקה־יידן און די נייע. יענע האָבן געוווינט אין די שטעט, און די נייע — אין די קאָלאָניעס. איז די עמיגראַציע פון די קאָלאָניעס נישט געווען קלענער ווי פון די יידישע שטעטלעך אין ליטע.

די ליבע צו ארץ ישראל און די בענקעניש אַהין איז ביי יידן אין די גלות־לענדער געווען גענוג צו ברענגען אלץ נייע יידן קיין ארץ ישראל און זיי צו שטיצן דאָרטן. אָבער עס איז נישט געווען קיין כוח זיי איינצוהאַלטן דאָרטן, ווען די ערשטע ראָמאַנטיק איז פאַרביי. און די וועלט איז געווען אָן אָפענע, אָן וויזעס — איז מען געפאָרן. אויב אין קאַנאַדע און אין די שטאַטן און אין אַרגענטינע זענען די יידן פון די קאָלאָניעס אַריבער אין די שטעט אין די זעלביקע לענדער, האָבן דאָס די יידן אין ארץ ישראל כמעט נישט געקאָנט (וויפל יידן האָבן זיך געקאָנט איינאָרדענען אין די קליינע שמוציקע האַלבווילדע און אַלטפרענקישע אַראַבישע שטעטלעך?!), האָט מען געדאַרפט פאָרן ווייטער, אין דאַמאַסק און ביירוט, אין קאַיר און אַלעקסאַנדריע, אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע און אין אַפריקע. א מערכה וואָס עס האָט געפעלט אויף הוצאות...

:: :: ::

זענען געקומען יידישע יונגע לייט, געזאָגט אַז זיי ווילן זיין אַרבעטער, אַרבעטער אין יידישע קאָלאָניעס... וואָס וועט איר זאָגן צו זיי? האָבן נאָך די אַרבעטער געקראָגן די חוצפה צו פאָדערן „רעכט אויף אַרבעט". איז געוואָרן דער אמתער „ויצעקו" אין די אַלטע קאָלאָניעס. מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט פאַרשטיין ווי קען מען אויסקומען אָן דעם אַראַבער, און דערצו — ביי, חבר זיך מיט די „יונגאַטשעס" וואָס שמעקן מיט רעוואָלוציע און מיט דער „חוצפה" פון די רויטע רוסישע העמדלעך (רעוואָלוציאָנערן) די באַציונג צו יידישע אַרבעטער איז דאָ נישט געווען בעסער ווי אין יידישע פאַבריקן און וואַרשטאַטן אין לאָדזש.

נאָך אַ פּאָגראָם אין פתח תקווה (דאַכט זיך אין 1921) האָבן

קאָנאָניסטן עשגוואָרן ביים קבר פון ידישע אַרבעטער וואָס האָבן זיי אָפּגעהיט און געפאלן, אַז זיי גייען אַריבער אויף יידישער אַרבעט. האָבן זיי געהאַלטן זייער שבועה?

און נאָך אין מיטן פון די דרייסיקער הארט ערב די אַראַבישע אומרועז האָט דער אַלטער שאול טשערניכאָווסקי מיט נאָך יידישע שרייבער זיך געלאָזט פון תל אביב העלפן אַרבעטער צו פּיקעטירן א יידישן פּרדס, וואָס זיין באַלעבאָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן קיין יידישע אַרבעטער.

— בעסער גראַבסקין, בעסער פּאָגראָמשטשיקעס אוועקגעבן איידער זיי, די טריפה היסתדרותניקעס!... וואָס מיינען זיי, וואָס? עס איז פאַר זיי רוסלאנד?”...

אין ערגעץ איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען אַזאַ אַנטאַגאָניזם צווישן יידישן באַלעבאָס און אַרבעטער ווי אין ארץ ישראל.

דער קאָלאָניסט האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין די נייע מענטשן און נישט געוואָלט באַנעמען זייערע נייע השגות און נייע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. „דעם באַראָנס קעסטקינדער” (אַ זידלוואָרט אויף די קאָלאָניסטן) האָבן דאָך נישט געקאָנט זיך דערהייבן צום קולט פון אַרבעט און פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

רעכט אויף אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער אין די ווירטשאַפטן וואָס זייַנען אויסגעבויט געוואָרן פאַר יידישע געלטער — אַ לאַנגן און גאָר נישט קיין גרינגן קאַמף האָט דאָ געהאַט די היסתדרות, און ווייט נישט אָן קרבנות.

איז די דריטע עליה — די מאַמע פון דער היסתדרות אַוועק אויף אַ נייעם וועג — מען האָט דעמאָלט גענומען בויען נייע, פון לכתחילה קאָלעקטיווע און נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן. אַזוי אַרום איז געבאָרן געוואָרן דער פּראַקטישער קאָלעקטיוויזם און עס איז פאַרזייט געוואָרן דאָס קערנדל פון אַ יידישער פאַרזיכיקער עקאָנאָמיק. און דאָס איז געווען אַן אידעע אַ נייע, וואָס איז נישט געווען באַקאַנט יידן פון די פאַרצייטיקע דורות אָן.

און תל־אביב, די באַרימטע יידיש־יידישע שטאָט. איז זי דאָך

לכתחילה געבויט געוואָרן ווי אַ רעזידענץ־קוואַרטל פאַר יידן וואָס לעבן און פאַרדינען אין יפו. עס איז נישט געווען קיין אידעע פון אַ באַזונדערן ריין־יידישן ווירטשאַפטלעכן איינס. אין 1913 — זעכציק קליינע וווינהייזער מיט אַ פאַרבאַט צו עפענען קראָמען. די איינ־ציקע קראָם איז געווען „מחוץ לתחום" — פון יענער זייט פון דער קייט, וואָס פלעגט פאַרשליסן די שכונה (קוואַרטל) אויף ביינאַכט און אויף שבת. פאַר אַן אמתער שטאָט איז תל־אביב געוואָרן אונטערן דרוק פון יידישע אַרבעטער, פון דער דריטער עליה. (אמת — עס האָבן שטאַרק געהאָלפן די פאָגראָמען אין יפו אין 1921 און אין 1929 — יידן זיינען פשוט געלאָפן פון די יפוער גאַסן: אין סכנה איז מען פאַרט זיכערער צווישן יידן).

האָבן די יידישע קאָלאָניעס אין דער פאַר־היסתדרות־תקופה פאַר־מעלעך געגוסכט און זיי זענען אַ סך נענטער געווען צום אונטער־גאַנג ווי ערגעץ אַנדערשוו. אויך אין די אַזוי גערופענע שטעט אין ארץ־ישראל האָט זיך נישט געקאָנט אויסבילדן קיין פערמאַנענטער יידישער ישוב.

וואָלט אַזוי געגאַנגען ווייטער, וואָלטן פון ארץ־ישראל־אויפבוי איצט געווען נאָר רעשטלעך ווי פון אַלע פריערדיקע עליות, מאָ־דערנע חלוקה אַ ביסל. צו דעם נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן אויפבריוז, צו די אַספּיראַציעס און פאַרמעסטן וואָלט בשום אופן נישט גע־קומען. דער הערצל־עפּיזאָד וואָלט פאַרגעסן געוואָרן ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן דער חלום פון עלעפאַנטין, פון עמנואל נוח, מיצ־קעוויטשעס בריגאַדע איינצונעמען ארץ־ישראל פאַר יידן וכדומה. ארץ ישראל איז פון אייביק אָן דער פאָקוס, דער ברען־פונקט וווּ עס קאָנ־צענטרירן זיך יידישע שטרעבונגען און בענקענישן. אַהין האָבן יידן געטראָגן זייערע חלומות וועגן גאולה, דאָרטן האָבן מקובלים גע־בראַכט זייער קבלה, פרומע יידן זיינען אַהין געפאָרן געניסן פון פולן גן עדן, חסידים האָבן אַהין געטראָגן זייער חסידות. בילויים האָבן אַהין געטראָגן זייער אויטאָעמאַנציפּאַציע אידעאַל — איט־לעכער דור מיט זיינע בענקענישן, טרוימען האָט זיך געווענדט צו ארץ־ישראל. אַלץ וואָס עס איז אין ארץ־ישראל אין אַלע דורות

געווען איז אין תוך אַריין אַן אַנטפּלעקונג פון שטרעבונגען וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות און געבראַכט קיין ארץ ישראל. אַלץ וואָס יידן האָבן אויסגעחלומט אין זייערע גלותן האָבן זיי געטראָגן קיין ארץ ישראל, אין צענטער פון פאָלקס־בענקענישן. דערמיט פלעגט זיך עס ענדיקן. געקומען קיין ארץ ישראל — די שטרעבונגען דער־גרייכט, אַזוי צו זאָגן — רעאַליזירט, — און זיי פלעגן ביסלעכווייז ווערן אָפּגעשוואַכט, אויסגעלאָשן ווי אַ ליכט, פאַמעלעך, אָבער תמיד. נאָך איין עפּיזאָד אין דער יידישער געשיכטע וואָלט צוגעקומען: נאָך אַ חלום פון נייע, מאָדערנע חסידים איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל און ער איז זיך צעגאַנגען ווי אַ נעפּל אין דער זון. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַזוי, נאָר דאָס איז פאַקטיש געבליבן אין ארץ ישראל פון די ערשטע צוויי עליות. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין דריטע עליה, וואָס האָט איבערגעדרייט די גאַנצע געשיכטע.

מיט וואָס איז די דריטע עליה געווען אַנדערש פון די פריער־דיקע צוויי און פון די צענדליקער עלטערע עליות וואָס האָבן אייגנט־לעך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו שטרעבן און צו קומען קיין ארץ ישראל?

די דריטע עליה איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל צווישן דער ערשטער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַזוי ווי דער ציוניזם בכלל איז אַ קינד פון דעם אַלגעמיינעם יידישן רענעסאַנס פון נייַנצנטן יאָרהונדערט אין מיזרח־אייראָפּע, אַזוי איז די דריטע עליה אַן אָפּצווייג פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפ־ברויז אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יה'.

די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן. רעאַקציע, פּאָגראָמען, אַנ־טוישונג, יאוש.

אָבער אויך יאוש קען ווערן צו אַ שעפערישן סטימול ביי מענ־טשן וואָס אידעען זיינען ביי זיי נישט קיין סוגעסטירטע, איינגערעדטע, נישט קיין שיינע צעטלען צוגעקלעפּטע אויף לייַדיקע פלאַשן, נאָר די אידעען זיינען ביי זיי אינעווייניק אויסגעוואַקסן און זיי זיינען צונויפגעוואַקסן מיט דער פּערזאָן אָרגאַניש. האָט אַ טייל פון רע־

וואָלוציאָנערער יוגנט, אָט טאַקע די וואָס איז אָרגאַניש געווען איינגעוועבט אין יידישקייט גייסטיק און עמאָציאָנעל, אָט די יוגנט וואָס יידישע קולטור איז געירשנט פון לעבן און נישט נאָר אויסגעלערנט, די יוגנט וואָס אויך דער אונטערבאַוווסטזיין איז א יידישער — אָט די יוגנט האָט עס אַ טראָג געטאָן קיין ארץ ישראל פון די חורבות פון דער רעוואָלוציע.

מען איז אָבער געקומען מיט גאָר נייע חלומות, שטרעבונגען, מיט נייע אידעאַלן און מיט אַנדערע פאָרשטעלונגען. ווער זיינען דאָס געווען?

— אַרבעטער?

ניין, איך בין בכלל אַן אפיקורוס און איך גלייב נישט, אַז אַרבעטער ווי אַזוינע (און איבערהויפּט ביי יידן!) האָבן אַ באַזונדערן וועלט־באַנעם און זיי שאַפן אידעאַלן און ער, דער פאַרהייליקטער פּראָלעטאַריער שאַפט באַוועגונגען. איך גלייב נישט אין דעם. אויך דאָ זיינען עס געווען נישט קיין אַרבעטער, נאָר אידעאַליסטן, טרוימער וואָס האָבן געבראַכט אַ גלויבן אין אַרבעט, אַ גלויבן אין אַ „פאָלק פון אַרבעט" (דאַכט זיך אַז דער נאָמען „עם עובד" שטאַמט פון דעם צו פרי פאַרשטאָרבענעם בערל קאַצענעלסאָן, וואָס האָט טאַקע אָנגעהויבן זיין באַוווכטזיניק לעבן ווי א סאָציאַליסט־ייד און נישט ווי אַ יידישער סאָציאַליסט). מען האָט מיטגענומען דעם רעוואָלוציאָנעדן פאַטאָס פון רוסלאַנד, מען האָט אויך מיטגענומען פון די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערן דעם גרויסן ביטול צו אַלץ וואָס מען רופט אין אַמעריקע „שטאַנדאַרט פון לעבן" — איז אָן דירות און אָן מעבל און אָן באַקוועמלעכקייטן. דאָס איז דאָך „אַלץ קליינבירגערלעכע נאַרישקייטן" („מיעשטשאַנסטוואָ" האָט עס געהייסן אין רוסיש) איז מיט פּראָלעטאַרישע הויזן, אָבער ניקאָליי דער צווייטער איז אַ הונט, און אַ הונט איז ניקאָליי... און מיר האָבן אויסגעפירט! שלאָפן מיר אויף ברעטער מיט אַ שטרויזאַק און די ברעטער ליגן אויף בלעכן פון קעראָסין (אַזוי האָב איך געזעכטיקט אַ קראַנקער ביי אַרבעטער אין עין גנים אין 1913). דערפאַר אָבער האָט מען אין דעם אייגענעם לעבן געזען די „אתחלתא דגאולה", די קערנדלעך פון אַ נייער וועלט.

דאָ האָבן זיך אויף אַ גליקלעכן אופן צונויפגעגאָסן דער אַלטער יידי־שער טרוים „לתקן עולם במלכות שדי" מיט דעם רוסישן „גאָט־זוכעניש". און אָט די אידעאַליסטן, די גלויבער אין „אַרבעט" האָבן דאָ אין זייערע ערשטע הויראָס אויסגעטאַנצט גאָר אַ נייע אויפלאַגע פון סאָציאַליזם. אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך אַליין האָבן זיי געשאַפן אַ ריין יידישע פאָרמע זיינע. אַזאַ, וואָס אין איראָפּע איז זי נישט געווען און נישט געקאָנט זיין.

וואָס איז סאָציאַליזם ביז צום היינטיקן טאָג אין איראָפּע?

— אַ לאָזונג פאַר פּאָליטישן, פּאַרטייאישן קאַמף. פעלקער, קלאַסן, גרופּעס — אַלץ מען שלאָגט זיך. דעם „פּאַרוואָס" זיך צו שלאָגן טראַכט מען שוין צו — רעליגיע, גאָט, מלוכה, שטיקלעך לאַנד. איז סאָציאַליזם איינער פון אָט די אַלע „פּאַרוואָסן" וואָס מען שלאָגט זיך פאַר זיי. שלאָגן זיך, דער קאַמף — דאָס איז דער עיקר. אַז מען דערשלאָגט זיך שוין, איז דער אויסגעקעמפטער „סאָציאַליזם" אין איראָפּע קיין מאָל נישט בעסער געווען פון דעם „נישט־סאָציאַליזם".

דאָ אָבער, אויף די ווילדע און פון דורות פּאַרוויסטע פעלדער פון ארץ ישראל איז געבאָרן געוואָרן גאָר אַן אַנדער מין סאָציאַליזם: „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות סאָציאַליזם אין מיין אייגענעם לעבן". מען קעמפט נישט, מען שלאָגט זיך נישט, מען ציילט נישט קיין שטימען אויף וואַלן, מען באַרימט זיך נישט מיט ניצחונות, נאָר מען פּראַוועט, מען ריכט אָפּ סאָציאַליזם אין אייגענעם לעבן.

ביי די קריסטן איז געגנוג פאַר אַ מענטשן צו „גלייבן" אין קריסטוס, מיט דעם גלויבן קען ער יוצא זיין, דער קאַטעכיזם איז וויכטיק, די עיקרים און פּרינציפּן וואָס מען מוז האַלטן פון זיי, גלייבן אין זיי; —

ביי יידן — גלייב יאָ און גלייב נישט, גלייב ווי דו ווילסט, דער עיקר אָבער: דו דאַרפסט מקיים זיין די מיצוות אין דיין לעבן, בשכבך ובקומך — אין שטוב, מיט דיינע קינדער פון פרימאָרגן און ביז נאַכט. איז דאָ סאָציאַליזם געוואָרן אַ נייע פאָרמע פון חסידישן ברען און התלהבות, אַ נייע אויפלאַגע פון דער אמאַליקער צפתער קבלה ווי זי צו פּראַווען און ווי אָפּצוריכטן זי.. אַלע פאָרשטעלונגען

און אידעאַלן וואָס מען האָט געבראַכט פון רוסלאַנד, פון איר צע־בראָכענער רעוואָלוציע און פון דער איינגעזאַפּטער קולטור. אירער האָבן זיך טראַנספאָרמירט און צונויפגעגאָסן מיט אַלטע לאַנג איינגע־דרעמלטע יידישע שטייגערישקייטן. איז

פון כאַסלאַוויטש
ביז ליבאַוויטש,
און וואָס דאַרף איך אייך...

איז פון דעם געוואָרן:

יה חי לי, לי עמלי

און:

עורי שממה, דינך נחתך
אנו באנו לכבוש אותך

(שטיי אויף, מידבר, מיר זענען געקומען דיך צו באַצווינגען).

איז לאָמיר, ברידער, אויסטאַנצן די האַרבע סוגיא כאַציאַליזם נאָך אמאָל, און נאָך אמאָל. און אַז דאָס איינציקע העמדל אויפן פאַר־שוויצטן לייב ווערט נאָס פון דבקות, איז אויסגעדרייט עס און עס בלייבט דאָס אַלץ די אַלטע קשיא...

זענען די פעלדער פון גליל געוואָרן א ביי שטיק זוהר, און די שטאָלן — א מחיהדיק פשטל אין תניא. אָט אַזוי האָט מען געלערנט דעם פשט פון „וחי בהם״: אידעאַלן זענען נישט מען זאָל גלייבן אין זיי און נישט מען זאָל זיך שלאָגן פאַר זיי, — נאָר מען זאָל זיי מקיים זיין אין אייגענעם לעבן. א נייע פאָרמע און אַ נייע שיטה אין סאָ־ציאַליזם וואָס איראָפּע ווייסט נישט פון איר און קען זי נישט פאַר־שטיין:

דען פעלקער האָבן רעליגיעס, באַשטייען זיי פון: גלייב גלייב, שלאָג זיך פאַר איר, קעמף פאַר איר, צווינג יענעם, פיר מילחמות פאַר איר און ברענג איר ניצחונות, נעם איין וועלטן. אָט איז רע־ליגיע — אַ דאָקטרין וואָס מען דאַרף זיך שלאָגן פאַר איר. יידן האָבן א גלויבן: זעקס הונדערט מיט דרייצן מיצוות מקיים צו זיין אין אייגענעם לעבן (תרי״ג).

ביי פעלקער — זאָרג פאַר יענעמס נשמה, כדי דו זאָלסט זיין

אויסגעלייזט,

זאָרג פאַר יענעמס נשמה און דערשטיק זיין גוף.

ביי יידן — זאָרג פאַר יענעמס גוף, כדי זאָלסט אויסלייזן דיין נשמה.

איז דער אונטערשייד דאָ אויך אין די סאָציאַליזמען — ביי זיי און ביי אונדז. און דערווײַלע —

איז אָט דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען נאָך אַמאָל אויף די גלילער פעלדער, דער אײנציקער וואָס האָט נישט באַנקראָטירט.

איז ברענער, דער געוועזענער בונדיסט, געוואָרן צו א נייער פאָרמע פון א „גוטן יידן", איז א. ד. גאָרדאָן געווען א חסידישער רבי, א נייער,

איז אָט אזוי און אָט אזוי
איז אונדזער עבודה, די עבודה הבורא,
איז אָט אַזוי און אָט אזוי
ריכטן מיר אָפּ די עבודה:

זענען די שווערקייטן און דער הונגער און אלע קראַנקייטן וואָס די דריטע עליה האָט זיך אָנגעליטן — זענען דאָס געווען נישט סתם צרות, נאָך זיי זענען דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון צירופים, תעניתים און סיגופים וואָס מיט זייער הילף ברענגט מען גאולות אויף דער וועלט. איז דאָ דער סאָציאַליזם געווען נישט קיין קאַמף פאַר אַ בעסערער און פעטערער בולקע מיט פוטער (שטאַנדאַרט פון לעבן בלע"ז). ער איז געוואָרן א שטיק קבלה מעשית, מקרב צו זיין די גאולה...

קען אין אייראָפּע גאָר געמאָלט זיין אַזאַ מין פשט אויף סאָציאַ־ליזם? אַז זייער טראַדיציע ציט זיך גאָר פון דעם „על חרבך"?

אָט דאָס איז די היסתדרות אין שיין פון דער יידישער טראַדי־ציע.

מען זאָגט און מען האָט ליב צו זאָגן אַז

ארץ ישראל האָט גורם געווען דערצו וואָס דאָרטן איז אויפגע־קומען געוואָרן עפּעס אזוינס וואָס קיין מאָל איז עס פריער נישט געווען

אין אַלע אונדזערע וואַנדערונגען איבער אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט. עס איז די קדושת הארץ וואָס זי האָט עס געווירקט, געפירט דורך קרבנות און נאָך קרבנות צו די פאָדערונגען פון אַ יידישער מלוכה דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין זכות פון ארץ ישראל.

און איך זאָג: נישט ארץ ישראל, נייערט עם ישראל — דאָס האָט די קדושת העם גורם געווען און נאָך מערער זאָג איך: מיר גלייבן דאָך נישט אין קדושת העם, אָך און וויי, ווי פאַרברעכעריש מיר פאַר־שווענקן זיך! ריכטיקער דער „עם" אַליין, די נשמה פון פאָלק, זיין שכי־נה, זיין אַלטער גלויבן באַוועגט מיט פרעמדע השפעות האָט עס גורם געווען און אין זיין זכות איז עס אויפגעבויט געוואָרן אַלץ וואָס עס איז דאָ.

אין אַלע צייטן פון גלות האָבן יידן זיך געלאָזט קיין ארץ ישראל, זיך באַמיט אויפצושטעלן דאָרטן ישובים, — און עס איז זיי קיין מאָל נישט געלונגען ווי עס איז געלונגען אין אַלע אַנדערע לענדער אין דער וועלט. דער זכות פון ארץ ישראל איז דאָ קיין מאָל נישט בייגעשטאַ־נען. דאָס וואָס יידן האָבן יאָ געקאָנט אויפטאָן אין אַלע אַנדערע לענ־דער האָבן זיי דאָך אין ארץ ישראל דווקא נישט געקאָנט. אין אַלע לענדער פון זייער וואַגלען האָבן יידן זיך איינגעשאַפן עקאָנאָמישע פאָזיציעס און אויך גייסטיקע צענטרען. קולטור־אוצרות זענען אָנגע־שפייכלערט געוואָרן אַלץ מער און מער. שטייגער און זיטן האָבן זיך געשמידט נייע „אויפלאַגעס" פון תורות וואָס דאָס פאָלק האָט געלעבט מיט זיי, נייע „ירושלימס" זענען אויפגעקומען אין איטלעכן לאַנד פון גלות. און זיי, די גלותדיקע גייסטיקע „ירושלימס" האָבן שטאַרק קאָנ־קורירט מיט זייערע אויפטוען פאַרן קיום האומה מיט דער אַלטער שטיינערנער ירושלים. און דאָס נישט געקוקט אויף דער גאַנצער בענקעניש וואָס יידן האָבן אייביק געבענקט נאָך ירושלים, וואָס אַ גאַנ־צע וועלט מיט יידן דאַוונען כסדר מיטן פנים אהין, וואָס אפילו איצט הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן אין האַרצן ווען דו קומסט אַריין אין ירושלים אַריין.

און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָבן יידן אין ארץ ישראל קיין מאָל נישט געקאָנט אויפטאָן קיין ברוכטייל פון דעם וואָס זיי

האָבן באַוויזן אין אַלע אַנדערע לענדער.

דער זכות פון ארץ ישראל איז אונדז בכן קיין מאָל נישט ביי־געשטאַנען.

מיר האָבן איבן געזען אַז אויך די נייע פאַרהיסתדרותישע קאָ־לאָניזאַציע האָט געהאַט איר טרויעריקן פאַרלויף און האָט געהאַלטן אין גסיסה. באשר די דריטע עליה האָט זי מחיה מתים געווען. דער זכות פון ארץ ישראל איז אויך דאָ נישט בייגעשטאַנען.

איז פון דאנען צו דרינגען, אַז די פאַקטאָרן וואָס העלפן שאפן יידישע ישובים מיט אַ פעסטערן אָדער שוואַכערן קיום ליגן נישט אין ארץ ישראל, נייערט — אין עם ישראל און אין די אַרומיקע באַדינגונ־גען. און לאָמיר זען:

אין אַלע ישובים וואָס יידן האָבן געשאַפן אין זייערע וואנדע־רונגען (און די האָבן זיך אָנגעהויבן אַ צייט פריער, פאַר דעם חורבן) האָבן זיי געזאָרגט נאָר פאַר זייער נאַציאָנאַלער קולטורעל־שטייגע־רישער פאַרזיכיקייט, וואָס מען האָט גערופן מיט אַ פאַלשן נאָמען „אמונה" און גאָר שפעטער „רעליגיע". פאַר דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פאַרזיכיקייט האָבן יידן נישט געזאָרגט זיך לגמרי.

און עס איז געווען, אַז די יידן זענען צוליב די באַדינגונגען פון דעם נייעם לאַנד געווען געצוווּנגען צו פירן אויך אַ פאַרזיכיק־סאָ־ציאַלן לעבן, — איז אויך די פאַרזיכיק־יידישע קולטור געווען פעס־טער, און דער ישוב איז געווען שעפערישער, אַקטיווער און דויערנ־דיקער.

ווען אָבער די באַדינגונגען האָבן די יידן געלאָזן פריי און זיי זענען נישט געווען געצוווּנגען צו סאָציאַלער אָרגאַניזירטער פאַר־זיכיקייט.

דאָרטן האָבן עס די יידן נישט געשאַפן און דער גאַנצער ישוב איז שוואַכער, זיין קולטור־שעפערישקייט — אַטראָפירט; זיין קיום — ענדעמיש.

אָבער שאַפן אַקטיוו און אַליין אַ גאַנצע פאַרזיכיקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן — דאָס האָבן יידן ביז דער היסתדרות נישט געפּרוּווט.

און עס פלעגט זיין ווען די יידן פלעגן קומען אין אַ לאַנד, וואָס האָט געקאָנט אבסאָרבירן אַ גרעסערן יידישן בעלמלאכישן און סוחרי־שן קיבוץ, האָבן יידן דאָרטן געקאָנט שאַפן ישובים. ארץ ישראל האָט עס נישט געקאָנט, זענען דאָרט קיין פעסטערע יידישע ישובים נישט אויפגעקומען. גאָר פשוט.

די היסתדרות האָט אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע גאָר אַ נייעם קאַפּיטל — דעם דראַנג צו אַלזייטיקער נאַציאָנאַלער פּאַרזיכיקייט.

:: :: ::

און אַזוי איז געווען דער וועג ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם נייעם.

בראשית, אין דער תקופה פון משכילישער היבת ציון זענען יידן, אַ טייל יידן מחמת נעגאַציע צום יידישן לעבן, געגאַנגען צו ערד־אַרבעט, ווייל

אין סאָכע
ליגט די מזל ברכה...

אויך קיין ארץ ישראל איז די ערשטע און די צווייטע עליה געקומען מיטן אידעאַל פון ערד־אַרבעט און דאָס איז געווען אַלץ. האָט מען „געסאָכעוועט". איז אין דעם גאַנצן איבערגעטריבענעם משכילישן גלויבן אין דער קדושה פון דער סאָכע געווען אַ שטיק נאָכמאַכעריי, די געוויינטלעכע משכילישע פאַרגעטערונג פון פרעמדס.

„הויז פון יעקב, קומט און לאָמיר גיין", לאָמיר גיין זיך לערנען, לאָמיר ביי ר' איוואַנען זיך לערנען צידקות אין זיין סאָכע...

זענען פאַר דער סאָכע פאַראַן בעסערע און געניטערע און דער עיקר מער טראַדיציאָנעל אַריינגעלעבטע מיט דער סאָכע. איז ביי אונדז יידן אין אַט דער משכילישער סאָכע שוין גאָר נישט געווען קיין מזל ברכה.

איז געקומען די דריטע עליה און האָט איבערגעדרייט דעם פסוק. נישט די סאָכע הקדושה, נייערט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פאַרזיכיקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן. אַן אַלזייטיק אייגן לעבן גייען מיר בויען. אַריינדרינגען אין אַ פרעמדן סאָציאַל־עקאָנאָמישן

ישוב דאַרף מען געפינען די פּאַסיקע ערטער דערצו, די סביבות וואָס זענען מסוגל און וויליק אַריינצונעמען אין זיך אַ יידישן עלעמענט. איז דערצו ארץ ישראל נישט מסוגל געווען, דער אַראַבישער ישוב אין לאַנד. אויפשטעלן אַ ישוב וואָס איז אַלזייטיק אומאָפּהענגיק — דאָ איז שוין נישט נייטיק די אויפנעם־פעיקייט פון דער פריערדי־קער באַפעלקערונג אין לאַנד. און ארץ ישראל וואָס האָט ביז דער היסתּדרות נישט געלאָזט אַנטוויקלען קיין יידישע ישובים, די זעל־ביקע ארץ ישראל האָט זיך גאָר אַנדערש אָפּגערופן אויף די אָנ־שטרענגונגען פון דער דריטער עליה. דאָס וואָס איז ביז איצט געווען אוממיגלעך אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, דאָס איז איצט געוואָרן מיגלעך. די אייביקע הייסע סענטימענטן צו ארץ ישראל וואָס דער גלות האָט אַלע מאָל אַזוי געצערטלט און געהאָדעוועט נאָר זיי האָבן קיין מאָל נישט געקענט געפינען קיין פאַרווירקלעכונג, זיי האָבן מיט אַמאָל זיך גענומען אָנקליידן אין פלייש און הויט.

דאָס איז דער חידוש וואָס די דריטע עליה האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן דערוויל אין ארץ ישראל, — און איך וויל האָפן — אַז מיט דער צייט נישט נאָר דאָרטן: אַן אַלזייטיקע פאַרזיכיקייט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן ווי אין קולטורעל־שטייגערישן הינזיכט.

:: :: ::

און אַזוי איז געגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה ביז די אידעע איז צייטיק געוואָרן. גאָר צום אָנהויב איז עס געווען דער „וועג צו זיך".

אַנטוישט פון דער פאַרלאָרענער רעוואָלוציע, פאַגראָמען איז מען פון „זעלבסטשוץ געקומען צו „זעלבסטלעבן" און די אייביקע סענטימענטן האָבן גלייך זיך אַסאָציאירט מיט ארץ ישראל. דערצו האָט מען דאָך פון גלות אויך געזען די קאָלאָניעס אין אַ פּאָזיטיוון שיין. געבליבן איז דער קולט פון אַרבעט, געבליבן איז דער גלויבן אין דער „מלכות שדי" אין דער אויפלאַגע פון רוסלאַנד, — און מיר גייען נישט קעמפן פאַר איר, נייערט מיר קומען זי מקיים זיין.

אַ וועלט זינקט אין מרה שחורה אַריין,

אין מרה שחורה זינקט די וועלט (פּרץ, „גאָלדענע קייט")

גייען מיר, שבת־יום טובדיק יידן די וועלט אויסלייזן פון דער

מרה שחורה. מיר גייען דער גאולה אנטקעגן מיט דעם קולט פון אַרבעט באַוואָפנט.

צום גליק האָבן די קאָלאָניעס נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אויפנעמען די יידישע אַרבעט. האָט מען געמוזט אַליין שאַפן ווירט־שאַפטן און

עס איז געקומען די צווייטע מדרגה, די מדרגה פון אַלזייטיקער ווירטשאַפטלעכער פּאַרזיכיקייט און אומאָפּהענגיקייט.

איז געקומען די ביטערע נויט און האָט געלערנט יידן, אַז מען דאַרף אויך קענען זיך מיליטעריש פאַרטיידיקן — איז אויך דאָס גע־שאַפן געוואָרן.

איז געקומען די מילחמה, אוממענטשלעכע צרות אויף יידן, — איז געקומען דער דראַנג צו אייגענער מלוכישקייט.

און אַזוי האָט די היסתדרות באַהערשט די אידעען פון דעם גאַנצן ישוב און פון די גרעסטע שיכטן פון יידן איבער דער גאָרער וועלט. איך אַליין גלייב נישט אין דעם ווערט פון מלוכות, און אי־בערהויפּט — פון קליינע מלוכות, אָבער דער בהדרגהדיקער גאַנג צו דער אידעע איז אַ נאַטירלעכער און — פון שטאַנדפּונקט פון דער היינטיקער וועלט אויך אַ באַרעכטיקטער.

איז די היסתדרות אַ מזיגה פון:

די אַלט־יידישע — קבלה מעשית, טראַנספאָרמירטע חסידישע היתלהבות און דבקות, ברענענדיקער באַגער אויסצולעבן זיך אין קיום המצוות, וואָס ווערן אַרויפגעצוואונגען נישט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין און דערצו די אייביקע שטרעבונגען צו דער גאולה וואָס איז ביי יידן תמיד פאַרבונדן מיט ארץ ישראל.

אָט דאָס אַלץ האָט זיך אָרגאַניש מזדווג געווען מיט דעם גלויבן אין אַרבעט, אין סאָציאַליזם און מיט דעם ביטול פון קליינבירגער־לעכקייט מיט אַלע זיינע קאָנווענאַסן. און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן אַ ריין יידישע פאָרמע פון סאָציאַליזם, וואָס ביי קיינע אַנדערע פעל־קער איז זי נישט און זי קען נישט זיין.

דאָס איז די היסתדרות.

:: :: ::

זענען אין דער היסתדרות נישטאָ קיין חסרונות?
— עס זענען דאָ און גרויסע.

און אַלע נעמען זיי זיך פון איין מקור — פון דער שלילה, פון דער נעגאַציע, וואָס איז דאָ ביי אַלע יידן צו זיך אַליין, צו אל דעם וואָס עס איז יידיש.

נישט וועגן שפּראַכן גייט דאָ. דער אומגליקלעכער „שפּראַכן־קאַמף" איז געווען און איז נאָר א פאַרבלענדעניש, וואָס פאַרשטעלט מיט זיך דעם גאַנצן פּראָבלעם צי מיר יידן זענען וואָס מיר זענען און מיר גייען אין אונדזער לעבן אַנטפּלעקן דעם אייגענעם אייביקן „איך" אונדזערן, אָדער מיר גייען דערשטיקנדיק דעם אייגענעם „איך", ווערן א נייער „חומר היולי" וואָס דאַרף ערשט געפינען פאָרמען צו ווערן עפּעס נייעס.

די היסתדרות האָט דעם וועג צו זיך נישט אויסגעבויט אין גאַנצן, האָט נישט אויפגענומען דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן „איך" אין זיין גאַנצער אַנטוויקלונג דורך דורות. זעט מען צו פיל דאָס פרעמ־דע און מען פאַרזעט ווילק און אומווילק דאָס אייגענע, דאָס אייבי־קע אין זיך. און דאָס איז א קללה:

איינגעטונקט אין „טומאת הגויים" קען מען קיין גאולה נישט ברענגען — נישט פאַר דער וועלט און פאַר זיך געוויס נישט: די גאולה שלמה ליגט אין

וואָס מיר זענען, זענען מיר —

דאָס ווילן מיר זיין, דאָס באַמיען מיר זיך צו זיין און קיינער שטערט אונדז נישט צו דעם. דאַרף מען זיך וואשן און רייניקן פון דער גאַרער פרעמדקייט, און אומזיגט לאַכן מיר, אויפגעקלערטע און שכלדיקע אַלצוויסער און אַלצפאַרשטייער פון די אַמאָליקע מקובלים מיט זיי־ער דראַנג צו גייסטיקער ריינקייט.

קיין מאָל, קיין מאָל קען מענטש אין קיין דור, אין קיין וועלט גאָרנישט שאַפן און גאָרנישט אויפטאָן, — אויב ער איז מיט אַלע רמ"ח אברים זיינע, מיט זיין גאַנצן באַוווסטזיין נישט דאָס וואָס ער איז דורך אַלע דורות מיט זיין אומבאַוווסטזיין; אויב ער פּרוּווט אימי־טירן.

פאַרפלאַכט מען און מען פאַרוואָסערט אָפּט דעם מהות פון היס־תדרות אין דעם גאַנג פון אַלע אונדזערע דורות, דעם נאַציאָנאַלן זיי־גען אירן אין שיין פון אונדזער אייביקייט.

מאַכט מען פון דער היסתדרות עפּעס א מין שוואַכן אָפּגלאַנץ פון פרעמדס, א

נהיה ככל הגויים בית ישראל

... שייך צו זאָגן — גיי מאַך פון אַ שאָף אַ וואָלף... נישט מער און נישט ווייניקער. קומען אַזוינע מפרשים, וואָס מעגן אַלץ זאָגן ווייל זיי זענען באַהיט און באַשירעמט דורך דער בעטטער קמיע פון אונדזערע טעג — מיט א גוטן פּאַרטיי־בילעט, וד״ל, — און אָט די גאַנץ פלאַכע מפרשים לערנען:

— וואָס איז די היסתדרות? וואָס וויל זי?

— די היסתדרות וויל אַז יידן זאָלן לעבן א גוייש לעבן (פון אַ רעדע אויף אַ היסתדרות־קאָנפערענץ אין מוגראַבי־טעאַטער אין תל־אביב). און כאָטש אָט די ווערטער געהערן צו א באַקאַנטן פי־רער פון דער היסתדרות, זענען זיי נישט מער ווי א בילבול, א פאַר־קריפּלונג. קיין שום „איוואַניזאַציע״ פון יידן קען נישט און וועט נישט געלינגען. דאָס שיקן דעם אַלטן ר׳ ישראל סבא אויף דער על־טער אין חדר אַריין אין בית־מדרש פון דזשאָן יאַהאַן וועט קיין גוטס נישט ברענגען.

דאָס איז איין קאַרדינאַלער היסרון.

און צווייטנס — דער „ממון תחת יידישקייט״ פון די היסתדרות־פריינד אין אַלע לענדער אין חוץ לארץ. עס האָט זיך איינגעשטעלט איבערהויפּט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט א גלויבן אַז אין חוץ לארץ זענען קיינע מצוות נישט מחייב. פאַר אַלץ קען מען יוצא זיין מיט געלט, אויסקויפן זיך מיט געלט און יוצא זיין מיט יענעמס קיום המצוות. א קדיש נאָך א טאַטן — געלט, פרומקייט — געלט און אויך היסתדרותישע יידישקייט איז מען יוצא מיט א „ליגע פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל״. און דאָס איז דאָס שעדלעכסטע. יידיש־קייט איז מחייב לגמרי נישט בלויז אין ירושלים, היסתדרות — לגמרי נישט אין עין־חרוד. פאַרקערט איז דורך דער גאַנצער געשיכטע

אונדזערער איינגעשטעלט געוואָרן דער כלל: אין דער פרעמד זענען די מצוות א סך מער מחייב ווי אין ארץ ישראל. מען מוז זיי שטרענגער אָפּהיטן, מען דאַרף מער מקפּיד זיין אויף דעם „וחי בהם" — אין אייגענעם לעבן דורכפירן די פּרינציפּן.

מישט זיך אָט דער „גרינגער ציוניזם" צונויף מיט דער שלילה און זיי צוזאַמען ליידיקן אויס דעם יידישן אינהאַלט פון דורות. אנשטאָט דעם פעסטן יידישן אונטערבאַוואוסטזיין קומט א פרעמדקייט, און אויף אָט דער אינעוויייניקסטער ליידיקייט פּרובירט מען אָנצוקלעפּן א שיינעם בלעטל פון ציוניסטישן באַוואוסטזיין. איז עס

אַ שיינער, גאָלדענער צעטל פון דעם בעסטן וויין אָנגעקלעפּט אויף אַ ליידיקער פלאַש, וואָס אינעווייניק איז זי טרוקן, ליידיק און זי שמעקט גאָר מיט שלעכטן נאָכגעמאַכטן עסיק...

מען זאָגט — מען איז שולל דעם גלות, און מען באַמערקט ניט, אַז עס איז פּונקט פאַרקערט: דעם גלות, די אָפּהענגיקייט, דאָס שלעפּן אל דאָס פרעמדס צו זיך, אין זיך — דאָס נעמט מען גערן, מיט פרייד, אייגנוויליק און מען וואַרט לגמרי נישט ביז מען וועט צווינגען.

וואָס לייקנט מען, וואָס איז מען שולל? — דווקא דאָס אייגענע, דווקא דעם אייגענעם „איך", אל דאָס וואָס עס האָט אויפגעהיט און אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק נישט געקוקט אויף אַלע גלותן. און גרילצן גרילצט נישט נאָר יידיש, נאָר אל דאָס יידישעס, נאָר דער באַשיידענער אינהאַלט וואָס ער האָט גובר געווען אל דאָס פרעמדס. דאָס גרילצט, — בשום אופן נישט דאָס פרעמדס, דאָס אימיטירטע, דאָס גלותדיקע.

און די חסרונות וויינען זיך אַרויס אין אַ סך געביטן און זיי סמען אָפּ די וואָרצלען.

די היסתדרות האָט נאָך נישט געפונען דעם אָפענעם וועג צו דער פּולער מזיגה, צו דעם כינטעז פון גאָר דער אינטעגראַלער יידישקייט אין פאַרמען פון אַ פולן פאַרזיכיקן יידישן לעבן אומעטום ווו יידן זענען און איבערהויפּט אין ארץ ישראל.

איז נאָך דער ציל פאַרויס.

אָפט שמעלט זיך מיר די פראַגע, פאַרוואָס האָב יידן עד היום אין

ערגעץ נישט געפּרוווט בויען קיין פעסטערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרזיכיקייט. עס זענען דאָך געווען אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע לענדער אַלערליי געלעגנהייטן און מיגלעכקייטן נישט אין פאַרגלייך בעסערע ווי יידן האָבן אין ארץ ישראל. פאַרוואָס זשע האָבן די יידן וואָס זענען זיך אַלע מאָל מוסר נפש געווען פאַר דער קולטור־שטייגערישער פאַרזיכיקייט, פאַרוואָס האָבן די זעלביקע יידן אין גאַנצן נישט געוואָלט זאָרגן פאַר זייער סאָציאַל עקאָנאָמישער פאַרזיכקייט. גאָרנישט.

לויט מיין מיינונג איז עס אַן אויסגעאַרבעטע טראַדיציע נאָך פון די צייטן פון פאַרן חורבן, א רעזולטאַט פון אַנטווישונג אין דער מלוכה־שאַפט, וואָס האָט קיין מאָל נישט גרינגער געמאַכט פאַר יידן דעם „שיעבוד מלכיות״, וואָס יידן האָבן אַזוי געוויטאָקט פון אים. דאָס אָפּ־היטן די קולטורעלע שטייגערישקייט האָט זיך געשטיצט אויף דעם גלויבן אין שכר ועונש וואָס איז ספּעציעל צוליב דעם ציל צוגעטראַכט געוואָרן, מיטן גאַנצן „אַפּאַראַט״ פון השגחה פּרטית.

אין לאַנגע דורות פון סאָציאַלער אָפּהענגיקייט האָבן זיך יידן צו־געוווינט צו דעם און זיי האָבן אָנגעוואָרן אין גאַנצן דעם חוש, דעם פאַרלאַנג צו אייגענער נאַציאָנאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאַרזיכי־קייט. גרויסע טיילן פון פאָלק, וואָס האַלטן זיך פאַר באַוווסטזיניקע יידן ווילן אפילו פון דעם נישט הערן, עפּעס איז עס פאַר זיי אַן אומפאַר־שטענדלעכע זאַך „יידן זאָלן זיין אַן גויים?! — ווי איז גאָר מיגלעך?

די היסתדרות האָט עס באַשנייפּערלעך באַוויזן — יאָ עס איז מיגלעך, עס איז דערצו גאָר נישט שלעכט אויך. יידן האָבן עס באַנו־מען, פאַרשטאַנען און מסכים געווען.

אָבער — נאָר פאַר ארץ ישראל. נישט ווייל יידן האָבן אַזוי פיל ספּעציפישע אַנדערשקייטן און עס איז כדאי צו שאַפן דערפאַר סאָציאַ־לע פאַרזיכיקע ראַמען. — ניין, נישט דערפאַר, נאָר דערפאַר ווייל ארץ ישראל דאַרף זיין א יידישע מלוכה. די שלילה צו יידישקייט, די אַל־געמיינע נעגאַציע צו זיך אַליין — דאָס איז נאָך געבליבן.

און עס שטעלט זיך אַ פראַגע — ווי וואָלט געווען ווען יידן זע־נען געצוווּנגען צו בויען אַן אייגן פאַרזיכיק לעבן אין אַן אַנדער לאַנד,

א. גאָלאָמב

— צי וועט זיי געבוג ענטוזיאזם, מוט ווילן און נאַציאָנאַלע ענערגיע?

די פּראַגע איז לגמרי נישט קיין טעאָרעטישע ביי היינטיקע סיטואַציעס, אויב אפילו דער ציוניזם זאָל קריגן אַלע זיינע היינטיקע פאַרלאַנגען וואָס ער קען באַקומען. ביי דער באַציונג צו יידן אין דער וועלט איז גאַנץ געמאָלט אַז יידן וועלן זיין געצוווּנגען צו אַ „יציאת העולם", זיי וועלן זיין געצוווּנגען צו בויען אַן אייגן לעבן אין נאָך לענדער. צי וועלן זיי האָבן דערצו די גייסטיקע כוחות — דאָס איז אַ פּראַגע וואָס איך קען אויף איר נישט ענטפערן איצט. דערווייל איז דער דראַנג צו פאַרזיכיקייט וואָס די היסתדרות האָט אויפגעוועקט פאַרבונדן נאָר מיט ארץ ישראל אָבער נאָך נישט מיט עם ישראל. די נאָענטסטע קאַפּיטלעך אין אונדזער היסטאָריע וואָס מיר וועלן אליין דאַרפן שרייבן וועלן זיכער זיין:

„היסתדרותיזאַציע" פון יידישן לעבן אין נאָך אייניקע לענדער און אויב פאַרזיכיקייט, — דאַרף מען מער „אינזיכיקייט" און דאָס מיינט — אויס מיט דער נעגאַציע צו די קולטור־פאַקטאָרן וואָס האָבן אונדז געהאָלפן גובר צו זיין אלע גלותן אין די גלותן גופא.

עס זענען צוויי פּונקטן וואָס נישט אלע, ווייט נישט אַלע קענען נאָך ביי היינטיקן טאָג זיי אויפנעמען, אָבער זיי קומען, זיי מוזן קומען, זיי וועלן קומען!

פּסח 1947

אינהאַלט

עין חרוד אין אַמעריקע — — — — — — — — — — — — — — — 5
אן עם ישראל קען נישט זיין קיין ארץ ישראל — — — — — — — — — — 18
יידישקייט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 30
נאָר נישט צעטומלט — — — — — — — — — — — — — — — — 39
ארץ ישראל און עם ישראל — — — — — — — — — — — — — — 52
קדושת הארץ און קדושת העם — — — — — — — — — — — — — 63
פריילאַנד און פרייפאָלק — — — — — — — — — — — — — — — 72
כרת — 81
פראַקטישע וועלטלעכע יידישקייט — — — — — — — — — — — — 88
וועלטלעכע יידישקייט אַ גלויבן — — — — — — — — — — — — — 96
לאָמיר דיסציפּלינירן אונדזער לעבן — — — — — — — — — — — — 101
נאַציאָנאַלע דיסציפּלין — — — — — — — — — — — — — — — 106
אייביקע, אַלוועלטלעכע, אומעטומיקע, אַלגעמיינע יידישקייט — — — 112
אונדזער חשבון מיט דער וועלט — — — — — — — — — — — — 127
אויפסניי אָדער פון אָנהייב — — — — — — — — — — — — — — 151
גלות, גולה, גאולה — — — — — — — — — — — — — — — — 167
פאַרזיכערן די צוקונפט פון יידן אין אַמעריקע — — — — — — — 240
ארץ ישראל און די הסתדרות — — — — — — — — — — — — — 261

ביבליאטעק אשכנזישע קהילה „נדחי ישראל" מעקסיקע
ספרית הקהילה האשכנזית במקסיקו